STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05779

DI MILHOME IN MIDLVIL

Jehoshua Alkon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די מלחמה אין מידלוויל

יהושע אַלקאָן

די מלחמה אין מירלוויל



איקוף פאַרלאַג

ניו-יאָרק — 1947

מײַן פֿרױ און חבר

אַדעלאַ ין

געדרוקט אין 2,500 קאָפּיעס.

JOSHUA ALKON -- Di Milchome In Midlvil
Published by Yiddisher Kultur Farband (YKUF)
189 Second Ave., New York, 1947
400 PRINTED IN U. S. A.

יהושע אלקאן

אַנשטאָט אַ פאָררעדע

שוין אַ 6 חדשים אַז ס'איז שלום אויף דער וועלט. די דיפלאָמאַטן האַלטן נאָך אַף קאָנפערענצן, פונקט ווי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דאָס וועט אָנהאַלטן חדשים, אפשר יאָרן, אָבער פאַר אייך זיינען דאָך קלאָר זייערע מאַנעוורעס און דריידלעך. למשל, ווען איינער טוט אומשולדיקער־הייט אַ זאָג: בולגאַריע, הויבט זיך גלייך אָן אַ סדרה אויסטייטשונגען: אויב ער האָט געזאָגט בולגאַריע האָט ער דאָך ניט געמיינט בולגאַריע, ווייל ווען ער וואָלט יאָ געמיינט בולגאַריע וואָלט ער דאָך ניט געזאָגט בולגאַריע, האָט ער דאָך געמיינט עפעס אַנדערש, טאָ וואָס־זשע האָט ער געמיינט מיטן וואָרט בולגאַריע? אַהאַ, מאָסקווע! און דער פאַקט אַליין אַז מאָסקווע שווייגט איז אַ באַווייז אַז ער האָט געמיינט מאָסקווע, ניט בולגאַריע.

אַזוי האַלט מען זיך אין איין פילפלען, ביז ביי אַן אַנדער דיפלאָמאַט כאַפט זיך אַרויס אַן אַנדער וואָרט. איר קענט דאָך זיי! אָבער פאַר אונדז, דאָס פאָלק, די מאַסן, איז די מלחמה אָפיציעל אָפגעשטעלט, אַלץ וואָס פאַר אונדז איז געבליבן צו טאָן — געדולדיק אויסצאָלן די חובות אין וועלכע די מלחמה האָט אונדז אַריינגעטריבן און אויסהאָדעווען נייע דורות צו פאַרנעמען דעם פלאַץ פון די וואָס זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה.

איז דוכט זיך, פון אויבן אויף, האָבן מיר אַ מאַסע אַרבעט אויף אונדזערע הענט — אַזוי פיל ביליאָנען דאָלער אויסצאָלן און אַזוי פיל מיליאָנען מענטשן אויסהאָדעווען, און דאָך איז געוואָרן שרעקלעך אומעטיק. ניטאָ קיין נייעס! קיינע סענסאַציעס, קיינע מאַסן־מאָרדן! אויס געוואוינהייט קויפן מיר נאָך צייטונגען, אָבער אַלץ וואָס מיר געפינען אין זיי איז — אַ באַן איז אַרונטער פון די רעלסן און עטלעכע צענדליק מענטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן, אָדער עפעס אַן עראָפלאַן האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ באַרג, און די צען־פופצן פאַסאַזשירן זיינען פאַרברענט געוואָרן אויף קויל. דאָס אַלץ.

אַוועק יענע יאָרן, ווען דער מיטללענדישער ים איז געווען פול מיט דערטרונקענע דייטשן, איטאַליענער, ענגלענדער. פון דעם אַטלאַנטיק און פאַסיפיק איז דאָך אָפגערעדט. היינט וואו איז דער רויטער ים? דער שוואַרצער ים? דער געלער ים? וואו אַ טייך, אַן אָזערע, איז דאָך געווען פול מיט דערטרונקענע, שוין ניט ריידנדיק פון די הרוגים אויף אַלע

מלחמה־פראָנטן, און דעם טויט און די פאַרוויסטונג וואָס די עראָפּלאַנען האָבן געבראַכט אין די ציווילע שטעט.

די ראַדיאָ האָט דערציילט און איבערדערציילט דעם גרויל פון דער מלחמה און מיר האָבן זיך ניט געקענט אָוועקרייסן פון דער ראַדיאָ, איצט הערן מיר בלויז מוזיקאַלישע סימפאָניעס, אָדער אָפּערעס, אָבער ווען קריכט עס אין קאָפּ?

מיר גייען אַרום, מיר פּרואוון מאַכן דעם אָנשטעל אַז מיר זיינען צו־פרידן וואָס ענדלעך איז שלום, אָבער מיר ווערן צעריסן פון בענקשאַפט נאָך סענסאַציעס. וואו האָבן מיר, מיט אונדזערע פינגער, ניט אָנגעשפּאַרט אויף דער לאַנד־קאַרטע? מיט דער גרעסטער נייגעריקייט האָבן מיר דערוואַרט די שלאַכטן אויף די באַלקאַנען, ביי סעוואַסטאָפּאָל, כאַרקאָוו, טאָברוק, סטאַלינגראַד; וויפיל שונאים האָבן מיר זיך געשאַפן צוליב דער שטעלונג צו רוסלאַנד אין דער מלחמה! און פּלוצלונג איז אַלץ אָפּגעשניטן געוואָרן, שאַ, שטיל, שלום!

לאָנדאָן איז שוין ניט באָמבאַרדירט געוואָרן 6 חדשים. אמת, אפילו אין לויף פון דער מלחמה זיינען אַוועק טעג און וואָכן ווען מ'האָט אויף לאָנ־דאָן ניט געוואָרפן קיין באָמבעס, אָבער נאָך יעדן שטילן טאָג האָט מען דער־וואַרט: מאָרגן... מאָרגן... מאָרגן... און געטראָפן האָבן מיר אַלע מאָל. און איצט? עס וועלן אַוועקגיין אפשר גאַנצע צוואַנציק יאָר ביז מ'וועט ווידער אָנהויבן וואַרפן באָמבעס...

ווי קענען אונדז איינגיין אַלע וואָוילטיקן אַז די צייטונגען זיינען פּוסט און די ראַדיאָס זיינען שטום?

ווען איצטער וואָלטן געוועזן נאָרמאַלע צייטן אויף דער וועלט, וואָלט די פּאַסירונג „די מלחמה אין מידלוויל", וואָס איך וועל אייך דערציילן, גע־שפּילט אַ גרויסע ראָליע.

אָבער לאָזט ניט אייער פאַנטאַזיע זיך צעשפּילן. „די מלחמה אין מידל־וויל" איז ניט קיין מלחמה. אינגאַנצן ווערט דאָרטן איין נישטיקער מענטש דערהרגעט, אָבער דער קאַמף איז דערזעלבער וואָס גייט שוין אָן פון הונ־דערטער יאָרן, און וועט אָנגיין כל־זמן די וועלט וועט זיך האַלטן ביי אירע איצטיקע יסודות.

מ'קען פאַרגלייכן די „מלחמה אין מידלוויל" מיט אַ וועלט־מלחמה, מער ניט, דאָרטן שלאָגן זיך אַרמייען, און דאָ שלאָגן זיך קלאַסן, אָבער די אורזאַך איז די זעלבע — קאַפּיטאַל!

לאָמיר לייכטער מאַכן אונדזער צער און ווייטיק, וואָס דער שלום פון דער וועלט האָט פאַראורזאַכט אונדז אַלעמען. קומט! מיר וועלן זיך אַריי־בערכאַפּן קיין מידלוויל, און מיט אונדזערע אויגן בייוואוינען וואָס דאָרטן קומט פאָר.

די מלחמה אין מידלוויל

מידלוויל

מידלוויל איז נישט קיין גן־עדן און נישט קיין גיהנום. איר וועט דאָרטן געפינען רייכע פּאַלאַצן און אָרעמע הייזער; אַ מעין־סטריט, וואָס שניידט דורך די שטאָט אין דער לענג, מיט שיינע געשעפטן, שוי־פענצטער, עלעקט־רישע שילדן, מואווי־טעאַטערס, און וואָס אייער האַרץ גלוסט, ווי אין אַלע שטעטלעך.

בכלל זיינען אַלע שטעטלעך היינט געבויט אויף איין שניט — אַפריער איין גאַזאָלין־סטאַנציע, און וואָס ווייטער איר פאָרט אַריין אין שטעטל אַלץ מער גאַזאָלין־סטאַנציעס.

די מענטשן

דער מענטש, וואָס שפּילט אַ ראָליע אין אַ בוך, אָדער אַ דערציילונג, איז אַלע מאָל מער ווי דאָס, וואָס דער מענטשלעכער מין שטעלט מיט זיך פאָר. פאַרוואָס? אין אָפּהאַנדלונגען איבער ליטעראַטור געפינען מיר דעם ענטפער: „אין יעדן פון אונדז געפינט זיך אַ טייל פון אַ האַמלעט אָדער פון אַ שיילאָק". אָבער פאַרוואָס געפינען מיר ניט אין לעבן דעם גאַנצן האַמלעט? דעם גאַנצן דאָן־קיכאָט? מיר זיינען דאָך דער מוסטער פון וועמען מ'שרייבט און וועמען מ'שרייבט?

אין מידלוויל וועט איר ניט געפינען קיין ביכער־העלדן, נאָר מענטשן ווי איר און איך.

אין גאַס

ס'איז פרי. דער הימל איז גרוי, די ערד ווייס, אַ שניי איז געפאַלן אַ גאַנצע נאַכט.

אין אַלע שטעטלעך איז קיין נייעס ניט ווען מ'זעט אַ סך מענטשן אין דער פרימאָרגן שטונדע אויף די גאַסן, ווייל יעדער שטעטל, וואָס האָט פאַב־ריקן, ווייסט איר דאָך, ווערט אַלע פאַרטאָג אויפגעוועקט פון אַ פייף. אַט דער פייף דרינגט אַריין אין די אויערן, אין די בלוטן פון יעדן איינוואוינער,

רייסט זיי אויף פון שלאָף און שלעפּט זיי מיט גוואַלד אַרונטער פון זייערע בעטן און, פון דעם מאָמענט, ווען דער פייף צעשפּרייט זיך איבערן שטעטל, ביז די מענטשן קומען צו די טויערן פון דער פאַבריק אָדער מיל, ווייזן זיי ניט אַרויס קיין מענטשלעכע אייגנשאַפטן, אַלץ ווערט געטאָן מעכאַניש, מ׳רעדט קורץ, אָדער מ׳רעדט אינגאַנצן ניט, מ׳ לויפט !

דאָ אין מידלוויל האָט זיך דער פרימאָרגן אָנגעהויבן ווי מיט מיליאָנען יאָרן צוריק. די שוואַרצקייט פון דער נאַכט האָט ווי פון זיך אָנגעהויבן גרויען, און די גרויקייט איז שטיין געבליבן, נישט אינגאַנצן ווייס און נישט אינגאַנצן גרוי. און דעם פייף האָט אויך קיינער ניט געהערט. וואָס־זשע טוען דאָ אַזוי פיל מענטשן אויף דער גאַס ?

לאָמיר זיך אָפּשטעלן און צוהערן וואָס זיי ריידן, אפשר וועלן מיר עפּעס דערגיין. איך ווייס ניט ווי איר, איך בין אַ דערפרוירענער, וועלן מיר גאָר אַריינגיין אין רעסטאָראַן, נעמען אַ טעפּל קאַווע און זיך דערוואַרעמען.

זע נאָר ווי געפּאַקט דאָ איז ! אַזוי אָנגערויכערט ! איך דענק אַז דאָ וועלן מיר דערגיין מער ווי אין דרויסן. ביים טישל, דאָרטן, רעכטס, זיינען דאָ אַ פּאָר ליידיקע בענקלעך, לאָמיר זיי אויף שנעל פאַרכאַפּן. זע נאָר, ס׳אָראַ גליק ! מיר זיינען דאָך סאַמע אויבנאָן ! אָט דער, וואָס זיצט ביים טישל אַנטקעגן, זעט אויס צו זיין אַן אָנגעזעענער מענטש : ווי נאָר ער מאַכט אַ באַוועגונג עפּעס צו זאָגן, אַזוי ווערן אַלע שטיל, אָבער ביי אים איז אַ רעגדל אַ וואָרט, אַלע פאַרוואַרפן אים מיט פראַגן, און ער שווייגט. קענ־טיק אַז דאָ דאַרף דערליידיקט ווערן אַ שווערער עניין. פּלוצלונג גיט ער אַ קלאַפּ אין טיש. דער טומל ווערט איבערגעשניטן אויף דער העלפט און בלייבט הענגען אין דער לופטן ווי אַ ווייטער עכאָ, אָבער דער אייגער איילט זיך ניט, ער נעמט געלאַסן אַרויס אַ סיגאַרעט, פאַררויכערט און, צווישן דעם ערשטן צי און אַרויסלאָזן דעם רויך, זאָגט ער אָנטשלאָסן : — מיר גייען אָן מיט דער לוויה ווי מיר האָבן געפּלאַנעוועט !

די מלחמה

עס וועט אונדז נעמען צו לאַנג ביז מיר וועלן דערגיין אַ טאָלק פון די אָפּגעהאַקטע פראַזן, וועל איך דערפאַר, מיט אייער דערלויבעניש, אין קורצן איבערגעבן וואָס איך האָב אויסגעפונען.

פּאַר די לעצטע זעקס וואָכן גייט אָן אַ סטרייק אין דער „מידלוויל ני־טינג מילס״, און וואָס אַ סטרייק איז דאַרף איך דאָך אייך נישט דערקלערן.

פון ביידע צדדים האָב איך אויסגעפונען — אַז יעדער צד איז ביי זיך גע־רעכט.

דער באַלעבאָס טענהט אַז ער קאָן מער ניט צאָלן: זיין סחורה ווערט פאַרקויפט פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל, פּראָדוצירן קאָסט אים אַזוי פיל און אַזוי פיל, בלייבט אים אַ ריווח פון אַזוי פיל און אַזוי פיל און, מיט אַזאַ רי־זיקן קאַפּיטאַל אריינגעלייגט, איז דאָס ניט גענוג.

די טענות פון די אַרבעטער זיינען ניט אַזוי קאָמפּליצירט: זיי האָבן ניט פון וואָס צו לעבן! זינט די מלחמה־אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט זיי־נען זיי ניט אַלע מאָל באַשעפטיקט, און דער יקרות איז גרויס, — הונגערן זיי. ווילן זיי: ערשטנס — אַ גרעסערן געהאַלט, צווייטנס — קורצערע שטונדן, וועט די אַרבעט אָנהאַלטן לענגער. אַ גערעכטע טענה, נישט?

פירט זיך געוויינלעך אַזוי — מ׳סטרייקט אַזוי לאַנג ביז איינער פון די צדדים ווערט מיד און מ׳קומט צו אַן אויסגלייך, אָבער דזשאָהן דזשיי היל־טאָן, דער אייגנטימער פון דער „מידלוויל ניטינג מילס״, איז אַ נערוועזער מענטש, האָט ער פאַרלאָרן דעם געדולד און אָנגעשטעלט סטרייק־ברעכער. די אַלטע, אַלטע מעשה. האָט זיך דער קאַמף צעפלאַקערט. האָט ער גע־רופן פּאָליציי. מילא, די אונטערשטע שורה — מיט אַ וואָך צוריק איז אַהער געקומען איינער פון ניו־יאָרק, פון הויפּט־אָפיס פון דער יוניאָן, טאַ־קע דער, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אין רעסטאָראַן, און ער האָט אַראַנ־זשירט אַ דעמאָנסטראַציע. קינדער אין די וויגן האָט מען מיטגענומען, פּשוט וויזן דער וועלט וויפיל לעבנס עס זיינען אָפּהענגיק פון איין מענטשן, אַ חוץ דעם איז געווען נאָך אַ רעכענונג — מ׳וועט גיין אַרום דער פאַבריק, אפשר וועלן די סטרייק־ברעכער איינזען וואָס פאַר אַ פאַרברעכן זיי באַגייען.

אָבער ווי נאָר מ׳האָט זיך פאַרקירעוועט אויף מיל סטריט, די גאַס וואָס פירט צו דער „מיל״, איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן פּאָליציי און פאַרשטעלט דעם וועג. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס בעטן זיך אַז ס׳איז אַ פרידלעכע דעמאָנסטראַציע, אַז זיי ווילן בלויז איין מאָל אַרומגיין די „מיל״. איר האָט דאָך שוין אוודאי אַמאָל געפּרוווט זיך אויסטענהן מיט פּאָליציי, ווייסט איר דאָך, אַז מיט אַ וואַנט איז גרינגער זיך אויסטענהן. אַ וואַנט הערט כאָטש . . .

מילא, געטענהט אַהין, אַהער און, פּלוצלונג, מ׳ווייסט נאָך עד־היום ניט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, — אַ שאָס! מ׳זאָגט אַפילו אַז דאָס איז גע־ווען מיט דעם וויסן פון דער פּאָליציי, נאָר ווי ס׳זאָל ניט זיין, עס האָט זיך פּלוצלונג אָנגעהויבן אַ גיהנום, אַ שיסעריי און אַ לויפעניש ווי אין אַ מלחמה.

אַז אַלע זיינען זיך צעלאָפן האָט מען געפונען דזשאָהנין, דזשאָהני מילס, ליגנדיק אַ טויטן. אַ קויל האָט אים דורכגעלעכערט דאָס האַרץ.

די אומרואיקייט אין די גאַסן, וואָס איר האָט געזען, דאָס איז דערפאַר ווייל היינט דאַרף פאַרקומען דזשאָהניס לוויה.

האָט מען ביינאַכט אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג און מ'האָט באַשלאָסן: אַזוי ווי דזשאָהני איז אַ מאַרטירער, קומט אים אַ גרויסאַרטיקע לוויה. האָט זיך די פּאָליציי דערוואוסט און אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט: די לוויה מוז זיין אַ שטילע, אָן קיין שום דעמאָנסטראַציעס.

דזשאָהני

ווען אָן אַנדערער ווערט דערהרגעט, ניט דזשאָהני, וואָלט זיך, אוודאי, אויך אָפּגעטאָן חושך, איר ווייסט דאָך, אַ קליין שטעטל, אַלע קענען זיך, אַז איינער שטאַרבט מיט אַ נאַטירלעכן טויט לאָזט עס אויך איבער אַן איינדרוק, בפרט אַז איינער ווערט דערהרגעט. און איצט שטעלט זיך פאַר אַז דער איינער איז „דזשאָהני"! ווייל דזשאָהני, דאַרפט איר וויסן, איז ניט געווען סתם אַ מענטש, נאָר אויך אַ לאַנגע קייט פון סענטימענטן. מיט אַ יאָר צען צוריק זיינען זיינע עלטערן אומגעקומען אין אַן אויטאָמאָביל־אומגליק און ער מיט זיין שוועסטער, רות, זיינען פאַרבליבן אָן אַ קרוב, אָן אַ גואל. ער איז אַלט געווען צען יאָר, זי אַכט יאָר, האָט זיי דאָס שטעטל דערצויגן. זיינען זיי פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַלעמענס קינדער. אַלץ וואָס אַלע איינוואוינער האָבן געפילט צו אים ביים לעבן, האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצואווייזן ביי דער לוויה.

אַ פּריוואַטע גרופּע האָט אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג און באַשלאָסן מ'זאָל אים באַלזאַמירן און האַלטן אין אַ גלעזערנער טרונע, אַזוי ווי לענינען אין רוסלאַנד, אָבער דער יוניאָן־פירער וואָס איז געקומען פון ניו־יאָרק האָט עס צונישט געמאַכט.

— לענין, — האָט ער געזאָגט, — איז איין זאַך, און דזשאָהני איז אַ צווייטע זאַך. — וואָס איז די איין זאַך און וואָס די צווייטע זאַך איז, האָט ער ניט געזאָגט. די מענטשן, מיט וועמעס מיינונג מ'רעכנט זיך, האָבן אַ טבע צו ריידן אַזוי אַז מ'זאָל עס קענען אויסטייטשן אַזוי און אַזוי.

דער גאַנצער ענין וועגן באַלזאַמירונג איז נאָך ניט געווען דערליידיקט, אָבער די גרופּע איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער.

סיי ווי, די לוויה דאַרף פאַרקומען צוועלף אַזייגער. מיר האָבן נאָך

ביז דעמאָלט גאַנצע פיר שעה, טאָ לאָמיר וואַרטן ביז אַלץ וועט זיך קריס־טאַליזירן.

וואָס וועלן מיר טאָן ביז דעמאָלט ? ווען דאָס איז דער איינציקער אינ־צידענט וואָס אין שטעטל קומט פאָר האָט זיך, אסור, געלוינט שלעפן זיך אַהער מיטן אויטאָמאָביל דורך די בערג, ביז די אָקסן אין שניי.

דזשאָהן דזשיי הילטאָן

איך האָב אייך פריער דערמאָנט דזשאָהן דזשיי הילטאָן, דעם באַלעבאָס פון דער „מידלוויל ניטינג מילס״, איר האָט דאָך שוין, מסתמא, געהאַט ניט איין באַלעבאָס אין אייער לעבן, האָט איר אַמאָל געפּרואווט פאַרגלייכן אייער באַלעבאָס מיט די באַלעבאַטים וועגן וועלכע איר לייענט אין די בי־כער, אָדער וועלכע איר זעט אויף דער בינע ? אייער באַלעבאָס איז, דוכט זיך, אַ מענטש ווי איר, ווי אַלע מענטשן, ער טוט אַפילו אַמאָל אַ שמייכל אויך, ער האָט ניט אַזאַ גרויסן בויך, רעדט ניט מיט אַזאַ שיינער באַסאָווער שטימע. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך האָב אַלע מאָל געהאַט אַ גע־פיל — מיין באַלעבאָס ? אויך מיר אַ באַלעבאָס ! אָבער ניט נאָכדעם ווי איך האָב געזען דזשאָהן דזשיי הילטאָן.

דאָס איינציקע וואָס עס האָט אים געמאַכט אויסזען אַביסל אַנדערש ווי די מענטשן וואָס מיר האָבן געטראָפן אין רעסטאָראַן איז, וואָס ווען מיר טרעפן אים אין אָוונט, עסנדיק ביים טיש, איז עס ניט נאָר ער אַליין, וואָס לאָזט אויף אייך אַן איינדרוק, נאָר עס איז אויך דער שטול אויף וועלכן ער זיצט, דער פיין סערווירטער טיש און דער רייך מעבלירטער צימער, וואו אַלע דריי געפינען זיך.

קומט, לאָמיר צוגיין צו אים, ס׳איז ניט ווייט פון דאַנען, אָט איז די דריטע גאַזאָלין־סטאַנציע, די פערטע, און אָט איז דער פּריוואַטער וועג, וואָס דראַפּעט זיך באַרג־אַרויף צו זיין שלאָס. דער וועג איז אַפילו זייער משופּעדיק, אָבער אַז מ׳פאָרט אין דער צווייטער „גיר״ פאָרט מען אַרויף אָן שוועריקייטן. אָט איז דער טויער.

פאַר קיין זאַך דאַרף מען זיך דאָ אַזוי ניט היטן ווי פאַר די הינט. איצט זיינען זיי צוגעבונדן, ביינאַכט, ווען זיי לויפן אַרום פריי, איז אַ פרעמדער דאָ מיטן לעבן ניט זיכער. איך האָב אַ כלל : לעבט אַ מענטש אין אַ הויז וואָס איז אַרומגעצאַמט מיט אַן אייזערנעם צאַם, באַוואַכט פון בייזע הינט, איז עפּעס ניט גלאַטיק, פאַר עפּעס האָט ער מורא. פאַר וועמען האָט ער

מורא ? די אַרבעטער ? זיי זיינען דאָך די אומשולדיקסטע מענטשן אויף דער וועלט. די וואָס רויבן, מאָרדן, אַרבעטן דאָך קיינמאָל נישט. ווי מ׳זאָל אַן אַרבעטער ניט רודפן, מעג ער טויזנט מאָל באַשליסן נעמען נקמה פונעם באַלעבאָס, ווי נאָר ער וועט אים אָנקומען אויף די אויגן איז גלייך:

— יעס, סער, מר. הילטאָן!

אָדער:

— שור, מר. הילטאָן!

פאַר וועמען־זשע האָט דזשאָהן דזשיי הילטאָן פאַרט אַזוי מורא ? פאַרן אַרבעטער ניט, פאַר גנבים און פייער איז ער פאַרזיכערט, באַזוכער האָבן די הילטאָנס זייער וויניק, ווען ניט ווען באַזוכן זיי די פּיטערסאָנס, אָבער זיי זיינען מענטשן פון זייער קלאַס, שטיין רייך! שוין פון דורות אַז זיי לעבן פון אַ ירושה וואָס אַן עלטער־עלטער זיידע האָט איבערגעלאָזט.

דאָס שענסטע, הערט איר, איז ווען די פּיטערסאָנס מיט די הילטאָנס קומען זיך צוזאַמען. די ווייבער זיצן אין איין ווינקל און שווייגן, און די מענער שווייגן אין אַ צווייטן ווינקל. אַז מ׳פאַרבייט שוין יאָ אַמאָל אַ וואָרט, איז דאָס וועגן די אַרבעטער. די ווייבער באַצייכענען די אַרבעטער אַלס „דרעדפול קריטשורס״1), די מענער רעדן וועגן די אַרבעטער „די אַנ־טהעינקפול ביסטס״2,) כאָטש דער איינציקער וואָס האָט יאָ אַמאָל געזען אַן אַרבעטער איז מר. הילטאָן.

אַז כ׳האָב שוין דערמאָנט די פּיטערסאָנס וועל איך אייך אויך דערציילן וואָרום זיי חברן זיך מיט די הילטאָנס. די פּיטערסאָנס האָבן אַ טאָכטער און די הילטאָנס אַ זון. דאָס איז אָבער אַ מעשה אויף שפּעטער. איצטער לאָ־מיר זיך נעענטער באַקענען מיט דזשאָהן דזשיי הילטאָן.

אַז ער איז נידעריק געוואַקסן, מיט אויסגעבויגענע פיס, מיט אַ גרויסן נאַקעטן קאָפּ, מיט וואָנצעס וואָס צעטיילן זיין פלאַכן פנים אויף דער העלפט, דאָס וועט איר זען ווען מיר וועלן אַריינגיין אין שטוב. וואָס איך וויל אייך איצט דערציילן איז פון וואַנען ער שטאַמט, ווי ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און אַזוי ווייטער און ווייטער.

פונקט ווי די מערסטע אַרויפגעאַרבעטע, האָט ער אין זיך זייער וויניק רייך־אַמעריקאַניש בלוט. זיין פאָטער איז געשטאָרבן ניט קענענדיק זיך צו־

---

1) מיאוסע באַשעפענישן.

2) אומדאַנקבאַרע חיות.

זאַמענריידן אין דער ענגלישער שפּראַך, ניט־קוקנדיק אויף דעם וואָס די צווייטע העלפט פון זיין לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אין אַמעריקע.

זיין מאַמע איז יאָ געווען אַ היגע־געבוירענע, אָבער זיין טאַטע האָט די גאַנצע צייט געקעמפט מיט איר זי זאָל ריידן פּויליש. דער סוף איז געווען, אַז אויף אירע עלטערע יאָרן האָט זי זיך ניט געקענט צוזאַמענריידן אין קיי־נער פון די צוויי שפּראַכן — ענגליש אָדער פּויליש.

זיין פאָטער איז געווען זייער שטאָלץ מיטן פּוילישן אַריסטאָקראַטישן בלוט וואָס האָט געפלאָסן אין זיינע אָדערן. זיין איינציקער וואונטש איז געווען — זען פּוילן זעלבסטשטענדיק. דאָס איז אים אָבער ניט באַשערט געווען צו דערלעבן. ער איז געשטאָרבן פאַר 1919. ווען ער וואָלט יאָ דער־לעבט די פּוילישע זעלבסטשטענדיקייט וואָלט ער מיט זיין זון, דזשאָהן דזשיי הילטאָן, מסתמא, דערהרגעט געוואָרן פון אַ נאַצישער באָמבע אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווייל אין די פינף און דרייסיק יאָר וואָס ער איז געווען אין אַמעריקע האָט ער געהאַלטן אין איין גרייטן און פּאַקן זיך צו־ריק צו פאָרן קיין פּוילן.

ערשט נאָך זיין פאָטערס טויט האָט אונדזער העלד, דזשאָהן דזשיי הילטאָן, פאַרבעסערט זיין ענגליש, געביטן זיין נאָמען פון יאָן יאַנקעוויטש אויף דזשאָהן דזשיי הילטאָן און געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקענט זיך אָפּ־צוגעוואוינען פון די פּוילישע זיטן, וואָס זיין טאַטע האָט מיט גוטן און מיט בייזן געפּרואווט אין אים איינוואָרצלען.

אָבער פון צוויי זאַכן האָט ער זיך ניט געקענט באַפרייען — שעלטן אויף פּויליש ווען ער איז געוואָרן אין כעס, און פון זיין טיפּישן פּוילישן פּנים. אַפילו די ברייטע, לאַנגע וואָנצעס האָבן ניט געהאָלפן. אַלץ וואָס די וואָנצעס האָבן יאָ אויפגעטאָן, איז אַרויסברענגען בוילעטער די שטאַרקייט און אַנטשלאָסנקייט פון זיין קאַנטיקער מאָרדע.

זיין טאַטע איז געווען אַ וועבער און זייער אַ קאַרגער. אַזוי שנעל ווי יאָן האָט געענדיקט פּאַבליק־סקול האָט אים דער טאַטע צוגענומען צו זיין וועב־שטול. פון די ערשטע דריי דאָלער אַ וואָך וואָס יאָן האָט פאַרדינט האָט ער אָנגעהויבן שפּאָרן. אין אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן אַ פאָר־מאַן, פריער פון אַ קליינער אָפּטיילונג, נאָכדעם פונעם גאַנצן שטאָק, און וואָס מער ער האָט פאַרדינט אַלץ מער האָט ער געשפּאָרט. מיט צען יאָר צוריק איז ער געוואָרן אַ שותּף אין דער „ביטינג מיל“, אַ קורצע צייט שפּע־טער, קיינער ווייסט ניט ווי אַזוי, האָט ער יענע שותּפים אַרויסגעשטופּט

און ער איז געוואָרן דער איינציקער אייגנטימער פון דער „מידלוויל ניטינג מיל״.

איצט לאָמיר אַריינגיין אין שטוב.

פיטער

— העלאָ, פיטער!

— העלאָ!

אָט אַזוי ווי איר קוקט אים אָן איז ער הילטאָנס פּערזענלעכער באַדינער. ער הויבט ניט אָן צו וויסן די אויפגאַבן פון אַ לייב־דינער, דאָך האַלט ער אָן די שטעלע. שוין ניט איין מאָל האָט הילטאָן אויף אים געשריען, געשאָלטן אים אויף פּויליש, אָבער אַוועקשיקן אים — דאָס ניט.

ס׳איז זייער אינטערעסאַנט, איר מעגט עס הערן:

דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צען צוריק, טאַקע גלייך נאָכדעם ווי מר. הילטאָן איז געוואָרן דער אייגנטימער פון דער „מידלוויל ניטינג מיל״.

היינט איז שוין מר. הילטאָן אַן אַנדער מענטש, אָבער דעמאָלט, ווען ער האָט אַרויסגעשטופּט די שותפים און געוואָרן באַלעבאָס, איז צו אים ניט געווען אַ וואָרט אויסצורעדן. צי דאָס איז געווען פון שטאָלצקייט, צי ער האָט עפּעס געהאַט אויף זיין געוויסן, יעדנפאַלס, פאַר יעדער קלייניקייט פלעגט ער אָננעמען פאַרן קאָלנער און אַרויסוואַרפן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז ווי נאָר ער פלעגט אַריינגיין אין פאַבריק פלעגט אויף אַלעמען אָנפאַלן אַ שרעקלעכע נערוועזיטעט און אַלץ פלעגט זיי פאַלן פון די הענט.

כ׳ווייס ניט צי איך איז באַקאַנט די אַרבעט אין אַ וועבעריי. מאַשינען אויף מאַשינען, אַלץ האַלט זיך אין איין באַוועגן מיט אומגעהויערער שנעלקייט, און עס קלאַפּט איינטאָניק און מעלאַנכאָליש: טאַ־טאַ־טאַ! טאַ־טאַ! טאַ־טאַ־טאַ!

קומט איין מאָל הילטאָן אַריין אומדערוואַרט, ווען אַלץ איז געגאַנגען אין פולן שוואונג און, ווי איך האָב אייך פריער געזאָגט, ווי מ׳האָט אים דערזען איז מען געוואָרן נערוועז, און איין אַרבעטער איז געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז זיין רעכטע האַנט איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַ ראָד. האָט ער געגומען פאַרצווייפלט שרייען:

— העלפּט! העלפּט! ראַטעוועט! ראַ־טע־וועט!

אינסטינקטיוו האָבן זיך אַלע געלאָזט לויפן אַהין, פון וואַנען די קולות זיינען געקומען, אָבער אַז מר. הילטאָן איז געשטאַנען האָבן זיי געפילט אַז זיי קענען זיך ניט רירן פון אָרט. זיינען זיי געשטאַנען ווי צוגעשמידטע צום דיל, אַז מר. הילטאָן צעשרייט זיך עס אויף זיי:

— וואָס שטייט איר? פשאַקרעוו!

האָט פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך. צי די גוואַלדיקע שרעק וואָס האָט זיי באַהערשט, צי טאַקע הילטאָנס קאָמישער אויסזען, סיי־ווי אַ געלעכטער־ספּאַזמע איז זיי באַפאַלן, און אַלע ווי איינער האָבן אים אַריינגעלאַכט אין פּנים, און געלאַכט הויך, מיט היסטעריקע. צו אַזאַ זאַך איז ער שוין ניט געווען געוואוינט, האָט ער זיך העכער צעשריען, ווי זיין שטייגער איז, אויף פּויליש. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן אַ היפּש שטיקל צייט, ער האָט געשריען און זיי האָבן געשטשירעט אים די ציין אין פּנים. האָט ער זיך פאַרלאָרן, אָנגע־כאַפּט דעם ערשטן אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים און אים אָנ־געהויבן שטופּן מיט גוואַלד צו דער טיר.

— אַרויס! — האָט ער געשריען. — אַרויס! פשאַקרעוו! אַלע אַרויס!

דער היסטערישער געלעכטער איז פאַרגליוערט געוואָרן אויף אַלעמענס פּנימער, און הילטאָן האָט געהאַלטן דעם אַרבעטער פאַרן קאָלנער, אים גע־טרייסלט מיט זיין גאַנצן כוח און געשטופּט אים צו דער טיר. ער וואָלט אים, מסתמא, געווען אַרויסגעוואָרפן און פאַרטיק: דעמאָלט זיינען די יו־ניאָנס נאָך ניט געווען אַזוי שטאַרק, אָבער ווען ער איז, שטופּנדיק דעם אַר־בעטער, פאַרבייגעגאַנגען לעבן אַ צווייטער מאַשין, איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יונגער אַרבעטער מיט אַ שטיק אייזן אין האַנט, גרייט אים דערלאַנגען איבערן קאָפּ . . .

אָט דאָ קומען מיר צו פּיטערן.

פּיטער איז דווקא אַ שוואַך מענטשל, און יענער מיטן שטיק אייזן איז געווען אַ ריז, אַ דעמב! האָט אָבער פּיטער אַ כאַפּ געטאָן יענעמס האַנט מיט דעם שטיק אייזן, אַ דריי געטאָן אויף הינטן און, וואָלט איר באַדאַרפט זען ווי אַזוי דאָס פּנים פונעם ריז האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן בייטן קאָלירן, פון רויט אויף געל און פון געל אויף גרין. אפשר צענדליקער מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף פּיטערן, אָבער ער האָט זיי אַלעמען אָפּגעוואָרפן ווי שפּענדלעך.

אין גרויסן טומל האָט אונדזער העלד, מר. הילטאָן, זיך אַרויסגערוקט.

אין אָוונט האָט ער געשיקט זיין שאָופער און געבראַכט פּיטערן אין שלאָס.

וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען ווייסט מען ניט. פּיטער איז שוין דער־מאָלט פאַרבליבן אין שלאָס און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן דזשאָהן דזשיי הילטאָנס פּערזענלעכער לייב־דינער.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, אַז ביז היינט צו טאָג גלויבט ניט פּיטער אַז ער זאָל האָבן באַוויזן אַזאַ העלדישקייט. ער איז שטענדיק אין שרעק עס זאָל זיך ניט מאַכן אַן אינצידענט, וואו ער זאָל ווידער דאַרפן ארויסווייזן זיין גבורה. דער אייזערנער צאַם, דער שווערער אייזערנער טויער, די בייזע הינט — דאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען פּיטערן, כאָטש מר. הילטאָן אַליין איז אויך שטאַרק צופרידן דערפון.

:: :: ::

(דאָ און דאָרט הער איך באַמערקונגען: וואָס גייט אונדז אָן פּיטער? צי מר. הילטאָן? אָדער דער טויטער דזשאָהני? אויב איך האָב ניט וואָס צו דערציילן וואָס דול איך אַ קאָפּ?

אמת, פּיטער, צי הילטאָן זיינען אפשר ניט אַזעלכע פּאַרשוינען וואָס זאָלן אייך אינטערעסירן, אָבער האָט געדולד, מיינע ליבע פריינט, אַן זיי איז די מעשה קיין מעשה ניט.

איך ווייס אַז שוין ניט איין מעשה האָט איר געהערט אָדער געלייענט אין אייער לעבן; איך ווייס אויך אַז איר זייט פונקט אַזוי קלוג ווי דער דערציילער; פון די ערשטע עטלעכע ווערטער שאַפט איר זיך אַ באַגריף וועגן דעם וויטערדיקן גאַנג, אייער איינציקע דערוואַרטונג איז — אין וואָס פאַר אַ שוועריקייטן וועט דער דערציילער אַריינפירן זיינע העלדן, ווי וועלן זיי אויסגעפינען דעם אמת און דעם ליגן?

איך האָב אויסגעקליבן דעם שווערערן וועג. איך טו דאָס פאַרקערטע וואָס איז ביז איצט געטאָן געוואָרן. ניט אַלע מאָל האָט איר אַ געלעגנהייט צו זען ווי די מעשה ווערט געבוירן, דער דערציילער איז אַלע מאָל דער מיוחס, ער ווייסט אַלע קלוגע ענטפערס — איר האָט בלויז איין אויסוועג — ווערט די האַנדלונג צו קאָמפּליצירט, כאַפּט איר אַ קוק אין צווייטן קאַפּיטל, זען ווי דער העלד דרייט זיך אַרויס. דאָ וועט איר עס ניט דאַרפן.

און פאַר די אַלע וואָס טענהן אַז איך דערצייל ניט אַקאַדעמיש, האָב איך ניט קיין טרייסט. איר האָט איין ברירה — זיך מער ניט צוהערן.

אָבער פאַר די וואָס ווילן מיר נאָכגיין האָב איך אַ סך אינטערעסאַנטע

זאָגן צו דערציילן, זאָגן וואָס איר אַליין וואָלט קיינמאָל ניט באַמערקט, זאָגן וואָס זיינען איצט אפשר ניט וויכטיק, אָבער שפּעטער וועלן זיי שפּילן אַ גרויסע ראָלע.

און דאָס וואָס איך האָלט אין איין דערציילן און דערציילן, הויב דאָ אָן, און ענדיק ניט דאָרטן, איז ניט ווייל איך בין אַ פּלוט. אדרבה, גייט אַריין אויף איין מינוט אין מיין לאַגע. איך האָב אייך געבראַכט אין אַ שטעטל וואו דאָס לעבן גייט שוין אָן פון יאָרן און יאָרן, דער אַלטער בית־עולם וועט אייך געבן אַ באַגריף ווי אַלט מידלוויל איז, און יעדערער אין שטעטל איז ענג פאַרבונדן מיטן צווייטן, איז ניט יושרדיק אַז מיר זאָלן עמיצן איבער־היפּן.

דענקט ניט אויף איין מינוט אַז דאָס וואָס איך דערצייל אייך האָט ניט קיין הויפּט־העלד. ער איז שוין איין מאָל אַ העלד! אָבער ער איז ערשט אויפן וועג אַהער, די באַן אויף וועלכער ער פאָרט וועט ערשט אָנקומען אין אַ שעה אַרום, איז ביז ער וועט אָנקומען, האָבן מיר אָן אַ שיעור צייט, איז אפשר טאַקע אַ פּלאַן אייך דערציילן ווער דער העלד איז. זיין נאָמען איז מעלווין הילטאָן.)

מעלווין הילטאָן

מעלווין הילטאָן איז דזשאָהן דזשיי הילטאָנס זון. קיין גרויסער פּאַר־שוין, ווי געוויינלעך אַ רייכער זינדל, איז ער ניט. פון וועמען האָט ער גע־זאָלט ירשענען שיינקייט? פון זיין טאַטן? זיין מאַמע איז אויך ווייט פון אַ שיינהייט. אירע בעסטע פריינט וויצלען זיך איבער איר הינטער די אויגן:

— מרס. הילטאָן, — זאָגן זיי, — איז אַזוי פעט, אַז צוליב איר פעט־קייט זעט מען זי ניט אַרויס.

לעצטנס האָט זיך די רכילות דערטראָגן צו איר, האָט זי באַשלאָסן צו טרינקען אינדערפרי שוואַרצע קאַווע, כאָטש זי ווייסט גאַנץ גוט פון וואָס איר פעטקייט נעמט זיך, אָבער ווי קען זי אויפהערן עסן צוקערקעס אַז זי האָט זיי אַזוי ליב?

מעלווין איז מער געצויגט צום טאַטן ווי צו דער מאַמע, מער ניט, ער איז אַביסל העכער געוואַקסן און זיינע פיס זיינען ניט אויסגעבויגן, אָבער

מ׳קען גלייך זען אַז ער שטאַמט פון די הילטאַנס, אָדער יאַנקעוויטשעס. זייַ־נע אויגן זיינען אויך ניט אַזוי וואַסערדיק ווי זיין טאַטנס אָדער זיין זיידנס, זיי שלאָגן אָן אין אַ מאָדנער פאַרחלומטער בלויקייט.

דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן וועגן זיין אויסערלעכן אויסזען, אָבער אין זיינע באַנעמונגען און אנשויאונגען איז ער אין קיינעם ניט געראָטן, אַ פּראָדוקט פאַר זיך אַליין.

די טעאָריע אַז דערציאונג ווירקט פּסיכאָלאָגיש אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פונעם מענטשן האָט דאָ געהאַט דעם גרעסטן דורכפאַל. אוצרות מיט געלט, ימים מיט ענערגיע זיינען פאַרשווענדט געוואָרן צו דערציען מעלווינען אַז ער זאָל זיין דזשאָהן דזשיי הילטאָן דער צווייטער און זאָל אָנ־גיין מיטן ריזיקן געשעפט וואָס זיין טאַטע האָט אויסגעבויט. אָבער דווקא דאָס וואָס מ׳האָט אים געלערנט האָט אים ניט אינטערעסירט. אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען האָט מען אים פון די ביכלעך ניט גע־קענט אָוועקרייסן.

מר. הילטאָן האָט באַשולדיקט מרס. הילטאָן אַז דאָס ליגן טאָג און נאַכט איבער די ביכער האָט ער געירשנט פון איר משפחה, ווייל ניט זיין טאַטע און ניט זיין מאַמע האָבן ווען עס איז אַריינגעקוקט אין אַ ביכל, פון אים איז דאָך שוין אָפּגערעדט!

מרס. הילטאָן, ווידער, האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען ווער פון איר צד האָט אַמאָל געלייענט אַ ביכל, אָבער פאַרלאָזט זיך אויף דזשאָהן דזשיי הילטאָן, ער האָט שוין אויסגעפונען אַז אַ ווייטער צד אין איר משפחה האָט געהאַט אַ ביכער־קאָלעקציע. ס׳איז איר, אסור, געווען וואָס מקנא צו זיין. ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו אירע טענות אַז יענער קרוב האָט טאַקע גע־האַט אַ ביכער־קאָלעקציע, אָבער געלייענט האָט ער זיי ניט.

וואָלט מען שוין אפשר צו מעלווינס לייענען זיך אויך צוגעוואוינט, ווייל די דערציער האָבן לייכטער געמאַכט זייערע הערצער:

— קינדער, — האָבן זיי געזאָגט, — זיינען געניגט צו פאַרשיידענע משוגעתן. ווען זיי ווערן עלטער וואַקסן זיי פון דעם אַרויס.

אָבער וואָס עלטער מעלווין איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער זיך פאַר־טיפט אין ביכער. איז געבליבן איין האָפענונג — קאָלעדזש! אין קאָ־לעדזש וועט ער זיך באַפרייען פון דער געוואוינהייט.

אָבער אין קאָלעדזש האָט ער זיך נאָך מער אַריינגעוואָרפן אין די ביכער. האָבן זיי עס אָנגענומען פאַר אַ קללה, פאַר אַ גרויסן אומגליק, און זיי האָבן

געקעמפט מיט זיך שלום צו מאַכן מיט דעם געדאַנק.

פּיטער ווייסט פון אַלץ. ניט איין מאָל האָט אים זיין האַרץ געבלו־טיקט פאַר זיין באַלעבאָס, זעענדיק די ערגערנישן וואָס ער האָט פון זיין זון מעלווין. שטונדן פלעגט ער ליגן אין בעט און ניט קענען איינשלאָפן, ווי אַזוי קען ער העלפן זיין באַלעבאָס? ביז איין מאָל האָט ער זיך דערטראַכט: פאַרברענען די ביכער! ער וועט ניט האָבן קיין ביכער וועט ער ניט לייע־נען! האָט ער טאַקע איין מאָל אין שפּאַס אַ זאָג געטאָן:

— מ׳דאַרף פאַרברענען די ביכער!

— וועט ער קויפן אַנדערע, — האָט אים הילטאָן געענטפערט.

איין זאַך האָט פּיטער יאָ אויפגעטאָן מיט די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט געלאָזן פאַלן — הילטאָן האָט זיך איבערצייגט אַז פּיטער איז אים געטריי.

דזשאָהן דזשיי הילטאָן איז געווען אַ מענטש פון מעשים: באַשלאָסן און דורכגעפירט. אַזעלכע מענטשן רעדן ווינציק, אָבער אין דעם פאַל מיט מעלווינען זיינען דאָך נישט שייך קיין באַשלוסן: באַשליסט היינט, באַשליסט מאָרגן, אַז דורכפירן קען מען עס ניט. האָט ער פאַר עמיצן געמוזט עפענען דאָס האַרץ, און דער איינציקער מענטש איז געווען פּיטער.

דאָס ערשטע מאָל ווען הילטאָן האָט צו אים אַ וואונק געטאָן מיטן פינ־גער ער זאָל צוקומען איז אים דאָס גאַנצע בלוט אַריין אין די פיס און ער האָט קיין טראָט ניט געקענט געבן. זיין אויבערשטער טייל קערפּער איז געוואָרן לייכט און ער האָט זיין באַלאַנס ניט געקאָנט אַנהאַלטן, אַן אַלץ וואָס איז אים געקומען אונטער די הענט האָט ער געמוזט זיך אַנהאַלטן ביז ער האָט באַוויזן צו מאַכן די עטלעכע טריט. ווען הילטאָן האָט אים אַנגע־וויזן אויפן שטול לעבן אים, ער זאָל זיך אַוועקזעצן, זיינען זיינע מוסקולן פלוצלונג געוואָרן אַזוי שטייף ווי אַנגעצויגענער דראָט און ער האָט ניט גע־קענט זיך אַוועקזעצן. הילטאָן האָט געמיינט אַז ער פאַרשטייט ניט זיין וואונק, האָט ער אים געזאָגט: — זעץ זיך!

פּיטער איז אַריינגעפאַלן אין שטול מיט זיין גאַנצער וואָג, שיר, שיר פאַרפעלט דעם שטול.

הילטאָן האָט גערעדט, אָבער פּיטער האָט ניט געהערט אַ וואָרט. דאָס בלוט, וואָס איז ביז איצט פאַרהאַלטן געוואָרן אין די פיס, האָט פלוצלונג אַ שפּאַר געטאָן צום קאָפּ, אין די אויערן, אין די אויגן, ער האָט דייטלעך געהערט הילטאָנס שטימע, אָבער וואָס ער האָט געזאָגט האָט ער ניט גע־

הערט, אַז ווי ער וואָלט געווען מיילן ווייט אַוועק פון אים. יעדעס וואָרט איז אָבער אַריינגעדרונגען אין דיביינער, אין די מוסקולן, די אברים זיינע האָבן זיך גענומען אויסגלייכן און אַ מאָדנע שטאָלץ און גבורה איז אים באַפאַלן. איין פאַרלאַנג האָט אים באַהערשט — אַז איצט זאָל עמיצער פון די אָנגעשטעלטע זען ווי הילטאָן רעדט צו אים ווי צו זיינס גלייכן.

מיט יעדן וואָרט וואָס הילטאָן האָט גערעדט צו אים איז זיין שטאָלץ געוואַקסן, ער האָט מיט אַמאָל דערפילט ווי אַלץ אַרום איז אים געוואָרן נענטער, אַלץ איז געוואָרן זיין אייגנס, זיינס! ער וואָלט געוואָלט ווייזן הילטאָנען ווי געטריי און איבערגעגעבן ער איז אים, וואָלט אים הילטאָן דאָן אַ זאָג געטאָן: פּיטער! שפּרינג אַרויס פון פענצטער! — וואָלט ער עס גלייך געטאָן. אין יענעם שמועס טאַקע האָט דאָס פּיטער געזאָגט, אַז מ׳דאַרף פאַרברענען די ביכער. מאָדנע באַשעפענישן די פּיטערס!

מיט צען יאָר צוריק איז ער געווען אַ פּשוטער אַרבעטער, איינער פון עטלעכע הונדערט, וואָס איז געזעסן לעבן אַ ריזיקער מאַשין און געוועבט פאָדים נאָך פאָדים אין די לאַנגע שטיקער סחורה. איז ער געווען צופרידן? וועלכער אַרבעטער איז צופרידן? און גראָד איז פּיטער ניט געווען פון יענע, וואָס טראָגן ניט אַרום די אומצופרידנקייט אין האַרצן. ער האָט גערעדט הויך, זיך געקאָכט, געהאַלטן אין איין אויפוויזן די אומרעכטן וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן אַרבעטער. ער איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבן גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ יוניאָן.

— די באַלעבאַטים זיינען הינט. — האָט ער איין מאָל ביי אַ מיטינג זיך צעשריען.

— נאָך ערגער ווי הינט! וואָס מ׳טוט פאַר זיי איז ניט גענוג! דערפאַר דאַרפן מיר אַ יוניאָן!

און איצט אַז איר ווייסט שוין ווי ער האָט געהאַנדלט ווען יענער מיטן שטיק אייזן האָט געוואָלט געבן הילטאָנען איבערן קאָפּ, וועט איר דאָך זאָגן אַז פּיטער איז ניט קיין אמתער מענטש, וועל איך אים פאַרטיידיקן. ער איז געווען ערלעך דעמאָלט און ער איז אויך ערלעך איצט. אַזאַ מענטש איז ער. בשעת מעשה האָט ער ניט געוואוסט אַז הילטאָן וועט אים באַלוינען, ס׳איז געווען דרך־ארץ פאַרן הערשער. ווען ניט אַט־די מענטשלעכע שוואַכקייט וואָלט דער מענטשלעכער מין שוין לאַנג דערלייזט געוואָרן.

פּיטער פילט זיך קליין און נישטיק ווען ער שטייט אַנטקעגן הילטאָנען, אָבער וואָלט איר געדאַרפט זען דעמזעלבן פּיטער, ווען ער גיט אַ באַפעל דער

איבעריקער דינערשאַפט אין שלאָס ! פאַר יעדער קלייניקייט איז ער גרייט אַוועקשיקן. היינט ווי ער באַליידיקט זיי !

אין די צען יאָר וואָס ער איז דאָ אויפן באַרג איז ער געציילטע מאָל אַרונטער אין טאָל. אין די צען יאָר זיינען צוגעקומען נייע דערפינדונגען, די אַלטע זיינען אויסגעבעסערט געוואָרן, אָבער פיטער ווייסט בלויז פון איין דערפינדונג — דער אויוון אין קיך צינדט זיך־אָן שוועבעלעך. אַ דריי אַ הענטל און עס ברענט, און ווען ער גייט פאַרביי דעם אויוון גיט ער אַ דריי דאָס הענטל און וואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ ביז עס צינדט זיך אָן.

בלויז עטלעכע מאָל האָט מר. הילטאָן גערעדט מיט אים, אָבער דאָס איז געווען געגנוג ער זאָל פילן אַז די באַלעבאַטישקייט איז זיינע, פונקט ווי ער האָט געפילט ווען ער איז געווען אין דער וועבעריי, אַ שמייכל פון פאַר־מאַן, און יעדער שטיקל פאָדים וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן איז געווען ווי זיין אייגענער פאַרלוסט.

אין די ערשטע גרוס־ווינטשעווונגען אין דער ביבל געפינען מיר אַ געזעץ פאַר פיטערס :

„אויב דיין שקלאַף", זאָגט די ביבל „וויל ניט פריי ווערן נאָך די ערש־טע זיבן יאָר, לעכער אים דורך זיין אויער".

ווען דער געזעץ דינט היינט וואָלטן זייער אַ סך פון דער מענטשהייט אַרומגעגאַנגען מיט געלעכערטע אויערן . . .

(אַ מאָדנע זאַך. ווען איך רייד פון פיטערן פאַל איך אַריין אין אַ שטי־מונג פון ריידן. אפשר איז דאָס דערפאַר ווייל איך וויל זיך דערגרונטעווען אין אים. ער טראָגט דעם יאָך פון דער וועלט און ווערט ניט מיד. ער פאַר־שקלאַפט זיין אייגענעם ברודער און ס'אַרט אים ניט. ער מאָנט גערעכטי־קייט און אַליין פאַרמאָגט ער עס ניט. ער מאָנט גלייכהייט און אַליין וויל ער זיין העכער פון אייך. אָבער אַזאַ מענטש איז ער.)

לאָמיר זיך אומקערן צו מעלווינען.

איך האָב אייך פריער דערציילט אַז מעלווין איז געווען פאַרטאָן אין בי־כער און טאַטע־מאַמע מיט פיטערן האָט עס זייער געקרענקט. אָבער העלפן האָבן זיי ניט געקענט. איז געקומען אַ נס וואָס האָט איבערגעדרייט דעם גאַנג פון מעלווינס לעבן. דער נס איז געווען די וועלט־מלחמה.

ווען זיין צייט איז געקומען זיך מעלדן צו מיליטער־דינסט איז הילטאָן, תחילת אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטער, געזוכט זכות־אבות, געקלאַפט אין טירן און געשאָטן מיט געלט מעלווין זאָל ניט גיין אין דער אַרמיי, ביז איין

יהושע אלקאַן

מאָל האָט אים אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק: וואו וועט ער נעמען ביכער אויפן פּראָנט? זיין ווייב האָט ער פון דעם געניאַלן איינפאַל ניט דערציילט, נאָר מיט איר מוטערלעכן אינסטינקט האָט זי דערפילט אַז זיין אימפּעט צו באַפרייען מעלווינען פון דינסט האָט זיך אָפּגעשטעלט. איז זי צו אים צוגעשטאַנען:

— דו טוסט ניט גענוג.

האָט ער איר אָפן געזאָגט:

— די אַרמיי וועט אים מאַכן פאַר אַ מענטשן.

זי האָט פאַרשטאַנען זיין באַשלוס און, אַ פאַרציטערטע, האָט זי אויסגעשריען:

— דו שיקסט אים אין פייער!

— ער אזי ניט בעסער פון די איבעריקע, — האָט ער איר געענטפערט.

זי האָט געוואוסט אַז איר ריידן און בעטן וועט ניט העלפן. קוים האָט ער זיך עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ וועט ער שוין זיינס דורכפירן, האָט זי אין אַנהויב געוויינט און געיאָמערט, ביז זי האָט זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק. (זי האָט אַ מערקווירדיקע אייגנשאַפט זיך צוגעוואוינען צו זאַכן.)

איצט, פונקט צו צוויי יאָר זינט ער איז אַוועק אין דינסט, איז געוואָרן שלום אויף דער וועלט און מעלווין פאָרט צוריק אַהיים. די באַן איז פול מיט סאָלדאַטן, זיי פאָרן אויך אַהיים. זיי זיינען לוסטיק און פריילעך, ריידן הויך און זינגען צום הייזעריק ווערן. מעלווין זיצט אָפּגעזונדערט פון זיי. ער האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל ביים פענצטער און געקוקט אויף אַלץ וואָס איז אים געלאָפן אַנטקעגן. די סאָלדאַטן אַרום פאַרשטייען ניט פאַר וואָס ער איז אַזוי נידערגעשלאָגן, אָבער ער ענטפערט ניט אויף זייערע פראַגן. אים דוכט זיך, אַז ער און דער צו וועמען זיי ריידן זיינען צוויי באַזונדערע מענטשן. איינער איז אַלט צוויי און צוואַנציק יאָר, גייט אין קאַלעדזש און חלומט פון אַ וועלט וואָס ליגט ערגעץ ווייט, ווייט, איינגעהילט אין ווייטע, טיפע, בלויע רוימען, און דער צווייטער איז אַ זקן, וואָס אין איינע צוויי יאָר האָט ער דורכגעלעבט ניט נאָר זיין אייגענעם לעבן, נאָר דאָס לעבן פון די דורות וואָס האָבן געלעבט פאַר אים און פון די וואָס וועלן לעבן נאָך אים.

בישטאָ פאַר אים מער די מיסטעריע פון די הימלען, פון לעבן און טויט. ער ווייסט אַז די בלויקייט פון רוים איז אין אמתן אַ פינצטערניש ווי אין די אָפּגרונטן פון תהום, און אַ מענטש איז אַ זאַך מיט אַ צעלעכערטן שאַרבן, אָדער מיט אַן אויפגעריסענעם בויך.

צוויי יאָר האָט מען אים געלערנט, אַז דער אַנדערער מענטש איז זיין שונא, צוויי יאָר האָט מען מיט אים איינגעשטודירט די קונסט ווי דעם צווייטן שנעלער דערהרגענען. איצט זעט ער ניט מער קיין מענטשן, נאָר זייער אינגעווייד, וואוהין ער דאַרף צילן מיטן שפּיז אָדער ביקס.

אין די צוויי יאָר האָט ער זיך אויסגעלערנט צו הרגענען מענטשן און צו פאַרוויסטן די וועלט. איצט קוקט ער אויף יעדן בנין, אויף יעדן קעגנשטאַנד ווי אויף אַ ציל צו וואַרפן באָמבעס. אַ וואָלקן ? אַ שוץ־פּלאַץ זיך צו באַהאַלטן פון שונא.

און זיין אייגענער לעבן ? האָט ער מורא פאַרן טויט ?

ניט ער לעבט און ניט ער איז געשטאָרבן. ניט איין מאָל, אין די צוויי יאָר, איז ער געווען טויט. איז ער געווען צופרידן ווען ער האָט דערפילט אַז ער לעבט ? ניין ! ס'איז אים ניט געווען קיין אונטערשייד. ווען ער איז געווען טויט האָט ער געפילט דאָס לעבן, איצט אַז ער לעבט פילט ער דעם טויט.

ניט איין מאָל איז ער פאַרבייגעפאָרן די שטרעקע לאַנד וואו ער פאָרט איצט. אָט איז דער בוים וואָס ליגט אויסגעצויגן איבערן טייכל מיט די וואָרצלען ארויף. האָט אים דער ווינט אויסגעריסן, צי אַ באָמבע ? דאָס האָבן מענטשן מיט אַ כיוון אויסגעריסן דעם בוים מיט די וואָרצלען כדי זיי זאָלן קענען אַריבערגיין דאָס וואַסער . . . אָט איז דאָס שטיבל מיט די פאַרקלאַפּטע פענצטער. וואו זיינען די מענטשן פון שטיבל ? און אָט זיינען די שטאַלן מיט די גרינע טויערן און די גרויסע שטוב מיט די גרינע פענצטער. וואָס פאַר מענטשן וואוינען דאָ וואָס האָבן געפאַרבט די שטאַלן פון די פערד און בהמות ווי זייערע אייגענע הייזער ? אָט איז דער אייזערנער בריק. און אונטן דער טייך. (אַ פינף־הונדערט־פונטיקע באָמבע וואָלט דעם בריק געמאַכט אומנוצלעך), ער געדענקט גענוי וועלכע פון די זאַכן קען מען פריער און וועלכע קומען שפּעטער, און דאָך דוכט זיך אים אַז ער איז דאָ קיינמאָל פריער ניט געווען, און דאָס וואָס אַלץ איז אים אַזוי באַקאַנט איז עס דערפאַר ווייל ער האָט געהערט אָדער געלייענט וועגן דעם.

ווי ערגעץ ווייט, ווייט, מיט יאָרן צוריק, פלאַנטערט זיך אים אין מוח אַ געדאַנק וועגן איינעם וואָס איז געפאָרן אויפן זעלבן וועג און ווען ער האָט געזען די בערג און טאָלן, די בוימער, טייכן און פעלדער, האָט ער זיך געוואָלט דערגרונטעווען אין דעם באַשאַף פון דער וועלט, און וואָס ווייטער יענער האָט געקוקט פאַרחלומט אין דער ווייטקייט, אַלץ שענערע פּאַנאָראַמעס

האָט ער געזען. ווער איז געווען יענער מענטש וואָס האָט אין אַלץ געזען שיינקייט? האָט ער דען ניט געוואוסט אַז אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן כדי מ'זאָל עס קענען חרוב מאַכן? איז ער דען אַליין ניט געפֿלויגן איבער גע־געגנטן נאָך שענערע ווי די, גענומען בילדער, דערנאָך האָט מען געוואָרפן באָמבעס, און דערנאָך איז ער ווידער געפֿלויגן און ווידער גענומען בילדער, צו זיין זיכער אַז אַלץ איז פּאַרוויסט געוואָרן?

ס'האָט גענומען מיליאָנען און מיליאָנען יאָרן ביז אַ וועלט איז צייטיק געוואָרן. אין אָנהויב איז אַלץ געווען וויסט, פּוסט און לער, וואָסער האָט פּאַרדעקט דעם גאַנצן אויבערפלאַך פון דער ערד. דערנאָך האָבן שפּיצן בערג אַרויסגעשפּראָצט פון אונטערן וואָסער, זיך אויסגעברייטערט און פאַר־טריבן די וואָסערן אין די ימים. די בערג האָבן אָנגעהויבן גרינען. דערנאָך האָבן זיך באַוויזן באַשעפענישן וועלכע האָבן געגעסן די גראָזן. דערנאָך האָט זיך פון די באַשעפענישן אויסגעשיילט דער מענטש, און ער האָט פון דער ערשטער מינוט זיך פּאַרמאָסטן מיט דער וועלט. אַפּריער האָט ער באַזיגט די יבשה, דערנאָך די ימים, דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו די הימלען. און ווען ער האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו באַזיגן האָט ער זיך גענומען חרוב מאַכן די וועלט . . .

וואָס וועט ער טאָן דערנאָך?

אויפבויען אַ נייע וועלט וועט ער ניט קענען, ווייל ער קען נישט בויען, זיין גאַנצע קענטשאַפט באַשטייט בלויז אין חרוב מאַכן.

אַזוי טראָגן זיך מעלווינס געדאַנקען, פון וועלט־באַשאַף ביז וועלט־אונטערגאַנג. די באַן פאַרגייט זיך אין אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם, אומע־טיקן פייף. ער דערמאָנט זיך אַז ער פאָרט אַהיים.

וואָס וועט ער טאָן אַז ער וועט קומען אַהיים? אין די צוויי יאָר וואָס ער איז געווען אין דער אַרמיי האָט ער, טראַכטנדיק פון דער היים, בלויז געזען זיין צימער מיט דער גרויסער, ווייכער בעט. אַז ער'ט קומען אַהיים וועט ער זיך גלייך אַריינוואַרפן אין בעט און אַפּליגן אַ חודש, צוויי, און אפשר גאַנצע דריי. אָבער אין די זעקס וואָכן אונטערוועגנס האָט ער זיך אויסגערוט, טראַכט ער שוין מער ניט וועגן דער בעט. טאַ וואָס־זשע וועט ער טאָן? לייענען? ער ווייסט שוין אַלע סופן. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן די מעשות אין די ביכלעך לגבי דעם וואָס ער ווייסט? חתונה האָבן? ער פילט מער ניט יענעם ציטער ווען ער טראַכט פון חתונה האָבן, ווי מיט

צוויי יאָר צוריק. מיט זיין טאַטן אין דער פאַבריק? צו וואָס דאַרף מען עס? . . . וואָסזשע וועט ער דאָך טאָן?

מיט יעדער מינוט דערנעענטערט זיך די באַן מיט מעלווינען צו מידל־וויל. פיטער האָט אַ גרויסע אויפגאַבע: מעלווין טאָר ניט וויסן וואָס דאָ קומט פאָר. ערשטנס מוז מען צונעמען אַלע צייטונגען. דאָס הויז, דאַרפט איר וויסן, איז געווען פאַרפלייצט מיט צייטונגען. דזשאָהן דזשיי הילטאָן האָט אומעטום געזוכט אַ גוט וואָרט פאַר זיך. איז פיטער פריער אַרומגע־לאָפן זוכן די צייטונגען און איצט מוז ער זיי פאַרניכטן. האָט ער שוין נעכטן דורכגעזוכט יעדן ווינקל, נאָר ווי ס׳האָט אָנגעהויבן שפּראָצן אויף טאָג, האָט ער שוין ניט געקענט איינליגן אין בעט. ער איז ניט געווען זיכער צי האָט ער געקוקט אונטערן סאָפע, לעבן קאַמין, צי נישט.

צו זיין שמחה איז קיין ברעג ניט געווען ווען ער האָט דאָרטן יאָ געפונען אַ צייטונג. אמת די צייטונג איז געווען אַן אַלטע, אָבער ער איז אַליין נתפּעל געוואָרן פון זיין געניאַלן איינפאַל צו קוקן דאָרט. ס׳האָט דאָך יאָ געקענט זיין אַ צייטונג מיט נייעס. נאָכדעם איז ער געקראָכן אויף אַלע פיר אונטער יעדן שטיק מעבל און, ווען ער האָט זיך איבערצייגט אַז אַלץ איז אין גוטער אָרדענונג, האָט ער זיך גענומען צוגרייטן אָנבייסן פאַר דזשאָהן דזשיי הילטאָן.

מר. הילטאָנס אָנבייסן איז ניט קיין גרויסער, (אָרעמע לייט שטעלן זיך פאָר אַז גבירים עסן אַ סך) בלויז אַ גלעזל סקאָטש און קאַלטע וואָסער. אמת, דאָס גלעזל סקאָטש איז געווען אַ גאַנץ היפּש גלעזל, אָבער דאָס אַלץ. סערווירנדיק סקאָטש אין פאַרלויף פון צען יאָר, האָט פיטער זיך שוין אויך צוגעוואוינט צו דער משקה, אָבער הרגעט אים, קען ער עס ניט טרינקען אויפן ניכטערן האַרצן. ניט איין מאָל האָט ער שוין געפּרואווט באַווייזן אַ בריהשקייט, אָבער ער האָט דערפאַר טייער באַצאָלט.

זינט דאַן איז מר. הילטאָן נאָך גרעסער אויסגעוואָקסן אין פיטערס אויגן. אַ מענטש שלינגט אַרונטער אַזאַ גרויס גלאָז סקאָטש און טוט זיך אפילו ניט אַ קרום! נישט איין מאָל האָט פיטער געטראַכט: אויב אים וועט אַמאָל אויסקומען צו זיין אַזוי גרויס ווי מר. הילטאָן, ווי וועט ער טרינקען סקאָטש אויפן ניכטערן האַרצן? (אַז דער סקאָטש אינדערפרי איז דער סוד פון הילטאָנס דערפאָלג, אין דעם איז פיטער געווען זיכער).

אויב מיר ווילן וויסן ווען הילטאן וועט ארויסקומען דארפן מיר היטן פיטערן. דאס וואס זיין נערוועזיטעט וואקסט איז א סימן אז באלד וועט מר. הילטאן זיך באווייזן.

איר האט געזען ווי פיטערס אקסלען האבן א ציטער געטאן ? שוין צען יאר אז יעדן פרימארגן לעבט ער דורך די זעלבע נערוועזיטעט. יא, טריט. איצט קוקט דארטן, צו די טרעפ. אט קומט ער. פונקט ווי איך האב אים פאר אייך אויסגעמאלן.

דאס וואס הילטאן גייט ארונטער די טרעפ, מיט די אויסגעבויגענע פיס, און האלט זיך ניט אן פארענטש, איז ביי אים א זשעסט אזא. אייגער מיט גלייכע פיס וואלט זיך יא אנגעהאלטן, אבער ניט דזשאהן דזשיי. ער וויל באווייזן אז אויסגעבויגענע פיס זייען פונקט אזוי גוט ווי גלייכע. פונדעסטוועגן אטעמט ער אפ פריי ווען ער קומט צום לעצטן טרעפל.

זייערע אויגן באגעגענען זיך, פיטער שאקלט הכנעהדיק מיטן קאפ, אבער הילטאן זאגט אים ניט קיין גוט־מארגן. נאך יעדן שמועס וואס פיטער האט מיט אים דוכט זיך פיטערן אז ער איז שוין מיט אים גוט־ברודער, אבער יעדן פרימארגן ווערט די האפענונג צעשוואומען. דאס איז הילטאנס וועג צו לאזן וויסן פיטערן אז דזשאהן דזשיי הילטאן איז דזשאהן דזשיי הילטאן און פיטער איז פיטער.

די סצענע איז א קאמישע. הילטאן לויפט־צו צום טיש. צוליב די אויסגעבויגענע פיס ווארפט ער זיך שטארק איןביידע זייטן, אט־אט קערט ער זיך איבער, טוט א כאפ דאס גלעזל, איין שלונג, און דאס גלעזל איז ליידיק. פיטער איז שטארק פארנומען. אלע אינדערפרי העלפט ער הילטאנען שלינגען, מער ניט, ער, פיטער, שלינגט בלויז די וואסער וואס לויפט אים אן אין מויל.

וואס ? נאך טריט ? ביידע קוקן אויבן, צו די טרעפ. יא, די מאדאם!

זי האט אויך ניט קיין גוט־מארגן פאר פיטערן, דער שאקל מיטן קאפ איז א צייכן אז זי איז גרייט פאר דער שווארצער קאווע, דערפאר איז דאס פיטער אזוי שנעל אוועק אין קיך.

דאס וואס מאן און ווייב רעדן ניט איז ניט ווייל זיי זיינען צעקריגט. קיין לאנגע דעבאטן האבן זיי קיינמאל ניט געהאלטן צווישן זיך, כאטש באזונדער זיינען זיי גאנץ רעדעוודיק, אבער אז מ'איז צוזאמען שווייגט מען. דאס איז געוואָרן ווען אלץ גייט ווי געהעריק, אבער זינט די לעצטע פאסירונגען פילן זיי ביידע אז מ'דארף אראפריידן פון הארצן,

אבער גיי רייד! אז מ׳איז אפגעוואוינט דערפון.

— כ׳וואלט שוין געוואלט אז מעלווין זאל דא זיין, — זאגט זי, נישט קוקנדיק אויף אים.

נאך איידער זי ענדיקט, זאגט ער:

— יא.

געשעפט האט אים געלערנט אז מ׳דארף אויסהערן דעם צווייטן צד, אבער צו איר האט ער קיין גערולד ניט.

— „דיער" — מאכט זי א פארזוך ווידער אנהויבן ריידן.

— ניט איצט. שפעטער! — אונטערברעכט ער.

ער ווייסט אז קיין געוואלדיקע חכמה וועט זי ניט ארויסזאגן.

ביידע זיינען דאנקבאר פיטערן פאר זיין אריינברענגען די קאווע. — זי וועט טרינקען, וועט זי פארשפארן ריידן, — טראכט ער: זי, ווידער טראכט — ער וועט ריידן מיט פיטערן, וועט זי דערווייל עפעס דערגיין.

פיטער ווארט אז הילטאן זאל אנהויבן ריידן, ער וויל אים ווייזן ווי געשיקט און פלאנמעסיק ער האט אלץ אראנזשירט, אבער דזשאהן דזשיי הילטאן פילט אז אין אזא ערנסטן מאמענט קען ער זיך אויף פיטערן ניט פארלאזן.

— פיטער! — טוט ער אפגעהאקט א זאג, — איך פאר צו דער סטאנ־ציע.

פיטער פילט זיך פארלארן. פריער באוועגן זיך זיינע ליפן, דערנאך הערט זיך זיין שטימע:

— איך האב אפגעמאכט מיט פרענקן אז ווען ער וועט פארן פון וואק־זאל מיט מר. מעלווין הילטאן זאל ער ניט פארן דורכן שטאט.

— איך פאר צו דער סטאנציע, — חזרט הילטאן איבער.

— גוט, — גיט זיך פיטער אונטער. — כ׳גיי זאגן פרענקן.

פיטער גייט ארויס.

פאר אונדז איז אויך צייט צו גיין. מר. הילטאן וועט באלד ארויפגיין אויבן. ווען ער גייט ארויף די טרעפ האלט ער זיך יא אן פארענטש. מרס. הילטאן וועט אויסטרינקען איר קאווע. זי וועט שוין בלייבן אונטן, ס׳קומט איר אן זייער שווער ארויפגיין. אגב איז זי פון נעכטן אן זייער נייגעריק — מרס. פיטערסאן האט געקראגן א בראסלעט צו איר געבורטס־טאג. זי דענקט אז די מתנה וואס איר מאן האט איר געגעבן איז ניט אזוי איי־איי־איי, אבער אויף זיך וויל זי ניט שטעלן, ווייל זי ווייסן וואס אנדערע דענקען

וועגן דעם. איצט איז אָבער נאָך אַביסל צו פרי צו רופן, וואָרט זי אומגע־דולדיק און אָטעמט שווער.

מעין סטריט

פון דאַנען קענען מיר גיין אין עטלעכע פּלעצער:

1) מיט דזשאָהן דזשיי הילטאָן צו דער סטאַנציע.
2) צום באַגרעבער, וואו דזשאָני ליגט.
3) צו דזשאָהנין אַהיים.
4) צו דעם מיטינג, וואו די לעצטע לוויה פאַרבאַרייטונגען ווערן גע־מאַכט.

דאָס וועט אָבער בלויז זיין אַ ווידערהאָלונג פון דעם וואָס מיר ווייסן שוין. מיר וועלן אפשר אויסגעפינען נאָך אמתן, אָבער מיר זיינען דאָך ניט געקומען אַהער זוכן דעם אמת.

וואָס מיר דאַרפן יאָ, כּל־זמן מיר האָבן צייט, איז זיך נעענטער באַ־קענען מיט די מענטשן, מיטן שטעטל.

איר דאַרפט וויסן אַז אַ חוץ דעם קאַמף וואָס איז שטענדיק אָנגעגאַנ־גען אין דער „מידלוויל ניטינג מיל״ צווישן דזשאָהן דזשיי הילטאָן און די אַרבעטער אָדער, ווי מען זאָגט, צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, האָט מידל־וויל געהאַט נאָך אַ פראָנט, אַ צווייטן פראָנט — מעין־סטריט.

אמת, מ׳האָט ניט געשאָסן פון קיין ביקסן, מ׳האָט ניט געזונקען קיין שיפן. ס׳איז געווען, מער אָדער ווייניקער, אַן „עקאָנאָמישע״ מלחמה. איין געשעפטסמאַן האָט געוואָלט דעם צווייטן אויסהונגערן, און אַנשטאָט קוילן האָט מען זיך באַנוצט מיט קאָנקורענץ.

קיין גאָר געוואַלדיקע געשעפטן האָבן די עטלעכע קראָמען אויף מעין־סטריט ניט געטאָן, נאָר זיי זיינען שוין געווען געוואוינט דערצו. פלעגט אַמאָל זיין אַ בעסערער חודש, מ׳האָט געקענט באַצאָלן די חובות אין צייט, אַן באָרגן, אָן לייען, האָט מען זיך די אויגן נישט געגלויבט.

אַזוי איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען פון יאָר־צו־יאָר. מ׳פלעגט זיך חנפענען צום לאָקאַלן באַנקיר, און מ׳איז געוואָרן נערוועז ווען דער צענ־טער פון חודש האָט זיך דערנעענטערט.

פון צייט־צו־צייט פלעגט קומען אַן איבעררייס אין זייער מאָנאָטאָ־

נעם לעבן. אויף מעין־סטריט פלעגט זיך באַווייזן אַ מענטשל, אַרומגיין, באַקוקן און באַטראַכטן אַלץ, האָבן די קרעמער פאַרשטאַנען אַז ער קלייבט זיך עפּענען אַ געשעפט, פלעגט זיך ביי זיי דערוועקן אַ נייער אינטערעס. צווישן זיך איז מען געווען ניט אַזוי פריינטלעך, פונדעסטוועגן פלעגט מען אַלץ פאַרבויגן און צוזאַמען חוזק־מאַכן פונעם נייעם אונטערנעמער, זיך וועטן ווי לאַנג ער וועט זיך האַלטן, און אַלע מאָל פלעגט זיך ענדיקן דער־מיט וואָס נאָך אַ פּאָר וואָכן טאַראַראַמעווען פלעגט זיך די קראָם פאַרמאַכן.

אָבער מיט אַ יאָר צוריק האָט זיך באַוויזן איינער אַ מר. טילין. ער איז ניט געווען ווי די פריערדיקע, וועלכע האָבן געקוקט און געטראַכט פאַר זיך. ער איז ניט פויל געווען, געגאַנגען פון קראָם־צו־קראָם, זיך נאָכגע־פרעגט, געקליבן ציפערן און אָפן דערקלערט אַז ער גייט עפענען אַ קראָם. האָבן זיי געשפּאַסט מיט אים, צוגעגעבן מוט און, ווען ער איז אַוועק, האָבן זיי זיך צעלאַכט און, ווי זייער שטייגער איז געווען, זיך צוזאַמענגעקליבן און אָנגעהויבן וועטן זיך ווי לאַנג זיין קראָם וועט זיך דאָ האַלטן.

זיי האָבן אַפילו אָפּגעמאַכט צווישן זיך אַז אין אַ חודש אַרום זאָלן זיי זיך אַלע צוזאַמענקומען אין מר. גרינס הויז (מר. גרין איז דער אייגנ־טימער פון דער „עמפּאָריום"), צו פייערן דעם אונטערגאַנג פון זייער קאָנ־קורענט און אויפמאַנען די געלטער פון געוועט. אָבער זייער שמחה איז פאַרשטערט געוואָרן.

גלייך ווי ס'איז באַקאַנט געוואָרן אַז די דערעפענונג פון דער „פּיפּלס סטאָר" וועט פאָרקומען דעם זעכצנטן, (אויף מאָרגן נאָך דעם ווי די „ני־טינג מיל" צאָלט שכירות) האָבן זיי גלייך איינגעזען אַז זיי האָבן פאַר זיך אַ שטאַרקן קאָנקורענט.

און דעם זעכצנטן אינדערפרי האָבן זיי מידלוויל ניט דערקענט. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען פאַרהאַנגען און פאַרקלעפּט מיט גרויסע פלאַקאַטן וועגן די ווילדע מציאות אין דער „פּיפּלס סטאָר".

„די מידלוויל לאַיוו ווייער", די לאָקאַלע צייטונג, האָט געהאַט טילינס בילד אויף דער ערשטער זייט, מיט זיין גאַנצער לעבנס־באַשרייבונג. זיין עלטער־זיידע, האָט זיך דאָרטן געשריבן, האָט געדינט אונטערן פּוילישן גענעראַל קאַסציושקאָ (דאָס האָט ער געטאָן צוליב דער פּוילישער באַפעל־קערונג אין מידלוויל). אין די אינעווייניקסטע זייטן פון דער צייטונג איז ווידער אַמאָל געווען וועגן די גרויסע מציאות. האָבן זיי אָפּגערופן דעם אַרויסגעבער פון דער צייטונג און געוואָלט אַריינשטעלן זייערע אַנאָנסן,

האָט ער זיי געענטפערט:

— מר. טילין האָט אָפּגעקויפט דעם גאַנצן פּלאַץ פון דער צייטונג ביזן נעקסטן זעכצנטן.

זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן קומען צו זיך פון דעם טרייסל, האָבן זיי דערהערט געוואַלדיקע קולות אין גאַס. ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען, האָבן זיי זייערע אויגן ניט געגלויבט — אַ גאַנצע הויז האָט זיך באַוועגט אינמיטן גאַס, פאַרהאַנגען און פאַרקלעפּט מיט גרויסע פּלאַקאַטן, און ווי־דעראַמאָל וועגן די געוואַלדיקע מציאות פון דער „פּיפּלס סטאָר״, און פון אינעווייניק האָט עמיצער געשריען מיט באַנומענע קולות:

— מר. טילין, דער אייגנטימער פון דער „פּיפּלס סטאָר״, וויל יעדן איינוואוינער פון מידלוויל געבן אַ פּערזענלעכן שלום־עליכם״.

האָבן די איינוואוינער פון מידלוויל טאַקע געוואָלט זיך באַקענען מיט דעם טשיקאַווע מענטשן, וואָס וויל זיי אַזוי קענען, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער „פּיפּלס סטאָר״, און קיין איינער איז ניט אַרויס מיט ליידיקן.

אַזוי האָט אָנגעהאַלטן אַ טאָג, צוויי, דריי. ווען די איבעריקע סוחרים דערשרעקן זיך ניט, וואָלט זיך עס, מסתמא, מיט דער צייט איינגעשטילט. אָבער ווי קען מען שווייגן אַז דאָס האַרץ פּלאַצט? האָט מען אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג און באַשלאָסן אָנצונעמען מיטלען קעגן דער „פּיפּלס סטאָר״.

איינער פון די מיטלען איז געווען — אַרויסלאָזן אַ קלאַנג אַז זיין סחורה איז קיין סחורה ניט . . . און דאָס וואָס איז יאָ סחורה איז גאָרניט אַזאַ גרויסע מציאה. האָט עס גראָד געווירקט, און מ׳האָט אינגאַנצן אויפגעהערט קויפן אויף מעין־סטריט. האָבן זיי זיך געכאַפּט — ניט נאָר די „פּיפּלס סטאָר״ האָט ניט, נאָר זיי האָבן אויך ניט, האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן וועגן און מיטלען ווי אַזוי צוריק ברענגען די מענטשן אויף מעין־סטריט.

דער אייגנטימער פון דער „קינג אַוטפּיטינג סטאָר״, האָט געדענקט אַז אויב ער וועט אַנאָנסירן אַ פּאָזיטיווע מציאה, וועט ער אַריינבאָרן מענטשן אין קראָם, און קוים וועלן זיי זיין אינעווייניק איז „פּאַרלאָזט זיך שוין אויף אים!״ דער סוף איז געווען אַז מער ווי דאָס וואָס ער האָט אַנאָנסירט האָט מען ביי אים ניט געקויפט.

דער אייגנטימער פון דער „עמפּאָריום סטאָר״ איז געפאַלן אויף אַן אַנדער געניאַלן איינפאַל: ער וויל ניט אַז מ׳זאָל עפּעס קויפן ביי אים...

ער וויל בלויז געבן יעדן איינעם, וואס וועט קומען צו אים אין קראָם, צווישן צוועלף און צוויי בייטאָג, קאַווע מיט קוכן. אָבער די איינציקע באַזוכער זיינען געווען קינדער. איז אים די קאַווע איבערגעבליבן און ער האָט נאָך באַדאַרפט קויפן מילך.

דער, פון דער „טאַון סטאַר״, האָט גאָר געכאַפּט אַ שוואַרצן סוף. אַן קיין פּאַרפּליכטונגען צו אים, האָט ער צוגעזאָגט, געבן יעדן איינציקן, וואָס וועט זיך געפינען אויף מעין־סטריט אין אַ געוויסער שטונדע, אַ נאַז־טיכל. אַז די שטונדע איז אַריבער און מער ווי אַ צענדליק נאַז־טיכלעך האָט ער ניט פאַרטיילט, איז אים די זאַך געוואָרן קשה. האָט ער זיך ניט געפוילט און זיך נאָכגעפרעגט. האָט איר שוין געמעגט הערן די ענטפערס וואָס ער האָט געקראָגן!

— אַז מ׳גיט עפּעס אומזיסט, איז עס געגנבעטע. אומזיסטיקע סחורה האָט גאָרניט די ווערט. מיר ווייסן שוין, אַן אַלטער מיטל אַריינצונאַרן אין געשעפט, — און ענלעכע ענטפערס.

אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמפּיין פאַר לאָקאַלע שטאָט־באַאַמטע איז די האָפענונג פון די קרעמער אַביסל אויפגעוואַכט געוואָרן. דזשיימס וההייט, דער נייער קאַנדידאַט, וואָס איז געלאָפן פאַר מעיאָר, האָט אַרויסגעלאָזן אַ שלאָג־וואָרט „ווערט ער דערוויילט, וועט ער אַרויפשטעלן מידלוויל אויף דער לאַנד־קאַרטע״. האָט גאַנץ מעין־סטריט געאַרבעט פאַר אים ווי די בינען. ער איז טאַקע דערוויילט געוואָרן, אָבער קיין סך האָט ער ניט אויפגעטאָן. עס האָט ניט געהאָלפן וואָס ער האָט געלאָזט שטיין אויטאָמאָבילן דריי שעה אָנשטאָט צוויי אויף מעין־סטריט; עס האָט אויך ניט געהאָלפן וואָס ער האָט פאַרקלענערט דעם „ספּיד־לימיט״ פון פינף און צוואַנציק מייל אַ שעה (כדי פאַרבייפאָרער זאָלן זיך קענען אומקוקן); אָפילו זיין לעצטע קאַרט וואָס ער האָט געשפּילט, אַרונטערגעבראַכט קיין מידלוויל דעם הינטערשטן טייל פון אַן אַרונטערגעשאָסענעם, דייטשן עראָפּלאַן, אַ רודער פון אַ דייטשער סובמאַרין און גערינגס אַן אַלטע היטל, האָט אויך ניט געהאָלפן.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ יאָר צייט. מ׳איז געוואָרן אַזעלכע ביטערע שונאים, אַז עלטערן האָבן שטרענג פאַרזאָגט די קינדער זיך ניט צו חברן מיט טיליגס קינדער.

איצט האָט מען מיט אים געמאַכט שלום. דער אייגנטימער פון דער „עמפּאָריום״, וועלכער איז געווען דער אָנפירער פון קאַמף קעגן דער

„פּיפּלס סטאָר" און ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק געפּרואווט אויסדינגען זיין קראָם, איז איצט געוואָרן מיט אים גוט־ברודער.

שולדיק אין דעם אַלעמען איז געווען אַ דאַמע, וועלכע האָט זיך באַוויזן אויף מעין־סטריט, געקליידט אין שוואַרצן, מיט אַ הינטל אויף די הענט.

פּאַר מידלוויל איז קיין נייעס ניט אַז אַ נייער מענטש באַווייזט זיך אויף מעין־סטריט. דער וועג נומער 99 שניידט דורך דאָס שטעטל און אַ סך דורכפאָרער שטעלן זיך אָפּ. אָבער קוים זעען זיי עמיצן מער ווי איין מאָל נעמען זיי גלייך אַ פּערזענלעכן אינטערעס אין אים. די דאַמע האָט זיי דערהויפּט פאַראינטריגירט מיט דעם, וואָס ניט מ׳האָט געזען ווי זי איז אָנגעקומען, ניט מ׳האָט זי געזען אַוועקפאָרן. גלייך ווי דזשאָהני איז דערהרגעט געוואָרן האָט זי זיך, פון דער העלער הויט, באַוויזן אויף מעין־סטריט, שפּאַצירט הין־און־צוריק אויף דעם בלאָק, וואו דער באַגרעבער האָט זיך געפונען, האָט זיך כלומרשט אָפּגעשטעלט לעבן דער „פּיפּלס סטאָר", אָבער געקוקט האָט זי צום באַגרעבערס טיר.

(דערפאַר זיינען דאָס די אַקציעס פון דער „פּיפּלס סטאָר" געשטיגן. דורך אירע פענצטער האָט מען די דאַמע בעסער געקענט זען).

איר פאַרשטייט דאָך, אַז ס׳האָט ניט גענומען לאַנג אַזאַ וויכטיקע נייעס זאָל זיך, ווי אַ ווילדער פייער, פאַרשפּרייטן אויף מעין־סטריט; און דזשאָהניס טויט, די לוויה, איז שוין געוואָרן אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. אַלץ וואָס איר הערט איצט:

— איז זי שוין געווען?

— וואו איז זי?

— וועט זי קומען?

— ווען?

די נערוועזיטעט צווישן די געשעפטס־לייט אויף מעין־סטריט איז אַזוי פאַרשאַרפט, אַז מ׳קען צו זיי אַ וואָרט ניט אויסריידן ביז זי באַווייזט זיך. באַווייזט זי זיך, ווערט אַלץ נאַרמאַל און מ׳גייט אַהיים עסן מיטיק, אָבער די געוויינלעכע רואיקייט ביים טיש איז ניטאָ. נאָך איידער מ׳שלינגט אַרונטער דעם לעצטן זופּ קאָווע איז מען שוין ביי דער טיר. די מרס. ווייליט האָט שוין אַפילו אָנגעשטעלט אַ פּריוואַטן דעטעקטיוו אויסצוגעפינען די שולדיקע, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרוואָס איר מאַן האָט זי אויפגעהערט צו קושן „לאַנטש־טאַים".

די סענסאַציע וועגן דער פּרוּוו מיטן הינטל האָט היינט דערגרייכט די גרעסטע הויך. מ׳האָט זי געזען אַריינגיין צום באַגרעבער. מ׳זאָגט אַז זי האָט דאָרטן זיך געזאַמט איבער אַ שעה, אָבער ס׳איז ניט אמת. מער ווי צען מינוט איז זי דאָרטן ניט געווען. די צייט האָט זיך זיי נאָר געצויגן.

וואָס זי האָט דאָרטן געטאָן די גאַנצע צייט האָבן זיי פון באַגרעבער ניט געקענט דערגיין. וואָס זיי האָבן געפרעגט, האָט ער געענטפערט:

— עס איז קעגן דער עטיק פון דער פּראָפעסיע . . .

האָט זיך די נייגעריקייט אַרום דער מיסטעריעזער דאַמע נאָך מער צעוואַקסן, האָט מען אָנגעשטעלט קינדער, זיי זאָלן איר נאָכשפּיאָנירן. זיינען געקומען די קינדער און דערציילט אַז היינטערן שטאָט וואַרט אויף איר אַ קעדילאַק. האָט מען די קינדער געגומען אויף אַ פאַרהער צי ווייסן זיי וואָס אַ קעדילאַק איז און, ווען מ׳האָט זיך איבערצייגט אַז זיי ווייסן יאָ, האָט מען ערשט ניט געגלויבט.

אָבער די קינדער זיינען געווען גערעכט. ס׳איז יאָ געווען אַ קעדילאַק און, נאָכמער, אין קעדילאַק האָט אויף איר געוואַרט אַ שאָופער.

דער יוניאָן-פירער

עס וואָלט געווען כדאַי זיך נעענטער באַקענען מיט לואיס בראַון. דאָס איז דער, פון ניו־יאָרק, פון הויפּט־אָפיס פון דער יוניאָן. אויב איר געדענקט איז ער געווען פון די ערשטע מענטשן, וואָס מיר האָבן אינדערפרי באַ־געגנט אין רעסטאָראַן.

ווען ער איז אַהער געקומען מיט עטלעכע וואָכן צוריק, האָט זיך מיט אים דאָס גאַנצע שטעטל געפרייט. דער סטרייק וואָס איז אָנגעפירט גע־וואָרן פון לאָקאַלע פירער, האָט זיך געהאַלטן אויף אַ האָר. די שטעלונג צום סטרייק איז געווען אַ פּאַסיווע. ער האָט דאָס גלייך באַשלאָסן עס זאָל פאַרקומען אַ דעמאָנסטראַציע.

איצט געפינען זיך אַזעלכע וואָס זאָגן אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דזשאָהניס טויט. מיט דער דעמאָנסטראַציע, זאָגן זיי, האָט ער גע־וואָלט ווייזן ניו־יאָרק אַז ער טוט דאָ אויף וואונדער. אָבער די באַשולדי־קונג איז אַן אומזיסטיקע. ער איז אַ געניטער און ערנסטער יוניאָן־פירער.

ווען ער פירט אָן אַ סטרייק אַרט אים ניט וואָס דער אָדער יענער וועט זאָגן. ער טוט וואָס ער דענקט אַז ס׳וועט זיין גוט. אַי דזשאָהני איז געפאַלן אַ קרבן? וועלכער סטרייק האָט עס ניט קיין קרבנות? אין אמתן איז ער אויך געווען שטאַרק צעטרייסלט פון דזשאָהניס טויט.

די זעלבע קעגנער ווייזן אויך אָן אַז דאָס וואָס ער אַליין האָט זיך ניט באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע איז דערפאַר ווייל ער איז אַ פייגלינג. איז ווידער דאָסזעלבע — די וואָס זוכן חסרונות וועלן אַלע מאָל געפינען. אַ יוניאָן־פירער קומט אין אַ פרעמדער שטאָט אָנצופירן אַ סטרייק וועלכער הענגט אויף משקולות, האָט ער אַ סך אַרבעט. ער איז דאָך ווי דער גענעראַל אין דער מלחמה. האָט איר שוין אַמאָל געזען אַ גענעראַל אין דער ערשטער ליניע טראַנשייען? סיידן ער האָט ניט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן.

דאָס יאָ, ער איז אַ מענטש ווי מיר אַלע, וואָס האָט זיך זיינע שוואַכקייטן. אָבער איך וועל דאָס ניט צושרייבן צו דעם וואָס ער איז אַ יוניאָן־פירער.

איצט למשל איז ער שטאַרק פאַרנומען, ער האַלט אין צוגרייטן אַ רעדע. די רעדע גופא איז ניט אַזאַ גרויסע אַרבעט. יעדער פירער, ניט גראָדע פון אַ יוניאָן, וועקט אים אויף אינמיטן נאַכט, מעג ער אַפילו זיין אַ פרעמדער אין שטאָט, און זאָגט אים „מ׳דאַרף האַלטן אַ רעדע״, וועט ער קיין מינוט ניט טראַכטן און האַלטן פאַר אייך אַ רעדע, וואָס וועט אייך אָנצינדן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, אַז איר וועט גרייט זיין צו שפּרינגען אין פייער און אין וואַסער. בפרט נאָך אין אַזאַ פאַל, ווען די רעדע דאַרף מען האַלטן ביי אַן אָפענעם קבר פון אַ מאַרטירער. איז די רעדע פון די קליינע זאַכן. וואָס אים מאַטערט איז — ווען זאָל ער אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ אַז דער לאָק האָר זאָל פאַלן פונקט אינמיטן פון זיין שטערן? פאַר דער פראַזע:

„דזשאָהני מילס! דו האָסט דיין לעבן אַוועקגעגעבן פאַר אַ נאָבעלן צוועק. מיטן בלוט פון דיין האַרצן וועלן מיר אַריינשרייבן נאָך אַ בלאַט אין דער געשיכטע פון אַרבעטער־קאַמף״, אָדער נאָך דער פראַזע.

אַז די פראַזע וועט האָבן אַ ווירקונג, — אין דעם איז ער זיכער. שוין ניט איין מאָל האָט ער זי אויסגעפּרואווט, אַפילו ווען איינער שטאַרבט מיט אַ נאַטירלעכן טויט, טוט די פראַזע אויף וואונדער.

ער ווייסט אויך אַז דער לאָק האָר אויף זיין שטערן גיט אים צו אַ

סך חן. ניט איין ווייבלס האַרץ האָט ער שוין געוואונען מיט דעם לאָק. די גאַנצע צייט וואָס ער איז דאָ האָט ער זיך מיט דעם ניט באַנוצט. צו וואָס ? די עטלעכע טעטיקע פרויען וואָס זיינען דאָ זיינען אַלטע, אויס־געהאָרעוועטע. אָבער ערשט מיט צוויי טעג האָט זיך די לאַגע אינגאַנצן געענדערט. ער האָט געמוזט אָננעמען מרס. גרעיס איינלאַדונג אויף מי־טיק. קיין תירוצים האָט ער שוין ניט געקענט אויסטראַכטן. איז ער געגאַנגען אַהין ווי איינער גייט צו דער תליה.

ביים טיר האָט אים באַגעגנט עוועלין גרעי, די אַכצן יאָריקע טאָכ־טער, און פון דעם מאָמענט אָן איז אים דער קאָמף אין מידלוויל געוואָרן נעענטער.

און כאָטש די רעדע, וועלכע ער גרייט צו, דאַרף ער האַלטן ביי דזשאָהניס אָפענעם קבר, און דער הויפט־צוועק איז אָנצופילן די הערצער פון אַלע פאַרזאַמלטע מיט האָס און פאַראַכטונג צו די, וואָס וואוינען אויף די בערג, אָבער אים גייט איצט אָן עוועלין. זי וועט אים הערן ריידן צום ערשטן מאָל.

שטייט ער ביים שפּיגל, וואַרפט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, און דער לאָק רירט זיך ניט פון אָרט . . .

די מיסעס מיטן באָרדער

כ׳וועל ניט זאָגן אַז מידלוויל איז אַ פרומע שטאָט, כאָטש מידלוויל האָט פאַרשריבן זייער ווייניק גטן און עפּעס איין ליבע־טראַגעדיע איז דאָרטן פאָרגעקומען, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ מאָרד און זעלבסט־מאָרד. אָבער קלענערע ליבע־אינצידענטן האָט מידלוויל גאָר אַ סך. אין דעם זין קען מען מידלוויל פאַרגלייכן צו אַ גרויסער שטאָט, מער ניט, אין אַ ניו־יאָרק למשל, האָט עס אפשר אַ גרעסערן פאַרנעם. מ׳טרעפט זיך אין אַ נאַכט־קלוב, אין אַ טעאַטער, מ׳פאָרט אין טעקסיס. אין מידל־וויל ווערט עס געטאָן אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב — אַ מואווינג פיק־טשור, הינטערן שטאָט זיינען דאָ בערג, יעדערער האָט אַן אויטאָמאָביל, דער ים איז ניט ווייט. אָבער די רעזולטאַטן זיינען דיזעלבע.

אַזוי ווי די באַן מיט אונדזער הויפט־העלד איז נאָך ניט אָנגעקומען, טאָ לאָמיר דערווייל כאַפּן אַ שפּאַציר איבער די גאַסן.

יהושע אַלקאַן

כ׳זאָג אייך, ס׳איז רעכט מ׳זאָל אָנקלאַפּן אין וואָס פאַר אַ טיר איר ווילט און מ׳וועט עפּעס געפינען.

נעמט אַ שטייגער אָט־די וואָס שטייט דאָ אויפן גאַניק. דער מאַן האָט ניט געוואָלט גיין צו דער לוויה, ער האָט זיך געבעטן ביי איר:

— אַכט יאָר האָט ער געאַרבעט אָן אַן אויפהער, וויל ער איצט, כל־זמן מ׳סטרייקט, זיך אויסרוען.

אַ גערעכטע טענה, נישט? ווייסט איר וואָס זי האָט אים געענט־פערט?

— ביסט אַ ליגנער! אויב דו ווילסט רוען, וואָס־זשע שלעפּסטו מיך אין בעט?

האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן. וואָלט איר געמעגט הערן וואָס פאַר אַ צעטל זי האָט אים אויסגעלייענט!

— דזשאָהני איז געשטאָרבן צוליב אים! דזשאָהני האָט פאַרלאָרן זיין לעבן כדי אים זאָל זיין בעסער! שעמען דאַרף ער זיך! ליגן אין בעט און ניט גיין צו דזשאָהניס לוויה!

איז ער געבליבן זיצן אין בעט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און, ווען ער האָט באַנומען וואָס זי האָט געזאָגט, האָט ער זיך דערפילט זייער ני־דעריק אין אירע אויגן. ער האָט שטאַרק באַוואונדערט דעם געפיל פון אמת און יושר וואָס זי באַזיצט, זיך אַנטשולדיקט, אויף שנעל זיך אָנגע־טאָן און איז אַוועק.

דאָס שטייט זי איצט אויפן גאַניק צו זען אויב ער איז טאַקע אַוועק צו דער לוויה, און אַז זי איבערצייגט זיך אַז ער איז אַוועק וואו מ׳דאַרף, לויפט זי שנעל אַריין אין שטוב.

לאָמיר איר נאָכגיין און זען וואָס אין הויז קומט פאָר.

כדי איר זאָלט בעסער פאַרשטיין איר האַנדלונג דאַרפט איר וויסן אַז אין דעם צימער, דאַרטן מיט דער פאַרמאַכטער טיר, וואוינט אַ בחור. ער אַרבעט אויך אין דער וועבעריי, מיט איר מאַן צוזאַמען.

זי און דער בחור זיינען שוין אַריין אין דער צווייטער קאַטעגאָריע, מ׳קוקט זיך שוין גלייך אין די אויגן און מ׳רויטלט זיך שוין ניט. ביים טיש רעדט מען וועגן אומשולדיקע זאַכן. זיי עסן ווייניק, אָבער דאָס בלוט אַרבעט מעשים.

ביידע וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט צו זיין אַליין. ווען מ׳האָט געאַר־בעט אין דער וועבעריי האָט דער בחור אויך געאַרבעט, איז מען אַרונטער

אין סטרייק, איז דער מאַן געווען אין דערהיים. אָבער דזשאָהניס טויט האָט געעפנט פאַר איר נייע האָריזאָנטן. זי האָט געוואָלט אַז די לוויה זאָל אָנהאַלטן כאָטש אַ וואָך.

צו יעדן מיטינג האָט זי געטריבן דעם מאַן, אָבער ער האָט דווקא גע־וואָלט רוען. האָט ער געגרוט און ביי איר האָט געפּלאַצט דער געדולד, אָבער פון דער לוויה, האָט זי ביי זיך געטראַכט, וועט ער זיך שוין ביי איר ניט אַרויסדרייען. ווי איר ווייסט האָט זי געזיגט.

איצט זיינען מיר אין שטוב. זי קומט אַריין.

ווי זי טרעט אַריבער די שוועל מאַכט זי אָן אַ טומל. זי וואַרפט בכיוון אום אַ שטול, אויב ער שלאָפט נאָך דאָרטן זאָל ער זיך אויפכאַפּן. דערנאָך הויבט זי אָן זינגען. קיין שיינע שטימע האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט, איצט איז איר שטימע גרעבער, מגושמדיקער און הייזעריקער, אָבער עס איז ניט ווי זי זינגט, נאָר וואָס זי זינגט.

„אָה, דזשאָהני! אָה, דזשאָהני! האַו יו קען לאַוו . . .״

די פאַרבינדונג פון דזשאָהנין אין דעם לידל מיט דזשאָהנין ביים באַ־גרעבער גיט איר אַ מאָדנעם געפיל, אָבער די ווערטער זיינען דער אויס־דרוק פון איר גאַנצן וועזן, זינגט זי די ווערטער און, אַז עס קומט צום וואָרט „דזשאָהני״, זינגט זי בלויז דעם ניגון.

פון אונטער דער ערד זוכט זי אויס אַרבעט, זי זאָל זיין נעענטער צו זיין טיר, אָבער וואָס נעענטער זי איז צום טיר, הויבט דאָס בלוט אָן איר שפּאַרן אין האַלדז און זי ווערט הייזעריק.

אַזוי גייט אַן עטלעכע מינוט, ביז זי הערט אַ באַוועגונג אין זיין צי־מער. זי זעצט זיך, אויף גיך, אַוועק אין אַ ווינקל, אָבער אַזוי אויסגערע־כענט, אַז ווען ער׳ט אַרויסקומען זאָל ער זי מוזן זען. איין צרה — אין איילעניש האָט זי גאָרניט מיטגענומען מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען. איצט איז שוין צו שפּעט זיך אויפצוהויבן, ער קען אַרויסקומען. זיצט זי און עס וואַרפט איר הענט און פיס. ניט פאַר מורא, נאָר די הענט און די פיס קע־נען ניט רוען. ווען זי טוט עפּעס וואָלט זי ניט געווען אַזוי נערוועז.

וואָס דאָרטן אין צימער קומט פאַר זען מיר ניט, ווייל די טיר איז פאַרמאַכט. אַהאַ! דאָס הענטל פון זיין טיר באַוועגט זיך. זי פילט אַז זי קען דעם אָטעם ניט כאַפּן.

ער קומט אַרויס.

אַלץ וואָס יוגנט פאַרמאָגט שפּראָצט אַרויס פון זיין יעדן אבר. קיין

וואונדער ניט וואָס זי פּילט אַזוי. דער וואונדער איז בלויז וואָס זי האָט געוואַרט די גאַנצע צייט . . . איר האָט דאָך געזען איר מאַן ווען ער איז אַרויס פון שטוב ? אויב אַכט יאָר אַרבעט קען מאַכן אַזאַ תל פון אַ מענ־טשען, איז טאַקע אַרבעט די גרעסטע קללה.

ער עפנט די טיר מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט, ווי ער וואָלט פאַר־שפּעטיקט און ער דאַרף לויפן, ווען ער דערזעט זי אָבער אין ווינקל, ווערט זיין האַסטיקייט פאַרגליווערט. אַז זי האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט, איז ער גלייך צוריק אַריין אין צימער. ער זאַמט זיך דאָרטן ניט לאַנג. אָט אָט איז ער שוין צוריק אויף ד ע ר זייט. זי קוקט אַלץ ניט צו אים. בלייבט ער שטיין און זוכט אין די קעשענעס, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרגעסן, אָבער איר ווייסט דאָך, דאָס איז ניט מער ווי אַ מיטל צו פּטרן צייט.

דער בעסטער וועג צו ציען איר אויפמערקזאַמקייט וואָלט איצט גע־ווען ווען ער זאָגט איר „גוט־מאָרגן”. אַלע אינדערפרי זאָגט ער איר „גוט־מאָרגן”, איצט איז עס אים פון זינען אַרויס.

אָבער שטיין ביי דער טיר און זוכן אין די קעשענעס איז דאָך אויך ניט קיין פּלאַן, און אַרויסגיין האָט ער מורא. ווער ווייסט ווי לאַנג די שפּיל וואָלט אָנגעגאַנגען ווען ניט זי. זי האָט שוין מער ניט געקענט איינזיצן. האָט זי זיך אַ שטעל געטאָן, ניט געקוקט אויף אים און, אָפּגייענדיק עט־לעכע טריט, האָט זי פּלוצלונג אויסגעשריען:

— אוי ! איך האָב אייך ניט געהערט אַריינקומען !

— איך גיי צו דער לוויה, — האָט ער אַרויסגעשאָסן אין איין אָטעם.

פאַרוואָס ער גיט איר אָפּ רעכענונג וואוהין ער גייט איז אים ניט געווען קלאָר.

זי איז שוין איצט אַביסל רואיקער, אָבער ריידן קומט איר נאָך אָן גאַנץ שווער, גאַנצע שטיקער ליגן איר אין שלונג און זי קען זיי ניט ארונ־טערשלינגען. דאָך, פון איין שלונג ביזן צווייטן, זאָגט זי שנעל:

— מיין מאַן איז אויך אַוועק צו דער לוויה.

ער קען זיך ניט מוחל זיין למאַי ער האָט איר געזאָגט אַז ער גייט צו דער לוויה, איצט זוכט ער שוין אַ וועג ווי זיך אַרויסצודרייען, אָבער ווי אַזוי ?

די פּאָזע אין וועלכער ביידע געפינען זיך איז זייער קאָמיש. ער האַלט דאָס הענטל פון טיר, זי שטייט אינמיטן שטוב מיט איין פוס פאָראויס און מ׳קוקט ניט איינער אויפן צווייטן.

LIBRARY OF ... COMMUNITY ... TOMS RIVER, NEW J...

ווידער הויבט ער אָן:

— מ׳דאַרף גיין.

געמיינט האָט ער אַז זי וועט זאָגן:

— גייט ניט. — אָדער, — וואָס איילט איר זיך?

זי וואָלט עס אפשר געזאָגט אויך, ווען דאָס לשון דינט איר. אַז זי האָט געשוויגן, איז פאַר אים געבליבן איין אויסוועג — גיין!

איז ער אַוועק...

אָפּגייענדיק אַ פּאָר טריט, האָט ער זיך פאַרט ׳דערמאָנט אַז ער האָט עפּעס פאַרגעסן, און ער האָט זיך אומגעקערט...

מאַן און ווייב

מיר האָבן נאָך אַ פּאָר מינוט צייט, לאָמיר זיך באַקענען מיט פיליפּן.

פיליפּ, אָדער מר. פיליפּ דייוויס, איז געקומען אַהער אַלס פּשוטער וועבער. ווען עס האָט זיך דאָ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אָנגעהויבן די יוניאָן־באַוועגונג, האָט ער אויסגעפונען אַז ער איז אַ גלאַטיקער רעדנער. איצט איז ער שטאַרק פּאָפּולער אין מידלוויל, כאָטש ער איז שוין דריי מאָל גע־לאָפן פאַר אַ באַצאָלטן אַמט און איז נ י ט ׳דערוויילט געוואָרן, אָבער אין דער יוניאָן איז ער זייער טעטיק.

אָט דאָ וואוינט ער.

מיר האָבן אַביסל פּאַרשפּעטיקט, אָבער אַז מירן זיך צוהערן צו זייגע רייד וועלן מיר דערגיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

ווי איר זעט, איז זיין פרוי נישט געזונט. שוין אַ לאַנגע צייט אַז זי איז קראַנק. ער טוט אַלץ וואָס ער קען פאַר איר, וויפיל ער פאַרדינט גייט אַוועק אויף דאָקטוירים און רפואות.

ער שטייט ביי דער טיר, גרייט צו גיין. ער קערט זיך אום, גייט צו צו איר און זאָגט:

— געדענק, אין אַ האַלבער שעה אַרום דאַרפסטו נעמען די טראָפּנס.

— כ׳וועל נעמען, — ענטפערט זי.

ער בלייבט שטיין.

שוין אַ האַלבע שעה אַז ער מאַנעווורירט אַזוי זי זאָל אים ניט ענטפערן אַזוי אָפּגעהאַקט. ער איז אין אַ מאָדנער לאַגע — עמיצער וואַרט אויף

אים, איז ווען עס איז געשעפט, אָדער כלל־אַרבעט, הויבט ער זיך אויף און גייט אַוועק, ער האָט עס פריער אויך געטאָן, אָבער איצט איז זיין געוויסן ניט אינגאַנצן ריין. ער וויל זי זאָל אים זאָגן פראָסט און פשוט:

— איך בין אַליין. גיי!

אָט־די עטלעכע ווערטער קאָן ער פון איר ניט אַרויסציען.

הויבט ער אָן איבער אַ נייעס:

— דזשאָהני ליגט ביים באַגרעבער, אַ טויטער. דזשאָהני האָט גע־קענט לעבן פונקט ווי דו, פונקט ווי איך. דזשאָהני האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן פאַר אונדז! איז דאָך ניט מער ווי רעכט איך זאָל גיין צו זיין לוויה.

— טאָ גיי! — ענטפערט זי.

עס איז אַלץ ניט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט פון איר אַרויסקריגן, אָבער ער פילט שוין אַז איר טאָן איז איצט עטוואָס ווייכער.

— אוודאי גיי איך צוליב זיך? — זאָגט ער, איר איבערצייגן אַז ער איז גאָר דער מאַרטירער.

אָבער זי איז קראַנק און וויל זייער ניט בלייבן אַליין. זאָגט זי:

— כ׳בין דאָ אַליין אין שטוב, ס׳איז דאָך ניטאָ ווער ס׳זאָל מיר דער־לאַנגען אַביסל וואַסער.

— איך וועל דיר אָנגרייטן וואַסער.

ער דערלאַנגט איר וואַסער און וואַרט ווידער זי זאָל אים הייסן גיין ווי ער וויל.

— פאַרוואָס גייסטו ניט?

— כ׳האָב דיר געזאָגט, כ׳וועל זיך ניט רירן פון אָרט ביז וואַנען איך וועל ניט פילן אַז דו מיינסט וואָס דו זאָגסט.

— פאַר די לעצטע פינף יאָר ביסטו יעדן אָוונט אַוועקגעגאַנגען און מיך קיינמאָל ניט געפרעגט, פאַרוואָס מאַטערסטו מיך היינט?

ווען ער האָט באַנומען אירע רייד, האָט ער דערפילט אַז זי פאַרדעכ־טיקט אים, איז ער אַריין אין דער ראָלע פון דעם געטרייען און איבערגע־בענעם מאַן:

— ווייל דו ביסט קראַנק.

מיט די עטלעכע ווערטער האָט ער זיך באַנאַרישט. ער האָט אָנגע־רירט זייער אַן אָנגעווייטיקטן פונקט. די שפּיצן פון אירע באַקן האָבן זיך אָנגעהויבן רויטלען און, מיט ברייט צעעפנטע אויגן, האָט זי גלייך געקוקט אויף אים.

— איך קרענק שוין פון אַ יאָר, און דו ווייסט פאַרוואָס.

זי איז געדערכט. אָבער ער וועט דאָך עס איר ניט צוגעבן, טוט ער דאָס אויף אַ זייער געשיקטן, דיפּלאָמאַטישן אופן. דער איינציקער וועג איז איר איצט איבערצייגן אַז ער איז גאָר דער, וועלכער דאַרף סימפּאַטיע. שיסט ער פּלוצלונג אויס:

— כלהוויז ביסטו אויך ניט געווען קיין געזונטע.

דאָס האָט געווירקט. עס איז אמת. אָבער אויך זי וועט דאָך ניט צוגעבן אַז ער איז גערעכט, ווענדט זי אויך אָן דעמזעלבן מיטל וואָס ער — סימפּאַטיע.

די לאַנגע אָוונטן אַליין אין שטוב וואָלטן דאָך געקענט קראַנק מאַכן דעם געזונטסטן מענטשן.

יאָ, אָבער אַלע אָוונטן האָט ער דאָך געטאָן כלל־אַרבעט, זיין געוויסן איז ריין, און ער לאָזט עס איר טאַקע גלייך פילן.

— האָט מען גערדאַרפט לאָזן אַ גאַנצע שטאָט אונטערן קנאָפּל פון דזשאָהן דזשיי הילטאָן, ווייל דו האָסט מורא צו זיין אַליין אין שטוב.

דאָס אָפּגעזאָגט, פילט ער אַז ער האָט די אויבערהאַנט איבער איר. זי פילט אויך אַזוי. זי ווייסט אַז ער איז געווען טעטיק אין דער יוניאָן, וויל זי איצט כאַפּן אַלץ צוריק.

— בין איך דאָך געווען אַליין אין שטוב.

דער זיגער לאָזט קיינמאָל ניט אָפּ זיין קרבן ביז וואַנען ער גיט זיך אים איינגאַנצן ניט אונטער, רעדט ער שוין איצט מיט אַ העכערן טאָן:

— טאָ וואַרף מיר ניט אויף אַז צוליב מיר ביסטו קראַנק!

— ווער וואַרפט דיר אויף? האָסט זיך אָנגעטאָן, ווילסט גיין, טאָ גיי! וואָס פאַרענטפערסטו זיך אַז דו מוזסט גיין? אוודאי דאַרפסטו גיין. ווען איך בין געזונט וואָלט איך אויך געגאַנגען.

עס גייט שוין אויף אַ לאַד. עס איז שוין כעמט ווי דאָס וואָס ער האָט געוואָלט פון איר אַרויסקריגן. ער איז צופרידן, אפילו אַביסל באַגייסטערט. ער גייט צו צו איר, נעמט זי אַרום, גיט איר אַ לייכטן קוש אויפן שטערן:

— אָ, דאַרלינג! צוליב דעם אַליין איז אַלץ כדאַי געווען. דו ווייסט גאָרניט ווי שטאָלץ איך בין מיט דיר איצט!

ער פילט ניט ווי ער גייט אַריין אין עקסטאַז:

— די לוויה דאַרף זיין די גרעסטע דעמאָנסטראַציע וואָס מידלוויל האָט ווען עס איז געזען! און ניט נאָר מידלוויל! וואָס די גאַנצע וועלט

האָט ווען עס איז געזען! נו טאַקע, האָט דזשאָהני עמיצן אין זיין לעבן שלעכטס געטאָן? פאַרוואָס איז אים געקומען אַזאַ טראַגישער טויט? האָ, פאַרוואָס? פאַרוואָס איז ער אַזוי פרי פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט?

ער איז אַ געבוירענער אָראַטאָר. ער פילט אַז ער האָט זיך אַליין אי־בערצייגט אַז ער דאַרף גיין צו דער לוויה און ניט אַהין. און ווי ער קעמפט מיט זיך, וואוהין ער זאָל גיין, באַמערקט ער אַז דער אויסדרוק פון זיין ווייבס אויגן הויבט אָן שלאָגן אין אַ מילדקייט.

— אפשר זאָל איך אויך זיך אָננעמען מיט כוח און גיין צו דער לוויה?

אירע עטלעכע ווערטער האָבן אים מיט אַמאָל אויסגעניכטערט. ער האָט דערפילט אין וואָס פאַר אַן אומגליק ער האָט זיך אַליין אַריינגע־שלעפט, איז ער געבליבן שטיין און געפילט אַז אים פעלן אויס ווערטער.

— ד—ד—דו?

— יאָ, איך. זאָגסט דאָך אַליין, מ׳דאַרף ווייזן דער וועלט.

ער שטייט מיט אַן אָפענעם מויל. ער פילט אַז אָט־אָט גייט זי אַרונ־טער פון בעט, זי מאַכט שוין אַ באַוועגונג זיך אויפזעצן, ווערט ער אַ פאַר־ציטערטער.

— ווי קענסטו גיין? דו ביסט דאָך קראַנק!

— אָט בין איך דאָך נעכטן אויך געווען אינדרויסן.

פון נערוועזיטעט צעלאַכט ער זיך.

— אַ שיינער פאַרגלייך! צוגיין אין גראָסערי און גיין צו אַ לוויה!

— וואָס איז דער חילוק?

וואָס זאָל ער איצט טאָן? זי זיצט שוין, און אָט שטעקט זי שוין אַרויס אַ פוס פון אונטערן צודעק.

— הער זיך איין, — הויבט ער אָן מיט אַ באַפעלערישן טאָן. — דו דאַרפסט ליגן אין בעט. וואָס דו קענסט יאָ טאָן, איז מיך לאָזן גיין מיט אַ גרינגג האַרץ.

— נו, אָלרייט, גיי!

ער האָט אויסגעפירט זיינס. ער גיט אַ קוק אויפן זייגער, ס׳איז אים פאַרבליבן זייער ווייניק צייט, ער דאַרף נאָך דורכפירן עטלעכע זאַכן. ער־שטענס, דאַרף ער איר לאָזן וויסן אַז גלייך נאָך דער לוויה קומט ער ניט אַהיים. קערט ער זיך אום צום פריערדיקן שמועס. ער הויבט אָן מיט אַן אומשולדיקן געלעכטער:

— הע, הע. מיר געפעלט גראַדע וואָס דו ווילסט גיין צו דער לוויה.

דו ווייסט ניט, די גאַנצע אַרבעט בלייבט אויף נאָך דער לוויה.
— וואָס פֿאַר אַן אַרבעט ?
— וואָס מיינסטו וואָס פֿאַר אַן אַרבעט ? מיינסט מ׳עט באַגראָבן דזשאָהנין און שוין ?
— וואָס נאָך ווילט איר טאָן מיט אים ?
— מיט אים טאָקע ניט. אָבער מ׳דאַרף אָפּהאַלטן אַ מיטינג.
— מיטינגען קען מען דאָך מאָרגן אויך האַלטן.
— מאָרגן וועט מען אויך האַלטן מיטינגען, איבערמאָרגן אויך. אָבער היינט דאַרף מען אויך אָפּהאַלטן אַ מיטינג. (פּויזע) דעריבער זאָג איך דיר טאָקע, אויב כ׳וועל זיין אַביסל שפּעטער, זאָלסטו וויסן זיין אַז דאָס איז צוליב דזשאָהנין.

ער גלייכט זיך אויס. זיין טראָט איז איצט אַ זיכערער. ער באַוואונדערט זיך אַליין ווי קלוג ער האָט אַלץ דורכגעפֿירט. ווען ער קומט צו צום פֿענצטער פֿאַלט זיין אויג אויפֿן אויטאָמאָביל. ער דערמאָנט זיך אַז ער האָט קיין וואָרט ניט דערמאָנט אַז ער נעמט דעם אויטאָמאָביל, בלייבט ער ווידער שטיין.

— איך בין צופֿרידן וואָס דער אויטאָמאָביל איז פֿאַרטיק.
— וואָס דאַרפֿסטו דעם אויטאָמאָביל צו דער לוויה ?
— מ׳דאַרף דאָך פֿאָרן אויפֿן בית־עולם !
— האָסט׳אַך געזאָגט — דעמאָנסטראַציע !
— יאָ, וועלן מיר דעמאָנסטרירן אין אויטאָמאָביל.
— אויב אין אויטאָמאָביל, קען איך דאָך אויך פֿאָרן.

שלעכט. וואָס זאָל ער איצט טאָן ? ער מוז ווידער שפּילן דעם געטרייען איבערגעבענעם מאַן.

— דאַרלינג ! דו ביסט קראַנק ! דו וועסט זיך אומברענגען אויב דו וועסט אַרויס פֿון הויז אין אַזאַ וועטער.
— אָבער איך קען ניט איינליגן. אָרעמער דזשאָהני !
— נעם זיך אַן מיט כּוח און ליג.

מער טאָר ער דאָ קיין מינוט ניט פֿאַרבלייבן. אַ חוץ דעם וואָס איר קען ווידער איינפֿאַלן אַ ווילדער געדאַנק, מוז ער שוין גיין, ווייל זי וואָרט אויף אים.

שפּעטער האָט מען ביי דער לוויה איבערגערעדט אַז דאָס וואָס פֿיליפּ

איז ניט געקומען איז דערפאר ווייל זיין ווייב איז קראנק. און אזוי ווי ער איז זייער אן איבערגעבענער מאן, איז ער געבליבן אין דערהיים.

מיר האבן נאך א פאר מענטשן, מיט וועלכע מיר דארפן זיך באקענען, ווי למשל פרענק מארי, וועלכער איז אין שטעטל פארעכנט פאר עוועלין גרעיס חתן; רות, דזשאהניס שוועסטער; ריטשארד וואהייט, דער פארחלומטער אידעאליסט, און נאך א פאר. אבער מיר האבן איצט קיין צייט ניט. דער פייף וואס איר האט נאר וואס געהערט, דאס איז פון דער באן אויף וועלכער מעלווין הילטאן פארט. אין עטלעכע מינוט ארום וועט זי אריינפארן אין סטאנציע.

די באגעגעניש צווישן דזשאהן דזשיי הילטאן און זיין זון דארף זיין זייער אינטערעסאנט. קומט!

מיט זיין גאנצער חכמה און סטראטעגיקע האט הילטאן פארזען איין זאך—אז אויף דער סטאנציע קען זיך געפינען א מענטש וואס זאל אים דערקענען, און דאן ווערן צעפאלן אלע זיינע פלענער. דא האט זיך טאקע ארויסגעוויזן אז דער חכם איז גאר פיטער, ניט הילטאן. ווען דער שאופער פרענק פארט אליין צו דער סטאנציע וואלט אלץ אריבער גלאטיק, מאלע וואס הילטאנס אויטאמאביל פארט צו דער סטאנציע? אבער דזשאהן דזשיי הילטאנען קענען דאך אלע, און גראד האבן זיך ביי דער סטאנציע געפונען עטלעכע סטרייקער.

הילטאן פארדעכטיקט נאך אלץ אז עמיצער האט אנגעזאגט די סטרייקער וועגן מעלווינס קומען. דאס איז אבער ניט אמת.

אט־די סטרייקער זיינען געווען פון יענעם טיפ מענטשן, וואס פלעגן פארברענגען זייער פרייע צייט ביי דער סטאנציע, זיי האבן געוואלט זען די נייע פנימער, באוואונדערן דעם לאקאמאטיוו און זיך וועטן צווישן זיך אויף וויפיל די באן וועט פארשפעטיקן.

ווען הילטאנס אויטאמאביל איז צוגעפארן צו דער סטאנציע, זיינען זיי צוגעקומען בלויז אויס נייגעריקייט, געוואלט וויסן וואס פאר א סארט אויטאמאביל דאס איז, ווי שנעל ער קען לויפן, וויפיל גאזאלין ער פארנוצט און אזוי ווייטער. זיי האבן באלאנגט צו דעם טיפ מענטשן, וואס די גרעסטע וועלט־געשעענישן גייען זיי ניט אן, נאר ווייזט זיי א ניי דריידל אין אן אויטאמאביל וועלן זיי אריינפאלן אין התפעלות און זיי וועלן ניט רוען

ביז זיי וועלן אַלץ אויסגעפינען, ביזן קלענסטן דעטאַל.

הילטאָן, ווידער, אַז ער האָט דערזען ווי מ׳קוקט אויף זיין אויטאָמאָ־ביל מיט חשד, האָט ער אויף שנעל געמוזט בייטן די פלענער, אָנשטאָט דעם פרענק זאָל אַליין גיין נאָך מעלווינען, האָט ער איצט געמוזט מיט אים מיט־גיין, ווייל ער האָט מורא געהאָט צו בלייבן אַליין אין אויטאָמאָביל.

ביי זיך אין אָפיס, אָדער אין פאַבריק, איז ער קלוג, שטאַרק און שטאָלץ. ער וועט שרייען, באַליידיקן און אַפילו אָננעמען פאַרן קאָלנער און אַרויסוואַרפן. איז ער אָבער אַוועק פון אָפיס, פילט ער זיך קליין, ביש־טיק און פאַרלאָרן. אָט־די פאַרלאָרנקייט האָט זיך אַפילו געפילט אין זיין גאַנג. מיט אַלע זיינע כוחות האָט ער געפּרואווט אָנהאַלטן זיין שטאָלצן גאַנג, אָבער זיינע אויסגעבויגענע פיס האָבן געפילט ווי די ערד בויגט זיך אונטער זיי, און אויפן רוקן האָט ער דייטלעך געפילט דאָס אָרט, וואו אָט־אָט כאַפּט ער אַ זעץ.

אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן צו שטילן זייער כעס איז געווען — מאַכן עטלעכע באַמערקונגען. אָבער די באַמערקונגען האָבן אים מער ווי גע־טאָן ווי קלעפּ.

פון קינדווייז אָן האָט אים זייער געקרענקט ווען מ׳פלעגט מאַכן אַ באַמערקונג וועגן זיין גאַנג. גאַנץ מעגלעך אַז זיינע קרומע פיס און זיין פלאַטשיקער פנים זיינען געווען דער סוד וואָס האָט געמאַכט זיין ווילן אַזוי אייזן שטאַרק.

אפשר וואָלט בעסער געווען ווען די סטרייקער וואָלטן ניט דערמאָנט זיינע קרומע פיס, נאָר אַפּעלירט צו זיינע מענטשלעכע געפילן. דאָס איז געווען די איינציקע געלעגנהייט וואָס זיי האָבן געהאָט צו ריידן מיט אים, אים דערציילן ווי זיי לעבן אין דחקות און בויט, אינדערפרי ווילן זייערע קינדער מילך און ס׳איז נישטאָ, אין אָוונט ווילן זייערע ווייבער אַרויסגיין אין גאָס און זיי האָבן ניט קיין קליידל אויפן לייב. זיי פאַרלאַנגען ניט וואוינען ווי ער, אין אַ שלאָס אויפן באַרג. זיי זיינען צופרידן צו וואוינען אין זייערע חורבות, נאָר האָבן גענוג צו באַצאָלן דירה־געלט. און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אָבער מר. הילטאָן איז אויסגעוואַקסן אין זייערע אויגן אין אַ מאָדנער באַשעפעניש. ווען מ׳האָט געאַרבעט איז די מורא פאַר אים געוואַקסן פון טאָג־צו־טאָג, איצט, אַז מ׳איז אַרונטער אין סטרייק, איז די מורא פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין פאַראַכטונג, שנאה און צאָרן.

איצט, אַז זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי אויסגעגאָסן די גאַנצע ביטערניש וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. מ'האָט אים אָנגערופן מיט די ערגסטע נעמען וואָס איז זיי געקומען אויף די ליפּן. ער איז אַנטלאָפן פון זיי, אָבער זיי זיינען אים נאָכגעלאָפן און נאָכגעשריען, און דאָס איז פאַר אים געווען ערגער ווי קלעפּ. יעדער וואָרט, יעדע באַמערקונג האָט איבערגעלאָזן אַ טיפע וואונד אין זיין האַרצן, און ער האָט געשוואָרן: נאָך מער נקמה נעמען פון זיי.

ער איז שטאַרק! ער איז מעכטיק! די געזעצן זיינען מיט אים! די פּאָליציי איז צו זיין דינסט! אַפילו די אַרמיי איז גרייט אים צו באַשיצן! ער איז דער גערעכטער און זיי זיינען בלויז הינט! הינט, וואָס זיינען אים באַפאַלן, און ער דאַרף אַננעמען אַלע מיטלען זיי צו פאַרטרייבן, אַפילו זיך באַנוצן מיט אַ שטעקן!

ניט ווייט איז געשטאַנען אַ פּאָליסמאַן. האָט ער אים צוגערופן און אים געהייסן ער זאָל זיי אַרעסטירן.

דער רויך און דאַמף פון דער אָנקומענדיקער באַן זיינען, ווי ווייסע און שוואַרצע האָזן, פון דערווייטנס, געשפּרונגען אויף די בערג.

דער לאָקאָמאָטיוו, אַרויסשלעפּנדיק די וואַגאָנעס פון די בערג אין אַ האַלבן קרייז, האָט אויסגעזען ווי דער קאָפּ פון אַ ריזיקער שלאַנג. און וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען, אַלץ גרעסער און מעכטיקער איז ער געוואַקסן און אָנגעפילט די לופט אַרום מיט גבורה און מאַיעסטעטישקייט.

ווען מעלווין איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אין זיין אוניפאָרם אהיים, איז ער פאַר הילטאָנען געווען ווי אַ ניי־געבוירענער. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט אים פריער קיינמאָל ניט געזען. גרויס דרך־ארץ האָט ער פּלוצלונג צו אים דערפילט, אַ דרך־ארץ אויסגעמישט מיט קנאה, וואָס ער האָט אַלע זיינע יאָרן געפילט צו די שלאַנק־געוויקסיקע חברים זיינע.

הילטאָן האָט זיך דערמאָנט אָן די מעשיות, וואָס זיין טאַטע האָט אים קליינערהייט דערציילט וועגן זיינע אור־עלטערן, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר פוילנס זעלבסטשטענדיקייט. אָט־די מעשיות האָבן היפּש צעשפּילט זיין פאַנטאַזיע — ער האָט אַלע מאָל זיך געזען אָנגעטאָן אין אַ מונדיר. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַזוי הינגעריסן געוואָרן פון די מיליטערישע פּאַראַדן, אַז ער האָט געוואָלט פריייוויליק זיך אָנשליסן אָן דער אַרמיי, אָבער צוליב זיין וואוקס האָט מען אים ניט אָנגענומען.

ווען מעלווין איז געקומען אהיים אויף אורלויב, איז הילטאָנען ווידער באַפאַלן אַ פאַרלאַנג צו טראָגן אַ מונדיר. איצט, אַז ער איז רייך, אַן אַנ־געזעענער בירגער — האָט ער געדענקט — וועט ער דאָס קענען אויספירן. האָט ער זיך אָנגעפרעגט וואָס פאַר אַ ציווילער אָמט, אין באַצוג צו העלפן מלחמה־טעטיקייטן, וואָלט אים דערלויבט צו טראָגן אַ אוניפאָרם. אָבער מיט זיין גאַנצן פאַרמעגן איז אים דאָס ניט דערלויבט געוואָרן. ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיטן מונדיר, וואָס מעלווין האָט געטראָגן, און מיט די מונדירן פון די קרובים אויף די בילדער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר פוי־לישער זעלבסטשטענדיקייט. אויף איינעם פון די בילדער איז זיינער אַ קרוב אין אַ מונדיר געזעסן אויף אַ פערד. פון דעם בילד האָט ער זיך ניט געקענט אָוועקרייסן. ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז אָט דער קרוב זיינער איז אויך געווען אַזוי קורץ ווי ער, און ער האָט אויך געהאַט אויסגעבוי־גענע פיס. נאָר יענער קרוב האָט זיך אויסגעקליבן אַזאַ אָמט, וואו ער האָט געקענט זיצן אויף אַ פערד, — זעען זיך זיינע אויסגעבויגענע פיס ניט אָן. הילטאָן עסט־איין זיינע אויגן אין דעם אָנקומענדיקן לאַקאַמאָטיוו — ביז ער ווערט פאַרוואָסערט און צעשוואומען, און זיין פּלאַץ פאַרנעמט מעלווין דער ריז, וועלכער גייט פאַראויס פון אַ לאַנגער רייע סאָלדאַטן.

מיט אימפּעט איז די באַן אָנגעלאָפן, פלוצלונג שטיין געבליבן, אויס־געשפּיגן מעלווינען מיט נאָך אַ סאָלדאַט אויף קוליעס און, סאָפּענדיק, וויי־טער אָוועק.

פאַרוואָס הילטאָן האָט געוואַרט ביז מעלווין וועט צוקומען צו אים, האָט ער זיך קיין רעכענונג ניט געקענט אָפּגעבן. אפשר דערפאַר, ווייל מעלווין איז געגאַנגען מיטן צווייטן סאָלדאַט, האָט ער געוואַרט ביז יענער וועט אָוועק. אָבער מעלווין איז פון יענעם ניט אָפּגעטראָטן, ביז ער איז כמעט אַרויף אויף הילטאָנען.

— מעלווין!

— פאָטער!

ווען זיי וואָלטן געווען גלייך אין וואוקס, וואָלט אפשר הילטאָן צוגע־בויגן זיין קאָפּ צום זון און זיי וואָלטן זיך צעקושט. אָבער אַזוי ווי מעל־ווין איז געווען העכער, און ער האָט ניט געמאַכט קיין פאַרזוך זיך אַראָפּ־צובויגן, איז די האַסטיקייט אָפּגעשטאָרבן און די גאַנצע באַגעגעניש האָט

זיך געענדיקט מיט אַ האַנט־דרוק. נאָך אַ ווײַלע שטיין, האָט הילטאָן אַ שלעפּ געטאָן מעלווינען פאַר דער האַנט!

— קום! לאָמיר גיין!

— טאַטע! — האָט מעלווין אָנגעוויזן אויפֿן צווייטן סאָדלאָט — דאָס — דאָס איז דזשים, דזשים טײַלאָר. מיר האָבן געדינט אין איין קאָמ־פּאַניע.

טײַלאָר האָט צוגעטאַנצט מיט די קוליעס נעענטער צו אים און אויס־געשטרעקט זײַן האַנט. מעלווין האָט אַרײַנגערוקט הילטאָנס האַנט אין זײַנער.

— אים איז שווער צו גיין — האָט מעלווין אַ זאָג געטאָן — מירן אים צופֿירן אַהיים.

— וואו וואוינט ער? — האָט הילטאָן אַ פֿרעג געטאָן ניט קוקנדיק אין טײַלאָרס זײַט.

— אונטן, אין טאָל, אין דער צווייטער זײַט שטאָט.

— אָבער מיר פֿאָרן דאָך ניט דורך דער שטאָט — האָט הילטאָן זיך געוועדט.

— ער קען דאָך אָבער ניט גיין — האָט מעלווין אָנגעוויזן אויף די קוליעס.

אויף אַזאַ זאַך האָט זיך הילטאָן שוין ניט געריכט. אַ גאַנצן פֿרימאָרגן האָט ער זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי אויסצומײַדן דאָס שטעטל אונטן, איצט נאָ דיר אַזאַ אומגליק. אַן אַנדערש מאָל וואָלט מעלווין בײַ אים אַזאַ זאַך ניט געפּועלט, אָבער איצט האָט ער דרך־ארץ פֿאַר בײדע מונדירן. אגב וויל ער זיך ניט אײַנרײַסן מיט מעלווינען, אָבער דורכן שטעטל קען ער דאָך ניט פֿאָרן, איז ער געפֿאַלן אויף אַן המצאה. ווען זיי זײַנען צוגעקו־מען צום אויטאָמאָביל, האָט ער געזאָגט פֿרענקן:

— נעם אונדז אַהיים, דערנאָך ווע״סטו נעמען דעם יונגנמאַן וואוהין ער וויל.

דאָס האָט ער, אויף זײַן אופֿן, געלאָזט וויסן אי מעלווינען, אי טײַ־לאָרן, אַז ער האָט מיט טײַלאָרן קיין שייכות ניט.

אין דעם הינטערשטן טייל פֿון אויטאָמאָביל איז טײַלאָרס „פֿוס" גע־לעגן אויסגעצויגן לאַנג און שטײַף. אַזוי ווי די לענג פֿון אויטאָמאָביל איז געווען צו קורץ, האָט טײַלאָר געמוזט אָוועקלייגן דעם פֿוס עטוואָס אין דער ברייט, און יעדער טרייסל פֿון אויטאָמאָביל האָט אים כמעט אַרויפֿגעוואָרפֿן

אויף הילטאָנס שויס. וויפיל הילטאָן האָט זיך ניט געפּרואווט אָוועקרוקן פון טיילאָרן, האָט עס אים ניט געהאָלפן.

צוקומענדיק צום שלאָס, איז הילטאָן גלייך אַרויסגעשפּרונגען. ער האָט זיך אַפילו ניט אַנטשולדיקט פאַר טיילאָרן, ווען ער האָט זיך פאַר־טשעפּעט אָן זיין פוס; אַזוי אומגעדולדיק איז ער געווען.

דאָ, האָט ער גערעכנט, ווען ער וועט פּטור ווערן פון טיילאָרן, וועט ער ערשט זיך אַרומכאַפּן מיט מעלווינען. אָבער מרס. הילטאָן איז אים פאַרלאָפן דעם וועג, אַרומגעכאַפּט מעלווינען און אים ניט אָפּגעלאָזן. זי האָט אים געהאַלטן אין איין קושן און דריקן צו זיך. דזשאָהן דזשיי היל־טאָן איז געשטאַנען ביי דער זייט און געברענט מיט אומגעדולד.

— וועסט אים קושן שפּעטער — האָט ער געהאַלטן אין איין איבער־חזרן — זאָל ער זיך אַרומוואַשן.

אָבער זי האָט זיך געהאַלטן ביי אירס:

— מיין קינד! מיין מעלווין!

ענדלעך זיינען זיי אַריינגעגאַנגען אין שטוב. מרס. הילטאָן און מעל־ווין זיינען אַרויפגעגאַנגען אויבן, מר. הילטאָן איז געבליבן אונטן. ער האָט ארומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער, זיך געגרייט ווי אַזוי צו דערקלערן מעלווינען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען אין די לעצטע עטלעכע וואָכן.

הילטאָנען האָט זיך געדוכט, אַז עס האָט געדויערט אַן אייביקייט ביז מעלווין איז אַרונטערגעקומען. אין דער ווירקלעכקייט האָט עס געדויערט ניט לאַנג. ער האָט זיך בלויז אַרומגעוואַשן און אָנגעטאָן אַ בלויען ציווילן אָנצוג, און הילטאָן האָט פאַר זיך ווידער דערזען דעם מעלווין, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַזוי פיל צרות. דער דרך־ארץ, וואָס ער האָט געהאַט פאַר אים אין מונדיר, איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

מעלווין האָט זיך געפילט מאָדנע אין די ציווילע קליידער. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז געוואָרן דין, איינגעשרומפּן; די קנעפּלעך פון רעקל האָט ער געהאַלטן אין איין פאַרשפּיליען און אָפּשפּיליען.

— כ׳וועל זיך איצט דאַרפן צוגעוואוינען צו די קליידער — האָט מעלווין אַ זאָג געטאָן.

— וועסט זיך דאַרפן צוגעוואוינען צו אַ סך זאַכן.

הילטאָן האָט געמיינט, אַז מעלווין וועט אים פרעגן צו וועלכע זאַכן ער דאַרף זיך עס צוגעוואוינען, — דאַן וואָלט ער אים אַלץ דערציילט מיט

אַ סדר. אָבער מעלווין האָט אַפילו ניט געהערט וואָס דער פאָטער האָט אים געזאָגט. אויף דעם פּלאַץ, אויף דער סאָפע איז ער שוין פיל מאָל געזעסן; אָבער איצט, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער זיצט דאָ צום ערשטן מאָל, און זיין טאַטע, האָט זיך אים געדוכט, איז פיל קלענער געוואָרן ווי ווען ער האָט אים איבערגעלאָזן.

— מעלווין! — האָט הילטאָן פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן, בויגנדיק זיך אַהין און אַהער מיט יעדן טראַט, וואָס ער האָט געגעבן.

— יאָ.

— איך האָב דיר פריער געזאָגט: וועסט זיך דאַרפן צוגעוואוינען צו אַ סך זאַכן.

— יאָ.

— אינטערעסירט דיך גאָרניט צו וויסן וועלכע זאַכן? — האָט זיך הילטאָן אָפּגעשטעלט לעבן אים.

— האַ?

— מיר וועלן ריידן שפּעטער. איצט לייג זיך צו און רו זיך אָפּ.

— איך בין נישט פאַרמאַטערט.

— ווילסט גאָרניט וויסן וואָס דאָ קומט פאָר?

— ניין — האָט ער געצוואונגען אַ שמייכל געטאָן.

— איך פאַרשטיי דיך ניט.

— איך פאַרשטיי דיך אויך ניט.

— נו — האָט הילטאָן אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס — דאַרף מען ניט ריידן.

— דו האָסט אַפּנים פאַרגעסן, אַז ס'איז געווען אַ מלחמה.

— ס'איז דאָך שוין אָבער נאָך דער מלחמה.

— פאַר דיר איז נאָך דער מלחמה, אָבער ניט פאַר מיר, פאַר מר. טיילאָרן און די מיליאָנען אַנדערע.

— איך האָב געטראַכט: אפשר איז צו פרי פאַר אונדז צו ריידן; אָבער היינט איז דאָך פּונקט אַזוי גוט ווי מאָרגן, צי איבערמאָרגן. עס זיינען דאָ עטלעכע זאַכן, וואָס דאַרפן דערליידיקט ווערן.

— אָבער איך בין דאָך אַזוי ווייט דערפון.

— טאַקע דערפאַר וויל איך דיר דערקלערן.

פאַר דער צייט וואָס מעלווין איז געווען אַוועק, איז דער טאַטע זיי־נער, מיט זיינע האַנדלונגען, פאַר אים אינגאַנצן צעשוואומען געוואָרן.

איצט קומט אים ביסלעכווייז אַלץ צוריק. ער ווייסט, אַז דער פאַטער וועט אים שוין ניט אָפּלאָזן ביז ער׳ט דורכפירן זיינס.

— טאַטע !

— פאַרשטייסט דאָך — איז אים הילטאָן אַריינגעפאַלן אין די רייד — די מלחמה איז געענדיקט און מ׳מוז זיך צוריק איינאָרדענען, און וואָס שנעלער אַלץ בעסער.

— איינאָרדענען וואָס ?

— זאַכן זיינען דאָ ניט געגאַנגען ווי געהעריק — האָט ער אָנגעהויבן רעדן סודותדיק, מיט אַ כיוון אָנצוצינדן מעלווינען מיט נייגעריקייט.

מעלווין האָט געשוויגן. ער האָט געקוקט אויפן טאַטן, וואָס איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן מיט יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, און האָט ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי זיין טאַטע פאַרנעמט זיך מיט אַזוי־נע נאַרישקייטן. פאַר זיינע אויגן איז אַ וועלט חרוב געוואָרן, און זיין טאַ־טען ליגן אין זינען נישטיקע געשעפטן.

הילטאָן האָט געוואַרט מעלווין זאָל אים עפּעס פרעגן. ווען מעלווין האָט אָבער געשוויגן, האָט ער ווידער אָנגעהויבן :

— כל־זמן די רעגירונג האָט געהאַלטן די אַרבעטער אין צאַם, איז אַלץ געגאַנגען ווי געהעריק. די וועבעריי האָט געאַרבעט כמעט אינגאַנצן פאַר דער רעגירונג. אָבער אַזוי שנעל ווי שלום איז דערקלערט געוואָרן, האָט זיך עס גלייך אָנגעהויבן.

— וואָס ?

— די אומרועןן.

— וואָס פאַר אומרועןן ?

— דער סטרייק.

— דער סטרייק ?

— שוין זעקס וואָכן, אַז זיי סטרייקן.

— ווער ?

— די אַרבעטער.

— פאַרוואָס סטרייקן זיי ?

— ביי זיי איז דען דאָ אַ פאַרוואָס ?

— וואָס ווילן זיי ?

הילטאָנס אויגן האָבן אויפגעבליצט, זעענדיק אַז דער זון ווייזט אַרויס אַן אינטערעס.

— מיין זון! — האָט זיך הילטאָן צוגעזעצט צו אים — כ׳ווייס, איך האָב דיך געדאַרפט לאָזן אַפּרוען עטלעכע טעג. אָבער עס איז קיין צייט ניטאָ. וואָס אַ טאָג ווערט ערגער און ערגער.

— פאַרוואָס סטעלסטו ניט דעם סטרייק?

— ווייל ער איז שוין צופיל פאַרפלאָנטערט.

— וואָס מיינסטו?

הילטאָן האָט בלויז געוואָלט מעלווין זאָל אים אויסהערן, ניט פרעגן קיין פראַגן. אָבער איגנאָרירן אים האָט ער אויך נישט געקענט. האָט ער אָנגעהויבן זיך פאַרטיידיקן:

— אַ געשעפט האָט אַ חוץ געלט־ענינים אויך פרינציפּן.

— איך ווייס — האָט מעלווין צוגעגעבן.

— טאָ וואָס־זשע פאַרוואַרפסטו מיך מיט פראַגן?

— איצט, טאַטע, איז אַן אַנדערע וועלט.

— מיט וואָס איז איצט אַנדערש ווי געווען?

— די מלחמה האָט צעבראָכן די אַלטע וועלט. איצט בויט מען אַ נייע.

— אָט דאָס, וואָס דו האָסט אין זינען, איז פאַר אייראָפּע, ניט פאַר אַמעריקע.

— ס׳איז ניטאָ מער קיין אייראָפּע און קיין אַמעריקע, ס׳איז אַלץ איינס. די וועלט איז איינגעשרומפּן, און צוזאַמען מיט די ווייטקייטן זיינען אויך פאַרשוואונדן אַ סך פּריווילעגיעס.

— צו וואָס דערציילסטו עס מיר?

— ווייל פאַר דער פרייהייט, וואָס דו וועסט געניסן, איז מר. טיילאָר, דער וועמען דו האָסט געטראָפן ביי דער סטאַנציע, פּונקט אַזוי פאַראַנטוואָרטלעך ווי איך. און אויך ער איז צו איר באַרעכטיקט.

— ווער זאָגט דיר, אַז ער איז דערצו ניט באַרעכטיקט?

— פאַרוואָס־זשע האָסטו געפילט „אונטער דיין ווירדע" אויסצורעדן אַ וואָרט צו אים, ווען מיר זיינען געפאָרן אין אויטאָמאָביל? פאַרוואָס האָסטו געהאַלטן אין איין אָוועקרוקן זיך פון אים? ס׳איז דיר נישט אָנגעשטאַנען וואָס איינער פון טאָל זיצט לעבן דיר?

— עס דאַרף זיין אַ גרענעץ.

— דעם גרענעץ דאַרף מר. טיילאָר מאַכן, ניט דו! ער האָט טייער באַצאָלט דערפאַר. זיין שטייפער פוס איז די אָנווייזונג דערפאַר. ווי אַ קלאָץ וועט ער זיך אים נאָכשלעפּן זיין גאַנצן לעבן. צוליב זיין שטייפן

פוס האָסטו נאָך אַלץ דיין שלאָס און די וועבעריי. און ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אונטערפירן אים עטלעכע בלאָק אין דעם אויטאָמאָביל, וועלכן ער האָט מיט זיין בלוט פאַרטיידיקט, האָסטו זיך געוואָלט אַרויס־דרייען דערפון.

מר. הילטאָן האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן — מעלווין איז גע־רעכט. האָט ער געקוקט אויף אים מיט אַן אָפענעם מויל. איצט האָט ער שוין חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט מעלווין זאָל גיין דינען. ווען ער זאָל געווען זיין אין דערהיים, וואָלט ער זיך קיינ־מאָל ניט באַקענט מיט דעם מר. טיילאָר און מיט אַנדערע פונעם זעלבן מין.

— ווילסטו, הייסט עס, איך זאָל אַוועקגעבן די וועבעריי מיטן הויז טיילאָרן ? — האָט ער סאַרקאַסטיש אַ זאָג געטאָן — גוט, אויב דו ווילסט, וועל איך עס טאָן.

— פונמיינעטוועגן קאָנסטו עס אים אַוועקגעבן.

— און דו דענקסט, אַז דו וועסט קאָנען לעבן, ווי מר. טיילאָר, אין טאָל ?

— איך האָב מיט מר. טיילאָרן געלעבט צוויי יאָר.

דאָס איז שוין אַוועק אַביסל ווייטער ווי הילטאָן האָט עס דערוואַרט. ווייטער אַזוי אָנגיין מיט פראַגן און ענטפערס איז אוממעגלעך. ער מוז אים, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, ווייזן אַז ער רעדט ווי אַ ייִנגל.

— הער מיך אויס, מעלווין ! — האָט ער אָנגעהויבן אין אַן אַנדערן טאָן — אַט די אַלע רייד דיינע ברענגען מיך בלויז צו איין איבערצייגונג : אַז די צוויי יאָר, וואָס דו ביזט געווען אַוועק, האָבן דיך גאָרנישט געלערנט. גיי און רו זיך אויס. איך וועל צו דיר ריידן אַן אַנדערש מאָל.

מעלווין האָט דערפילט דעם ביטול־טאָן אין פאָטערס רייד.

— קאָנסטו מיר ניט זאָגן פאַרוואָס זיי סטרייקן ?

די פראַגע האָט ווי מיט אַ שפּיז אַ שטאָך געטאָן הילטאָנען אין מוח.

— זיי סטרייקן אָן אַ פאַרוואָס.

— דאָס גלויב איך ניט.

— זיי ווילן האָבן די גאַנצע דעה אין דער וועבעריי.

— ביסטו זיכער אין דעם ?

הילטאָן האָט שוין ניט געקענט אויסהאַלטן דעם דרוק פון די פראַגן און ער האָט זיך צעשריען :

— דער סטרייק האָט מיט דיר גאָרניט וואָס צו טאָן ! איך בין באַ־

לעבאָס ! ס׳איז מיין פאַבריק ! איך וועל זי פירן ווי איך וויל !

הילטאָן האָט געוואוסט, אַז ער איז אַרונטער פון וועג, ער האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפן. דער קוואַל פון פאַרביטערטקייט, וועלכער האָט זיך אין אים אָנגעקליבן די לעצטע עטלעכע וואָכן, איז איצט ארויס פון די ברעגן — ער האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן.

— זיי זיינען דען מענטשן ? בהמות ! חיות ! ווילדע באַשעפענישן! אין תפיסה וועל איך יעדן איינעם אַריינזעצן !

מעלווין האָט געקענט זיין טאָטן. ער האָט געוואוסט, אַז ווען ער ווערט אויפגערעגט, איז בעסער אַז מ׳לאָזט אים זיך אויסריידן. און הילטאָן האָט געהאַט זייער אַ סך צו ריידן. די פיר וואָכן, וואָס דער סטרייק איז אָנגעגאַנגען, האָט ער מיט קיינעם ניט גערעדט. מיט זיין ווייב רעדט ער אין אַלגעמיין ניט, מיט פרעמדע איז אים ניט אָנגעשטאַנען צו ריידן. ניט איין קריזיס האָט ער שוין דורכגעמאַכט אין זיין לעבן, אָבער קיינמאָל האָט ער זיך ניט געפילט אַזוי פאַרלאָרן ווי איצט. און ער ווייסט פאַרוואָס: דעמאָלט איז ער געגאַנגען באַרג־אַרויף, ער האָט געהאַט מוט, אַנטשלאָסנ־קייט, פּערספּעקטיוו ! אָבער איצט — צען יאָר אַז ער איז שוין אויפן שפּיץ באַרג — אַלע חושים פון קאַמף זיינען פאַרטעמפּט געוואָרן. אַלע מאָל איז ער געווען דער אַנגרייפער, אויף דער אָפענסיווע, איצט דאַרף ער זיך פאַרטיידיקן, און דאָס קען ער ניט.

אָט דער פאַל אַליין: לויפן צו דער סטאַנציע, כדי מעלווין זאָל זיך ניט דערוויסן, איז דאָך אַ סימן פון שוואַכקייט. מיט צען יאָר צוריק איז אים ניט אָנגעגאַנגען וואָס מ׳האָט געדענקט אָדער גערעדט וועגן אים. די וועבעריי האָט ער דאָך פשוט אויסגענאַרט ביי זיינע שותפים — איז אים אָנגעגאַנגען וואָס זיי האָבן געדענקט וועגן אים ? ער האָט געוואָלט זיין דער איינציקער אייגנטימער פון דער פאַבריק, און ער איז דאָס געוואָרן.

פאַרוואָס האָט אים פּלוצלונג אָנגעהויבן מאַטערן דער געדאַנק, אַז ער איז שולדיק אין דזשאָהניס טויט ? ווי קומט ער אַפילו טראַכטן דערפון ? עס האָט אים ניט געאַרט ווען דזשאָהן סטיואַרט, זיין לעצטער שותף, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב אים, — פאַרוואָס מאַטערט אים דזשאָהניס טויט ? ווייל ער איז שוין ניט יענער הילטאָן וואָס געווען.

האָט ער עס געטאָן צוליב געלט ? ניין. ער איז איצט גענוג רייך !

צוליב וואָס דען האָט ער עס געטאָן ? ער ווייסט אַליין ניט. ער איז דער געבוירענער אונטערנעמער. ער וויל זיך אָנזען, ער וויל מ׳זאָל האָבן

פאַר אים דרך־ארץ, מ׳זאָל ניט לאַכן פון זיינע קרומע פיס, און ווען ער וועט שוין דאָ ניט זיין זאָל די וועלט וויסן אַז דזשאָהן דזשיי הילטאָן האָט אויס־געבויט אַט־די ריזיקע פאַבריק. דעמאָלט וועט מען טראַכטן וועגן אים ווי וועגן אַ ריז! הויך, שיין, מיט גלייכע פיס. אָן דער פאַבריק וועט ער גלייך פאַרגעסן ווערן. עס איז ניט דאָס געלט וואָס ער פאַרלירט. ס׳איז בישט די באַשטעלונגען וואָס ער קען ניט אָננעמען. געווינען זיי דעם סטרייק, וועט ער מער ניט קענען געבן קיין באַפעלן, און אָן דעם וועט ער מער בישט קענען לעבן.

ווען מעלווין האָט זיינע אייגנשאַפטן, און ער איז ניט אַזוי משוגע, וואָלטן זיי זיך איצט אָוועקגעזעצט און אויסגעטראַכט וועגן ווי אַזוי דאָס איבערצוקומען. זיינע געדאַנקען זיינען נאָך איצט אויף פריש, ער האָט אַ רייע פלענער. אמת, אפשר ניט קיין צו ערלעכע, אָבער ער האָט עס פריער אויך געטאָן: „אונטערקויפן די פירער״, „געבן בעסערע שטעלעס די שרייערס״, אָדער „זיך אַריבערקלייבן אין אַן אַנדערער שטאָט״. אַליין דאָס דורכפירן איז ער אָבער צו שוואַך.

זאָל ער עפענען פאַר מעלווינען זיין האַרץ? צוליב דעם, אייגנטלעך, איז ער דאָך געפאָרן צו דער סטאַנציע. טאָ פאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי צעשריען ווען מעלווין האָט אים געפרעגט אַ פּאָר פראַגן? דאָס איז דער־פאַר, ווייל מעלווין האָט אים געפרעגט ניט די פראַגן, וועלכע ער וואָלט געוואָלט מ׳זאָל אים פרעגן. מעלווין און ער זיינען ביידע פון איין נאַטור, ביידע איינגעשפאַרטע. דער איינציקער אונטערשייד — ע ר ו ו י י ס ט וואָס ער וויל, מעלווין ניט. דערויף איז דאָך מעלווין אַ יינגל, ער קען ניט דאָס לעבן. נו, דאַרף ער דאָך אים דערקלערן!

— מעלווין!

— יאָ?

— פאַרוואָס זאָלן מיר ניט קענען זיך דורכריידן איין מאָל פאַר אַלע מאָל?

— דו ווילסט דאָך בלויז איך זאָל הערן, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן.

— דו הערסט מיך קיינמאָל נישט אויס ביזן סוף.

— דו דערציילסט מיר מ׳סטרייקט, ווייל איך וויסן פאַרוואָס?

— דאָס איז ניט וויכטיק.

— פאַרוואָס איז דאָס ניט וויכטיק?

— ווייל היינט סטרייקן זיי פאַר איין זאַך, מאָרגן פאַר אַ צווייטער זאַך.

— אָבער פאַרוואָס סטרייקן זיי היינט ?

— מ׳קען דאָס ניט דערקלערן אויף איין פוס. אָבער דאָס, וואָס איך בין געווען אַזוי נייגעריק דיך צו זען, איז ניט דער סטרייק, — ס׳איז עפּעס אַנדערש.

— וואָס איז עס ?

— די טעג ווערט מיר פופציק יאָר.

— דאָס ווייס איך.

— איך בין צו אַלט פאַר מיינע יאָרן.

— ביסט ניט געזונט ?

— יאָ.

— וואָס זאָגן דאָקטוירים ?

— וואָס זיי זאָגן קען איך ניט דורכפירן. און דאָס שרעקט מיך.

— וואָס־זשע ווילסטו איך זאָל טאָן ?

— איך וויל דו זאָלסט מיר העלפן ברעכן דעם סטרייק.

— איך ?

— יאָ. איך האָב עס אַליין געפּרואווט, עס האָט אָבער ניט געאַרבעט.

— טאַטע !

— עס איז ניטאָ קיין אויסוועג. דער סטרייק מוז געבראָכן ווערן !

— פאַרוואָס גיסטו זיי ניט נאָך ?

— איך טאָר ניט. איך און זיי, מיר זיינען צוויי כוחות, מיר טאָרן ניט באַלאַנסירן ; איך מוז זיין דער גרעסערער כוח.

— פאַרוואָס ?

— די דיסציפּלינירטע דאַרפן ז י י זיין, ניט איך.

מעלווין האָט דערפילט דעם יאָך, וואָס זיין פאָטער וויל אויף אים אַרויפצווינגען. ערשט מיט אַ האַלבער שעה צוריק האָט ער זיך געפילט פריי. ער האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, וועלכע האָט געדויערט פולע צוויי יאָר, — ער איז פאַרמאַטערט, ער וויל זיך אָפּרוען.

— וואָס מאַכט דיך צו דענקען, אַז איך וועל קענען ברעכן דעם סטרייק ? — האָט מעלווין אַ פרעג געטאָן נאָך אַ קורצן שווייגן.

— דער צד, וואָס האָט מער אויסדויער, איז אַלע מאָל דער געווינער. מיר האָבן מער אויסדויער.

— פאַרוואָס־זשע טוסטו דאָס ניט אַליין ?
— ווײַל איך בין שוין ניט דער, וואָס געווען.
— דו זאָגסט דאָך, אַז מ׳דאַרף גאָרניט טאָן, בלויז וואַרטן.
— יאָ, אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען ניט אַ געוויסער צופאַל.
— וואָס פאַר אַ צופאַל ?
— מיט צוויי טעג צוריק האָבן זיי דורכגעפירט אַ דעמאָנסטראַציע.
— ווער ?
— די אַרבעטער.
— ביסטו געווען קעגן דעם ?
— פאַרשטייט זיך.
— האָסטו געהייסן זיי צעטרייבן ?
— יאָ. פון וואַנען ווייסטו ?
— כ׳שטעל זיך פאָר. אַניט וואָלסטו מיר נישט דערציילט.
— אָבער איך האָב ניט געהייסן שיסן.
— וויפיל האָט מען דערהרגעט ?
— איינעם.
— ביסטו זיכער אַז בלויז איינעם ?
— יאָ.
— ווּעמען האָט מען דערשאָסן ?
— כ׳ווייס ניט.
— האָסטו מורא ?
— ניין. — (פויזע) — פאַר וועמען איז דאָ מורא צו האָבן ?
— פאַר זיינע פריינט.
— ער האָט ניט קיין פריינט.
— די לוויה איז שוין געווען ?
— איך ווייס ניט. — (פויזע) — וואָס גייט עס דיך אַזוי שטאַרק אָן ?
— דו פאַרגעסט, טאַטע, אַז דו רעדסט צו איינעם, וואָס איז ערשט מיט אַ האַלבער שעה צוריק געקומען פון אַ מלחמה. אין די אויערן קלינגען מיר נאָך די געשרייען פון די פאַרוואונדעטע; פאַר מיינע אויגן שוועבן מיילן און מיילן פעלדער און וועלדער פול מיט הרוגים; איך האָב גע־הרגעט, מיר האָבן אַלע געהרגעט! מיט זעקס וואָכן צוריק האָט מען אונדז געהייסן אויפהערן הרגענען; מ׳האָט אונדז דערקלערט, אַז די וועלט איז באַפרייט. איצט געפין איך אויס, אַז די באַפרייטע הרגעט מען איבער־

אַנייעס . . . מיך גייט ניט אָן דער, ווען מ׳האָט דאָ דערהרגעט ; איך פרעג זיך בלויז די פראַגע : פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט אויסהרגענען אַ וועלט ?

הילטאָן האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען :

— קיינער האָט זיי ניט געהייסן דעמאָנסטרירן.

— אָבער זיי זיינען דאָך פרייע מענטשן !

הילטאָן האָט איינגעזען, אַז עס וועט זיין בעסער ניט אָנצוהאַלטן ווייטער דעם שמועס. אייגנטלעך האָט ער אים שוין געזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט אים געוואָלט זאָגן. אגב, דאַרף ער שוין גיין : די צייט פון דער לויה דערנעענטערט זיך, וויל ער צוגיין, זען די פּאָליציי, פועלן זיי זאָלן ווי ווייט מעגלעך פאַרקירצן, עס זאָלן ווידער ניט פאָרקומען קיין אומרוען. אָבער סתם אַרויסגיין, גאָרניט זאָגנדיק, איז אים געווען פריקרע. איז ער געבליבן שטיין ביי דער טיר.

— לאָמיר היינט אָן אַלץ פאַרגעסן — האָט ער גערעדט צו מעלווינען, ניט קוקנדיק אין זיין זייט — מאָרגן וועלן מיר רעדן וועגן דעם.

און ער האָט זיך גלייך אַרויסגערוקט.

די שטילקייט אין גרויסן צימער איז איצט געוואָרן אומדערטרעגלעך פאַר מעלווינען.

אין די צוויי יאָר וואָס ער איז געפלויגן איבער די וואָלקנס און געוואָרפן באָמבעס האָט ער געטראַכט : אַזוי שנעל ווי דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן וועט ער זיך פאַרקלייבן אין אַ רואיקן, שטילן אָרט און אָפּלעבן זיין לעבן אין רואיקייט און שטילקייט. די מלחמה איז געענדיקט. און וואו קען נאָך זיין שטילער ווי דאָ אין דעם גרויסן צימער ? איצט האָט אים די שטילקייט געמאַטערט מער ווי דאָס רוישן פון עראָפּלאַן־מאָטאָרן און דאָס קראַכן פון באָמבעס. די שטילקייט האָט זיך פאַרקליבן טיף אין זיינע אויערן און געבאַראַבאַנעוועט אָן אַן אויפהער.

די מעשה וואָס זיין טאַטע האָט אים דערציילט וועגן דער דעמאָנסטראַציע און וועגן דער שיסעריי האָט אים פאַרכאַפּט. ער האָט ניט געקענט זיך פונאַנדערקלייבן וואָס ס׳האָט אים פאַראינטערעסירט, די שיסעריי, אָדער דאָס וואָס ער האָט זיין טאַטן ניט געגלויבט.

אין אַ מלחמה שטייען צוויי גלייכע כוחות איינער אַנטקעגן צווייטן, ביידע גלייך באַוואָפנט און געלערנט ווי זיך צו פאַרטיידיקן. אין אַ צי־

ווילן ראַיאָט אָבער איז דאָך די מאַסע אומבאַהאָלפן (ער ווייסט וואָס עס מיינט שיסן אין אַ מאַסע). היינט ווי קומט עס מ׳זאָל אָפּקומען מיט הרגענען בלויז איין מענטשן ?

— העלאָ ! — האָט אים פּיטער איבערגעשלאָגן זיינע געדאַנקען.

פּיטער האָט זיך קוים דערוואָרט הילטאָן זאָל אַוועקגיין. איצט איז ער געשטאַנען ביי דער שוועל און געוואַרט וואָס פאַר אַן אויפנאַמע ער וועט קריגן.

— העלאָ, פּיטער ! זיץ ! — האָט אים מעלווין אָנגעוויזן אויף אַ שטול.

הכנעהדיק איז פּיטער צוגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שפּיץ שטול.

— אַ דאַנק.

— כ׳האָב געמיינט אַז דו ביסט שוין מער ניט מיט אונדז, — האָט אים מעלווין אַזוי אַרום דערמאָנט אַז קיין געוואַלדיקע ליבע האָט ער פאַר אים קיינמאָל ניט געהאַט.

— איך האָב דען אַ בעסערן פּלאַץ ? — האָט פּיטער געשמייכלט.

פּיטער האָט געוואַרט אַז מעלווין זאָל אים עפּעס פרעגן. ווען יענער האָט אָבער געשוויגן, האָט פּיטער גענומען רעדן :

— איר ווייסט גאָרניט ווי צופרידן איך בין וואָס איר זייט געקומען אַ גאַנצער פון דער מלחמה. אַלע זונטיק האָב איך געבעטן גאָט פאַר אייך.

— יאָ, — האָט מעלווין געענטפערט, — אַ סך מאָל בין איך געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. האָב איך פאַרשטאַנען אַז עמיצער בעט גאָט פאַר מיר.

— איך גלויב ניט אַז דאָס איז פון מיין גאָט בעטן.

— אַזוי ווייניק האַלטסטו פון זיך ?

— איך האָב שוין ניט איין מאָל גאָט געבעטן, אָבער ער האָט מיך קיינמאָל ניט געהערט. (פּויזע) איר זייט געווען אין לופט־קאָר ?

— יאָ.

— מעדאַלן האָט איר געקראָגן ?

— אוודאי.

— אַלע מאָל ווען איך האָב געהערט אַז מ׳האָט געזונקען אַ יאַפּאַנעזישע שיף האָב איך גלייך געזאָגט : דאָס איז מעלווינס אַרבעט.

— יאָ, פּיטער, כ׳ווייס טאַקע ניט וואָס זיי וואָלטן געטאָן דאָרטן אָן מיר.

— נו אוודאי. אַט ווען זיי וואָלטן מיך נעמען. וואָס וואָלט איך דאָרטן געקענט אויפטאָן ?

— און וואָס האָסטו דאָ אויפגעטאָן ?

— וואָס מ׳קען דאָ אויפטאָן. יעדן טאָג דיזעלבע אַרבעט.

מעלווין האָט ניט געקענט פאַרטראָגן פּיטערס אונטערטעניקייט. ער האָט חשק געהאַט אים הייסן אַרויסגיין. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אינעם שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיטן טאַטן.

— אויף דער דעמאָנסטראַציע ביסטו געגאַנגען ?

— וועלכע דעמאָנסטראַציע ?

— אַט־די וועלכע איז פאָרגעקומען מיט צוויי טעג צוריק.

— פון וואַנען ווייסט איר ?

— מיין טאַטע האָט מיר דערציילט.

— אייער פאָטער ? ס׳קען ניט זיין !

— וויפיל מענטשן האָט מען דערהרגעט אויף דער דעמאָנסטראַציע ?

— אינגאַנצן איינעם.

— פון דער יוניאָן ?

— ניין, אַן אַרבעטער.

— האָסט אים געקענט ?

— אוודאי האָב איך אים געקענט.

— די לוויה איז שוין געווען ?

— כ׳ווייס ניט.

— נעם מיך אין טאָל.

— כ׳קען אייך אין טאָל ניט נעמען.

— פאַרוואָס ?

— כ׳וועל פאַרלירן מיין שטעלע.

— וועסט דיין שטעלע ניט פאַרלירן.

— כ׳קען עס ניט טאָן צו אייער פאָטער.

— וואָס ?

— אייער פאָטער דענקט אַז איר דאַרפט ניט וויסן וואָס דאָ קומט פאָר.

— און וואָס דענקסטו ?

— ער׳ז מיין באַלעבאָס.

— פאַרוואָס סטרייקן זיי ?

— מר. הילטאָן, ס׳איז שוין צייט איר זאָלט וויסן. זיי ווילן מער געלט און קירצערע שטונדן.

— דו ביסט קעגן זיי ? פאַרוואָס ?

— שווער צו דערקלערן. ווען ס׳טרעפט אַן אַנדערן אויף מיין פּלאַץ, וואָס האָט מיר געטראָפן, וואָלט איך יענעם געוואָרן אַ שונא.

— וואָס האָט געטראָפן ?

— דאָס וואָס איך בין דאָ אין הויז.

— זיי זיינען דיך מקנא ?

— איך וואָלט יענעם אויף מיין פּלאַץ אויך מקנא געווען.

— דערפאַר ביסטו קעגן זיי ?

— אַז זיי ווילן מער געלט פאַרשטיי איך, אָבער מכוח קירצערע שטונ־דען שטים איך ניט איין מיט זיי. ווען מ׳האָט געאַרבעט צען שעה אַ טאָג פלעג איך נאָכן טאָג אַרבעט זיין פאַרמאַטערט, דערנאָך אַז מ׳האָט געאַר־בעט אַכט שעה אַ טאָג האָב איך זיך געפילט פּונקט אַזוי פאַרמאַטערט, טאָ וואָס איז דער חילוק ?

— איך פאַרשטיי דיך ניט, פּיטער.

— אַלע, זאָגן זיי, פאַרשטייען ניט. אָבער אין אמתן איז ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין. אמת, ס׳זיינען פאַראַן בעסערע באַלעבאַטים און ערגערע. אָבער אַן זיי וואָלט דאָך געווען נאָך ערגער. ביי וועמען וואָלט מען געאַרבעט ?

— איר קענט דאָך אַרבעטן פאַר זיך.

— שיין וואָלט די וועלט אויסגעזען ווען מ׳אַרבעט פאַר זיך ! גלויבט מיר, מ׳וואָלט גאָרניט אויפגעטאָן, איינער וואָלט זיך פאַרלאָזט אויפן צווייטען. אַז ס׳איז דאָ איין באַלעבאָס האָט מען מורא פאַר אים, אָבער אַז אַלע ווען זיין באַלעבאַטים !

— פּיטער ! פאַרוואָס דאַרפסטו אונדז באַדינען ? מיר זיינען דען בעסערע מענטשן פון דיר ?

— אוודאי זייט איר בעסערע מענטשן. וואָלט איך געקענט פירן אַזאַ גרויסע פאַבריק ? ווען איך האָב געאַרבעט אין דער וועבעריי האָב איך אַמאָל עפּעס געדאַרפט אין אָפיס. ווען איך בין צוגעקומען צום אָפיס, הער איך ווי אייער פאָטער שרייט אויף עמיצן, ער איז דאָך באַלעבאָס, שרייט ער. ערשט די טיר פון אייער פאָטערס אָפיס עפנט זיך און, אויף וועמען, דענקט איר, האָט ער געשריען ? ניט אויף קיין אַנדערן ווי אויפן פרעזידענט פון

דער פּוירסט נעשאָנאַל באַנק! וואָלט איך דאָס געקענט?

מעלווין האָט געקוקט אויף פּיטערן, געוואָלט אים פאַרשטיין. אין זיינע געדאַנקען איז מיט אַמאָל אָפּגעפרישט געוואָרן וואָס ער האָט געלייענט וועגן די סטרייקס אויף די אויל־פעלדער, אין די מינעס, אין די שטאָל־פאַבריקן, וועלכע די גרינדער פון דעם אַמעריקאנעם קאַפּיטאַליזם האָבן דערטרונקען אין בלוט. לייענענדיק, האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין ווי איין אַרבעטער קאָן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַ צווייטן אין פאַבריק אָדער מינע אין צייט פון אַ סטרייק. איצט האָט עס אים פּיטער קלאָר געמאַכט.

פּיטער האָט געפילט אַז ער האָט גובר געווען מעלווינען און אַ ברייטער, איראָנישער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פּנים.

— פּיטער! — האָט מעלווין אויסגערופן מיט אַמאָל.

— יעס, סיר, מר. הילטאָן!

— ווען דו זיצסט איצט מיט מיר אין אַן עראָפּלאַן, וואָלט איך מיט דיר אַרויפגעפאָרן פופציק טויזנט פוס הויך און פון דאָרטן וואָלט איך דיך מיט מיין גאַנצן כוח אַרונטערגעשליידערט.

אַ פאַרוואונדערטער האָט פּיטער אים אָנגעקוקט. מעלווין האָט געכאַפּט זיין הוט און איז אַרויס אין דרויסן.

ער גייט אויף מעין־סטריט. מיר וועלן אים נאָכגיין.

דאָס וואָס די גרעסטע געשעפטס־קעפּ, מיטן מעיאָר דזשיימס ווהייט, האָבן ניט געקענט אויפטאָן, האָט דזשאָהני טויטערהייט אויפגעטאָן. דורך אַלע וועגן און שטעגן האָבן איצט געשטראָמט מענטשן צו מעין־סטריט. די געשעפטס־לייט האָבן פּשוט זייערע אויגן ניט געגלויבט, זעענדיק אַזאַ גרויסן עולם. זיי האָבן אויף שנעל פאַרלייגט זייערע שוי־פענצטער מיט סחורות, אָבער אַ נאָכפראַגע איז געווען בלויז אויף קאַלאָשן. דער שניי וואָס איז געפאַלן אַ גאַנצע נאַכט איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויער בלאָטע. די עטלעכע פּאָר קאַלאָשן וואָס מידלוויל האָט פאַרמאָגט האָבן זיך שנעל אויסגענומען און די געשעפטס־לייט האָבן זיך געריסן די האָר פון קאָפּ פאַרוואָס זיי האָבן ניט אָנגעגרייט נאָך קאַלאָשן.

אָבער, צי מ'האָט יאָ געהאַנדלט, צי ניט, דער אומענדלעכער קוואַל פון מענטשן וואָס האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אויף מעין־סטריט, האָט אַלעמען

אַריינגעוואָרפן אין אַ געהויבענער שטימונג און מ׳האָט זיך איינגאַנצן פאַרגעסן אַז מ׳איז געקומען צו אַ לוויה.

דער אייגנטימער פון דער „עמפּאָריום" איז געוואָרן אַזוי באַגייסטערט, דערזעענדיק אַזוי פיל מענטשן אויף אַ מאָל, אַז ער האָט געכאַפּט און אַרויסגעהאַנגען די אַמעריקאַנער פאָן. אַז יום־טוב, זאָל זיין יום־טוב! די אייבעריקע האָבן גלייך נאָכגעטאָן, און מעין־סטריט איז פּלוצלונג איינגעהילט געוואָרן אין פאָנען.

די נייעס האָט דערגרייכט צו עללען וואַייט, דעם טשיף אָוו פּאָליס. האָט ער באַפוילן מ׳זאָל די פאָנען אַרונטערנעמען. אָבער קיינער האָט ניט געוואָלט זיין דער ערשטער און, אַזוי ווי די דריי פּאָליסלייט האָט ער געמוזט האַלטן לעבן דעם באַגרעבער, האָט ער גאָרניט געקענט אויספירן.

עללען וואַייט, דער טשיף אָוו פּאָליס, האָט געהאַט אַ פאַרבאָרגענע אַמביציע צו ווערן, מיט דער צייט, פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די פאַנטאַזיע האָט זיך אין אים צעשפּילט זינט ער האָט איבערגעלייענט פּרעזידענט קולידזשעס ביאָגראַפיע. אַזוי שנעל ווי דער סטרייק אין דער „מידלוויל ניטינג מיל" האָט אויסגעבראָכן, האָט ער געפילט אַז וואָס אַ טאָג קלעטערט ער אַלץ העכער און העכער צום שטאַפּל פון נאַציאָנאַלער פאַפּולאַריטעט, און דאָ האָט ער פּלוצלונג זיך אַרומגעזען אַז מיט זיינע דריי פּאָליסלייט וועט ער גאָרניט קענען אויפטאָן.

דער טשיף אָוו פּאָליס פון וואָטער פאָל האָט אים אָנגעבאָטן זיינע צוויי פּאָליסלייט, אָבער ער וועט דאָך ניט טיילן אַזאַ געשעעניש מיט נאָך עמיצן! איז ער אַוועק צום טשיף פון פייער־דעפּאַרטמענט, ער זאָל אים לייען די פיר פייערלעשער, אָבער יענער האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים:

— וואָס וועל איך טאָן אַז עס וועט אויסברעכן אַ פייער?

עללען וואַייט האָט געוואוסט אַז דאָס וויל יענער זיך אָפּרעכענען מיט אים דערפאַר וואָס ער האָט זיך גענומען דעם גאַנצן קרעדיט פאַר אויסלעשן דעם פייער אין סיטי־האָל.

איז ער אַרומגעגאַנגען אין זיין אָפיס ווי אַ לייב אין אַ שטייג. ער האָט געפילט אַז איצט איז געקומען דער מאָמענט ווען זיין באַרימטקייט זאָל זיך צעטראָגן איבערן לאַנד, אָבער ווי זאָל ער עס טאָן? און מידלוויל איז איינגעטונקען אין פאָנען, און די פייערלעכע שטימונג ביים עולם אין די גאַסן וואַקסט.

דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט איז געווען דער באַגרעבער. נישט

צוליב דעם ווייל דזשאַהני איז דאָרט געלעגן, נאָר צוליב אַ גרויסן בוקעט בלומען וואָס אַ שאָופער האָט געבראַכט צופירן אין אַ קעדילאַק.

אין די זומער־חדשים זיינען בלומען אין מידלוויל געווען אַ געוויינלעכע זאַך. יעדער הויז איז געווען איינגעטונקען אין בלומען. אָבער ווינטער זיינען בלומען געווען אַ געשעעניש. און כאָטש דזשאַהני איז געלעגן אין אָרון האַלב אָפּגעדעקט, אַז יעדערער זאָל אים קענען זען, האָבן די, וואָס זיינען אַריינגעקומען אינעווייניק, נאָר געקוקט אויף די בלומען.

מענטשן האָבן ליב ספּעקטאַקלען בייזוואונדער, דערנאָך גרויסן זיי זיך:

— איך בין דאָרט געווען!

— איך האָב עס געזען!

שפּעטער, אַז מ׳רעדט וועגן דעם, לאָזט זיך אויס אַז אַלע האָבן געזען איין זאַך: דאָס מגושמדיקע, דאָס האַמעטנע.

זיי האָבן געוואָלט זען ווי אַ דערשאָסענער זעט אויס, אָבער ער האָט אויסגעזען ווי אַלע טויטע.

זיי זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די בלומען. זיי האָבן זיך ניט פאַר־געשטעלט אַז מיט בלומען קען מען אויפשרייבן אַ נאָמען, ווי מיט טינט און פעדער. זיינען זיי געשטאַנען, געקוקט, זיך געוואונדערט און געזוכט, גע־זוכט אַ טעות אין דעם אויסלייגעכץ.

ווען רוט שטייט ניט ביים אָרון וואָלטן זיך אַלע געוואונדערט פאַר־וואָס זי איז דאָרטן ניטאָ, אָבער אַז זי איז דאָרטן יאָ געווען, האָט זי כמעט קיינער ניט באַמערקט. די וואָס האָבן זי יאָ באַמערקט, האָבן זי באַרעדט:

— זי האָט מיט אַ כיוון זיך אַזוי אָנגעטאָן און ניט פאַרקעמט, כדי צו־ציען אויפמערקזאַמקייט.

איך ווייס ניט אויב זי האָט עס געטאָן מיט אַ כיוון, אפשר האָט זי מער ניט פאַרמאָגט ווי דאָס אָנצוגל וועלכעס זי האָט געטראָגן, דערפאַר וויל איך צוגעבן — אירע צעוואָרפענע האָר, איר בלאַסער, פאַרוויינטער פּנים האָבן איר צוגעגעבן אַ מאָדנעם חן. זי האָט גאָרניט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיק וועזן, נאָר ווי אַ בילד געמאָלן פון אַ גרויסן מאָלער. איך וואָלט אַזאַ מאָלע־ריי אָנגערופן „דאָס בילד פון טרויער".

שטעלט זיך פאָר:

אַ גרויס צימער, פון ערגעץ שלאָגן געלע ליכט שטראַלן, וועלכע מאַכן די שאָטנס אויף די ווענט אומעטיקער און זיי ציען זיך צום הינטערגרונט, וואו זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ טיפער, שוואַרצער אומענדלעכקייט. אינ־מיטן צימער אַן אָרון, האַלב געעפנט, אַ וואַקסענער מענטשלעכער פּנים מיט

שאַרף באַפּאַרבטע שפּיץ באַקן, איז דער איינציקער קאָנטראַסט צו דער שוואַרצקייט, וואָס הילט איין דאָס פאַרבליבענע פון דעם מענטשן וועלכער ליגט דאָרטן. צופוסנס פון אָרון — אַ גרויסער בוקעט בלומען פון אַלערליי קאָלירן, אינמיטן אַ פּאַס מיט בוכשטאַבן פון ווייסע בלומען מיטן נאָמען פונעם פאַרשטאָרבענעם, וועלכער מורמלט אין אייערע אויערן מיט אַ שטי־לער ווייסקייט: דזשאָהני, דזשאָהני, דזשאָהני, איך בין דזשאָהני!

לעבן אָרון אַ פּרויען פיגור, דין, צאַרט און גראַציעז. אַ הויכער האַלדז, אַ בלאַס, פאַרוויינט פּנים, פאַרפּרוירענע כוואַליעס פון העל־בלאָנדע האָר און אויגן טיף בלויע, וועלכע קוקן אויף אַלץ און זעען גאָרניט. זי קען זיין די מאַמע, די שוועסטער, די געליבטע פון דעם פאַרשטאָרבענעם.

מענטשן האָבן פאַרמירט אַ האַלבן קרייז, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אין איין באַוועגן און איז דאָך געבליבן ווי געווען. זיי זיינען שטיל פאַר־בייגעגאַנגען, צופוסנס פון אָרון געכאַפּט נאָך אַ קוק, אפשר האָבן זיי עפּעס פאַרפעלט.

ווען מעלווין איז דורכגעגאַנגען דעם האַלבן קרייז צום צווייטן מאָל איז ער שטיין געבליבן לעבן רותן.

מיט וואָס קען איך עס גוט מאַכן? — האָט ער שטיל אַ פרעג געטאָן.

רוטס קערפּער איז, ווי פריער, געבליבן צוגעוואַקסן צו דער ערד, איר קאָפּ נאָר האָט זיך עטוואָס אויסגעבויגן אין זיין ריכטונג.

— איר זייט זיין שוועסטער?

— יאָ.

— און איך בין...

— איך ווייס, — האָט זי געענטפערט.

ער האָט געוואָלט ריידן צו איר, דערציילן ווי ער פילט, זי טרייסטן, אָבער איר קאַלטער ענטפער האָט ביי אים צוגענומען דעם מוט.

די לוויה איז געווען ווי די סטרייקער האָבן געוואָלט, ניט ווי די פּאָ־ליציי. מעין־סטריט איז געווען איינגעטונקען אין פאָנען, די פּראָצעסיע האָט זיך לאַנג און שטיל געצויגן ביז צום בית־עולם.

לואיס בראַון האָט געהאַלטן די רעדע און, וואונדער איבער וואונדער, אַלץ האָט געאַרבעט ווי אַ זייגער. ווען ער האָט דערפילט די האָר אויף זיין שטערן האָט זיך, ניט ווילנדיק, באַוויזן אַ שמייכל אויף זיין פּנים און ער האָט בעת מעשה דערלאַנגט אַ קוק מיטן ווינקל פון זיין אויג אויף עוועלי־

נען, וועלכע האָט פון אים די אויגן ניט אַרונטערגענומען.

לויט אַלע אויסזיכטן וועט זיך פּאַרקניפּן אַ ליבע צווישן לואיס בראַון און עוועלין גרעי. פרענק מאָרי פילט דאָס שוין אויך. דער אומעטיקער אויס־דרוק אויף זיין פּנים דערציילט דעם סוד, און ער אַפּלאָדירט ניט לואיסן גלייך מיט אַלעמען. עוועלין שטייט נאָך שטאַרק איינגעטוליעט אין אים, אָבער זי האָלט אין איין קוקן אויף לואיסן מיט יענעם קוק וואָס צינדט די שוואַרצאַפּלען מיט אַ ליכטיק פייערל, וועלכער שטראַלט אויס ימים מיט ליבשאַפט. פרענק ווערט נערוועז פון יעדן קוק וואָס לואיס וואַרפט אויף איר, ער זעט ניט איר ענטפער.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך גאָרניט אין זינען געהאַט אייך צו דער־ציילן אַ ליבעס־געשיכטע. די צייטן זיינען דאָך איצט אַזוי שטורעמדיק, די מלחמה האָט צעטרייסלט אונדזער אַלטן לעבן, קיין ניי לעבן האָבן מיר נאָך ניט, און ליבע ? אַך, די ליבע ! אַלט, און דאָך אַזוי יונג ! נאַריש, און דאָך אַזוי קלוג !

עס וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן צוגיין נאָכמאָל אין די פּלעצער וואו מיר זיינען געווען אינדערפרי. גיין אַהין פריער וואָלט געווען ניט יושר־דיק, ווייל מידלוויל וועט שוין אַזוי שנעל ניט האָבן אַזאַ גרויסאַרטיקע לוויה ווי זי האָט געהאַט היינט, ווען ווייבער ווערן מיט רעכט און מיט געוואַלד נויטן זייערע מענער צו גיין צו דער לוויה.

איבערהויפּט וואָלט איך געוואָלט צוגיין צום ערשטן פּלאַץ, צו דער „מיסעס מיטן באָרדער”. איך בין זיכער אַז דאָרטן איז ניט אָפּגעגאַנגען גלאַטיק. דער מאַן האָט זיך אַ שטיק צייט אַרומגעדרייט אויף מעין־סטריט און געזוכט עמיצן. אויב ער איז געגאַנגען באַגלייטן דזשאָהנין צו זיין איי־ביקער רו איז דאָך דזשאָהני געווען דאָרטן, וועמען זשע האָט ער געזוכט ? אַ פרוי ? ניין. ער איז געווען פון יענעם טיפּ וואָס „איינע” איז אים גע־ווען איבערגענוג. אפשר איז דאָס טאַקע דער סוד וואָס זי האָט געזוכט אַן אַנדערן ? סיי־ווי, כ'האָב אַ פאַרדאַכט אַז ער איז געגאַנגען אַהיים, ווייל אויפן בית־עולם איז ער ניט געווען. אָבער איך וועל האַלטן מיין צוזאָג און זיך אָפּגעבן מיט מעלווינען.

אַלזאָ, מעלווין.

פון דער צייט וואָס מעלווין האָט פאַרלאָזט דעם באַגרעבער, ביז איצט, זיבן אַזייגער אין אָוונט, האָט קיין אויסערגעוויינלעכעס מיט אים ניט פּאַסירט. די באַגעגעניש מיט רוטן (ער ווייסט נאָך ניט אַז זי הייסט רוט) האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק, אָבער ניט דעם וואָס איר דענקט. ער איז געווען צופיל צעטרייסלט אַז ער זאָל זיך גלייך פאַרליבן אין איר. מענטשלעכע געדאַנקען אַרבעטן אַנדערש ווי שרייבער שרייבן.

אַ סך זאַכן האָבן זיך אים געבאַמבלט אין קאָפּ. דער טאַטע, די פאַבריק; דער שמועס מיט פּיטערן; די מענטשן אויף דער גאַס; (אַזעלכע מאָדנע מענטשן); דאָס מתים־שטיבל; דער טויטער דזשאָהני — דאָס אַלץ האָט פאָרמירט איין גרויסן קנויל פון געדאַנקען, און דער קנויל האָט ניט געהאַט קיין אָנהייב, קיין אינמיטן אָדער סוף, ער האָט געטראַכט פון אַלץ צוזאַמען.

און רוט? זי איז געווען אַ טייל פון דעם אַלעמען. ער האָט זיך אַפילו ניט געקענט דערמאָנען ווי זי האָט אויסגעזען, כאָטש זי האָט אויף אים געלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט אפילו ניט געטראַכט וועגן איר ווי וועגן אַ פרוי, נאָר ווי „דזשאָהניס שוועסטער".

און, אגב, איז געווען נאָך אַ זאַך וואָס האָט אים שטאַרק געמאַטערט— די פּיטערסאָנס זיינען געווען געלאַדן אין אָוונט אויף מאָלצייט, און דאָס האָט געמיינט פּאַטרישיאַ אויך, און זי האָט ער היינט ניט געוואָלט זען.

ער האָט געוואָלט אַוועקגיין פון הויז. האָט אים אָבער זיין מאַמע געזאָגט אַז דער מאָלצייט ווערט געגעבן פון זיין כבוד וועגן. איר איז אויך ניט געווען שטאַרק צום האַרצן וואָס די פּיטערסאָנס וועלן זיין אויף מאָלצייט, אָבער איר אורזאַך איז אַ פּערזענלעכע, זי האָט קיינמאָל נישט קיין הנאה פון עסן ווען די פּיטערסאָנס זיינען דאָ. אַז זי עסט אַליין, עסט זי ווי זי וויל און וויפיל זי וויל, קומען די פּיטערסאָנס מוז זי האַלטן שטאַט, דער סוף איז — זי בלייבט אַ הונגעריקע. האָט זי טאַקע זייער שטאַרק געוואָלט זיך אַרויסדרייען, אָבער מר. הילטאָן האָט איר דערקלערט די וויכטיקייט פון די פּיטערסאָנס באַזונד היינט, דאָס איז געווען אַ טייל פון אַ רייע פּלענער וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט אין פאַרבינדונג מיט מעלווינען, האָט מרס. הילטאָן איינגעשטימט, און איז אַוועק צובייסן איידער די געסט קומען.

מר. הילטאָן און מעלווין זיינען שוין געזעסן אונטן. ביידע זיינען געזעסן אין פאַרשיידענע ווינקלען פון צימער און געשוויגן. דער איבעררייד וועגן מעלווינס גיין אויף מעיך־סטריט איז שוין געווען, און מר. הילטאָן האָט

אויסגעמידן צו ריידן מיטן זון, ער האָט ניט געוואָלט אים אַריינברענגען אין אַ שלעכטער שטימונג.

די פּלענער פון מעלווינס ווייטעדריקן לעבן זיינען שוין געווען אויס־געלייגט מיט דער גענויסטער פּינקטלעכקייט. ער וועט חתונה האָבן מיט פּאַטרישיאַן, זיי וועלן אַוועקפאָרן אויף אַ לאַנגן „האָני־מון", און ווען זיי וועלן צוריקקומען וועט ער זיי איבערגעבן די וועבעריי.

עס האָט לאַנג גענומען ביז די הילטאָנס און די פּיטערסאָנס האָבן איינגעשטימט אויפן שידוך. איצט האָט הילטאָן געוואָרט מיט אומגעדולד זיי זאָלן שוין קומען, אָראָפּפּטרן דעם ערשטן צוג.

ער האָט געוואָלט צוגרייטן מעלווינען צו דער באַדייטונג פון היינטיקן באַזוך וואָס די פּיטערסאָנס מאַכן, ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר אַ דורכ־פאַל. וואָס נעענטער די צייט פון זייער קומען, אַלץ נערוועזער איז ער גע־וואָרן. ניט ווילנדיק האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט: פּאַטרישיאַ.

— וואָס פּאַטרישיאַ? — האָט מעלווין פאַרוואונדערט געפרעגט.

— גאָרניט פּאַטרישיאַ. (פּויזע) איך האָב מסתמא געטראַכט פון פּאַט־רישיאַן, — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר מעלווינען.

ער האָט געוואָרט מעלווין זאָל אים פרעגן וואָס ער טראַכט פון איר, אָבער פאַר מעלווינס אויגן איז פּלוצלונג אויפגעשוואומען דזשאָהני ווי ער איז געלעגן אין קאַסטן. אים האָט זיך געדוכט אַז ער האָט געקענט דזשאָהנין שוין פון לאַנג. דזשאָהני איז געווען מיט אַ פיר אינטשעס העכער פון אים, ער האָט געהאַט שוואַרצע האָר, שוואַרצע ברעמען און אַ טונקעלע הויט. האָט ער געהאַט קאָליר אין די באַקן? ניין. דאָס האָט אים דער באַגרעבער צוגעפאַרבט. וואָס פאַר אויגן האָט ער געהאַט? שוואַרצע? ברוינע? ער וועט מיט דער צייט פּרואוון קריגן אַ בילד פון אים. אפשר האָט ער קיינמאָל ניט גענומען קיין בילדער?

זיין פאָטער האָט נאָך אַלץ געזוכט אַ וועג ווי צו פאַרבינדן מיט אים אַ שמועס וועגן פּאַטרישיאַן.

— איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן, — האָט מר. הילטאָן ווידער אָנ־געהויבן, — האָב איך זייער געוואָלט זאָלסט ניט זיין קיין מיידל.

די עטלעכע ווערטער האָבן אָפּגעשטעלט מעלווינס געדאַנקען־גאַנג. איידער ער האָט נאָך פאַרבונדן די שייכות פון די ווערטער, האָט זיין פאָטער ווידער גענומען ריידן.

— ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן זיינען מיך אַלע מקנא געווען.

— וואָס ווילסטו ? — האָט מעלווין אים איבערגעשלאָגן די רייד.
— אָט, פּאַטרישיאַ.
— וואָס פּאַטרישיאַ ?
— פאַרוואָס האָסטו פּאַטרישיאַן ניט געענטפערט ?
— פון וואַנען ווייסטו ?
— כ׳האָב איר געפרעגט צי הערט זי פון דיר, האָט זי געזאָגט אַז ניט.
— כ׳האָב ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף אירע נאַרישע בריוו.
— נאַרישע בריוו ? — האָט הילטאָן איבערגעפרעגט.
— יעדער ברעקל רכילות האָט זי מיר געשריבן.
— רכילות איז ניט נאַריש. ס׳איז מענטשלעך. וואָס דען, ווי דו ? איבערמאַכן די וועלט ? אין דעם ליגט די חכמה ?

הילטאָן איז ניט אויסן געווען אים צו מוסרן, ער האָט נאָר געוואָלט זיך אַליין לייכטער מאַכן זיין אייגן האַרץ. אמת, די לוויה איז דורכגעגאַנגען שטיל, אָבער דזשאָהניס טויט האָט געדריקט אויף זיין געוויסן. זיינע אַלע פּריינט האָבן געפּרואווט אים לייכטער מאַכן דאָס האַרץ, עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. דער איינציקער וואָס וואָלט יאָ געקענט העלפן איז מעלווין, אָבער ער האָט וועגן דעם ניט געוואָלט ריידן.

מרס. הילטאָן איז אַרונטערגעקומען. זי האָט שטאַרק געוואָלט וויסן וואָס זיי האָבן דאָ גערעדט צווישן זיך. ווען זי האָט זיי געטראָפן שווייגנ־דיקע, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט און שווער געאָטעמט.

אין ווינקל האָט דער גרויסער זייגער געציילט די מינוטן: טיק־טאַק, טיק־טאַק און, ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, נאָכגעפאָלגט איר שווער אָטע־מען.

נאָך איידער מען האָט געהערט דעם אויטאָמאָביל, האָבן די הינט גע־לאָזט וויסן, אַז עמיצער קומט. איז פּיטער געלאָפן עפענען דעם שווערן איי־ווין וועט קומען.

נאָכן עסן האָט מרס. פּיטערסאָן פאָרגעשלאָגן אַז די קינדער זאָלן גיין ערגעץ. ווי עס ווייזט אויס איז דאָס שוין פון פריער געווען אָפּגעמאַכט, ווייל גלייך האָט פּאַטרישיאַ געהאַט אַ פאַרטיקן פּלאַן:

— אַ מואווינג פּיקטשור טרופּע איז דאָ אויף „לאָקיישן”, גיין זיי זען, און שפּעטער גיין אין דער „בייט אָעל” קאַפע. זי האָט געהערט אַז מ׳פאַר־ברענגט דאָרט זייער גוט. דער אייגנטימער פון דער קאַפע האָט אַראָפּגע־

בראכט דאָרט אַן אָרקעסטער פון ניו־יאָרק, מיט גוטע אונטערהאַלטער. זי האָט שוין געוואָלט גיין אַהין עטלעכע מאָל, נאָר זי האָט געוואַרט ביז מעל־ווין וועט קומען.

איידער מעלווין האָט נאָך באַוויזן צו ענטפערן, האָט מרס. הילטאָן גע־זאָגט:

אוודאי וועט מעלווין גיין.

ווען מר. הילטאָן מאַכט אַזאַ באַמערקונג וואָלט ער ניט געגאַנגען, נאָר דער מאַמען האָט ער ניט געוואָלט שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט, איז ער אַוועק, און אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך באַוויזן אַ צופרידענער שמייכל.

פּאַטרישיאַן קענען מיר זייער ווייניק. איצט, אַז זי איז אַוועק מיט אונדזער העלד, איז כדאַי זיך נעענטער באַקענען מיט איר.

קיין צו גרויסע פּערזענלעכקייט איז זי ניט. די פּיטערסאָנס איז, מיט גרויסע שוועריקייטן, קוים געלונגען האַלטן זי אַ האַלבן סעמעסטער אין קאָ־לעדזש. איצט, צו צוואַנציק יאָר, גייט זי אין איר מאַמעס פּיס־טריט, וועל־כע איז איבער צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זי. לאָזט ניט דורך קיין ברעקל רכי־לות, שפּילט טאָג ווי נאַכט אין קאָרטן, באָדט זיך אין וואַנען מיט וואוילטיק און אין לוקסוס און וואָלט, לויט אַלע אויסזיכטן, באַדאַרפט זיין גליקלעך און צו־פרידן, איז עס אָבער ניט אַזוי.

מיינט ניט אַז איר מאַטערן וועלט־פּראָבלעמען, אָדער אַז זי איז פאַר־אינטערעסירט אין דעם קאַמף וואָס איז פאָרגעקומען אין מידלוויל. זי דענקט (און דאָס זיינען אירע אייגענע ווערטער):

— דאָס וואָס גייט איצט אָן אויף דער וועלט קען ניט פאַרגליכן ווערן מיט דעם וואָס זי לעבט דורך.

און וואָס איז אַזוי איר געוואַלדיקע איבערלעבונג? דאָס וואָס זי איז נאָך אַליין אַ מיידל . . .

ביי דער וועלט איז אָנגענומען אַז רייכקייט איז אַ ברכה, אָבער פאַר איר, פאַר פּאַטרישיאַן, איז דאָס אַ קללה. נעמט אַן אָרעם מיידל, גייט זי וואו זי וויל, און מיט וועמען זי וויל, אָבער ניט פּאַטרישיאַ. אירע עלטערן קלייבן אויס אירע באַקאַנטע און באַשטימען וואוהין זי זאָל גיין. און די פּיטערסאָנס, דאַרפט איר וויסן, זיינען בטבע ניט קיין אַרומלויפער און זיי דענקען אַז זייער טאָכטער דאַרף אויך וואָס ווייניקער אַרומלויפן. וואָלטן זיי באַדאַרפט זוכן אַ באַשערטן פאַר איר, נו, קען מען זיך ניט העלפן, אָבער אַזוי ווי מעלווין הילטאָן איז אָט־אָט, מיטן האַנט צו דערלאַנגען, איז דאָך

די פּראָבלעם געלייזט.

אַזוי אַרום איז פּאַטרישיאַ שוין אַלט צוואַנציק יאָר און זי איז נאָך אַלץ אַ מיידל.

איך ווייס ניט אויב אירע עלטערן טראַכטן דערפון, נאָר פּאַטרישיאַן גייט עס ניט אַרויס פון די געדאַנקען. פון אינדערפרי אָן, ווען זי עפנט אי־רע אויגן און איר יעדער אבר איז פול מיט דער פוילער וואַרעמקייט, ביז שפּעט אין אָוונט, ווען די זיידענע קילקייט פון אירע נאַכט־קליידער נעמט אַרום איר קערפּער, טראַכט זי דערפון.

קיין באַשטימטן באַגריף פון „אים" האָט זי ניט געהאַט. דער איינצי־קער מאַן אין איר געזעלשאַפט, וועלכן זי האָט געקענט זען צו יעדער צייט, איז געווען מעלווין, אָבער אים האָט זי קיינמאָל ניט געזען ווי ער איז אין דערווירקלעכקייט. אין אירע געדאַנקען איז ער געווען אַ קאָמבינאַציע פון פּיטן, זייער שאופער, מיט די ברייטע אַקסלען; אַ בילד פון אַ נאַקעטן ריז, וואָס זי האָט אַמאָל געזען (אָדער אויסגעטראַכט) און אַ העלד פון דעם איינ־ציקן ביכל וואָס זי האָט אַמאָל געלייענט.

אַלע מאָל, ווען מעלווין פלעגט דאַרפן קומען פון קאָלעדזש, האָט זי ביי זיך באַשלאָסן אַז דאָס מאָל וועט זי פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּשטעלן און זיך אים איבערגעבן. אין יענע אָוונטן פלעגט זי זיך לייגן פרי שלאָפן און אויסרעכענען אַלץ מיט די קלענסטע דעטאַלן. די רעכענונגען פלעגן איר פון בעט אַרויסשטויסן, אינגאַנצן נאַקעט פלעגט זי זיך שטעלן פאַרן שפּיגל און קוקן אויף איר אייגענעם קערפּער. איר נאַקעטקייט פלעגט זי נאָך מער צערייצן, פלעגט זי אָננעמען אירע בריסט און דריקן זיי מיטן גאַנצן כּוח ביז זי פלעגט דערפילן אַז עס פעלט איר אויס אָטעם. און ווען די ביינאַכ־טיקע קילקייט האָט אָנגעהויבן צו קילן איר וואַרעם בלוט, איז זי אַריינגע־שפּרונגען אין בעט און זיך געטוליעט צו די וואַרעם פאַרבליבענע טיילן אונ־טערן צודעק. אירע נאַכט־קליידער האָט זי מער ניט אָנגעטאָן. יעדע באַ־רירונג פון איר נאַקעטן קערפּער אין די קאַלטע ווינקלען פון בעט האָט גע־קילט איר הייס בלוט און געהאַסטיקט איר אָטעם. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז אין צווייטן עק בעט ליגט ער. אויף וואָס וואַרט ער? . . .

אַזוי פלעגט זי שעהנווייז זיך אַרומוואַרפן ווי אַ שלאַנג און טראַכטן: מאָרגן, ווען מעלווין וועט קומען, וועט זי אים נעמען אין איר אויטאָמאָביל און זיי וועלן אַוועקפאָרן ווייט, ווייט אין די בערג. זי וועט אָפּשטעלן דעם אויטאָמאָביל, זיך אַריינוואַרפן אין זיינע אָרעמס און ער, מיט זיינע מעכ־

טיקע אָרעמס, וועט זי צודריקן צו זיין באַוואַקסענער ברוסט ווי ביי פּיטן.

אינדערפרי שטייט זי אויף אַ פאַרמאַטערטע, אַ בלאַסע. די מאַמע פרעגט איר צי איז זי געשלאָפן גוט, ענטפערט זי: — אָ. — זי דערפילט אָבער אין איר מאַמעס בליק אַז זי ווייסט פון אַלץ.

אַלע מאָל איז מעלווין געקומען, אַלע מאָל איז זי מיט אים געפאָרן און קיינמאָל האָט זי ניט געקענט דורכפירן וואָס זי האָט באַשלאָסן אַ נאַכט פריער.

פּוסט, וויסט און לער האָבן זיך געצויגן די צוויי יאָר וואָס מעלווין איז געווען אין דער אַרמיי. ניט וואָס זי האָט געבענקט נאָך אים, נאָר דאָס גרייטן זיך פאַר זיין קומען האָט איר אויסגעפעלט. פלעגט זי יעדן אָוונט בריען איר הייסן קערפּער אין דעם קאַלטן בעטגעוואַנט און אינדערפרי פלעגט זי זיך פויל ציען און זיך וואַרפן אויף איר געלעגער.

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אירע עלטערן זיינען געווען קעגן דעם זי זאָל זיך אָפּגעבן מיט מלחמה־אַרבעט, איז זי דאָך געווען טעטיק אין „רויטן קרייץ". זי האָט אַפילו, צוזאַמען מיט עטלעכע חברטעס, געעפנט אַן אָפּטייר לונג פון אַ „יו. עס. אָ." אין איינעם פון די פּאַלאַצן אין די בערג, מיט דער דערוואַרטונג אַז אפשר וועט אַן אָפיצער מיט ברייטע אַקסלען פאַרבלאָנדזשען. אָבער זיי האָבן כמעט גאָר קיין באַזוכער ניט געהאַט.

האָבן זיך די טעג לאַנג און פויל געצויגן, און אין די אָוונטן פלעגט זי מיט אירע חברטעס זיצן אינעם גרויסן צימער, וואָס איז געווען איינגעטונקען אין אַמעריקאַנער פאָנען, קוקן צו דער טיר און שיטן פעך און שוועבל אויף די וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מלחמה, ניט ווייל די מלחמה האָט געשטעלט אין קאָן די פרייהייט פון דער וועלט, נאָר ווייל זי האָט צוגענומען אַלע בחורים און דאָס האַרץ שרעקט זיי אַז זיי וועלן ניט קומען צוריק, יעדע איינע פון זיי האָט מקנא געווען איר מאַמע, איר טאַנטע . . .

מיט דער דערקלערונג פון שלום איז געוואָרן ליכטיק אויף דער וועלט. עלטערן האָבן דערוואַרט זייערע זין, פרויען—זייערע מענער, כלות—זייערע חתנים און פּאַטרישיאַ — מעלווינען. ווען דער טאָג פון זיין קומען האָט זיך דערנענטערט האָט זי איבעראַנייעס אָנגעהויבן דורכלעבן די איבערלעבונגען ווי ווען זי האָט אים דערוואַרט פון קאַלעדזש. איצט נאָך מער ווי דעמאָלט, ווייל פאַר די קאַרגע צוויי יאָר וואָס ער איז נישט געווען האָט זי דורכגעלעבט אַ גרעסערע, טיפערע פאַרצווייפלונג.

אַ גאַנצע וואָך האָט זי אים דערוואַרט, און אַ גאַנצע וואָך איז זי ניט

געשלאָפֿן. זי איז געלעגן אין בעט און מיט דער געניסטער פּינקטלעכקייט אַלץ אויסגעאַרבעט.

ווען זיי זיינען אָפּגעפֿאָרן אַ שטיקל וועג, האָט זי אים געפֿרעגט:

— וויל ער ווירקלעך גיין אין דער „בייט אַעל" קאַפע? זי איז נישט זייער בייגעריק.

אים איז דער גאַנצער ענין ניט אָנגעגאַנגען, האָט ער אין שפּאַס געזאָגט:

— ער איז דער גאַסט. זאָל זי אים נעמען וואו זי וויל.

זי האָט אים געוואָלט ענטפֿערן, אָבער די ווערטער האָבן זיך איר פֿאַרהאַקט אין האַלדז, איז זי געפֿאָרן ווייטער.

— וואוהין־זשע פֿאָרט ער? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן.

— וואוהין איר ווילט, — האָט זי געענטפֿערט אין איין אָטעם.

— איך וויל אין ערגעץ ניט פֿאָרן.

— גוט.

זי האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל און זיך אַליין באַוואונדערט ווי געשיקט זי האָט עס געטאָן. וואָס זאָל זי איצט טאָן? זיך אַרייַנוואַרפֿן אין זיינע אָרעמס? זי וועט וואַרטן. זאָל ער אָנהויבן.

זי האָט זיך צוגערוקט צו אים, כלומרשט זיך מאַכן באַקוועמער.

— „אַי בעג יור פּאַרדאָן", — האָט מעלווין זיך עטוואָס אָפּגערוקט, געלאָזט איר מער פּלאַץ.

— „אַי בעג י ו ר פּאַרדאָן, — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

מעלווין האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס זיינען מיר געבליבן שטיין?

— מעלווין! — האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון איר האַלדז.

— וואָס?

— גאָרניט.

צוליב דער פֿינצטערניש האָט ער ניט געזען. ער האָט אָבער דערפֿילט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל.

— איר ווילט מיר עפּעס זאָגן? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן.

— ניין.

— טאָ לאָמיר פאָרן.
— וואוהין ?
— אַהיים.
— אַהיים ?
צעערגערט, געריירט ביז טרערן, האָט זי האַסטיק זיך אַ לאָז געטאָן צום רעדל פון אויטאָמאָביל. זי האָט געמיינט ער וועט זי אָפּהאַלטן. ווען ער האָט עס אָבער ניט געטאָן, איז איר האַסטיקייט אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין דער פינצטער האָט זי כּלומרשט ניט געקענט טרעפן ווי צו באַוועגן דעם מאָטאָר. מיט אַלע אברים האָט זי געפילט אַז קוים רירט זי זיך פון דאַנען ווערן אַלע אירע פלענער צעפאַלן. די וואָרצלען פון אירע האָר האָבן איר גענומען שטעכן ווי מיט אָנגעברענטע נאָדלען.
— מעלווין ! — האָט זי ווידער אויסגעשריען.
— מעלווין !
זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.
ער האָט זיך דערשראָקן.
— פּאַטרישיאַ !
זי האָט ניט געענטפערט. טרערן האָבן, ווי אַ קוואַל, זיך אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן, זי האָט איינגעגראָבן איר פּנים איןביידע הענט.
— פּאַטרישיאַ ! וואָס האָט פּאַסירט ?
— גאָרנישט.
— טאָ וואָס־זשע וויינט איר ?
עטלעכע ווערטער זיינען איר געלעגן אויפן שפּיץ צונג, ווערטער וועל־כע זי האָט צענדליקער מאָל געריידט צו זיך ווען זי איז אַ נאַקעטע געשטאַ־נען פאַרן שפּיגל, טראַכטנדיק פון אים ; ווערטער וועלכע זי האָט געהערט פון מיידלעך מיט וועמען זי איז געגאַנגען אין שול צוזאַמען. ווען זי קען אָט די ווערטער איצט אויסשרייען הויך אויפן קול, וואָלט איר געוואָרן אַ ביסל גרינגער, זי וואָלט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.
— איר פילט ניט גוט ? — האָט מעלווין געפרעגט.
זי האָט ניט געענטפערט.
— לאָמיר פאָרן אַהיים. איכ׳ל טרייבן.
ווען מעלווין איז שוין געווען גרייט איבערצוגיין אויף איר זייט האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט.
— מעלווין !

— וואָס ?

— מיר וועלן דאָך חתונה האָבן, ניין ?

— ניין.

— ניין ? (פויזע) פאַרוואָס ?

— איך בין נאָך נישט גרייט חתונה צו האָבן.

— איך וועל וואַרטן.

זי איז געזעסן לעבן אים און קיין זאַך איז איר ניט אָנגעגאַנגען, בלויז ער. איז דאָס ליבע ? זי האָט אים געקענט אָנרופן מיט לאַשטשענדיקע נעמען ווי : ליבער, זיסער, האַרציקער, טייערער. פאַרוואָס האָט זי אים בלויז גערופן מעלווין ? ווייל מעלווין איז געווען די פּערזאָן וואָס האָט געקענט איינשטילן דעם האַסטיקן טיק־טאַק פון איר האַרצן. מעלווין האָט געקענט לייכטער מאַכן איר שווער אָטעמען. מעלווין האָט געקענט איינשטילן די פאַרלאַנגען וועלכע האָבן, ווי מיט צוואַנגען, געצויגן איר איטלעכן נערוו פון איבעוּוייניק און אַזוי סענסיטיוו געמאַכט איר הויט צו זיינע באַרירונגען. איז דאָס געווען ליבע ? האָט זי געטראַכט ווי זי וועט פילן צו אים מאָרגן? ניין. האָט זי געדענקט ווי זי האָט געפילט צו אים נעכטן ? ניין. עס איז ניט געווען קיין נעכטן, קיין מאָרגן, בלויז היינט . . . איצט . . .

פּאַטרישיאַ האָט אַזוי ניט געטראַכט. ווי האָט זי געקענט טראַכטן אין אַזאַ צושטאַנד ? פּאַטרישיאַ האָט בלויז געטראַכט פון איין זאַך — זאָל ער זי רייסן ! בייסן ! דערשטיקן צום טויט. דורך די הענטשקעס וואָס זי האָט געטראָגן האָבן איר געסמאַליעט די פינגער מיט וועלכע זי האָט זיינע הענט געהאַלטן, זיין אָטעם האָט איר געבריט די באַקן, און פון אומעטום האָבן זיך געצויגן צונגען פייער, וועלכע האָבן געברענט איר לייב.

אָט דאָס וואָס זי האָט גערעדט מיט אים וועגן חתונה האָבן איז ניט געווען דערפאַר ווייל זי האָט געוואָלט מיט אים חתונה האָבן. איצט איז איר קיין זאַך ניט אָנגעגאַנגען, דער געדאַנק וועגן חתונה האָבן איז געווען דאָס נאָענטסטע וואָס זי האָט געקענט אַרויסברענגען אין דעם מאָמענט. אגב, איז דאָס געווען אַ וועג צוצופירן צו דעם שמועס וועלכן זי האָט געוואָלט אָנהאַלטן.

ווען זיין ענטפער וואָלט געווען אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן, וואָלט זי אים געענטפערט :

— מעלווין ! לאָמיר איצטער זיך איבערגעבן איינער דעם צווייטן און חתונה האָבן וועלן מיר מאָרגן, איבערמאָרגן, איבעראַכטאָג, איבעראַיאָר.

אָבער אַז ער האָט געזאָגט ניין, איז זי געבליבן צעמישט און ווייטער ניט געקענט אַנגיין. זי האָט זיך ווידער צעוויינט, ניט ווייל ער האָט ניט געוואָלט חתונה האָבן מיט איר, נאָר זי איז פּלוצלונג שוואַך געוואָרן און ניט געקענט איינהאַלטן די טרערן.

מעלווין איז געווען זיכער אַז זיין ניט אָננעמען איר חתונה־פאַרשלאַג האָט זי באַליידיקט און דערפאַר וויינט זי, האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַר איר:

— היינט וואָלטן מיר וועגן דעם ניט געדאַרפט ריידן.

— פאַרוואָס ?

— איך האָב היינט דורכגעלעבט זייער אַ סך.

וואָלט פּאַטרישיאַ ניט געווען אַזוי פאַרצווייפלט און אים געפרעגט וועגן זיינע איבערלעבונגען אָדער, בעסער געזאָגט, ווען זי לאָזט אים זיך אויסריידן, וואָלט איר אפשר ביסלעכוויין געלונגען, מיט אַ גלעט, מיט אַ קוש, אים אַריינפירן אין דער ספערע פון אירע געדאַנקען.

האָט זי ניט געהאַט קיין דערפאַרונג ?

פון קינדוויין אָן האָט מען איר געלערנט די קונסט פון געפעלן ווערן דעם מאַן. מ׳האָט איר געלערנט טאַנצן כדי איר גאַנג זאָל זיין גראַציעז; מ׳האָט זי געקליידט אין סאַמעט און אין זייד, כדי איר קערפּער־שטריך זאָל זיך אָנזען, איז זי געוואַקסן מיט דער זיכערקייט אַז זי איז די קעניגין איבער דעם מענלעכן מין.

איין לערע האָט מען איר פאַרפעלט צו געבן — די קונסט פון פאַר־שטיין דעם מאַן. אפשר האָבן די לערער אַליין ניט געוואוסט אַז עס זיינען פאַראַן מאַנס־פאַרשוינען וועמען עס איז שווער אַריבערגיין פון איין געפיל צום צווייטן, מאַנספאַרשוינען וועלכע לעבן איבער זאַכן שאַרף און טיף, און די פרוי, מיט איר גאַנצער ווייבלעכער קונסט, איז הילפלאָז.

אָן אַנדערש מאָל, אַז זי וועט זיך געפינען אין דערזעלבער סיטואַציע, וועט זי מסתמא האַנדלען געניטער ווי איצט, דעמאָלט אָבער וועט זי האָבן אָן אַנדערן, ניט מעלווינען און, וועט איר געלינגען, וועט זי טראַכטן אַז מעל־ווין האָט ניט געהאַט קיין דערפאַרונג.

טיף און פינצטער איז געלעגן איבערגעגאָסן די נאַכט, אַלץ איז געווען איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצן, שווערן קנויל. דורך די שפּאַרונעס פון אויטאָמאָביל האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אַ פייכטע קעלט און געקילט פּאַטרי־שיאַס הייס בלוט.

מעלווינס נאָענטקייט איז איר מיט אַמאָל געוואָרן איבעריק. זי האָט זיך אַוועקגערוקט פון אים. זי האָט געמיינט אַז זי איז קליגער געוואָרן, אין אמתן האָבן אירע נערוון, שטאַרק אָנגעצויגן פריער, איצט עטוואָס נאָכגע־לאָזט. מעלווין איז שוין מער ניט געווען יענער ריז מיט די ברייטע אַקס־לען, נאָר אַ נישטיקע באַשעפעניש, וואָס האַלט אין איין איינשרומפּן.

אַ באַליידיקטע, אַ דערנידעריקטע, איז זי געזעסן אין ווינקל, איינגע־קאָרטשעט אין זיך און געוואָרעמט דעם שנאה־געפיל וואָס זי האָט פּלוצלונג דערפילט צו אים. זי האָט געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט אים, אים ווי טאָן. אָבער ווי אַזוי ?

— מלחמה איז אַ שרעקלעכע זאַך, — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

זי האָט עס געזאָגט ניט ווייל זי האָט זיך געוואָלט טיילן מיט זיינע אי־בערלעבונגען, דאָס האָט זי געזוכט צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, אפשר וועט איר געלינגען אים אַ שטאָך טאָן.

— איר האָט דאָך פון דער מלחמה ניט געליטן, — האָט ער געענט־פערט.

— איך מיין עס אָנטקעגן דעם וואָס די מלחמה האָט פון אייך געמאַכט.

זי האָט געמיינט אַז ער וועט איר פרעגן וואָס די מלחמה האָט געמאַכט פון אים, וואָלט זי געענטפערט אַז אין אים איז אָפּגעטויט געוואָרן יעדער מענטשלעכער חוש, אַז ער האַנדלט ווי אַ בייזע חיה, ווי אַ נאַצי.

מעלווין האָט אָבער געטראַכט פון דעם וואָס ער האָט דעם טאָג דורכ־געלעבט, האָט ער געענטפערט :

— איך האָב היינט דורכגעלעבט מער ווי אין די צוויי יאָר וואָס איך בין געווען אויפן פראָנט.

זי האָט אָנגעהויבן ווערן פאַראינטערעסירט. אפשר האָט טאַקע מיט אים היינט עפּעס פּאַסירט, און ער איז גאָרניט שולדיק פאַר זיין פריערדי־קער האַנדלונג. זי האָט אַ פרעג געטאָן :

— וואָס האָט איר היינט דורכגעלעבט ?

— אַ מאָרד !

— איר האָט עמיצן דערהרגעט ?

— ניין.

— איז דאָס ביי אייך אַ נייעס ? איר קומט דאָך פון פראָנט.

— אויפן פראָנט, ווען מיר זיינען געגאַנגען אויפן שונא, זיינען מיר געווען גלייכע כוחות, גלייך באַוואָפנט, אָבער דאָ איז איין צד געווען באַ־

וואָפנט און דער צווייטער ניט.

— איר מיינט דעם סטרייקער ?

— יאָ.

— אָבער דאָס איז דאָך פאַרגעקומען מיט עטלעכע טעג צוריק.

— היינט איז געווען די לוויה.

דזשאָהנין האָט זי קיינמאָל ניט געקענט. די נייעס וועגן זיין טויט איז איר איבערגעגעבן געוואָרן אין דער ליכט, אַז דער גרעסטער שונא פון דער אָרדענונג איז באַזייטיקט געוואָרן. אינסטינקטיוו האָט זי דערפילט אַז איר לעבן איז געוואָרן זיכערער ווי געוועזן. איצטער האָט זי דערפילט אַז דער אומבאַקאַנטער איז איר פּערזענלעכער שונא, דזשאָהני איז שולדיק וואָס מעלווין האָט אַזוי געהאַנדלט. אַלע מאָל האָט זי געפילט אַ פאַרבאָר־גענע שנאה צו די מענטשן אין טאָל, אבער איצט האָט די שנאה זיך פאַר־צענפאַכט. זי האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אַז די נידעריקע ברואים אין טאָל וועלן האָבן אַ דירעקטע שייכות מיט איר לעבן.

זי האָט שוין ניט געקענט אונטערשיידן ווען זי האָט מער פיינט, מעלווינען צי זיי. זי האָט באַשלאָסן: איינער איז ניט בעסער פונעם צווייטן.

— דערפאַר זייט איר עס אין אַזאַ שטימונג ?

— יאָ.

— אויף פּאָליציי קען מען זיך ניט פאַרלאָזן.

— זיי זיינען מערדער.

— איך מיין נישט דאָס.

— וואָס דען ?

— אַז שוין שיסן, וואָלטן זיי באַדאַרפט אַלעמען אויסשיסן !

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט זי לייכט אָפּגעאָטעמט. זי האָט געפילט אַז זי האָט אים געטראָפן אין אַ גוט געצילטן אָרט. זי איז זיך אַליין מקנא גע־וועזן ווי קלוג און געשיקט זי איז. מערקווירדיק ווי פריי זי האָט איצט גע־קענט טראַכטן. זי איז שוין ניט יענע וואָס זי איז געווען מיט אַ שטיקל צייט צוריק, איר מוח איז קלאָר, איר צונג שאַרף, זי וועט זיך מיט אים אָפּ־רעכענען פאַר אַלץ. אונטער אַנדערע אומשטענדן וואָלט מעלווין זי איגנאָרירט, נאָר דאָ האָט ער געפילט אַז זי האָט עס געטאָן מיט אַ כיוון, האָט ער זיך געמאַכט ווי דער גאַנצער ענין גייט אים ווינציק וואָס אָן און אַ פרעג געטאָן :

— פֿאַרוואָס עפּעס אַלעמען דערשיסן ?

— ווייל זיי זיינען פֿאַרברעכער ! זיי רואינירן דאָס לאַנד מיט זייערע סטרייקס !

— פֿאַרוואָס זייט איר אויף זיי אין כעס ? — האָט ער אָנגעהאַלטן דעמזעלבן טאָן. — ביי אייך סטרייקט מען דאָך ניט.

— מ׳דאַרף זיי אַרויסשיקן פֿון לאַנד !

— דאָס האָט אייך אייער פֿאָטער געזאָגט ? — האָט ער תמעוואַטע געפֿרעגט.

— ניין, א י י ע ר פֿאָטער ! — האָט זי היציק געענטפֿערט.

— מיט וואָס, זאָגט מיר, זייט איר בעסער פֿון זיי ?

דאָס איז שוין געווען צופֿיל פֿאַר איר, און אַזוי ווי אויפֿן מאָמענט האָט זי ניט געפֿונען קיין פּאַסיקע ווערטער אים ווײַ צו טאָן, האָט זי אויסגעשריען :

— פֿאַרוואָס האָט איר מיך באַדאַרפֿט פֿאַרשלעפֿן הינטערן שטאָט צו באַליידיקן ?

מיט דעם האָט זי זיך באַנאַרישט. ער האָט איר גלייך געענטפֿערט :

— דאָס האָט איר דאָך מיך גענומען אַהער.

— איך קען אייך פֿירן צוריק.

— איך וועל אייך זיין זייער דאַנקבאַר, — האָט ער געענטפֿערט.

מיט כעס האָט זי אַ דריק געטאָן דעם „סטאַרטער" און מיט אימפּעט זיך געלאָזט פֿאָרן. זיי זיינען געפֿאָרן און געשוויגן. איר בלוט האָט געקאָכט. זי האָט געפֿילט דעם געוואַלדיקן דורכפֿאַל וואָס זי האָט געמאַכט. טאַטע־מאַמע האָבן געלייגט צופֿיל האָפֿענונגען אויף זייער היינטיקן אַרויספֿאָר. וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער וועט זי זיי געבן ?

זי האָט געוואָלט גוט מאַכן. האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ טאָן פֿון מוסר :

— עס וואָלט געפּאַסט אַז איר זאָלט זיין איינער פֿון זיי.

— פֿון וועמען ?

— פֿון די סטרייקער.

— איך בין איינער פֿון זיי, — האָט ער געענטפֿערט.

זי איז געווען זייער נערוועז. יעדע באַמערקונג זיינע האָט איר געקרענקט. זי האָט ניט געקענט דורכפֿירן וואָס זי האָט געוואָלט, איז זי ווידער אַריינגעפֿאַלן אין אַן איראָנישן טאָן :

— איך בין געווען זיכער אַז איר זייט דזשאָהן דזשיי הילטאָנס זון.

ער האָט נישט געענטפערט. דאָס האָט איר פאַרדראָסן. נישט לאַנג וואַרטנדיק, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אַז איר זייט יאָ איינער פון זיי, פאַרוואָס זייט איר נישט געגאַנגען צו דער לוויה?

— איך בין יאָ געגאַנגען צו דער לוויה, — האָט ער געענטפערט.

— עס האָט געמוזט זיין זייער אינטערעסאַנט.

— יאָ, עס איז געווען זייער אינטערעסאַנט.

— היינט שטעלט זיך פאָר ווען עס איז אַ מאַסן־לוויה, וואָלט געווען נאָך אינטערעסאַנטער.

ער האָט מער ניט געקענט אָנגיין אויף דעם אופן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— זאָגט מיר, מיס פיטערסאָן, פאַרוואָס זייט א י ר אַזוי אין כעס אויף זיי? זיי האָבן דען ביי אייך עפּעס פאַרנומען?

— אַז ס'וועלן זיך געפינען נאָך אַזעלכע ווי איר, מר. מעלווין הילטאָן, וועלן זיי טאַקע פאַרנעמען.

מער האָבן זיי ניט גערעדט. ווען זיי זיינען אַריינגעפאָרן אין מידל־וויל האָט ער איר געבעטן אָפּשטעלן דעם אויטאָמאָביל. ער איז אַרויס און געגאַנגען צופוס אַהיים. אין הויז האָט מען זיך געוואונדערט וואָס ער איז אַזוי פרי געקומען. די פיטערסאָנס זיינען נאָך דאָרטן געווען און זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין וואו פאַטרישיאַ איז. מעלווין האָט אויסגעמיטן פראַגן און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

איך דענק, אַז ס'וואָלט געווען אַ פּלאַן צו לאָזן מידלוויל צו רו און אַליין אויך כאַפּן אַ דרימל. פון פאַרטאָג ביז איצט, כמעט האַלבע נאַכט, זיינען מיר דאָך אויף די פיס.

זיך אַריינלאָזן אין ווילדע, אויסגעטראַכטע חלומות, וואָס אונדזערע העלדן וואָלטן באַדאַרפט חלומען, וועל איך ניט. מ'חלומט קיין מאָל ניט וואָס מ'וויל.

מעלווין שלאָפט גאַנץ געשמאַק. ווי באַקוועם איינער זאָל זיך פילן פאַרנדיק אויף אַ באַן, ווערט ער דאָך אויסגעמאַטערט, ווען ער פאָרט אַ גאַנ־

צע נאַכט און נאָך אַ שטיק אין טאָג אַריין. דערצו נאָך, ווי איר ווייסט, איז ער געגאַנגען צו מעיך־סטריט צופוס, ס'איז אַ היפּשע שטרעקע. דאָס אַרונטערגיין איז ניט געווען אַזוי שווער, אָבער דאָס גיין צוריק, באַרג־אַרויף, מאַטערט אויס, און דער איבערררייד וואָס ער האָט געהאַט מיט פּאַט־רישיאַן האָט אים קיין געזונט ניט צוגעגעבן, און די קעלט האָט אים שטאַרק דורכגענומען. פּרוּוועט איר דורכגיין וואָס מעלווין איז היינט דורכגעגאַנ־גען, וועט איר זען אויב ס'וועט זיך אייך עפּעס חלומען.

און פּאַטרישיאַ? זי איז געווען אַזוי צעערגערט און צעווייטיקט, און אַ נאַכט פריער איז זי דאָך אויך ניט געשלאָפן, איז איר באַפאַלן אַ פּוסט־קייט און אַ מידיקייט. זי איז געווען זייער צופרידן וואָס אירע עלטערן זיי־נען נאָך ניט געווען, האָט זי זיך אויף שנעל אויסגעטאָן, זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט און גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן.

פון רוטן איז דאָך שוין אָפּגערעדט. די צוויי טעג וואָס דזשאָהני איז געלעגן ביים באַגרעבער איז זי געווען אויף און נאָכאַנאַנד געוויינט. ווען זי איז געקומען אַהיים האָט זי אפילו זיך ניט אויסגעטאָן, זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט און אַנטשלאָפן געוואָרן אין די קליידער.

דזשאָהן דזשיי הילטאָן שלאָפט ניט. ער וואָרפט די שולד אויפן כראַ־פּען פון מרס. הילטאָן, וועלכע שלאָפט אין צווייטן צימער. ער ווייסט אַז דאָס איז ניט מער ווי אַן אויסרייד, אָבער ער וויל ניט צוגעבן אַז דאָס וואָס ער קען ניט איינשלאָפן איז דערפאַר ווייל ס'איז אים שווער צו אָטעמען.

יאָ, מאָרגן וועט ער אָנהויבן שטרענגער אָפּהיטן די פאַראָרדענונג פון די דאָקטוירים. אָבער צום טייוול! פאַרוואָס האָבן זיי זיך פונקט פאַרלייגט אויף סקאָטש! דער סקאָטש גייט דאָך אין מאָגן, וואָס האָט עס צו טאָן מיט זיין קורצן אָטעם? מיטן וואָרפן זיך פון זיין האַרץ?

דאָס שנעלע קלאַפּן פון זיין האַרץ מאַכט אים אומבאַקוועם. עס דוכט זיך אים ער וואָלט איינגעשלאָפן ווען ער קען ליגן אויף דער לינקער זייט, אָבער ווי נאָר ער דרייט זיך איבער הויבט זיין האַרץ אָן צו קלאַפּן מיט אַזאַ אימפּעט אַז ער פילט, באַלד, נאָך אַ קלאַפּ און עס שטעלט זיך אײַנגאַנצן אָפּ.

ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט אַז זיין סוף זאָל זיין אַזוי נאָענט. אַלע מאָל האָט ער פאַר זיך געזען אַן אומענדלעך לאַנגע שטרעקע, מיט צענדלי־קער יאָרן אין פאָראויס. און פּלוצלונג האָט ער דערפילט דאָס האַרץ, גע־וואָרן באַוואוסטזיניק וועגן אָטעמען, און די שטרעקע איז געוואָרן אַזוי קורץ, — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. און די יאָרן? ער טראַכט שוין ניט פון אי־

בעראַיאַר, נאָר פון מאָרגן. מאָרגן וועט ער, צום אַלעם ערשטן, סעטלען דעם סטרייק. אויף מעלווינען קען ער זיך ניט פאַרלאָזן, יענער וועט דאָך זיי אַלץ אַוועקגעבן.

אויף פּאַטרישיאַן וואָלט מען זיך יאָ געקענט פאַרלאָזן, איז אָבער אַן אומגליק, זיי האַלטן זיך אין איין קריגן. אָט דאָס וואָס ער איז אַזוי פרי געקומען און אַנטלאָפן צו זיך אין צימער איז אַ סימן אַז זיי האָבן זיך געקריגט. מילא, מעלווין האָט קיין שכל ניט, אָבער פּאַטרישיאַ? זי האָט איצט באַדאַרפט פאַרשווייגן זייַנע נאַרישקייטן. נאָך דער חתונה וועט זי אים נעמען אין די הענט אַריין. מאָרגן וועט ער זיך מיט איר דורכריידן.

אַך, דער מעלווין! וואָס וויל ער? ער גיט אים איבער אַ גאַנצע קעניגרייך, און אים גייט עס גאָרניט אָן. ווען ער האָט אַ צווייטן זון וואָלט ער יענעם אַלץ אַוועקגעגעבן און מעלווינען גאָרניט. אפשר זאָל ער גאָר ליקווידירן דעם געעשעפט? ניין, ניט ליקווידירן! ער דאַרף ניט קיין געלט. ער דאַרף די געביידעס, די הויכע קוימענס, די גרויסע שילד „דזשאָהן דזשיי הילטאָן". דאָס מוז בלייבן אויף יאָרן און יאָרן נאָך אים. קיינמאָל נישט פאַרקויפן! קיינמאָל ניט אַראָפּנעמען די שילד! זאָל די וועלט וויסן אַז דזשאָהן דזשיי הילטאָן האָט אַמאָל געלעבט!

ער איז געווען אַזוי זיכער אַז ווען מעלווין וועט צוריקקומען מיט פּאַטרישיאַן וועלן זיי ברענגען די פריילעכע נייעס אַז זיי וועלן חתונה האָבן. דעמאָלט וואָלט ער פאַר פּיטערסאָנען געמאַכט די דערקלערונג וועלכע ער טראָגט אין זיך אַרום די לעצטע עטלעכע וואָכן, נעמלעך, אַז ער גיט איבער צו זיי די וועבערייַ אַלס אַ חתונה־מתנה, און ער וואָלט טאַקע געוואָלט זען וואָס די פּיטערסאָנס וועלן געבן. דערפאַר טאַקע האָט ער מיט אַלע כוחות אָפּגעהאַלטן די פּיטערסאָנס, זיי ניט געלאָזט אַוועקגיין. נו, האָט זיך מעלווין צעקריגט מיט פּאַטרישיאַן און איז געקומען אַליין.

איז מעגלעך אַז פּאַטרישיאַ האָט צוריקגעוויזן זיין חתונה־פאָרשלאָג? ער האָט דאָך ערשט גערעדט מיט איר בייטאָג, און נעכטן, און אייערנעכטן, פאַרוואָס האָט זי אים גאָרניט געזאָגט? ס׳איז זיכער מעלווין. ער דאַרף דאָך אים שוין קענען! וואָס ער וויל מעלווין זאָל טאָן, טוט ער פאַרקערט.

וואָס פעלט פּאַטרישיאַן? זי איז אַ סך שענער ווי זיין עמאַ איז געווען, און קלוגער אוודאי. ווען זיין עמאַ איז קלוגער וואָלט אפשר מעלווין אויך געהאַנדלט אַנדערש. נאָכוואָס האָט ער חתונה געהאַט מיט איר? דעמאָלט האָט ער ניט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון אַ קלוגער ווייב. דע־

מאָלט איז אים בלויז געגאַנגען אין דעם — ווייזן מידלוויל אַז ער האָט אויך אַ מיידל, אַ גרעסערע און אַ גרעבערע ווי די אַלע איבעריקע. אָבער איצט איז זי שוין אַ ביסל צו גראָב . . .

און אפשר וואָלט אַן אַנדערע אים שוין לאַנג אָפּגעגט ? ווער נאָך, אַ חוץ זיין עמאַן, וואָלט אייגעגאַנגען אים לאָזן טאָן אַלץ וואָס ער וויל ? ווען עמאַ האָט אים עפּעס געפרעגט און ער האָט איר ניט געענטפערט איז אויך געווען רעכט. ווייבער דאַרפן זיך נישט מישן אין געשעפט. מיט מעלווינען איז אַנדערש. ער הויבט דאָך ניט אָן צו וויסן דעם פּרינציפּ פון געשעפט. איז פּאַטרישיאַ טאָקע ווי אַנגעמאָסטן פאַר אים.

אפשר וואָלט מעלווין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אידייע מיט וועלכער ער טראָגט זיך אַרום — מאַכן אַ מיניאַטור־פאַבריק פאַר עקספּערימענטן ? וויפיל ער וואָלט געקענט וואָלט ער אים געוויזן, געהאָלפן, דערקלערט און, אַזוי אַרום, וואָלט ער זיך אפשר באַקענט מיט דער גאַנצער אַרבעט ?

איצט, נאָך דער מלחמה, ווען אַלץ איז רעוואָלוציאַניזירט געוואָרן, קען מען ניט אָנגיין מיט די אַלטע מעטאָדן, מ׳מוז זוכן נייע וועגן, אַלע מאָל זיין דער ערשטער אויפן פעלד.

און אפשר עפּענען די פאַרהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקן זיך מיט דער „אַמעריקאַן טעקסטייל קאָ.״? ניין ! די שילד „דזשאָהן דזשיי הילטאָן״ גייט דאָך גלייך אַרונטער. ער וועט איבערגעבן מעלווינען האַק און פּאַק און ציט זיך צוריק פון אַלץ.

פוילן ! וואָס האָט זיין טאַטן אַזוי שטאַרק געצויגן קיין פוילן ? אפשר זאָל ער גאָר זיך אַריבערכאַפּן קיין פוילן ? מאָדנע, זינט זיין טאַטע איז געשטאָרבן האָט ער קיינמאָל ניט געטראַכט פון אים און ניט פון פוילן, פאַרוואָס־זשע טראַכט ער דערפון פּלוצלונג ? וועט ער שוין באַלד אויך שטאַרבן ?

צום טייוול ! זיין האַרץ וואַרפט זיך שוין ווידער. ער קען דאָך ניט האַלטן אין איין טראַכטן. ער איז מיד, ער וויל שלאָפן. דזשאָהני ? ניין ! מעלווין ! פּאַטרישיאַ ! עמאַ ! עמאַ !

עמאַ שלאָפט געשמאַק.

די נאַכט ליגט שווער אויף מידלוויל. אַ געדיכטע פינצטערניש האָלט אין איין שטראָמען פון די בערג און לעשט אויס פענצטער נאָך פענצטער.

יהושע אלקאָן

ס׳איז קיין וואונדער ניט וואָס די איינוואוינער פון מידלוויל זיינען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. זיי וועלן דעם היינטיקן טאָג לאַנג, לאַנג געדענקען. זיי זיינען דאָך אַזוי פיל זיך אָנגעאַנגען, האָבן זיך אַזוי פיל אָנגערעדט, אָנגעשריען, אָנגעפּרוירן.

מיר וואָלטן זיך אויך באַדאַרפט אָפּרוען, אָבער אַט האָט זיך באַוויזן ליכט אין פרענק מאַרי׳ס פענצטער. איז ער שוין אויפגעשטאַנען? אָדער ער איז נאָר וואָס געקומען?

דאָס איז ער נאָר וואָס געקומען. ריטשאַרד וההייט איז געווען מיט אים אַ גאַנצן טאָג. לאָמיר הערן וואָס ריטשאַרד וההייט האָט צו זאָגן.

— ווען דאָ איז ניט פאַרמישט לואיס בראון, וואָלט זיך אסור געלוינט צו ריידן וועגן דעם. דער גאַנצער ענין איז זייער אַ פשוטער: פרענק און עוועלין זיינען חתן־כלה. וועלכן פאַרבליבענעם בחור איר וועט אָנכאַפּן אין מידלוויל איז ער עפּנטלעך אָדער אין געהיים פאַרקנסט צו אַ מיידל און טראָגט זיך אַרום מיט דיזעלבע חלומות ווי פרענק; אַז ער וועט חתונה האָבן וועט ער האָבן אַן אייגענע ווייב און ער וועט שלאָפן מיט איר אין איין בעט. מער ניט פרענק האָט געהאַט אַ גרעסערע איינבילדונגס־קראַפט און ער האָט פון דעם אָפטער גערעדט. וואָס דאַרפט איר מער? זיי האָבן באַשטימט חתונה צו האָבן אין דריי חדשים אַרום. ער האָט שוין אויסגעצאָלט דאָס שלאָף־צימער מעבל מיט אַ חודש צוריק. (עוועלין ווייסט נאָך ניט וועגן דעם). היינט שטעלט זיך פאַר וואָס פאַר אַ ווירקונג עס קען האָבן אויף אַזאַ מענטשן, ווען ער דערפילט אַז ס׳איז דאָ אַ געפאַר ער זאָל פּלוצלונג פאַרלירן זיין מיידל?

איך ווייס ניט צי ער האָט עס דערפילט מיט זיין בלינדן חוש, צי ער האָט עפּעס באַמערקט. יעדנפאַלס ווען מיר זיינען נאָך געווען אויפן בית־עולם רופט ער מיך אָפּ אָן אַ זייט און זאָגט מיר:

— מאָרגן וועט זיין נאָך אַ לוויה.

— ווער איז געשטאָרבן? — פרעג איך אים.

— לואיס בראון.

— אַט שטייט ער דאָך און רעדט! וואָס מיינסטו ער איז געשטאָרבן?

— איך גיי אים הרגענען.

מיין איך אַז ער שפּאַסט.

— פרענק! — זאָג איך, — ווי קענסטו שפּאַסן אין אַזאַ צייט, אויף אַזאַ אָרט?

— ס'איז ניט קיין שפּאַס, ריטשאַרד! — זאָגט ער מיר, און טוט אַ בויג די פּאָלע פון זיין ראָק און ווייזט מיר אַזאַ גרויסן מעסער. ווער איך אַ פאַרציטערטער, קוק אים אַריין טיף אין די אויגן, זע איך ס'איז ניט פרענקס אויגן. די מילדקייט און גוטמוטיקייט איז פאַרשוואונדן, זיי זיינען ווילד, האַלב־אַרויסגעסטאַרטשעט אויף דער זייט און ס'שלאָגט פון זיי אַ גרינער האַס. הויב איך זיך אָן בעטן ביי אים:

— פרענק! דו ביסט משוגע געוואָרן? וואָס האָסטו זיך אַריינגע־נומען אין קאָפּ?

— זע, ווי ער רעדט און וואַרפט חנדלעך צו מיין עוועלין.

— נו איז וואָס? זי איז אַ שיין מיידל, חנדלט מען זיך צו איר, — פּרואוו איך אים באַרואיקן.

— ס'איז מער ווי דאָס, — ענטפערט ער מיר. — וואָס ליגט ער טאָג ווי נאַכט ביי איר אין הויז? ער איז דאָך געקומען וועגן סטרייק!

— ביז ס'וועט זיך איינשטילן מיט דזשאָהנין איז דאָך ניטאָ וואָס צו טאָן.

— ער האָט דאָך אָן אָפּיס! אַ האָטעל!

איך ווייס אַז פרענק איז גערעכט, אָבער צוגעבן טאָר איך ניט.

— נאָך אַ זאַך, — הויבט ער אָן. — כ'פּלעג זיך קיינמאָל ביי איר ניט קענען איינבעטן זי זאָל גיין מיט מיר צו אַ יוניאָן־מיטינג, זינט ער איז דאָ האָט זי נאָך קיין איין מיטינג ניט פאַרפעלט. היינט, אַז עס איז ניטאָ קיין מיטינג, פרעג איך איר: וועסט גיין מיט מיר היינט אין מואווינג פּיק־טשור? וואָלסטו באַדאַרפט הערן ווי זי האָט זיך דאָס צעשריען אויף מיר! היינט מואווינג פּיקטשורס? היינט! זי פּלעגט דאָך בדאַי ניט עסן און גיין אין אַ מואווי.

— זי איז גערעכט. וועמען ליגט עס היינט אין זינען מואווינג פּיק־טשורס?

— און איך וואָלט דען געגאַנגען? דאָס האָב איך זי געוואָלט אויס־פּרואוון. נעכטן איז געווען אַן אַנדער זאַך. כ'האָב זי געזען ביי טאָג, פרעג איך איר: וואָס טוען מיר אין אָוונט? זאָגט זי מיר אַז זי איז קראַנק. אפשר דאַרף מען אַ דאָקטאָר? ניין, ענטפערט זי, ניט נאָר אַ דאָקטאָר זאָל נישט קומען, נאָר איך זאָל אויך נישט קומען.

— אפשר איז זי טאַקע געווען קראַנק?

— פאַרוואָס־זשע האָט זי זיך פאַרפוצט און געקומען צו דער לוויה?

פון בייטאָג אָן ביז איצט האָב איך פון איר קיין אויג ניט אַראָפּגע־לאָזט. ווי שפּיאָנען האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין דער פינצטער אַרום עוועלינס הויז. איצט, אַז זי האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט ער זיך אַ ביסל באַרואיקט. און לאָמיר אייך זאָגן אַז פרענק איז גערעכט. איך אַליין האָב געפילט ווי צוגיין צו בראַונען און אים זאָגן:

— דו ביסט אַהער געקומען וועגן זייער אַן ערנסטער אַרבעט, מר. בראַון. אַ גאַנץ שטעטל איז אין סטרייק. דו ביסט זייער וועג־ווייזער, טאָ וואָס פאַרנעמסטו זיך מיט ליבעס? ווייסטו דען נישט אַז צוליב אַזאַ קליי־ניקייט קען דער גאַנצער סטרייק פאַרלאָרן גיין? האָסטו אַמאָל אַ טראַכט געטאָן אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן דיר און פרענקן? פאַר־וואָס אונטערשעצסטו אים אַלע מאָל? פאַרוואָס רעכנסטו זיך ניט מיט זיי־נע געפילן? און דאָס וואָס דו זיצסט אויף יענער זייט דעסק האָסטו צו פאַרדאַנקען בלויז דיין חוצפּה. פרענק חלומט פון יושר און גערעכטיקייט, ער קומט צו דיר דו זאָלסט אים אָנווייזן אַ וועג, אָבער דו ביסט שוין אויס־געוואַן אַ וועלט, לאַכסטו אים עזותדיק אין פּנים אַריין און נעמסט צו זיין געליבטע. פרענק גלויבט אין דיר און דו, קענענדיק זיך, ווייסטו אַז ס'איז בי־טאָ וועמען צו גלויבן. פרענק אַפּלאָדירט דיר ווען דו האַלטסט פאַר אים אַ רעדע, אָבער דו רעדסט די רעדע ווי פון אַ ביכל אַרויס.

— בראַון! די פרענקס דאַרפן פירער וועלכע זאָלן זיי דינען! וועל־כע זאָלן זיין זיינע וועג־ווייזערס! וועלכע זאָלן זיך מקריב זיין פאַר אים, פאַרשטייסט? אַ גאָט דאַרף ער! און דו פאַרשוועכסט עס.

— מר. בראַון! אַ פירער דאַרף זיין באַהעפט מיטן אידעאַל וועלכן ער פּריידיקט. אויב נויטיק דאַרף ער אַפילו זיך מקריב זיין! דו ווילסט אַלע מאָל ער זאָל זיך מקריב זיין! ער וויל פון דיר גאַרנישט, דו קומסט דאָך צו אים! פאַרוואָס גיסטו אים ניט קיין רו און גלויבן? יעס, מר. בראַון, אַ פירער דאַרף זיין כאָטש אַ האַלבער גאָט, אויב ניט קיין גאַנצער.

אַזוי האָט גערעדט ריטשאַרד וואַייט, אַן אַרבעטער פון דער „מידלוויל ניטינג מיל".

אַ גוטע נאַכט.

צווייטער טייל


ליטענשטיין

גוט מאָרגן!

איך האָב אייך נעכטן פאַרגעסן זאָגן אַז דער טאָג הויבט זיך אָן זייער פרי אין מידלוויל. מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג הויבן זיך אָן באַוועגן פּי־גורן אויף מעין־סטריט. דער סאַמע ערשטער איז אַלע מאָל מר. מילער, דער אייגנטימער פון רעסטאָראַן, וואו מיר זיינען נעכטן פאַרפאַרן, די אייגנ־טימער פון די גאַזאָלין־סטאַנציעס און מר. האַרדי דער אַפּטייקער, (ווייל אַ חוץ מעדיצינען פאַרקויפט ער אויך קאַווע).

מר. מילער און מר. האַרדי לעבן ניט בשלום. נישט ווייל זיי זיינען קאָנקורענטן, נאָר ווייל ער, מילער, דענקט אַז דער פּרעסטיזש פון מידלוויל ליידט שטאַרק פון האַרדיס וואַסערדיקער קאַווע.

— מאַכן גוטע קאַווע, — זאָגט מילער, — איז אַ קונסט מיט וועלכער מ'ווערט געבוירן. און בכלל איז אַן אַפּטייק פאַר מעדיצין, ניט פאַר קיין קאַווע.

אָבער די מענטשן, וועמעס קאַווע געשמאַק מר. מילער וויל פאַרבעסערן האַלטן, ווי עס ווייזט אויס, זייער ווייניק מיט אים, ווייל האַרדי באַרימט זיך אַז ער פאַרקויפט מער טעפּלעך קאַווע אַ טאָג ווי מר. מילער.

סיי ווי, יעדער איינער איילט זיך עפּעס זיין געשעפט פריער פאַרן צווייטן.

נעכטן אין דער צייט האָט אויף מעין־סטריט געשוויבלט און געגריבלט מיט מענטשן, איצט איז מעין־סטריט ליידיק. מר. מילערווישט די פאַר־פאַרעטע פענצטער און קוקט אינדרויסן. ער זוכט די מענטשן וועלכע האָבן נעכטן פאַרנומען אין זיין רעסטאָראַן אַלע טישלעך. איצט זיצן אין אַ ווינקל עטלעכע טוריסטן און זאַפּן אין זיך אַריין דעם גאַנצן ריח פון דער פרישער קאַווע, וואָס שלאָגט אין אַ פאַרע פון גרויסן טאָפּ.

אפשר וועט זיך נאָך אויף מעין־סטריט עפּעס דורכן טאָג אַנטוויקלען, דערווייל איז דאָ שאַ שטיל. וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן צוגיין אויפן באַרג,

אין שלאָס, זען וואָס דאָרטן קומט פאָר? מיין רעכענונג איז — אויב עס וועט יאָ זיין נייעס, וועט עס קומען פון דאָרטן...

אמת, מיר האָבן נאָך אַ פאַרשווין מיט וועלכן מיר דאַרפן זיך נעענטער באַקענען. דאָס איז דזשים טיילאָר, דער וועלכער איז נעכטן אָנגעקומען מיט מעלווינען. אָבער ס'איז נאָך צו פרי צו גיין אַהין. אגב, ווי איר ווייסט, איז אים שווער צו גיין צוליב זיין שטייפער פוס, איז ניטאָ זיך וואָס צו איילן. מיר וועלן זיין אין זיין געגנט וועלן מיר זיך אַריינכאַפּן אַהין.

גייען מיר, הייסט עס, אין שלאָס. מעלווין שלאָפט נאָך. פאַרגעסט ניט אַז צוויי יאָר איז ער ניט געשלאָפן אין קיין ווייסער, ריינער און ווייכער בעט, און די הימלען, ווי איר זעט, זיינען גרוי, אין אַזעלכע פרימאָרגנס שלאָפט זיך געשמאַק. אויס געוואוינהייט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיטן טאָג צוגלייך, אַפילו אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און זיך גענומען אָנטאָן. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אַז ס'איז שלום אויף דער וועלט און אַז ער איז אין דערהיים, האָט ער זיך צוריק געלייגט אין בעט, איבערגעדעקט די קאָלדרע איבער די אויערן און איינגעשלאָפן. ער האָט צו דערשלאָפן אַ סך ניט־דערשלאָפענע שטונדן.

אָבער אַ חוץ מעלווינען איז כדאי צו זען וואָס די איבעריקע אין שלאָס טוען. די איינציקע צוויי פאַרשוינען וועלכע זיינען אויף איז פּיטער און דזשאָהן דזשיי הילטאָן.

ווען פּיטער איז אַריין אין עס־צימער איז שוין דזשאָהן דזשיי הילטאָן אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער. אין אָנהייב האָט זיך פּיטער דערשראָקן, ער האָט געמיינט אַז ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, איז ער געבליבן שטיין ביים טיר ווי אַ יינגל וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט און געוואַרט אַז הילטאָן זאָל אָנהויבן שרייען אויף אים. נאָר אַז הילטאָן איז עטלעכע מאָל פאַרביי־געגאַנגען און אים גאָרניט געזאָגט, האָט זיך פּיטער אָנגענומען מיט מוט און איז געגאַנגען אָנגיסן דאָס גלעזל סקאָטש. ערשט איצט האָט ער זייטיק אַ כאַפּ געטאָן אַ קוק אויף זיין זייגערל און, דערזען אַז ס'איז נאָך פאַר זיבן, האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט.

גיסנדיק דעם סקאָטש האָט ער געטאָן צוויי זאַכן מיט אַמאָל, ער האָט געפּרואווט דערגיין די אורזאַך וואָס האָט געטריבט זיין האַרס שלאָף, און געוואָרפן בליקן אויף הילטאָנען, וועלכער האָט אַרומגעשפּאַצירט, איינגעוויקלט אין זיין זיידענעם מאָרגן־ראָק. דאָס וואָס הילטאָן איז אונטן, ביי די קני, ברייטער ווי אינמיטן, צוליב זיינע אויסגעבויגענע קני, האָט אים

געמאַכט אויסזען ווי ער וואָלט געגאַנגען פּאַרקערט, מיטן קאָפּ אַראָפּ. פּי־טער האָט אָבער ניט געלאַכט. ער איז צו געטריי. ער האָט מער ניט גע־קוקט אויף אונטן, נאָר אויבן צו, אויפן פּנים וועלכער איז געווען פאַרצויגן מיט אַ וואַקסענער בלאַסקייט. אָט די בלאַסקייט האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט אַן אומעט. איצט, מער ווי אַלע מאָל, האָט ער געוואָלט דערגיין די אורזאַך וואָס האָט צעשטערט דעם סדר פון הויז. צווישן אַלע געדאַנקען, וואָס זיינען בליץ־שנעל דורכגעלאָפן דורך פּיטערס מוח, איז איין געדאַנק געבליבן שטיין ווי אַ ריזיקע וואַנט — הילטאָנס קריזיס איז אויך זיין קריי־זיס!

פּיטער האָט געפילט ווי צוגיין צו הילטאָנען און אים זאָגן:

— מר. הילטאָן! איך פאַרשטיי אַז ניט אומזיסט גייט איר אַרום אַזוי צעטראָגן. איר האָט פאַר זיך גרויסע פּראָבלעמען, אָבער אייערע פּראָבלעמען זיינען דאָך אויך מיינע. דערציילט מיר וואָס מאַטערט אייך, אפשר וועלן מיר צוזאַמען דאָס קענען לייזן.

אָבער אַז הילטאָן איז אים אָנגעקומען אַנטקעגן האָט אים אויסגעפעלט מוט אפילו עפענען דאָס מויל. ער האָט פּלוצלונג זיך געכאַפּט אַז צו דער גלאָז סקאָטש וואָס ער האָט אָנגעגאָסן האָט ער ניט צוגעגרייט דאס וואַסער צו פאַרטרינקען. איז ער שנעל אַנטלאָפן אין קיך. ווען ער איז צוריקגע־קומען האָט ער געטראָפן הילטאָנען אין דער פּאָזע און ווידער האָבן אים אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ זיינע פריערדיקע געדאַנקען. אָבער לאַנג טראַכטן האָט ער ניט געקענט, ער האָט דערהערט הילטאָנס פאַרדומפּענעם קול, וואָס האָט זיך אים געדוכט, איז אַרויסגעקומען פון אונטערן זיידענעם מאַרגן־ראָק.

— קאָווע!

— קאָווע?

— קאָווע.

אַ ווײַלע איז פּיטער געשטאַנען מיט אַן אָפענעם מויל און בלאָנדזשענ־דיקע הענט. ער האָט פאַר זיך עטלעכע מאָל איבערגערעדט דאָס וואָרט „קאָווע”, ביז ער האָט זיך איבערצייגט אַז הילטאָן וויל טאַקע קאָווע.

איך קיך איז אים אַלץ געפאַלן פון די הענט ביז ער האָט צוגעגרייט די קאָווע.

אַריינקומענדיק צוריק, האָט ער מיט אַלע כוחות זיך אָנגעשטרענגט די הענט זאָלן אים ניט ציטערן. ווען ער האָט ענדליך אַרויפגעשטעלט די קאָ־ווע אויפן טיש, האָט ער פריי אָפּגעאָטעמט.

מיט זיין געוויינלעכן גאַנג איז הילטאָן צוגעגאַנגען צום טיש און אָנ־געהויבן טרינקען די קאַווע. פּיטער איז געווען פאַרלאָרן. ער האָט ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן. געוויינלעך פלעגט בעמען הילטאָנען אַרונטערשלינגען דעם סקאַטש אַ סעקונדע און איידער פּיטער האָט נאָך געהאַט צייט זיך אַרומקוקן איז שוין הילטאָן געווען מיטן פּנים צו די טרעפּ. פּיטער פלעגט דאַן אַרויס אינדרויסן, צוזאַמענקלייבן די הינט, וועלכע זיינען דורך דער נאַכט אַרומגעלאָפן פריי, זיי פאַרשפּאַרן און געבן עסן. דערביי פלעגט ער האַלטן אַן אויג אויפן פענצטער פון קיך, ביז אַ ליכט האָט זיך באַוויזן, זיין סימן אַז מערי די קעכין איז שוין אויפגעשטאַנען. דאַן פלעגט ער איבערלאָזן די הינט און זיך לאָזן אין קיך.

יעדן טאָג פלעגן פאָרקומען דיזעלבע מאַנעוורעס — ער אַפּענסיוו, זי דעפענסיוו, ביז עס פלעגט אים געלינגען איינקלאַמערן זיינע קאַלטע פינגער אין איר וואַרימען בוזים.

ס'איז פאַר אים ניט געווען קיין אונטערשייד מערי, העלענאַ, אָדער סיידי, עס איז געווען די וואַרעמקייט פון זייערע לייבער נאָך וועלכער ער האָט געבענקט ביז דער שלאָף איז אים אַריבער.

אָבער אַז הילטאָן איז געבליבן זיצן ביים טיש האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער האָט מורא געהאַט אַוועקצוגיין טאָמער וויל היל־טאָן נאָך קאַווע.

אים איז שטאַרק ניט אָנגעשטאַנען וואָס הילטאָן האָט פאַרביטן דעם סקאַטש אויף קאַווע. מיט יעדן זופּ וואָס הילטאָן האָט גענומען פון דער טונקעלער פליסיקייט, האָט פּיטער געפילט אַז ער וואַשט אָפּ אַ טייל פון דעם דרך־ארץ און גלויבן וואָס דער סקאַטש האָט אויסגעבויט אין אים פאַר די צען יאָר. יעדער גלעזל סקאַטש וואָס הילטאָן האָט אַריינגעגאָסן אין זיך האָט פאַרשטאַרקט פּיטערס גלויבן אַז זיין פּאָזיציע דאָ איז זיכער. אָבער דער ערשטער זופּ קאַווע האָט די זיכערקייט אַוועקגענומען און די פלענער פון זיין צוקונפט האָבן גענומען צעפאַלן ווערן. מיט פאַרצווייפלונג האָט ער געקוקט הילטאָנען גלייך אין די אויגן, ווי איינער רעדט:

— מר. הילטאָן! וואָס טוט איר? פע! פילט איר דען ניט אַז איר רואינירט אונדז ביידן מיט אָט־דער פאַרפלוכטער קאַווע?

גאַנץ מעגלעך אַז הילטאָן האָט אויך אַזוי געפילט. די הייסע קאַווע האָט ניט געשטילט יענע דינע, שאַרפע פאַרלאַנגען וואָס האָבן זיך געצויגן פון אַלע טיילן פון זיין קערפּער צו דעם שפּיץ צונג און צום דעכל פון זיין

גומען, און די גלאָז סקאָטש האָט צו אים געוואונקען מיט איר נאָסן, געלב־לעכן שימער, אים וואָסערדיק געמאַכט אין מויל און אינגאַנצן אַוועקגענומען דעם טעם פון דער קאַווע.

— פּיטער! — האָט ער פלוצלונג אויסגעשריען, אַנווייזנדיק אויף דער גלאָז סקאָטש, — נעם עס אַוועק!

נאָך איידער פּיטער האָט צייט געהאַט דורכצופירן דעם באַפעל, האָט הילטאָן געלאָזט פאַלן נאָך אַ פּאָר ווערטער:

— אַזוי ווילן די דאָקטוירים, כאַ־כאַ־כאַ!

ווי עס ווייזט אויס האָט ער זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם געלעכטער, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אינעם גרויסן צימער פּוסט און טעמפּ, ווייל גלייך האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן:

— וואָס זאָגסטו דערצו, האַ? — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער קאַווע מיט חוזק. פּיטערן איז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס ער טרינקט די קאַווע, און ביי די זייטן פון זיין מויל האָבן זיך באַוויזן קנייטשן. דאָס האָט ער גע־מאַכט אַ פאַרזוך צו שמייכלען וועגן הילטאָנס באַמערקונג.

— פּיטער! — האָט הילטאָן פלוצלונג אויסגערופן.

פּיטערס פּנים און קערפּער האָבן זיך געטאָן אַ גלייך אויס, זיינע אַקס־לען האָבן זיך אַ ציִ געטאָן אויף הינטן, זיין ברוסט האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן פאָראויס, דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אויטאָמאַטיש אונטער דער ווירקונג פון הילטאָנס דערמאָנען זיין נאָמען.

— פּיטער! זעץ זיך.

פּיטער איז צוגעלאָפן צום שטול, זיך אַוועקגעזעצט. ער איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, ניט געוואוסט צי זאָל ער אָנהייבן ריידן, ווייל הילטאָן האָט נאָך אַלץ געטרונקען די קאַווע. פון גרויס איילעניש האָט ער זיך געזעצט אויפן שפּיץ שטול, אים איז געווען אומבאַקוועם צו זיצן, ער האָט אָבער מורא געהאַט זיך אַ ריר טאָן.

הילטאָן האָט אים ניט גערופן אַז ער זאָל זיצן לעבן אים, ער האָט אויך ניט געוואָלט הערן פּיטערס מיינונג. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געטראַכט און גערעדט צו זיך, איצט האָט ער געוואָלט ריידן צו עמיצן, עמיצער זאָל אים הערן. ער האָט אויך ניט געוואָלט קיין עצות. ווען ער האָט געהייסן פּיטערן ברענגען קאַווע איז שוין אַלץ געווען באַשלאָסן, איצט האָט ער בלויז געוואָלט הערן ווי זיין באַשלוס קלינגט.

— היינט וועל איך מאַכן אַ סוף צום סטרייק, — האָט ער אָנגעהויבן.

דער שטול מיט פיטערן האָט אַ ציטער געטאָן. הילטאָן האָט אָבער ניט געקוקט אין פיטערס ריכטונג. ער האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב אַלץ געוואַרט מעלווין זאָל קליגער ווערן, האָט זיך אונטערגערוקט מיין האַרץ, צו אַלדי טייוולען! זאָל ער פירן ווי ער וויל!

פיטער האָט אים געהערט מיט אַלע זיינע אברים. און ווען הילטאָן איז אַנטשוויגן געוואָרן, איז פאַר אים קלאָר געוואָרן אַז מעלווין וועט ווערן דער באַלעבאָס. ער האָט דערפילט אַז דער באָדן רוקט זיך אַרויס פון אונטער זיינע פיס. וואָס זאָל ער טאָן? ער וואָלט אים אַ פרעג געטאָן: — מר. דזשאָהן דזשיי הילטאָן, וואָס וועט זיין מיט מיר? — ער האָט אָבער ניט געקענט ריידן. ער האָט געוואוסט אַז אַזאַ געלעגנהייט צו זיצן אַזוי נאָענט לעבן דזשאָהן דזשיי הילטאָן וועט ער שוין אַזוי שנעל ניט האָבן און דאָס האָט אים געמאַכט נערוועז. איז ער געזעסן, גערעכנט ווי לאַנג וועט עס נעמען הילטאָנען אויסטרינקען די קאַווע און, ווען דער ברעג פון טעפל, פון וועלכער הילטאָן האָט געטרונקען, האָט זיך אויסגעגלייכט מיט זיינע וואָנצעס, האָט פיטער אויסגעשאָסן:

— מר. הילטאָן איר פאַרט אַוועק?

הילטאָנס שווייגן האָט געמאַכט פיטערן פילן אַז ער איז שוין אַוועק אַ טראַט צו ווייט. האָט ער אים געוואָלט דערקלערן אַז ער האָט דאָס ניט געפרעגט אויס נייגעריקייט, נאָר אַז ער איז פשוט געווען איבערראַשט פון די נייעס. ער האָט אָבער מורא געהאַט אַז ווען ער וועט אָנהויבן ריידן וועט ער ווידער זאָגן ניט דאָס וואָס ער וויל און, ווי ער האָט אַזוי געקעמפט מיט זיך, האָט ער דערהערט זיך ריידן:

— מר. הילטאָן, וואו איר זאָלט ניט זיין וועט איר דאָך וועלן וויסן וואָס אין פאַבריק קומט פאָר.

ווען פיטער וואָלט געוואוסט וואָס הילטאָן האָט געטראַכט וואָלט ער גערעדט און גערעדט. שוין לאַנג אַז הילטאָן האָט אַזוי שטאַרק נישט געוואָלט אַז מ׳זאָל ריידן צו אים, אָבער ער׳ט דאָך ניט זאָגן: פיטער, רעד צו מיר! — האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו שמייכלען, אָבער מער ווי אַ האַלבע וואָנצע האָט זיך ניט באַוועגט. דאָך, דער שטרענגער קוק אין זיינע אויגן איז געוואָרן מילדער. פיטער האָט דאָס ניט באַמערקט. ער האָט ניט געקוקט אין הילטאָנס זייט. זיינע אויגן זיינען געווען איינגעגראָבן אין אַ שטראַל ליכט וואָס האָט זיך געצויגן פון גלאַנציקן טיש צו דער עלעקטרישער ליכט, אָבער זיין אויסרעכענונג איז געווען אַז אויב עס וועט אַוועקגיין

אַ שטיקל צייט און הילטאָן וועט ניט אַ געשריי טאָן: פּיטער! מעג ער ווייטער אָנגיין מיט זיינע רייד. פון וואָס ער זאָל ריידן האָט ער באַשטימט ניט געוואוסט.

— וואָס וועט ווערן פון מיר ווען איר וועט אַוועקפאָרן?

אַזאַ פראַגע קען ער אים ניט שטעלן. דער כיטרער פּיטער האָט גע־וואוסט אַז רעדן דירעקט וועגן זיך טאָר ער ניט. איז אים איינגעפאַלן אַז די ליבע וואָס בראון האָט פאַרפירט מיט עוועלינען קען ער איצט, אויף אַן אומ־שולדיקן אופן, אויסנוצן פאַר זיך.

די ליבע האָט געשאַפן אַ סך קעגנער אין מידלוויל. מיט זיין בלינדן חוש האָט פּיטער געפילט אַז די קעגנערשאַפט קאָן האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג אויפן גאַנג פון סטרייק.

ער האָט אַלע מאָל געהאַלטן די אויגן און אויערן אָפן פאַר נייעסלעך, אַזוי אַרום אָנווייזן הילטאָנען אַז ער איז אים געטריי. איצט, האָט ער גע־פילט, קען ער שיסן צוויי פויגלען מיט אַמאָל, אַרויסווייזן געטריישאַפט און זיך ראַטעווען. זיין איינציקע רעטונג איז — דער סטרייק זאָל נ י ט גע־סעטלט ווערן. האָט ער אָנגעהויבן ריידן מיסטעריעז:

— ווי איך פאַרשטיי וועט דער לואיס בראון דאָ נישט קענען פאַרבליי־בען לאַנג אין מידלוויל.

— צוליב דער ליבע וואָס ער האָט פאַרפירט מיט מיס גרעי? — איז אים הילטאָן אַריינגעפאַלן אין די רייד.

פּיטער האָט ניט געגלויבט זיינע אויערן. פון וואַנען האָט הילטאָן זיך שוין דערוואוסט? ער אַליין האָט ערשט נעכטן זיך דערוואוסט וועגן דעם. ער האָט צוגעקראָגן אַ נייעם קאָנקורענט, וואָס האָט אַ צוטריט צו הילטאָנען. אָבער איצט האָט ער ניט געטאָרט טראַכטן וועגן דעם, איצט האָט ער גע־מוזט איבערצייגן הילטאָנען אַז ער איז קלוגער און געטרייער ווי יענער, וואָס האָט אים דערציילט די נייעס. האָט ער אָנגעהויבן:

— שוין אַ פּאָר טעג אַז איך האָב געהערט קלאַנגען וועגן דעם, אָבער איך האָב פיינט צו רעדן וועגן קלאַנגען, איצט איז דאָס שוין אַ זיכערע זאַך. (פּויזע) מ׳קען זייער לייכט מאַכן אַז לואיס בראון זאָל מוזן אַנטלויפן פון דאַ־נען.

— טאָ וואָס־זשע וועט זיין? — האָט אים הילטאָן איבערגעהאַקט אומ־געדולדיק.

— אויס בראון, אויס סטרייק.

— אַזוי דענקסטו ?
— ווען ניט בראון וואָלטן אַ סך זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט.
— דענקסטו ניט, — האָט הילטאָן נאַאיוו אַ פרעג געטאָן, — אַז אין ניו־יאָרק זיינען דאָ נאָך בראונס ?
— אָבער ביז וואָס ווען איז דער סטרייק געבראָכן, — האָט פּיטער אויסגעשאָסן ווי פון אַ פּאַפּיר אַרויס.
דער לעצטער אַרגומענט איז אים זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער איז געווען זיכער ביי זיך אַז ער האָט איבערצייגט הילטאָנען אַז זיין קאָפּ דאַרט אים אויך נישט, און ער האָט באַשלאָסן גיין אַ טריט ווייטער, אים געבן אַן עצה.
— און איר וואָלט ניט באַדאַרפט אַוועקפּאַרן פון דאַנען. איך גלויב ניט אויב מעלווין וועט קענען פירן די וועבעריי.
— וואָס ווייסטו פון מעלווינען ?
— גאָרניט. ער איז צו יונג. כ׳מיין, ער פאַרשטייט ניט קיין מענטשן.
— וועלכע מענטשן ?
— אַרבעטער.
— אַרבעטער איז ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין.
— איך האָב אים אויך געזאָגט דאָסזעלבע.
— דו דאַרפסט אַזוי ניט ריידן. דו דאַרפסט האַלטן מיט זיי.
פּיטער האָט זיך דערפילט פאַרלאָרן. מיינט עס טאַקע הילטאָן, אָדער ער פּרואווט אים אויס ? איז אים איינגעפאַלן, אפשר גאָר צודריקן הילטאָנען צום וואַנט מיט אַ פראַגע :
— מר. הילטאָן ! וואָס וואָלט איר געדענקט פון מיר ווען איך בין נישט אויף אייער זייט ?
אָבער הילטאָן האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס :
— דו ביסט אַ זייעריקער, דאַרפסטו האַלטן מיט זיי.
איצט איז שוין פּיטער געווען אינגאַנצן פאַרלאָרן. יאָ, הילטאָן מיינט עס. ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען, אָבער הילטאָן האָט אים ניט געלאָזט קומען צו זיך.
— וואָס האָסטו צו זיי ?
— מר. הילטאָן ! — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ פעסטער שטימע און אים געקוקט גלייך אין די אויגן, — מר. הילטאָן, זיי רואיבירן דאָך אייך !
— דו דאַרפסט האַלטן מיט זיי, — האָט הילטאָן אַנטשלאָסן געענט־פערט.

פיטער האָט זיך געביסן די ליפּן ביזן בלוט. ער האָט זיך ניט געקענט מוחל זיין למאי ער האָט זיך אַליין אַריינגעשלעפּט אין אַזאַ אומגליק. ווי וועט ער זיך איצט אַרויסדרייען? דאָ איז אים הילטאָן געקומען צו הילף.

— ווי לאַנג שוין אַז דו ביסט פון דער וועבעריי?

— צען יאָר! — האָט פּיטער מיט שטאָלץ געענטפערט.

— געדענקסט נאָך אַוודאי ווי שטרענג איך בין געווען צו די אַרבעטער?

— איר זייט ניט געווען שטרענג, — האָט פּיטער געשמייכלט. ביסט אַ ליגנער! דו ביסט מיר געווען אַ שונא, און אַלע זייט איר מיר שונאים.

— מר. הילטאָן! ווי אַזוי קענט איר עס גאָר זאָגן?

— הער אויף דיינע היינטישע שטיק, פּיטער. ווען איך פלעג דורכגיין די וועבעריי האָב איך געפילט אַז איך גיי צווישן שונאים, אָבער איך האָב קיין מורא ניט געהאַט. אייער שנאה איז אַ קליינלעכע, אַ גראָשנדיקע, מיט איין דאָלאַר האָב איך געקענט אָפּקויפן דעם גרעסטן שונא.

— מר. הילטאָן, — האָט פּיטער געלאָזן זיך אָנגערופן, — פילנדיק זיכער אַז ער האָט אים אַריינגעכאַפּט אין אַ פּאַסטקע פון וועלכער ער וועט זיך שוין ניט אַרויסדרייען. — מר. הילטאָן, אָט האָט דאָך יענער איך געוואָלט דערלאַנגען מיטן אייזן.

— אָבער ער האָט דאָך ניט דערלאַנגט.

— ווייל איך האָב אים פאַרהאַלטן, — האָט פּיטער געענטפערט מיט דער זיכערקייט אַז ער איז דער גערעכטער.

— איך האָב אַלע מאָל געוואוסט אַז ס'וועלן זיך געפינען אַזעלכע ווי דו, וואָס וועלן ניט דערלאָזן מיר שלעכטס טאָן, — האָט הילטאָן געענטפערט, — און דאָס האָט מיך אַלע מאָל געוואונדערט. ווען מ'כאַפּט זיך שלאָגן צו איינעם פון מיין קלאַס וואָלט איך זיך אַלע מאָל אָנגענומען פאַר אים, ניט פאַרן קעגנער. ביי אייך איז פאַרקערט.

— ווען ער דערלאַנגט אייך מיטן שטיק אייזן, וואָלטן מיר דאָך אַלע פאַרלאָרן אונדזערע דזשאַבס.

— פּיטער, דו ביסט אַ ליגנער. דיר גייט ניט אָן זייערע דזשאַבס, דיר גייט בלויז אָן דיין דזשאָב.

— מר. הילטאָן...

— בעסער רעד ניט. דו מאַכסט ערגער מיט דיין ריידן. גיי!

פּיטער איז אַוועק אַ דערשלאָגענער, אַן אומעטיקער. ווי אַ גנב האָט ער

זיך אַריינגעשלייכט אין זיין אייגענעם צימער. ער האָט געוואַנדערט מיט די אויגן איבער די ווענט פון צימער, געקוקט דורכן פענסטער אין דרויסן. אַלץ וואָס אים איז געווען נאָענט און טייער איז אים פּלוצלונג געוואָרן ווייט און פרעמד. הילטאָנס ווערטער האָבן געקלונגען ווי מיט באַראַבאַנען אין די אויערן.

הילטאָן איז גערעכט. ער דאַרף טאַקע האַלטן מיט די אַרבעטער, ער איז דאָך אויך אַן ארבעטער. די אַלע האָפענונגען וואָס ער האָט געהאַט אין די צען יאָר וואָס ער איז אין שלאָס, זיינען מיט אַמאָל צערונען געוואָרן.

האָט דען הילטאָן ניט אויסגעהערט די אַלע באַריכטן וואָס ער האָט געבראַכט פון די סטרייקער אין די ערשטע טעג פון סטרייק? הילטאָן האָט דאָך אים אַליין געשיקט ער זאָל אויסגעפינען וואָס צווישן זיי קומט פאָר, פאַרוואָס האָט ער אים דאַן ניט געזאָגט אַז ער דאַרף האַלטן מיט זיי? איצט, אַז ער האַלט אין סעטלען דעם סטרייק, וואַרפט ער אים אויף הלמאי ער האַלט ניט מיט די אַרבעטער. איצט, מער ווי אַלע מאָל, האָט ער דערפילט די ריזיקע וואַנט וואָס איז געשטאַנען צווישן הילטאָנען און אים. באַלעבאַטים זיינען חזירים! וואָס מ׳טוט פאַר זיי איז ניט אָנגעלייגט.

ווען ער האָט דעם קלענסטן פאַרדאַכט אַז הילטאָן וועט איבערגעבן מעלווינען די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, וואָלט ער, פּיטער, זייער לייכט געקענט געווינען מעלווינען אויף זיין זייט. אָבער דאָס וואָלט דאָך געהייסן גיין קעגן זיין באַלעבאָס! נו, און אַנטקעגן זיינע ברידער אַרבעטער איז ער ניט געגאַנגען? איז ער דען ניט געלאָפן אין טאָל אויף זיינע אייגענע אַחריות און צוגערעדט אַ סך פון זיינע באַקאַנטע זיי זאָלן גיין אַרבעטן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער סטרייק איז געווען אין פולן ברען? ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט וואָס עס מיינט פאַר אַן אַרבעטער צו פאַרלירן אַ סטרייק. פאַרוואָס זשע האָט ער עס געטאָן? זיך צו פאַרבעסערן. געפעלן ווערן הילטאָנען! וואָלט ער געגאַנגען אַרבעטן ווען מ׳וואָלט געסטרייקט אין זיין פאַבריק? אָבער איך אַרבעט דאָך ניט, האָט ער געפרואווט זיך רעכטפאַרטיקן. הילטאָן איז גערעכט, ער איז אַ ליגנער! נאָך ערגער, אַ הונט! וואָלט ריטשאַרד אַזוי געהאַנדלט? צי פרענק? פרענק טוט נאָך ערגערע זאַכן פון אים! פירן דען פרענק ניט אָן אַ באַוועגונג מ׳זאָל אַרויסשיקן בראַונען פון מידלוויל? לואיס בראַון איז דאָך זייער פירער, אָן אים איז דאָך מעגלעך מ׳זאָל פאַרלירן דעם סטרייק, און פרענק אַרבעט דאָך אין דער וועבעריי, ניט אַזוי ווי ער, פּיטער, וואָס קען זיין שטעטל אַליין באַשטיין.

ווי אַ בליץ לויפט דורך זיין מוח אַז פרענק איז דער, וואָס האָט דער־

ציילט הילטאָנען וועגן בראַונס ליבע מיט עוועלינען. יאָ, ס׳איז ניט קיין אַנ־דערער ווי פרענק. ווי קומט פרענק קריכן אין זיין טעריטאָריע? און צוליב וואָס טוט עס פרענק? צוליב אַ קליידל! אויב ער, פּיטער, איז קעגן די אַרבעטער, די סטרייקס, טוט ער עס פאַר גרעסערע זאַכן, ניט צוליב אַ מיידל! ער טוט עס צוליב דעם וואָס זיין גאַנץ לעבן איז אָפּהענגיק דערפון. וואָס, אַשטייגער, קען ער איצט טאָן? גאַרניט! אויף די עטלעכע הונדערט דאָלאַר וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט קען ער לעבן פינף־זעקס יאָר. וואָס וועט זיין דערנאָך? און פרענק? עוועלין איז דען די איינציקע פרוי אין דער וועלט? זיינען דען ניט אַלע פרויען גלייך? אָט איז אַלגאַ געווען אַ סך שענער פון עוועלינען, פונדעסטוועגן לעבט ער אָן איר. אמת, עוועלין איז, דוכט זיך, העכער פון אַלגאַן, אָבער וואָס האָט צו טאָן הויכקייט? וואָס דען האָט צו טאָן? אויגן? ניין. הענט? פיס? ניין. ניין! ס׳איז ניט די פרוי, ס׳איז ער! שפּעטער איז זי דאָך אים ניט אָנגעגאַנגען. אויב אַזוי איז ער דאָך אויך גאָרנישט? ביידע זיינען אינעם זעלבן צימער און זיי זיינען אַזוי פרעמד איינער דעם צווייטן. ער האָט דעמאָלט קיין שכל ניט געהאַט. ווען ער האָט איצט אַלגאַן וואָלט זי אים שוין גאָרניט געווען פרעמד. אָך, וואָס פאַר אַן אידיאָט ער איז דאָס געווען! נאָך אַזאַ ווי אַלגאַ איז שוין ניטאָ. אָט ליגט זי אין בעט, אַ פרעמדן וואָלט גאָרניט איינגעפאַלן וואָס פאַר אַ קנויל פייער עס ליגט אונ־טערן קאָלדרע. מער ווי אַ הורבע בלאָנדע האָר אויפן קישן זעט מען ניט, אָבער ער, פּיטער, זעט אויפן צודעק אַלע ליניעס פון איר קערפּער, ער ווייס זי האָט אים געהערט אַריינקומענדיק, נאָר זי מאַכט זיך אַז זי שלאָפט, זי וועט זיך ניט אויפכאַפּן ביז ער׳ט ניט אַריינשפּרינגען אין בעט און זי איינ־קלאַמערן צו זיך. אפילו דאַן עפנט זי ניט די אויגן. זי טוליעט זיך אַ שלע־פּערדיקע צו אים און ציט זיך פויל... ער הויבט זיך אָן אויסטאָן. די בענד־לעך פון די שיך האָבן זיך שוין ווידער פאַרקניפּט. אַלע מאָל דאָסזעלבע. ווען אַלגאַ איז אין בעט פאַרקניפּלען זיך אים די שיך־בענדלעך. פרענק איז גערעכט. אַלגאַ! די איינציקע זאַך וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט, אַלגאַ! נו, איז ניט אַלגאַ! איז ראָזי, איז פרענסיס! איז העלענאַ! איז די מיטן אויס־געבויגענעם נאָז! איז די מיט די געפאַרבטע האָר! אפילו די וועמעס נאָמען ער ווייסט ניט און פון וועמעס מויל ס׳האָט זיך געהערט אַ שלעכטער געדוך, אפילו די מיטן צעקנייטשטן פנים...

פון קיך דערטראָגט זיך אַ בראָזגען פון געפּעס...

מערי!...

שוין לאַנג, לאַנג אַז מידלוויל האָט ניט געהאַט אַזאַ פוילן פרימאָרגן ווי היינט. די גרויע, שווערע הימלען האָבן ווי מיט בליי אָנגעגאָסן די קערפּערס פון די מידלווילער איינוואוינער. זיינען זיי געלעגן אין די וואַרעמע בעטן, זיך איינגעהערט צום פייפן פון די בייזע ווינטן, געגענעצט, געצויגן די ביינער און זיך אַליין מקנא געווען.

פון דעם ערשטן טאָג וואָס מ'איז אַרויס אין סטרייק איז יעדערער געוועזן איינגעוויקלט אין אַ מאָדנער נערוועזקייט. אַלע טאָג האָט מען עפּעס דערוואַרט, אָבער מיטן פאַרשיטן פון דזשאַהניס קבר האָט זיך אַלץ געענדיקט.

נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס אויף היינט אינדערפרי האָט לואיס בראון פאַררופן אַ מאַסנמיטינג, האָט קיינער ניט געפילט אַז ס'איז אַזוי וויכטיק. איז מען געלעגן און זיך ניט גערירט פון די בעטן.

לואיס בראון האָט אויך אַזוי געפילט. די רעדע וואָס ער האָט באַדאַרפט האַלטן פאַר די פאַרזאַמלטע צום מאַסנמיטינג האָט ער געהאַט גרייט, אָבער ער האָט געצווייפלט אויב ער וועט זיין בכוח אין זיי אָנצינדן דעם פייער, אַז זיי זאָלן אָנהויבן דעם קאַמף אויפסניי.

עס איז ניט געווען דערפאַר ווייל ער האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין סטרייק, נאָר זיין פּערזענלעכער קאַמף וואָס ער האָט אָנגעפירט מיט פרענקן צוליב עוועלינען האָט זיך פאַרשאַרפט, איז ער איצט געלעגן אין בעט און געטראַכט: וועלכער קאַמף איז וויכטיקער?

אויבן אויף איז דאָס אַ נאַרישער פאַרגלייך. אַוודאי ווייסט ער אַז דער קאַמף מיט מר. הילטאָן איז וויכטיקער, אָבער ס'איז שוין אַוועק אַזוי ווייט אַז ער פילט אַז אָן עוועלינען קען ער ניט אָנפירן דעם קאַמף קעגן הילטאָנען.

(אייערע באַמערקונגען, אַז ער איז ניט ערנסט, אַז אַן עפנטלעכער מענטש טאָר אַזוי ניט האַנדלען, און אַזוי ווייטער, זיינען ניט באַרעכטיקט. די גרעסטע קונסט־ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן און די גרעסטע אַרבעטן אין דער וועלט זיינען געטאָן געוואָרן אונטערן איינפלוס פון ליבע. אַ פּאָעט שרייבט אין אַזעלכע מאָמענטן די שענסטע לידער, דער מאָלער וועט אַריינטאָן זיין האַרץ און נשמה אין די פאַרבן פון די בילדער וועלכע ער מאָלט ווען ער איז פאַרליבט, אַ גענעראַל וועט באַווייזן וואונדער אויפן שלאַכט־פעלד צו געווינען דאָס האַרץ פון זיין געליבטער, און אַ פראַנצאַזישער יוניאָן־פירער וועט, אויף זיין אופן מאַכן עטלעכע פיינע צוגן צו געווינען אַ סטרייק, מער ניט, דער קינסטלער באַנוצט זיך מיטן געפיל פון ליבע, מעג דאָס מיידל זיין אין צווייטן עק וועלט, און אַזאַ פּשוטער מענטש ווי בראון וויל פּשוט האָבן די געליבטע אַלע מאָל מיט זיך. אַזוי ווי פרענק האָט אים פאַרשטעלט

דעם וועג, איז ער געבליבן אינמיטן און האָט ווייטער ניט געקענט אָנגיין מיטן סטרייק).

ניט איין מאָל איז ער געשטאַנען פאַרן שפּיגל און זיך אויסגעטענהט מיט זיך. ער האָט זיך אַליין אָנגערופן מיט די ערגסטע נעמען, אָבער ער האָט זיך פאַרטיידיקט אַזוי קלוג אַז ער איז אַלע מאָל אַרויסגעקומען דער גע־רעכטער.

די איינציקע וואָס האָט פאַרשטאַנען זיינע קלוגע ענטפערס איז געווען זיין ווייב, אָבער ער קען דאָך ניט איבערלאָזן דעם סטרייק און לויפן צו דער ווייב? וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן? און וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז זיין ווייב צו עוועלין? ער געדענקט גאָרנישט, אַז ער זאָל זיין ווייב ווען עס איז ליב האָבן. איי וואָס ער איז איר בחורוויז נאָכגעלאָפן? האָט ער טאַקע קיין שכל ניט געהאַט!

איז ער געלעגן אין בעט און ניט געקענט פאַרטרייבן עוועלינען פון זיינע געדאַנקען. דער איינציקער מיטל וואָלט געווען — דאָס לאָזן גיין נאָך אַ פּאָר טעג. זאָל ער אָנווענדן די זעלבע טאַקטיק וואָס ווערט אָנגעווענדט אין אַ סטרייק — געדולד. האָט ער אָבער, פון דער ערשטער מינוט וואָס ער האָט דערזען עוועלינען, פאַרלאָרן דאָס געדולד. אין באַצוג צו עוועלינען האָט ער אפילו ניט געקענט טראַכטן וועגן דעם הויפּט־פּרינציפּ וואָס ווערט אָנגעווענדט אין אַ סטרייק־קאָמפּראָמיס.

ווען פרענק ווייזט ניט אַרויס אַזוי אָפן זיין כעס צו אים, וואָלט ער גע־קענט זיין אַ גוטער אָנפירער פון סטרייק און נאָך אַ בעסערער ליבהאָבער. מרס. גרעי, עוועלינס מאַמע, האַלט אים אין איין לאַדן צו זיך. אמת, זי האָט אירע פערזענלעכע אַמביציעס, אָבער מיט איר, מיט דער מאַמע, וואָלט ער שוין ווי עס איז דורכגעקומען, נאָר מיט פרענקן איז אַ ביטערע מעשה.

ווען פרענק וואָלט ניט געווען אַזוי איינגעעקשנט, האָט ער דאָך דעם גאַנצן פּלאַן אויף זיינע שפּיץ פינגער:

דאָס שטעטל „סאַניוויל" איז איינגאַנצן אַ שטונדע רייזע פון מידלוויל. נעמט ער, בראַון, איין שיינעם פרימאָרגן און פאָרט אַהין אַוועק, און עוועלין דרייט זיך דאָרט איבער די גאַסן אַז אַלע זאָלן זי זען. דערנאָך קומט ער און דרייט זיך איבער די גאַסן און עוועלין פאָרט אַוועק, ביז דאָס גאַנצע שטעטל ווערט געוואָוינט דערצו. פּלוצלונג קומט אים אָן בייעס אַז ער דאַרף פאָרן קיין ניו־יאָרק אויף עטלעכע טעג. איז דעם ערשטן טאָג נאָך עוועלין דאָ, אויפן צווייטן טאָג כאַפּט זי זיך אַריבער קיין סאַניוויל און זיי טרעפן זיך דאָרטן. אָבער גיי מאַך, אַז פרענק איז אַזאַ'ן עקשן!

דער טעלעפאָן קלינגט. בראון שפּרינגט אַרויס פון בעט. דזשאָהן דזשיי הילטאָן איז אויף דער צווייטער זייט, ער וויל ער זאָל צו אים גלייך צוקומען. דער טעלעפאָן האָט אים אינגאַנצן צעמישט. אין האַרצן האָט זיך פאַרגנבעט אַ פאַרדאַכט אַז אפשר וויל הילטאָן נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די סטריי־קער, און ווערט דער סטרייק געוואונען, האָט ער דאָ מער ניט וואָס צו טאָן, איז אים געוואָרן שטאַרק אומעטיק, פון דערפאַרונג האָט ער געוואוסט אַז איגנאָרירן דזשאָהן דזשיי הילטאָן קען ער ניט.

דער גרויער הימל האָט פון אינדערפרי אָן זיך געצויגן אַרונטער צו מידלוויל און געשאָרן די שפּיצן בערג, וועלכע קוקן מיט אַזוי פיל גאווה אַרונטער צום טאָל.

מעלווין האָט שוין עטלעכע מאָל באַשלאָסן אַרויסקריכן פון בעט און זיך אָנטאָן, נאָר די גרויע, דרויסנדיקע ליכט האָט, ווי מיט זאַמד, אים געשאָטן אין די אויגן און דער קאַלטער, שאַרפער ווינט, וואָס האָט זיך געריסן פון אַנטקעגן אָפּענעם פענצטער, האָט, ווי מיט פּראַסטיקע נאָדלען, אים גע־שטאָכן אין שפּיץ נאָז. האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, איינגעגראָבן די שפּיץ נאָז אין קישן און ווייטער געשלאָפן, כאָטש ער האָט מיט זיך עטלעכע מאָל געקעמפט איבערצוהאַקן דעם שלאָף.

אויפגעשטאַנען איז ער, ווען הילטאָן האָט האַסטיק אָן עפּן געטאָן זיין טיר און אין קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער אים געלאָזט וויסן:

— ער דערוואַרט דעם פאַרשטייער פון דער יוניאָן, וויל ער אַז ער, מעלווין, זאָל זיין דערביי ווען די פאַרהאַנדלונגען וועלן אָנגיין.

זיינע ווערטער האָט ער דייטלעך דערהערט ערשט ווען הילטאָן האָט פאַרמאַכט די טיר פון דער צווייטער זייט. ער האָט זיך גענומען אָנטאָן און געפּרוּווט פאַרבינדן די שייכות וואָס ער האָט מיט די פאַרהאַנדלונגען.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין קאָנפערענץ־צימער האָבן זיי ביידע, זיין פאָטער און לואיס בראון, גערעדט הויך, געקלאַפּט אין טיש און געפּרוּווט איינער דעם צווייטן איבערשפּאַרן. ער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם פון דעם וואָס זיין פאָטער האָט געצילט יעדן אַרגומענט צו אים, ווי ער וואָלט אים געוואָלט איבערצייגן אַז גערעכט איז ער, ניט בראון.

די פונקטן פון סטרייק זיינען נאָך געשליכטעט געוואָרן פריער, איידער מעלווין איז אַריין. גלייך ווי בראון האָט זיך באַוויזן האָט הילטאָן, ווי זיין

שטייגער איז, אים געלאָזט וויסן אַז ער וויל די אַרבעטער זאָלן זיך אומקערן מאַנטיק אינדערפרי צו דער אַרבעט. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געמיינט, אַז הילטאָן גיט נאָך אַלע פאָדערונגען, און דער איצטיקער שמועס איז געווען אַן אַלגעמיינער. ביידע זייַנען איצט געווען פשוטע מענטשן, ווען די פונקטן פון סטרייק זייַנען מער ניט אַנגעגאַנגען, און אויב מ'האָט אַרגומענטירט און גערעדט הויך, איז דאָס בלויז געווען אַן אומבייט פון געדאַנקען.

אין די פריערדיקע צייטן, ווען הילטאָן איז געווען דער גרויסער, אַל־מעכטיקער דזשאָהן דזשיי, האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט מיט אַ פאַרשטייער פון אַ יוניאָן ווי מ'דאַרף. ער פלעגט אַרומלויפן איבערן צימער און שרייַען מיט איבערמענטשלעכע קולות, ער האָט די פאַרשטייער באַליידיקט און זיי אָנגערופן מיט די ערגסטע נעמען. איצט איז ער געזעסן און אָנגעפירט אַ פריידלעכן שמועס.

דאָס וואָס עטלעכע הונדערט אַרבעטער, יוניאָן־פאַרשטייער, שותפים און קאָנקורענטן האָבן ניט געקענט ענדערן, האָבן באַוויזן צו טאָן דריי מענטשן: די דאָקטוירים קימבאַל, דזשאָונס און ווהילער. און נישט מיט אַרגומענטן, נאָר מיט עטלעכע פראַגן.

די פראַגן זייַנען געווען אַזוי געשטעלט אַז ער האָט בלויז באַדאַרפט ענט־פערן יאָ אָדער ניין, אָבער אויף יעדער פראַגע האָט ער געמוזט ענטפערן יאָ, אַזוי פאָזיטיוו איז געווען זיין קראַנקהייט.

זיי האָבן געגעבן געוואוסט ווען ס'איז אים שווער צו אָטעמען. זיי האָבן אים דייטלעך אויסגעמאָלן די ווייטיקן וואָס ער האָט און וואו עס טוט אים וויי, ווי ער פילט אין פאַרשיידענע אומשטאַנדן. ווען ער איז אַוועק פון זיי, האָט ער זיי ניט געפרעגט וואָס זיין חולאת איז. די לאַנגע פאַזן און דאָס איבערקוקן זיך מיט די ווינקלען פון זייערע אויגן, האָבן אים פאַרענטפערט די פראַגן וואָס ער האָט בדעה געהאַט זיי צו שטעלן.

ער האָט זיך פלוצלונג דערפילט קליין און נישטיק. די געביידעס פון דער וועבעריי מיט די מאַשינען זייַנען מיט אַמאָל איינגעהילט געוואָרן אין אַ נעבל, קוים, קוים האָט ער געפילט די שייכות וואָס ער האָט מיט זיי.

יענעם נאָכמיטיק, ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער דייטלעכער דערפילט די ווייטיקן אַרום הארצן, דאָס אָטעמען איז אים אָנגעקומען שווע־רער. ער האָט זיך פאַרמאַכט ביי זיך אין צימער און אָנגעזאָגט אַז ער וויל קיינעם ניט זען און צו קיינעם ניט רעדן.

לאַנג האָט ער אָבער ניט געקענט בלייבן מיט זיך אַליין אין צימער. פון יעדן ווינקל האָבן אָנגעהויבן אַרויסשווימען געשטאַלטן, געשטאַלטן, וועלכע

ער האָט אַלע מאָל מיט מורא פאַריאָגט פון זײַנע געדאַנקען, אָבער איצטער האָט ער זײ ניט געקענט פאַרטרײַבן, האָט ער גענומען זיך אויסטענהן מיט זײ. אָבער די פראַגן וואָס זײ האָבן אים געשטעלט האָט ער ניט געקענט ענט־פערן. ער האָט פאַרשטעלט די אויערן, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן, ער האָט אײַנגעזען אַז זײער יעדעס וואָרט איז אַ שפּיז וואָס שטעכט אים פונקט דאָרטן וואו עס טוט אים ווײ.

זײ האָבן אים געהײסן אָטעמען, טיף אָטעמען. האָט ער זיך פונאַנדער־געלאָכט און געאָטעמט, אָבער זײַן ברוסט־קאַסטן איז געוועזן ענג צוזאַמענ־געקרעמפּט און יעדער אָטעם האָט אים, ווי מיט שאַרפע שפּיזן, געשטאָכן אַרום האַרצן.

פאַרוואָס פאָלגט ער זײ?

אָבער ער אָטעמט און עס שטעכט אים. ער ציט די לופט שטאַרקער און קאָנטראָלירט די מוסקולן פון זײַן געזיכט צו ווײַזן זײ אַז עס אַרט אים ניט. אַזוי, אײנס נאָך אײנס גײען דורך פאַרשווינען. ער ווײסט אַז זײ זײַנען שוין לאַנג פון דער וועלט אַוועק, אָבער ער טענהט מיט זײ ווי זײ וואָלטן געווען לעבעדיקע.

ער האָט באַדאַרפט אַזוי האַנדלען, — טענהט ער מיט זײ. — ווי אַנ־דערש וואָלט ער געקענט דערגרײכן זײַן גרויסקײט?

אָבער זײ לאַכן אים גלײַך אין פּנים און הײסן אים אָטעמען, און ער אָטעמט ביז ער הויבט אָן שלינגען די לופט.

און ווען די פאַרשווינען פאַרשווינדן באַווײַזן זיך אַנדערע מענטשן. די מענטשן קומען אין מאַסן. זײ פילן אָן דאָס הויז און דעם דרויסן. זײ זײַנען אים פרעמד, ער האָט זײ קײנמאָל ניט געזען, זײערע קלײדער זײַנען אַלט און אָפּגעטראָגן, אַ סך פון זײ זײַנען אָן הענט, אָן פיס, מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט, דינע, בלאַסע און הונגעריקע. דאָס זײַנען אַרבעטער. וואָס טוען זײ דאָ?

מיט די פילט ער זיך הײמלעכער. זײ מאַטערן אים ניט מיט אָטעמען טיף, זײ האַלטן אין אײן קוקן אויף אים מיט פאַרגלעזערטע אויגן, קוקן און טוען ניט אַ פּינטל מיט אַן אויג.

פאַר זײ האַלט ער אַ לאַנגע רעדע:

— וואָס קוקט איר אויף מיר? איר זײט די שולדיקע. איר לײַענט ביכ־לעך און הערט זיך אײַן וואָס מ׳דערצײלט אײַך, אָבער די עקאָנאָמישע טעאָ־ריע איז ווײַט ניט אַזוי ווי די פּראָפעסאָרן באַהאַנדלען עס אין קאַלעדזש, ווי זי ווערט באַשריבן אין די ביכער און ווי די רעדנער רײדן צו אײַך.

— איר ווילט זײַן שותּפים צו דער רײַכקײט פון דער וועלט? ווײסט

איר ניט אַז צו זיין אַ שותף דאַרף מען צוטראָגן אַ געוויסן טייל? וואָס איז אייער בייטראַג?

וואָס טוט איר? איר היט דעם זייגער אַ גאַנצן טאָג!

— איר זייט אונדז מקנא, מיר האָבן אַלץ און איר גאָרנישט. פאַרגלייכט אונדזער אַרבעט מיט אייערער. איר אַרבעט אָפּ די צאָל שטונדן און איר זייט פריי, זונטיקס און יום־טובים זייט איר אין דער היים. מיר האָבן קיינמאָל ניט קיין רו! עס זיינען געווען צייטן, ווען איך האָב חדשים לאַנג ניט גע־קענט נעמען קיין סענט פון געשעפט, איר האָט אַלע מאָל געקראָגן באַצאָלט צו דער מינוט. איך האָב געליען געלט און אייך באַצאָלט.

— אמת, איך האָב אַ גרויסע וועבעריי. אַלע יאָר זיינען צוגעקומען נייע געביידעס. ווייסט איר די שוועריקייטן וואָס איך האָב געהאַט? יעדן טאָג האָט זיך געהאַנדלט איך זאָל פאַרלירן יעדן סענט וואָס איך האָב פאַרמאָגט. איך האָב אַלצדינג איינגעשטעלט. האָט איר אַמאָל געפּרואווט איינשטעלן אייך און איינציקע שטונדע?

— איר סטרייקט און געווינט קירצערע שטונדן און אַ גרעסערן געהאַלט. איר מאַרשירט איבער די גאַסן און שרייט: הוראַ! מיר האָבן געוואונען! וואָס האָט איר געוואונען? גאָרנישט! מיר שטעלן אָן בעסערע פאַרלייט, וואָס זאָלן אייך פון דער הויט טרייבן, ווייל מיר מוזן אונדזערע פּראָדוקטן אַרויסקריגן אין די קירצערע שטונדן וואָס איר האָט געוואונען.

— יאָ, די עקאָנאָמישע פראַגע איז ווייט ניט אַזוי ווי פּראָפעסאָרן באַ־האַנדלען זי אין די קאָלעדזשעס, שרייבער אין די ביכער, און רעדנער אויף דער פּלאַטפאָרמע.

אַט־די אַלע געדאַנקען האָט הילטאָן איצט דורכגעלופטערט ווידער אַמאָל אין דער אָנוועזנהייט פון מעלווינען און לואיס בראון. אָבער אין די אַלע אַרגומענטן איז ער אַרויסגעקומען דער גערעכטער בלויז דאַן ווען ער האָט געטענהט מיט זיך אַליין, אָבער בראון האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיט עט־לעכע קאַפּיטלעך פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פון וועלכע אונדזער העלד האָט, ווייזט אויס, ניט געוואוסט. קאַפּיטאַל, האָט אים בראון אָנגעוויזן, האָט זיך קיינמאָל ניט גערעכנט מיטן אַרבעטער. וואָס שוצלאָזער די אַרבעטער זיינען געווען, אַלץ מער זיינען זיי געדריקט געוואָרן.

— איז הילטאָנען אַמאָל איינגעפאַלן אַליין צו פאַרבעסערן די לאַגע פון זיינע אַרבעטער? האָט דען איין מאָל געטראָפן אַז מ׳זאָל קומען צו הילטאָנען מיט אַ פאָדערונג און ער זאָל ניט אַרויסוואַרפן?

אַט־די אַלע רייד זיינען הילטאָנען שטאַרק ניט אָנגעשטאַנען, דער עיקר

למאי בראון האָט זיי אַרויסגעזאָגט אין מעלווינס קעגנוואַרט. ווען בראון איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער פריי אָפּגעאָטעמט.

אַ שטיק צייט איז ער אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער, און ווען מעלווין איז אויפגעשטאַנען פון שטול, זיך געלאָזט גיין, איז ער צוגעקומען צו אים, אַרויפגעלייגט זיינע בײדע הענט אויף מעלווינס אַקסל און גערעדט צו אים, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן:

— דער סטרייק איז געסעטלט. מאַנטיק, זיבן אַזייגער אינדערפרי קערן זיך אַלע אום צו דער אַרבעט. דו וועסט פאַרנעמען מיין פּלאַץ אין אָפיס. די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון געשעפט פאַלט איצט אויף דיר.

דו וועסט מער ניט קומען אין דער וועבעריי? — האָט מעלווין געפרעגט.

— ניין.

— ניין?

— ניין.

ער האָט געזען אַז מעלווין איז איבערראַשט געוואָרן פון זיין דערקלערונג, האָט ער אים איבערגעלאָזט און ווידער גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער.

— עס זיינען דאָ צוויי וועגן ווי אַזוי עמיצן צו לערנען, — האָט הילטאָן ווידער אָנגעהויבן ריידן. — איינס, אים איבערגעבן דערפאַרונגען; צוויי, אַליין קריגן דערפאַרונג. איך האָב באַשלאָסן דאָס צווייטע. מאַך טעותן און לערן זיך פון זיי. נאָר איין זאַך מוזסטו געדענקען — בישט צוגעבן די וועלכע זיינען אונטער דיר אַז דו האָסט געמאַכט אַ טעות.

געדאַנקען נאָך געדאַנקען האָבן אים געקלאַפּט אין מוח, די אַלע ניט-דערזאָגטע רייד, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין אים די אַלע יאָרן, האָט ער איצט מיט אַמאָל געוואָלט אויסריידן.

— ווייסט, מיין זון, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן ריידן אויף די גאָר נידעריקע טענער, — מיט קיינעם איז מיר ניט אַזוי שווער צו רעדן ווי מיט דיר. (פּויזע) איך האָב געהאַט אַ היפּש ביסל פּראָבלעמען אין מיין לעבן און איך האָב זיי אַלע מאָל געלייזט אײדער זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר, אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט דיר האָב איך געוואָרט ביז דער לעצטער מינוט (פּויזע). היינט ווערסטו דער אייגנטימער פון אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, פון אַלץ וואָס איך האָב אָנגעקליבן מיין גאַנצן לעבן. איז דאָך דאָס אַ גרויסע פּראָבלעם פאַר מיר, פאַרוואָס זשע האָב איך מיט דיר ביז היינט ניט גערעדט וועגן דעם?

ער האָט אָפּגעוואַרט אַ פּאָר סעקונדן און ווידער גענומען רעדן:

— איך וועל דיר זאָגן פּאַרוואָס: ביאָלאָגיש ביסטו מיין זון. דאָס איז די איינציקע נאָענטקייט וואָס פאַרבינדט אונדז, דאָס איז די איינציקע אורזאַך וואָס האַלט אונדז צוזאַמען. צייטנווייז האָב איך צו דיר דאָס געפיל ווי צו איי־נעם וואָס וויל חרוב מאַכן דעם בנין וועלכן איך האָב געבויט מיין גאַנצן לעבן, אָבער צו דערזעלבער צייט פיל איך אַ רחמנות אויף דיר. איך בין געבוירן געוואָרן ביי אַן אָרימען וועבער, דו—ביי אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער וועב־בעריי. איך האָב זיך געהאָדעוועט אין נויט, דו—אין די גרעסטע לוקסוסן. דעריבער מוזסטו, אויב ניט פאַרגרעסערן דאָס געשעפט, וועלכעס איך לאָז דיר איבער, איז כאָטש עס אָנהאַלטן אַזוי ווי עס איז, אויב ניט, וועסטו זיין זייער אומגליקלעך.

(פויזע)

— פאַר אַ פרעמדן וואָס פאָרט פאַרביי מידלוויל, איז די וועבעריי בלויז אַ ריי געביידעס, הויכע און נידעריקע, אָבער פאַר מיר איז יעדער ציגל אין די געביידעס אַ שטיק לעבן. איך ווייס אַז אין דער צוקונפט וועט דיר אויס־קומען צו ברענגען קרבנות, דעריבער וויל איך דו זאָלסט געדענקען אַז עס זיינען דאָ געביידעס וועלכע איך האָב געבויט מיטן גרעסטן טריאומף, אַ רע־זולטאַט פון אַ זיג וואָס איך האָב געהאַט איבער אַ קאָנקורענט. עס זיינען אָבער אויך דאָ געביידעס וועלכע איך האָב געבויט מיט טרערן, מיט פאַר־צווייפלונג, געביידעס וועלכע האָבן וואָכן לאַנג מיין שלאָף געדויבעט, געביידעס וועלכע האָבן שטאַרק אָראָפּגעבויגן די וואָגשאָל פון מיין עקזיסטענץ. אָט פון יענע געביידעס איז עס געקומען דער רעזולטאַט, וואָס מיין האַרץ האָט מיר אויפגעהערט דינען ווי עס דאַרף צו זיין.

(פויזע)

— מיין זון! מאַנטיק וועסטו פאַרנעמען מיין פלאַץ אין אָפיס. אַ סך מענטשן וועלן זיך פרייען מיט דעם. פאַר יענע זאָלסטו זיך היטן, ווייל זיי זיינען מיינע שונאים און שונאים, דאַרפסטו וויסן זיין, האָב איך אַ סך. אויב עס וועט דיר אַמאָל אויסקומען צו פאַרגרעסערן די פאַבריק וועסטו אויסגע־פינען פון וואַנען שונאים נעמען זיך. ווער עס גייט פאַראויס, געפינט שטע־רונגען, וועלכע ער מוז צעטרעטן.

יעדערער אין אָפיס ווייסט זיין אַרבעט. דו דאַרפסט בלויז זען אַז די אַרבעט זאָל דורכגעפירט ווערן. נעם ניט קיין עצות און גיב ניט קיין עצות, באַפעל! האָסט דריי טעג ביז מאַנטיק. טו וואָס דו ווילסט, אָבער געדענק די פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס וועט פאַלן אויף דיר מאַנטיק.

ער האָט געוואָלט מיט אים ריידן וועגן פּאַטרישיאַן, וועגן די אַרבעטער, וועגן דער מאַמען און וועגן איינער אַ מרס. סטיוואַרט, וועלכע וואוינט ערגעץ אין אַ ביליקן האָטעל אין ניו־יאָרק, זי איז די ווייב פון זיין לעצטן שותף, פון וועלכן ער איז פּטור געוואָרן אויף אַ מיאוסן אופן, אָבער ער האָט געפילט אַז איצט איז ניט די צייט דערפאַר.

ווען הילטאָן איז אַרויס האָבן אין מעלווינס אויערן לאַנג געקלונגען זיין פּאַטערס ווערטער, ווערטער וועלכע ער האָט ניט געקענט צוזאַמענקניפּן, אָבער ער האָט געוואוסט גאַנץ גענוי וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט.

דאָס אַריינקומען מאַנטיק אין אָפּיס און זיך אַוועקזעצן אויבן אָן ביים שרייב־טיש איז אים ניט געווען אַזוי שטאַרק צום האַרצן, אָבער דאָס איז געווען דער איינציקער מיטל גוט צו מאַכן די פילע פעלערן וואָס זיין טאַטע איז באַגאַנגען.

ער וועט זיך איצט אָנטאָן און אַרונטערגיין אין טאָל, זיך נעענטער באַקענען מיט די מענטשן, וועלכע וועלן זיין אונטער זיין אויפזיכט. ניין! דאָס איז בלויז אַן אויסריד. דאָס וואָס ער גייט אין טאָל איז צוליב עפּעס אַנדערש...

— רוט...

אין דרויסן איז די גרויקייט געהאַנגען נידעריק און ניט געלאָזן דעם רויך פון די קוימענס גיין אַרויף, האָט זיך דער רויך געקייקלט איבער די גאַסן און געגלעט די פאַרפרוירענע פוס־טריט.

די שטימונג אויף מעין סטריט איז געווען אַ פייערלעכע. די נייעס אַז דער סטרייק איז געסעטעלט געוואָרן האָט זיך צעטראָגן אין דער לענג און ברייט פון מידלוויל און מענטשן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פון אומעטום אויף מעין סטריט, זיך געגריסט און געגאַנגען ווייטער. וואוהין מ׳גייט האָט קיינער ניט געוואוסט, און ווען די ערשטע זיינען געקומען צום פּאָסט־אָפּיס, האָבן זיי זיך געכאַפּט אַז זיי זיינען שוין אויסערן שטאָט, האָבן זיי זיך אומגעקערט אין דערזעלבער ריכטונג פון וואַנען זיי זיינען געקומען.

דאָס וואָס מעלווין האָט זיך באַוויזן אויף מעין סטריט האָט נאָך פאַרשאַרפט די פייערלעכקייט. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז מעלווין איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם סטרייק סעטלמענט. פון וואַנען די קלאַנגען האָבן זיך גענומען האָט קיינער ניט געוואוסט, אָבער אַזוי איז עס געגאַנגען פון מויל צו מויל. דערפאַר האָבן די וואָס האָבן דערזען מעלווינען אָנגעהויבן

שרייען: הוראַ! און די וואָס זיינען געווען ווייט אַוועק האָבן גענומען לויפן צום אָרט פון וואַנען דער הוראַ איז געקומען.

ניט אַלע האָבן געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר. די וואָס זיינען צוגעקומען די לעצטע האָבן דערזען מעלווינען אינמיטן רעדל, האָבן זיי געמיינט אַז מ׳וויל אים שלעכטס טאָן, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אים ראַטעווען, און ס׳איז געווען אַ גרויסער וואונדער וואָס קיין געשלעג האָט ניט אויסגעבראָכן.

עס איז ניט געווען קיין צופאַל וואָס גראָד האָט זיך רוט מילס אויך געפונען אויף מעין־סטריט. אַזאַ שטעטל ווי מידלוויל, וואָס האָט בלויז איין הויפּט גאַס מיט געשעפטן מיט שוי־פענסטער, מיט רעסטאָראַנען, וואָס פאַרקויפן הייסע קאַווע אין די קאַלטע ווינטערדיקע טעג און אָוונטן, איז דער איינציקער פּלאַץ, וואו די באַפעלקערונג זאָל זיך צוזאַמענקלייבן צו דערגיין מער נייעס, איבערהויפּט ווען די נייעס איז נוגע דעם גאַנצן שטעטל.

רוט האָט אפילו ניט געהאַט קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט דעם סעטלמענט פון סטרייק, אָבער אין דער היים האָט זי זיך קיין אָרט ניט געפונען. פון דער מינוט וואָס דזשאַהני איז דערהרגעט געוואָרן, ביז נעכטן שפּעט ביינאַכט, נאָך דער לוויה, איז איר הויז געווען פול מיט מענטשן, וועלכע האָבן זי געטרייסט און געשוואָרן אַז זיי וועלן אייביק געדענקען דזשאָהניס געדעכעניש און זי, רוט, איז געווען די הויפּט־אַטראַקציע.

היינט אינדערפרי האָט זיך שוין קיינער ניט באַוויזן אין איר הויז. האָט זי זיך אַרומגעדרייט אַ שטיק צייט ביז די ליידיקע שטולן האָבן אָנגעהויבן ווייען מיט קעלט און אומעט, האָט זי זיך געלאָזט גיין צו מעין־סטריט.

אין גאַס האָט דער עולם געיובלט וועגן דעם געוואונענעם סטרייק, און ניט נאָר האָט מען דזשאָהניס נאָמען ניט דערמאָנט, נאָר אויף איר האָט מען זיך אויך ניט אומגעקוקט.

איז זי געגאַנגען פון רעדל צו רעדל, אַן איינזאַמע, אַ פאַרלאָזענע, און מיט יעדן טראָט שטאַרקער דערפילט דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס זי האָט געהאַט. ווען זי איז צוגעקומען צום רעדל, וואו מעלווין האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן, איז איר האַרץ פול געוואָרן מיט שנאה צו אים און צו אַלע די וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, אויף די הענט געטראָגן און הוראַ געשריען.

זי איז געשטאַנען ביי דער זייט, אָבער די וואָס זיינען אַלע ווילע צוגעקומען האָבן זי געשטופּט טיפער און טיפער אין רעדל. זי האָט געמאַכט אַ פאַרזוך זיך אַרויסצודרייען, עס איז אָבער געווען אוממעגלעך, האָט זי מיט אַלע כוחות גענומען זיך רייסן, דאָס רעדל איז אָבער געוואָרן אַלץ ענגער. ווען זי האָט דערפילט אַז מיט אירע אייגענע כוחות וועט זי זיך ניט קענען

אַרויסרייסן, איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ היסטעריקע און געשריען ניט מיט איר קול:

— אידיאָטן! לאָזט מיך אַרויס!

איר געשריי האָט זיך געטראָגן העכער פון די קולות אַרום. פּלוצלונג איז אַלץ שטיל געוואָרן. ערשט איצט האָט מען זי באַמערקט, און אין דער לופט האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן קלאַנגען:

— רוט! רוט! רוט! רוט!

ס'איז איר אָנגעקומען שווער ביז זי האָט זיך איינגעשטילט. איר שלוכצען האָט זיך געטראָגן איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע און געבליבן הענגען איבער זיי אין דער גרויקייט.

— נעכטן האָט ער געהייסן שיסן אויף אייך, און היינט טראָגט איר אים אויף די הענט! — האָט זי מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף מעלווינען. — איר שקלאַפן וואָס איר זענט! ווייסט איר ניט אַז ער איז געקומען אייך אָפּנאַרן? זיין טאַטע האָט מורא צו קומען האָט ער אים געשיקט. מאָרגן וועט מען אייך ווידער שיסן ווי היינט.

ווען זי האָט אויפגעהויבן די אויגן האָט זי דערזען מעלווינען שטיין לעבן איר. ער איז געשטאַנען און געשמייכלט. זיין שמייכלען האָט זי נאָך מער צערייצט.

— הערט אויף לאַכן ווי אַ גולם! — האָט זי מיט ביטערקייט אים אַריינגעשריען גלייך אין פּנים אַריין. — נאָך וואָס זייט איר געקומען? און ווער האָט נאָך אייך געשיקט?

רוט איז איצט געוואָרן דער מיטלפּונקט. אַלע האָבן געקוקט אויף איר, געקוקט און באַוואונדערט. אַלע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, אַ סימן אַז זי איז גערעכט. זיי זיינען אָפּגעטראָטן פון מעלווינען און זיך גערוקט נענטער צו איר.

דער פאַרנאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן, די גרויקייט איז געוואָרן טונקעלער, ממשותדיקער, פון די געביידעס און מענטשן האָבן געשלאָגן שאָטנס, וועלכע האָבן אַלץ און אַלעמען באַהעפט.

די פאַרבייפאָרנדיקע אויטאָמאָבילן מיט זייערע ברענענדיקע אויגן, האָבן געגראָבן לאַנגע, העלע פאַסן דורך מעין סטריט און באַלויכטן אַלץ און אַלעמען וואָס איז זיי געשטאַנען אין וועג, און ווי מיט דינע, לאַנגע, שפּיציקע פינגער אָוועקגעשטופּט די אַלע מענטשן פון אינמיטן גאַס. טאָמער האָט זיך דאָ און דאָרטן איינער פאַרעקשנט האָט זיך גלייך דערהערט אַ כעסיקער און מעטאַלענער פייף, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ לעצטע וואָרנונג:

— מענטשן האָבן מיך באַשאַפן, און איך בין זייער גרעסטער שונא! מיין באַרוף איז לויפן, פליען און צעדריקן אַלץ וואָס שטייט מיר אין וועג. איך האָב נישט קיין מורא און קיין געוויסן, ווייל איך בין געמאַכט פון שטאָל און פון אייזן, טאָ רוק זיך אָפּ, אויב דיין לעבן האָט עפּעס אַ ווערט!

אָט דער אויסגעשריי האָט געווירקט ווי אַ וואונדער. ווי צעשראָקענע האָזן האָבן די מענטשן זיך צערוקט אין אַלע זייטן.

איינס אַנטקעגן צווייטן זיינען זיי איצט געשטאַנען, מעלווין און רוט.

די דרויסנדיקע טונקלקייט האָט פאַרשטעלט דעם האַס אין אירע אויגן און אויסגעגלייכט דעם שמייכל אין די ווינקלען פון זיין מויל.

— גייט פון וואַנען איר זייט געקומען! — האָט רוט ווידער אויסגע־שריען.

מעלווין האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט נישט געקענט פאַר־שטיין פאַרוואָס רוט שיקט אים אַהיים און פאַרוואָס די פון הינטן רוקן זיך אַוועק פון אים, און פאַרוואָס איז פּלוצלונג אַזוי שטיל געוואָרן.

די שטילקייט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. איינער האָט אויסגעשריען:

— זאָל ער גיין! ווער דאַרף אים דאָ?

דער געשריי האָט געווירקט ווי אַ צייכן. באַלד האָבן זיך געהערט אויס־רופן פון יעדן ווינקל:

— זי איז גערעכט!

— ווער האָט נאָך אים געשיקט?

— ווער דאַרף אים?

— זאָל ער גיין!

— מאָרגן וועט ער אונדז שיסן!

— זאָל זיין טאַטע קומען וועלן מיר אים ווייזן!

— מיר קענען אים אויך ווייזן!

— לאָמיר זיך אָפּרעכענען מיט אים פאַר דזשאהנין!

— לאָמיר אים ווייזן!

ער האָט ווי נישט באַנומען זייערע אויסרופן, נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי מיינען.

עמיצער האָט אים אַ שטויס געטאָן און ער איז געפאַלן פאָראויס, אויף די קני. ער איז געפאַלן נאָענט פון רוטן. איר קליידל האָט אָנגערירט זיין פּנים, און ער האָט נאָך אַלץ נישט באַגריפן וואָס דאָ קומט פאָר.

הינטער אים איז אָנגעגאַנגען אַ באַוועגונג. עטלעכע האָבן פאַרהאַלטן דעם וואָס האָט אים אַ שטופּ געטאָן, אַנדערע האָבן אים געוואָלט באַפרייען.

איינער איז צוגעלאָפן צו מעלווינען, אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט און אים גע־פּרואווט אָוועקשלעפּן. רוט האָט זיך דערשראָקן, זי האָט געמיינט אַז יענער וויל אים שלאָגן, איז זי צוגעלאָפן און אים באַפרייט פון יענעם, וועלכער האָט אים געשלעפּט פאַרן האַנט.

— גייט אַהיים! האָט זי מיט שרעק זיך געבעטן ביי אים. — זיי וועלן אייך דערהרגענען!

צי דאָס איז געווען איר נאָענטע באַרירונג, אָדער די קאַלטע נאַסקייט וואָס האָט געקילט זיינע קני, ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— מיך הרגענען? — האָט ער געפרעגט רוטן, ווי ער וואָלט וועלן זיין זיכער.

רוטס נערוועזקייט איז געוואַקסן. זי האָט אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל קוקנדיק אויפן המון און גערעדט צו אים:

— יאָ, אייך!

— פאַרוואָס?

— ווייל איר זייט אייער פאָטערס זון.

דער פאַרנאַכט האָט פאַרשטעלט די פאַרוואונדערונג אין זיינע אויגן. רוטס נערוועזקייט איז געוואַקסן.

— גייט שוין! פאַרוואָס גייט איר ניט?

— וואוהין?

— אַהיים!

אַן אַלטער וואָס איז געשטאַנען דערביי איז צוגעקומען נעענטער.

— זי איז גערעכט, — האָט ער אים איינגערוימט אין אויער. — גייט! גייט! גייט, זיי וועלן אייך הרגענען!

ערשט איצט האָט מעלווין אָנגעהויבן באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר. די מאַסע איז אַרויס פון אירע ברעגן. ווי אַ ווינטל וואָס גיט אַ שאָקל איין גרעזל, דערנאָך אַ צווייטע און אַ דריטע, דערנאָך ווערט דער ווינט שטאַרקער און הויבט אָן בויגן בוימער, דערנאָך קומען ווינטן פון אומעטום, שטאַרקע, בייזע, און רייסן אַרויס די בוימער מיט זייערע וואָרצלען.

זאָל ער אָוועקגיין?

ניין. ער איז געקומען צוליב עפּעס, ער איז געקומען דערציילן רוטן אַז ניט ער איז שולדיק אינעם טויט פון איר ברודער, ער איז געקומען זיי אַלע דערציילן! ער וויל זיי זאָגן אַז מאַנטיק ווערט ער באַלעבאָס, אַז ער וועט פּרואוון אָפּווישן דעם האַס וואָס זיין טאַטע האָט איינגעפלאַנצט אין זייערע

הערצער, אַז ער וועט פאַרגיטיקן פאַר די לײַדן וואָס זיי זײַנען אויסגעשטאַ־נען ביז איצט. און ער ווענדט זיך צום אַלטן פעסט און אַנטשלאָסן:

— זאָלן זיי מיך הרגענען!

אַ צווייטער ביי דער זייט האָט זיך צעלאַכט הויך און גראָב.

— ווי געפעלט אייך אַן אידיאָט? ער וויל דאָך מ׳זאָל אים הרגענען! כאַ־כאַ־כאַ!

דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צו רוטן.

— נעם אים אַהיים, רוט!

רוט האָט אָנגענומען מעלווינען פאַר אַ האַנט.

— קומט!

דער אַלטער האָט געפּרוּווט אים אונטערשטופּן.

— גייט! גייט! איר זעט דאָך, זיי זײַנען ווי צערייצטע חיות!

מעלווין האָט זיך אויסגעדרייט צו דער מאַסע. די עטלעכע גאַסן־לאָמפּן האָבן אין דעם מאָמענט זיך אָנגעצונדן און אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן און, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעגראָבן אַ מאַסע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געריסן צו אים. די וואָס זײַנען געשטאַנען אויף זײַן זייט האָבן ווי אייזער־נע סלופּעס זיך אײַנגעגראָבן אין שניי און זיי מיט אַלע כחות צוריקגעהאַלטן.

מעלווין איז געשטאַנען און געקוקט. די קאַלטקייט און נאַסקייט האָבן, ווי פּראַסטיקע באַשעפענישן, מיט דינע שפּיציקע נעגל, אים געשטאָכן און ווי מיט צוואַנגען זיך אײַנגעקלאַמערט אין די פיס, פון די קני אַרונטער.

— מײַנע פרײַנט! — האָט ער אויסגעשריען.

אַ הויפן צעטראָטענער, שמוציקער שניי האָט מיט קעלט און אַ טעמפּן קלאַפּ אים אַ ריס געטאָן דעם פּנים. זײַן גאַנצער קערפּער האָט אַ ציטער געטאָן. פון דער זייט האָבן עטלעכע ברעקלעך שניי זיך אַרײַנגערוקט אין קאַלנער און אָנגעהויבן צעגיין אויף זײַן וואַרימען האַלדז. אָט די קאַלטע פּייטקייט האָט אים פּלוצלונג אָנגעהויבן בריען. די קעלט פון די פיס איז פאַרשוואונדן, און ער האָט ווידער אָנגעהויבן, איצט מיט אַ פעסטערער שטימע:

— מײַנע פרײַנט!

— מײַנע פרײַנט!

די הוזשעריי און דער טומל איז פּלוצלונג ווי מיט אַ מעסער איבערגע־שניטן געוואָרן. ער האָט אָפּגעווישט דעם שמוציקן שניי וואָס איז צעגאַנגען אויף זײַנע באַקן און די פאַרבליבענע בלאָטע אויף זײַן פּנים האָט שאַרפער געמאַכט דעם אויסדרוק פון זײַנע אויגן.

— מיינע פריינט! — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, — דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אַז איך בין אַרונטערגעקומען צו אייך, דאָס איז אָבער ניט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן וואָס איך האָב געוואָלט זיך באַקענען מיט אייך.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אַ ווײַלע. זײַנע אויערן זײַנען געווען פול מיט די געשרייען און הוזשעריי, און ער האָט זיך געוואָלט איבערצייגן צי ס'איז טאַקע שטיל.

— זאָל ער ריידן!

— זאָל ער זאָגן וואָס ער וויל!

— פאַרוואָס איז ער אַנטשוויגן געוואָרן?

— רייד!

אָט די אויסגעשרייען האָבן זיך גענומען טראָגן פון יעדן ווינקל.

— יאָ, איך וועל ריידן, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן. — אַלע מאָל, ווען איך פלעג קומען אַהיים, פלעג איך אַרויפגיין אויף דעם אויבערשטן שטאָק פון אונדזער הויז און מיט די אויגן אייך נאָכפאָלגן איבער די גאַסן. איך האָב אייך געזען גיין, זיך אָפּשטעלן און ריידן, איך האָב אָבער אייך געוואָלט זען ווי איר זעט אויס פון דער נאָענט, הערן וואָס איר רעדט, דאָס איז מיר אָבער קיינמאָל ניט געווען דערלויבט. עטלעכע מאָל בין איך דאָ דורכגעפאָרן בײַנאַכט, אָבער דאַן זײַנען שוין די גאַסן געווען ליידיק. הײַנט האָב איך באַשלאָסן אַז איך מוז זיך באַקענען מיט אייך...

— צוויי יאָר בין איך געווען אין דינסט. אין די צוויי יאָר האָב איך קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן, אָבער אויפן וועג אַהיים האָב איך זיך דערמאָנט אָן אייך. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אַז איך וועל אייך טרעפן גליקלעכע, צופרידענע. מיר האָבן דאָך געוואונען אַ פרייע וועלט פאַר אייך! צו מיין גרויס באַדויערן האָב איך אויסגעפונען אַז אייער מלחמה האָט זיך נאָך ניט געענדיקט; אויף אייער פראָנט גייען נאָך אָן די שלאַכטן און איר ברענגט נאָך אַלץ קרבנות.

— אויב איך וועל אייך זאָגן אַז מיר האָט פּונקט אַזוי ווי געטאָן פאַר דעם קרבן וואָס איז געפאַלן מיט אַ פאָר טעג צוריק בשעת דער דעמאָנסטראַציע, וועט איר מיר ניט גלויבן, און אויב איך וועל אייך זאָגן אַז איך נעם זיך אונטער גוט צו מאַכן די אַלע פעלערן וואָס מיין פאָטער איז באַגאַנגען קעגן אייך, וועט איר מיר דאָך אַוודאי ניט גלויבן, אָבער, איך בעט אייך, גלויבט מיר אַז דאָס איז דער צוועק פון מיין קומען אַהער.

— הײַנט האָט מיר מיין פאָטער געלאָזט וויסן אַז מאָנטיק נעם איך

איבער די וועבעריי, און איר אַלע גייט אַרונטער אונטער מיין רשות, אָבער טאַדלען פאַר דער באַגעגעניש וואָס איר האָט מיר געגעבן וועל איך ניט. דאָס איינציקע וואָס איך וויל פון אייך איז, אַז יעדערער וואָס האָט קריוודעס זאָל צוקומען אַהער.

די ברוסט אויסגעשטרעקט פאַראויס, איז ער געבליבן שטיין אַנטקעגן זיי. ער האָט אויסגעזען העכער ווי ווען עס איז פריער.

פאַרגאַפטע, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, האָבן אַלע געקוקט אויף אים און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ביז איינער האָט אויסגעשריען:

— בראַוואָ!

אַ הילכיק פאַטשעריי און בראַוואָ־געשריי האָט פּלוצלונג אָנגעפילט די לופט.

רוט, וועלכע איז געשטאַנען לעבן אים, האָט אַרויסגענומען אַ טיכל און אים אָפּגעווישט דעם פּנים.

אַ שטיק צייט האָט דער עולם געיובלט, ווי לייבן אַרום דניאלן אין לייבן גרוב, געמאַכט אַ ברייטן קרייז אַרום מעלווינען און רוטן.

דער איינגעבוירענער דרך־ארץ פון אַרבעטער צום באַלעבאָס האָט גע־שטראַלט פון זייערע אויגן און אָנגעפילט דעם חלל פון קרייז מיט אונטער־טעניקייט און חרטה, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן ביי אים:

— מר. הילטאָן, מיר זיינען דיינע שקלאַפן און טו מיט אונדז וואָס דיר געפעלט.

אַ שטיק צייט זיינען זיי אַזוי געשטאַנען. קיינער האָט ניט געהאַט דעם מוט צוצוגיין, זיך אַנטשולדיקן, האָבן זיי ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך פונאַנ־דערגיין.

די ליידיקע טראָטואַרן פון מעין סטריט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרדעקן מיט די שאָטנס פון די פאַרזאַמלטע, וועלכע האָבן זיך איצט געאיילט אַהיים מיט דער פריילעכער ביַיעס אַז דער סטרייק איז געסעטלט. זיי זיינען גע־גאַנגען שטיל, איינער אין צווייטנס פוס־טריט. דער האַלב־צעגאַנגענער שניי האָט נאָכגעגעבן אונטער זייערע פיס, און אַלץ וואָס מ'האָט געהערט איז גע־ווען:

— סלאָש! סלאָש! סלאָש!

ווי יעדער איינער וואָלט מיטגעטראָגן אַן עמער וואַסער און אַ גאָס גע־טאָן מיט יעדן טראָט.

ערשט ווען אַלע זיינען זיך צעגאַנגען האָבן מעלווין און רוט זיך גע־

כאַפּט אַז זיי שטייען אײנער לעבן צווייטן און זי, רוט, האַלט זיך נאָך אַלץ אַן אַן זיין אָרעם. זי האָט אויף שנעל צוגענומען איר האַנט.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט זי אין איין אָטעם אַרויסגעזאָגט.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט מעלווין געענטפערט.

דער פּלאַץ אויף זיין אָרעם, וואו רוט האָט געהאַלטן איר האַנט, האָט אים אָנגעהויבן קילן. דאָס האָט אים געבראַכט צו זיין באַוואוסטזיין אַז רוט איז אַוועק, האָט ער אויטאָמאַטיש איר אָנגעהויבן נאָכגיין.

— רוט, — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן, ווען ער איז געווען נאָענט לעבן איר.

ווי עס זעט אויס, האָט זי עס דערוואַרט. זי האָט זיך נישט אומגעדרייט, נאָר איר גאַנג איז געוואָרן לאַנגזאַמער.

— דערלויבט מיר אייך צופירן אַהיים, — האָט מעלווין געזאָגט, ווען ער האָט זיך מיט איר אויסגעגלייכט אין גאַנג.

— איך וואוין דאָרטן צווישן בערגלעך, — האָט זי אָנגעוויזן מיט דער האַנט פאַראויס, ניט קוקנדיק אויף אים.

— עס מאַכט ניט אויס וואו איר וואוינט.

— אָבער אין מאַנכע ערטער איז דער שניי זייער טיף.

— דאָס מאַכט אויך ניט אויס.

— אין אייניקע פלעצער דערגרייכט דאָס וואַסער פונעם צעגאַנגענעם שניי ביז די קני.

— וועלן מיר נעמען דעם אויטאָמאָביל.

— דער אויטאָמאָביל וועט דאָרטן זיכער ניט קענען דורכגיין.

— אויב אַזוי, טאָר איך אייך אוודאי ניט לאָזן גיין אַליין.

— איך וועל טרעפן.

— איך ווייס אַז איר וועט טרעפן, נאָר איך וויל אייך נעמען אַהיים.

— פאַרוואָס ווילט איר מיך נעמען אַהיים ?

— ווייל ס'איז צו־שפּעט פאַר אייך צו גיין אַליין.

— מר. הילטאָן ! — האָט רוט פּלוצלונג זיך אָנגערופן.

— רופט מיך מעלווין.

— ניין, איך וועל אייך רופן מר. הילטאָן.

— רופט מיך ווי איר ווילט, אַבי רעדט, — האָט ער זיך אָנגערופן אין אַ ווײלע אַרום.

— איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, — האָט זי אָנגעהויבן, — אַז אייגנט־לעך זיינען מיר שונאים.

— שונאים ? פאַרוואָס ?

— מר. הילטאָן ! . . .

— איך האָב אייך געבעטן, נישט מר. הילטאָן.

— איך מיין, מיר האָבן זיך איינער דעם צווייטן אַזוי ווי געטאָן.

— איר האָט מיר ניט ווי געטאָן.

— אַט־דאָס וואָס זיי האָבן אייך געוואָרפן צו דער ערד, פאַרוואָרפן מיט שניי, באַליידיקט . . .

— דאָס האָבן זיי דאָך געטאָן.

— איך האָב זיי געהייסן.

— זיי וואָלטן דאָס געטאָן סיי ווי סיי און, ווען ניט איר, וואָלטן זיי מיך אוודאי דערהרגעט. איר האָט מיך אפשר געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, ווייל אַרונטערקומען צו זיי האָב איך געמוזט, און איך האָב דערוואַרט דאָס ערגסטע. און דאָס, וואָס דורך זיי האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן אייך צו זען, האָט דאָך אויך עפּעס אַ ווערט !

— פאַרוואָס ווילט איר מיך זען ?

— פאַרוואָס ? איך ווייס ניט. מיט פיר און צוואַנציק שעה צוריק האָב איך ניט געוואוסט אויב איר עקזיסטירט. היינט פיל איך אַז איך קען אייך שוין פון הונדערטער יאָרן.

זי האָט מיט אימפּעט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, ווען זי האָט באַמערקט אַז ער שפּרייזט אַריין אין אַ טייכל פון צעגאַנגענעם שניי.

— מיר זיינען ניט קיין שונאים, — האָט ער שטיל, ווי צו זיך, געזאָגט.

אַזוי זיינען זיי געגאַנגען. אין אייניקע ערטער זיינען זיי געשפּרונגען ווי האָזן, פון איין בערגל שניי צום צווייטן. זי האָט גענוי געוואוסט ווי אויס־צומיידן די ריטשקעלעך פון דעם צעגאַנגענעם שניי.

זיי זיינען איצט געווען צווישן די גרויע שטיבלעך אויף דער צווייטער זייט פון מעין סטריט, וואו די אָרימע באַפעלקערונג פון מידלוויל האָט גע־וואוינט. די גרויע שטיבלעך, וואָס מעלווין האָט ניט איין מאָל געזען דורך די פענצטער פון שלאָס.

פון דער הויך, פון באַרג האָבן די שטיבלעך אויסגעזען אַנדערש. ביי־טאָג האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַז דאָרט איז אַ קינדערשע מלוכה, קינדער־פּאַלאַצן, העכערע און נידעריקע, צעזייט און צעוואָרפן איבער בערגלעך און טאָלן, יעדער שטיבל איז אַזוי גרויס ווי די ביידלעך וואָס פּיטער האָט גע־מאַכט פאַר זייערע הינט. ביינאַכט האָט ער דורך די פענצטער פון שלאָס קיין שטיבלעך ניט געזען, נאָר אַ טיפע שוואַרצקייט, מיט אַ סך שימערנדיקע

ליכט, וואָס רייסן זיך פון דער ערד אַרויס. פלעגט ער קליינערהייט טראַכטן אַז אַ שטיק הימל מיט שטערן דעקן צו יענע שטיבלעך ביינאַכט.

אַזאַ באַגריף האָט ער געהאַט אַלע יאָרן וועגן דעם פאַרבאַטענעם געגנט אין טאָל. ניט איינמאָל האָט אים זיין קינדערשע פאַנטאַזיע פאַרטראָגן אַהער, אינמיטן פון אַלע קינדער, וועלכע האָבן געטאַנצט און געשפּרונגען אין די גאַסן.

איצט, זייענדיק אין דערמיט פון די שטיבלעך, איז יענע פאַנטאַזיע אינגאַנצן צעשוואומען. די שטיבעלעך זיינען פיל גרעסער ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, און ניט אַזוי שיין ווי ער האָט זיי, אין זיין פאַנטאַזיע, געמאָלן.

די פענצטער, וועלכע האָבן פונדערווייטנס אויסגעזען ווי ליכטיקע, קלאָרע שטערן, האָבן געשלאָגן מיט אַ געלער ליכט און ברודיקער געמאַכט דעם שניי. אַ שרעקלעכער אומעט האָט געשלאָגן פון די פיר־קאַנטיקע שאָטנס, וואָס זיינען בייטאָג געוועזן הייזער. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער קומען צו רוטס הויז.

— מיר האָבן נאָך ווייט צו גיין? — האָט ער איבערגעשלאָגן די שטילקייט.

— ניין, ניט ווייט.

זיי זיינען וויטער געגאַנגען, געשפּרונגען פון בערגל צו בערגל.

— אָט־דאָרטן, אין יענער הויז, וואו אַלע פענצטער זיינען באַלויכטן, דאָרטן וואוין איך, — האָט זי אָנגעוויזן מיטן האַנט.

פאַרוואָס אַלע פענצטער זיינען באַלויכטן האָט איר, ווייזט אויס, אויך געחידושט, ווייל גלייך האָט זי באַמערקט:

— אַ וואונדער ווער איז עס דאָרטן?

און אפשר איז זי מיט דעם אויסן געוועזן אַז ער זאָל ניט אַריין אין שטוב? אָבער ער האָט פון דעם ניט געטראַכט, ער האָט געוואָלט זען ווי די אומעטיקע, שטומע ווענט זעען אויס פון אינעווייניק.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו די טרעפּלעך פון גאַניק, האָט זי, נאָך די שטימען, דערקענט עטלעכע פון די וואָס זיינען געווען אינעווייניק און, דער געפיל אַז עס וואָלט געווען בעסער ווען זי קומט אַריין אָן אים, האָט איר אָנגעהויבן באַהערשן.

— נו, אָט בין איך שוין אין דער היים, — האָט זי געזאָגט, אָפּשטעלנדיק זיך ביי די טרעפּלעך. — איך האָף אַז איר וועט טרעפן דעם וועג צוריק.

— איך בין זיכער אַז איך וועל ניט טרעפן, — האָט ער געשמייכלט אין דער פינצטער.

— איך וואָלט זייער ניט געוואָלט עס זאָל זיך ווידערהאָלן דאָסזעלבע וואָס אויף מעין סטריט, — האָט זי געפּרואווט אים קלאָר מאַכן וואָס זי מיינט.

— וואָס? — האָט ער באַאיזו געפרעגט.

— איך וואָלט געפילט זייער שלעכט ווען זיי באַליידיקן איין ביי מיר אין שטוב.

— זיינען דען דאָ די זעלבע מענטשן?

— אַלע האָבן דעמזעלבן געפיל.

— און אַז איך וועל זיי דערקלערן?

— זיי האָבן שוין ניט איין מאָל געהערט די דערקלערונגען.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך וויל זען ווי אייער שטוב זעט אויס פון אינעווייניק.

— ס'איז ניטאָ וואָס צו זען. אַ בעט צום שלאָפן, אַ טיש צום עסן און אַ בענקל צום זיצן.

פון אַלע ווינקלען פון שטוב האָבן זיך געטראָגן שטימען און, ווען זיי האָבן זיך דורכגעזיפּט דורך די ווענט און דורך די שפּאַרונעס פון די פענצ־טער, האָבן זיי פאַרלאָרן זייער אויסדרוק און האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עכאָ, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ערגעץ ווייט.

ווען מעלווין וואָלט פאַרשטאַנען דעם געפיל, וואָס די מענטשן אינעווייניק האָבן צו אים, וואָלט ער אויסגעמיטן זייער באַגעגעניש. ער וואָלט זיך איצט העפלעך פאַרנויגט און אַוועק. אָבער ער האָט געפילט אַז ער קומט צו זיי מיט אַ טרייסט־וואָרט און ווען ער וועט ריידן צו זיי וועלן זיי אים אויסהערן און, די הויפּט־זאַך, רוט וועט אים הערן.

(איר פרעגט זיך געוויס די פראַגע: פאַרוואָס וויל ניט רוט אַז מעלווין זאָל אַריין אין שטוב? דער ענטפער איז — זי האָט אַ פאַרדאַכט אַז אין שטוב געפינט זיך דזשים טיילאָר. דאָס איז דער סאָלדאַט מיט דער שטייפער פוס, וואָס איז נעכטן אָרונטער פון באַן צוזאַמען מיט מעלווינען. אַזוי ווי איך האָב אייך צוגעזאָגט צו באַקענען אייך מיט אים וועל איך עס איצט טאָן.

קיין גרויסע פערזענלעכקייט איז דזשים טיילאָר ניט. איר האָט דאָך אים נעכטן געזען. צו די ניינצן יאָר וואָס ער האָט אָפּגעלעבט איז קוים דאָ וואָס צוצושרייבן. קיין מלחמה־העלד איז ער אויך ניט. זיין שטייפע פוס האָט ער ניט געקראָגן פון שונאס אַ קול. דער אמת איז אַז ער ווייסט אפילו ניט די באַדייטונג פון אַ שלאַכט־פעלד. ער איז געווען אין דער אָפּטיילונג וואָס באַאַרגט אויף דער ערד די לופט־שיפן מיט באָמבעס. איין מאָל,

גרייטנדיק זיך צו אַ לופט־אַטאַקע, האָט ער פירנדיק אַ וועגעלע מיט באַמ־בעס, זיך אויסגעגליטשט און אומגעפאַלן, און איידער ער האָט צייט געהאַט דאָס וועגעלע אָפּצושטעלן איז איין ראָד אַריבער זיין קני, און ביזן טאָג ווען שלום איז דערקלערט געוואָרן איז ער אָפּגעליגן אין שפּיטאָל.

וואָלטן מיר אים דאָך באַדאַרפט פאַרבייגיין? האָט ער אָבער אַ דירעקטע שייכות מיט רוטן, מוזן מיר אים געבן מער פּלאַץ ווי ער פאַרדינט.

עס איז אַ מעשה וואָס ציט זיך איבער צוויי יאָר. רוט איז דאַן אַריין אינעם זעכצנטן יאָר פון איר לעבן און מיידלעך אין דעם עלטער, ווייסט איר דאָך, לעבן מער מיט זייער פאַנטאַזיע ווי מיט זייערע חושים און רוט האָט אין דעם זין, אַריבערגעשטייגט אַלעמען פון איר עלטער. ניט האָבנדיק קיין טאַטע מאַמע און וואוינענדיק אַלע מאָל מיט פרעמדע, האָט זי זיך באַ־נוצט מיט איר פאַנטאַזיע אויסצופילן דאָס וואָס זי האָט אין לעבן ניט געהאַט. דער מאַמעס ליבשאַפט, למשל, האָט זי געפונען אין ביכער, איר ליבשאַפט צו טאַטע־מאַמע האָט זי אַרויסגעוויזן אין שרייבן לידער און דערציילונגען. (צו פופצן יאָר האָט אירס אַ ליד געוואונען אַ פּרייז אין אַ קאָנטעסט פון אַ פּאָפּולערער מאַגאַזין).

רוטס שיינקייט דאַרף איך דאָך פאַר אייך ניט מאָלן. גיט־צו צו איר איצטיקער שיינקייט אַ ביסל מער פאַרחלומטקייט און, אַנשטאָט וואָס זי טראָגט איצט די האָר מעשה דאַמע, האָט זי זיי דאַן געטראָגן פאַרפלאָכטן אין צעפּ אַרומגעדרייט ביי די זייטן פון קאָפּ, וואָס האָט אָנגעדייט מער אויף אַ קרוין ווי אויף האָר, און איר האָט פאַר זיך רוטן ווי זי האָט אויסגעזען מיט קאַרגע צוויי יאָר צוריק. איז טאָקע קיין וואונדער ניט וואָס אַלע אינגל־לעך אין שול האָבן זי פאַרפאַלגט. איבערהויפּט האָט איר דזשים פון אויג ניט אָפּגעלאָזן, אָבער זי האָט באַשאַפן איר געליבטן אין אירע געדאַנקען און האָט אויף דזשימען זיך ניט אומגעקוקט.

איין מאָל, גייענדיק פאַרחלומט, טראַכטנדיק וועגן איר באַשערטן, וואָס דאַרף אָנקומען פון ניו־יאָרק אין אַ גרויסן ביואיק, האָט זי פּלוצלונג דער־הערט אַ פייף הינטער זיך. ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט האָט זי דערזען אַ רויטן ביואיק, און זי האָט גלייך דערקענט דעם יונגנמאַן אין ביואיק אַז ער איז איר באַשערטער.

איך וועל דאָ ניט אַריינגיין אין דעטאַלן וועגן דעם אינצידענט, ווייל רוט אַליין שעמט זיך איצט דערמיט. אָבער צוליב דזשימען מוזן מיר עס אין קורצן דורכגיין.

דער יונגערמאַן אין ביואיק איז געווען אַ געוויסער פרעד לאַמאַר, אַ

סעילסמאַן, וועלכער פלעגט קומען אַלע מיטוואָך קיין מידלוויל. פלעגט זי זיך אַלע מיטוואָך אַרויסגנבענען פון שול, זיך פאַררוקן אין אַ ווינקל אַנט־קעגן דער קראָם, וואוהין ער פלעגט קומען און איין קוק אויף אים איז געווען גענוג אַנצוזעטיקן און איינצושטילן אירע באַגערן ביזן קומענדיקן מיטוואָך.

איין מיטוואָך איז ער ניט געקומען, דעם צווייטן און דריטן מיטוואָך האָט ער זיך אויך ניט באַוויזן, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און אַריין אין קראָם זיך נאָכפרעגן אויף אים.

— פון דעם מאָמענט אָן, — דערציילט זי איצט מיט אַ שמייכל, — האָט זיך דאָס שענסטע אין מיין לעבן געענדיקט. — דער קראָם־אייגנטימער האָט צעטראָגן די נייעס איבערן גאַנצן שטעטל, און איר איז אויסגעקומען פון בריק אין וואַסער.

פאַרשטייט זיך אַז דזשים האָט זיך אויך גלייך דערוואוסט וועגן דעם און פון פאַרדראָס האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי.

ווען עס איז אָנגעקומען די נייעס אַז ער איז פאַרוואונדעט, האָט איר געוויסן איר אָנגעהויבן פּלאָגן, און זי האָט אָנגעהויבן זיך דורכשרייבן מיט אים, און כדי צו פאַרלייכטערן זיינע ווייטיקן האָט זי אים אין די בריוו גע־טרייסט און אים צוגעזאָגט אַז ווען ער וועט קומען אַהיים וועט זי מיט אים חתונה האָבן.

איצט, צוקומענדיק מיט מעלווינען, האָט זי זיך דערמאָנט אַז דזשים איז אין שטאָט און גאַנץ מעגלעך אַז ער איז אין הויז, האָט זי געוואָלט אויס־מיידן אַריינגיין מיט מעלווינען.

(אָבער, ווי איר ווייסט, איז מעלווין באַשטאַנען אויף זיינעם. גייען זיי יאָ אַריין אין שטוב. מיר גייען זיי נאָך).

אין שטוב

ווען די ברוויזנדיקע מאָסע ווערט פייערדיק געשטימט געפינט זי ניט קיין אָרט צווישן די אייגענע ווענט, אין די הייזער. זי רייסט זיך אין די גאַסן, שרייען הוראַ ביז צום הייזעריק ווערן.

די אינטעליגענץ רעכנט אויס אַז גיין איבער די גאַסן אין האַלב־צע־גאַנגענעם שניי וועט מען פאַרנעצן די פיס און מ'קען נאָך חלילה זיך צוקילן, באַשליסט מען זיך צוזאַמענצוקלייבן אין אַ שטוב און פייערן די גרויסע גע־שעעניש אויף אַ היימישן אופן. רוטס הויז איז געווען פאַר דעם ווי געוואונטשן.

האָט מען זיך פאַרקליבן אַהין, געבראַכט שנאַפּס און צובייסן, געגעסן, געטרונקען, גערעדט און זיך געלאָזט וואוילגיין.

צווישן די פאַרזאַמלטע, אין אַ ווינקל, איז געזעסן דזשים טיילאָר. צוליב זיין פוס האָט ער ניט געקענט גיין אויף מעין־סטריט, איז ער געקומען אַהער. ער מוז זיך דורכריידן מיט רוטן. נעכטן, צוליב דזשאָהניס לוויה, האָט ער מיט איר ניט געקענט ריידן, האָט ער עס אָפּגעלייגט אויף היינט. ווען ער איז אַריינגעקומען האָט ער זיך געפילט אין זייער אַ געהויבענער שטימונג. ער האָט געדענקט אַז די מענטשן וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט זיינען געקומען פון זיין כבוד וועגן. ער האָט געהאַט אַ סך מעשיות זיי צו דערציילן, אָבער ווען זיי האָבן זיך אויף אים ניט אומגעקוקט, האָט ער זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל.

(עס איז שווער צו פאַרשטיין די מענטשלעכע נאַטור. ווען די מלחמה איז אָנגעגאַנגען איז יעדער סאָלדאַט געווען אַ העלד, מ'האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים, יעדערער האָט אויף זיין אופן אַרויסגעוויזן זיין פריינדלעכקייט און באַוואונדערונג פאַר אים. איצט, אינגאַנצן זעקס וואָכן נאָכן וואָפנשטילשטאַנד, איז ער אינגאַנצן אַ פאַרגעסענער. אָבער דזשים האָט ניט געפילט די טראַגעדיע פונעם „פאַרגעסענעם העלד", ער האָט בלויז געטראַכט וועגן רוטן. נעכטן האָט זי אים קאַלט אויפגענומען, ווי וועט היינט זיין די באַגעגעניש ?)

די פאַרזאַמלטע האָבן גערויכערט, געטרונקען, געשריען. די מלחמה איז שוין געווען געשיכטע, איצט האָט דער געוואונענער סטרייק פאַרנומען דעם אויבן אָן, מאָרגן וועט דאָס שוין אויך ווערן געשיכטע.

יום־טובדיק געשטימט, מער פון אַלעמען, איז געווען פרענק מאָרי. זיין שמחה איז אַ צווייענדיקע: דער סטרייק איז געוואונען און, לויט זיין רעכענונג, וועט לואיס בראון איצט אָוועקפאָרן און עוועלין וועט זיין אינגאַנצן זיינע.

דער גאַנצער שמועס וואָס איז אָנגעגאַנגען איז געווען אַרום פרענקס באַמערקונג :

דער איינציקער גוטער אויפטו פון דעם געסעטלטן סטרייק איז, וואָס אַזאַ נידערטרעכטיקער מענטש ווי לואיס בראון וועט איצט אָוועקפאָרן.

ווייפיל ריטשאַרד וווהייט האָט ניט געפּרוּווט אים איבערצייגן אַז פאַרזענלעכע קרבנות טאָרן ניט האָבן קיין באַדייטונג אין אַזאַ צייט, ווייל אַ דאַנק דער דעמאָנסטראַציע וואָס בראון האָט אָרגאַניזירט, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דאָס האָט געפירט צו דזשאָהניס טויט, האָט עס פאַרשאַרפט דעם חוש

פון קאַמף, ווייל איידער בראַון איז געקומען האָבן אַלע געדענקט אַז דער סטרייק איז אַ פאַרלאָרענער, ווייל די פּראָדוקציע אין דער וועבעריי איז אָנ־געגאַנגען נאָרמאַל מיט די סטרייק־ברעכער... וויפיל ריטשאַרד וואַיט האָט ניט געטענהט, האָט עס ניט געהאָלפן, פרענק האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס.

נאָך איינער איז געווען אויף פרענקס זייט — פיליפ דייוויס. (דער וואָס האָט איינגעטענהט מיט זיין קראַנקער וויב די וויכטיקייט פון גיין צו דזשאָה־ניס לוויה און איז אין אמתן אַוועקגעגאַנגען ערגעץ אַנדערש). ביי אים איז עס געווען צוליב פּערזענלעכע אַמביציעס. ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז ער איז דער פּאַסיקסטער מענטש צו פאַרנעמען בראַונס פּלאַץ. (כאָטש דאָס וואָס ער איז ניט געגאַנגען צו דזשאָהניס לוויה האָט היפּשלעך געשעדיקט זיין רעפּוטאַציע. שונאים האָבן אויסגעפונען אַז ער איז אין דער היים אויך ניט געווען).

סיי ווי, אַלע האָבן גערעדט הויך און פאַר אַמאָל, און אין דעם טומל און קולות האָבן זיך באַוויזן רוט און מעלווין.

זייער אַריינקומען האָט, ווי מיט אַ שאַרפן מעסער, אָפּגעשניטן די רייד פון די ליפּן. דער כאַאָס פון ווערטער איז געבליבן הענגען אין דער לופטן, זיך געטוליעט צו די ווענט און צום באַלקן, ביז ער איז איינגעזאַפּט געוואָרן, און די שטילקייט האָט געמאַכט די וואַרעמע לופט וואַרעמער און שווערער.

אַלע האָבן געקוקט צו דער טיר, וואו רוט און מעלווין זיינען געבליבן שטיין. רוט האָט זיך דערפילט אויסער אָרט און מעלווין האָט דערפילט אַז זיינע פיס זיינען קאַלט און נאַס.

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך דערפילט פונקט אַזוי אומבאַקוועם ווי די וואָס זיינען אַריינגעקומען. אַלע האָבן זיך אַ הויב געטאָן פון זייערע פּלעצער. ביי אייניקע איז די לופט געבליבן שטעקן אין זייערע לופט־רערן און עס האָט זיי געוואָרגן. די איבעריקע, וועלכע האָבן יאָ געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האָבן אָנגעבאָטן זייערע פּלעצער צו די אַריינגעקומענע.

לאַנג, לאַנג האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, שוין אפילו נאָכדעם ווי רוט און מעלווין זיינען געזעסן ביים טיש.

נישט קוקנדיק וואָס מעלווין האָט מיט זיין גאַנצערווירקלעכקייט זיי גע־קוקט גלייך אין פּנים האָבן זיי זיך ניט געגלויבט אַז ער זיצט לעבן זיי. ווי אַן אַנטיק, וואָס איז געקומען פון ווייטע לענדער, האָבן זיי אים באַטראַכט. יעדער פאַר זיך האָט געפּרוווט פאַרגלייכן די ענלעכקייט צווישן אים און זיין פאָטער, אָבער דער פאַקט אַז ער איז געזעסן מיט זיי ביי איין טיש האָט דערווייטערט דזשאָהן הילטאָנס אויסזען און זיי האָבן באַין־אופן ניט געקענט

געפינען קיין ענלעכקייט צווישן זיי.

דזשים האָט איבערגעשלאָגן די שטילקייט:

— רוט! — האָט ער פון ווינקל אויסגערופן.

דער אומבאַקאַנטער דזשים איז פּלוצלונג באַטראַכט געוואָרן פון אַלע זייטן. רוט האָט זיך געפילט פאַרלאָרן וואָס זי האָט אים ניט געזען אַרייַנ־קומענדיק, איז זי צוגעלאָפן צו אים.

— העלאָ, דזשים! — האָט אים אויך מעלווין באַמערקט.

דזשים האָט אים ניט געענטפערט. ער האָט שטום געקוקט אויף רוטן און געזוכט די פאַרבינדונג וואָס מעלווין האָט מיט איר.

— דו קענסט מר. הילטאָן? — האָט רוט פאַרלאָרן געפרעגט.

— געוויס קען איך אים.

אין זיין ענטפער האָט זי דערפילט דעם גאַנג פון זיינע געדאַנקען און זי האָט אויף שנעל פאַרקירעוועט דעם שמועס:

— קום צום טיש, — האָט זי אויסגעשטרעקט איר האַנט.

— זעץ זיך דאָ, — האָט ער געפּרוּאווט מאַכן פּלאַץ פאַר איר.

— קום צום טיש, — האָט זי איבערגעחזרט.

אַ סך פון די פאַרזאַמלטע האָבן פאַרשטאַנען וואָס עס ליגט הינטער די אָפּגעהאַקטע ווערטער און זיי האָבן מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם קלימאַקס.

— קום, זעץ זיך דאָ, — האָט מעלווין אים אָנגעוויזן אויף אַ פּלאַץ לעבן זיך, אָבער דזשים האָט געקוקט אויף רוטן און זיך פון אָרט ניט גערירט.

ווי אַ געפאַנגענער הירש, וואָס פּרוּאווט אויס יעדע שפּאַרונע צו אַנט־לויפן פון זיין געפענקעניש, אַזוי האָט רוט געפּרוּאווט זיך ראַטעווען פון דזשימס בליקן. געדאַנק נאָך געדאַנק האָט מיט אימפּעט איר געקלאַפּט אין קאָפּ. — אים איבערלאָזן און גיין צום טיש? — ניין, זי קען דזשימען. — אים הייסן גיין? — זי קען אים ניט באַליידיקן. — פאַרענטפערן זיך פאַר אים? — ווי אַזוי?

ענדלעך איז געשען דאָס דערוואַרטע. דזשים האָט אויסגעשריען:

— וואָס טוט ער דאָ?

— דער סטרייק... — האָט זי אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן.

דזשים האָט איר ניט געלאָזט ענדיקן.

— וואָס האָסטו צו טאָן מיטן סטרייק?

— אויב דו לאָזט מיך ניט ריידן, — האָט זי פאַרלאָרן געזאָגט, — וועל איך ניט רעדן.

— גוט. רעד!

רוט האָט אָבער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. זי האָט אָנגעהויבן מיטן סטרייק בלויז אַלס מיטל צו ענדערן דעם גאַנג פון געשפּרעך.

— פאַרוואָס האָסטו מיר נעכטן ניט געזאָגט?

— וואָס?

— אָדער געשריבן?

— וואָס שרייבן?

זיין האַרץ איז געווען פאַרקלעמט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ריידן. ער האָט זיך אַזוי פאַרלאָרן אַז ער האָט פאַרגעסן אַז ער האָט אַ קאַליקע פוס און זיך אַ הויב געטאָן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס האָט געפעלט אַ האָר ער זאָל אַרויספאַלן אויף רוטן. ער האָט זיך קונציק פאַרכאַפּט, מיט די קוליעס צוגעטאַנצט צו מעלווינען און טייטלענדיק מיט אַ קוליע אים גלייך אין פּנים, האָט ער אויסגעשריען:

— וואָס טוסטו דאָ?

ווי אַ קאַץ איז רוט צוגעלאָפן צו אים און געהיט זיין יעדע באַוועגונג. קוועטשנדיק מיט די פלייצעס, האָט מעלווין געפרעגט ביי די פאַרזאַמלטע:

— וואָס קומט דאָ פאָר?

דזשימס כעס איז שוין אויסער אַלע ברעגן. ער וואָלט זיכער דערקלערט מעלווינען וואָס דאָ קומט פאָר, ווען ער הערט זיין פראַגע, אָבער די שטילקייט האָט אים געקלאַפּט אין די אויערן. האָט ער שטאַרקער באַטאָנט זיין פראַגע:

וואָס טוסטו דאָ?

די אָנגעשפּיצטע אויגן פון די פאַרזאַמלטע זיינען שנעל געלאָפן פון דזשימען צו מעלווינען און צוריק.

— איך פאַרשטיי דיך ניט, דזשים, — האָט מעלווין געזאָגט פאַרלאָרן.

— זי איז מיין כלה! — האָט דזשים אויסגעשריען.

— און אַז דיין כלה? טאָר איך דאָ ניט זיין?

— ניין!

דזשים האָט געוואוסט אַז דער איינציקער וועג איז בעטן, אַפּעלירן צו מעלווינען ער זאָל צורו לאָזן רוטן, ניט שרייען און ליאַרעמען, ווייל מעלווין איז אַ צו שטאַרקער קאָנקורענט. ער וואָלט עס אפשר געטאָן, ווען ער איז מיט אים אַליין, אָבער פאַר די פאַרזאַמלטע וויל ער ווייזן אַז ער איז שוין ניט מער יענער יינגל פון מיט קאַרגע צוויי יאָר צוריק, ווען דער סעילסמאַן האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרענע. גאַנץ מידלוויל האָט דאַן געלאַכט אין די הויפּנס פון זיין אומבאַהאָלפנקייט, ווי ער איז אַרומגעלאָפן פון שטוב צו שטוב און זיך געבעטן מ'זאָל אים העלפן אָפּרייסן רוטן פון יענעם. איצט איז ער שוין

אַ מאַן! אין אַ אוניפאָרם! אויסגעוועזן אַ וועלט! וויל ער עס שליכטן אויף זיין אופן.

די פאַרזאַמלטע זיינען געזעסן און האָבן געשטוינט, ניט געוואוסט אויף וועלכער זייט צו זיין. רוט אָבער האָט געפילט אַז די גאַנצע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט איז אירע, האָט זי אים געצויגן פאַרן אַרבל:

— דזשים! דזשים! וואָס איז מיט דיר?

— ס'איז אונדזערביידנס עסק! — האָט ער זי אָפּגעשטופּט. — דו מיש זיך נישט!

מעלווין האָט געפילט אַז רייד וועלן דאָ ניט העלפן, איז ער צוגעגאַנגען צו אים.

— הער מיך אויס, דזשים! ווען מיר זיינען צוויי גלייכע כוחות, וואָלט איך מיט דיר געשליכטעט דעם אַרגומענט אויף אַן אַנדערן אופן, אָבער ווי די לאַגע איז וויל איך קלאָר ווערן: וואָס ווילסטו?

— איך וויל דו זאָלסט אַוועק פון דאַנען!

— ער וועט ניט גיין! — האָט רוט פאַרשטעלט מעלווינען דעם וועג.

— וועל איך גיין!

ווען ער האָט אויפגעהערט צו ריידן איז די שטילקייט געווען שווער און געדיכט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, געוואַרט עמיצער זאָל אים פאַרהאַלטן. ווען קיינער האָט ניט געמאַכט אַזאַ פּאַרזוך, האָט ער, אין דער באַגלייטונג פון די טעמפּע קוליע קלאַנגען, וואָס ער האָט מיט כעס געקלאַפּט אַן דיל, צוגעהונקען צו דער טיר. קיינער האָט ניט געקוקט אין דזשימס ריכטונג. יעדער איינער האָט דערוואַרט דעם זעץ פון דער טיר, וואָס ער וועט געבן פאַרלאָזנדיק דאָס הויז. פּלוצלונג האָט זיך ווידער דער־הערט דזשימס קול: — אַז זי וויל איך זאָל אַוועקגיין, פאַרשטיי איך. זי מיינט זי האָט געכאַפּט אַ העכט, אָבער איר? איר ווייסט דאָך ווער ער איז! ווער זיין טאַטע איז! ווען ניט ער, זיין טאַטע און זייער גלייכן וואָלט קיין מלחמה ניט געווען. זיי האָבן געוואָלט היטלערן! און זיי האָבן געשיקט אייזן און אויל קיין יאַפּאַן! איר זעט מיין פוס? ער איז שולדיק! ער איז געוועזן אין דער מלחמה און איך. ער איז אַרויס אַ גאַנצער. איר ווייסט פאַרוואָס? זיין טאַטנס געלט! איך האָב ניט קיין רייכן טאַטן, קאָסט מיך אַ פוס! אַן אַנדערן אַ האַנט! נאָך אַן אַנדערן דאָס לעבן!...

— דזשים! דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט! — האָט ריטשאַרד דער־לאַנגט אַ קלאַפּ אין טיש.

— דו ווייסט זייער אַ סך! איר זייט אַלע ווי שעפּסן וואָס גייען צו דער

שחיטה. זיין טאַטע האָט געהרגעט דזשאַהנין, ער וועט דיך דערהרגענען, ער וועט איך אַלעמען דערהרגענען!

— ענטפערט אים ניט! — האָט רוט זיך היסטעריש צעשריען.

— האָסט מורא? איך האָב נאָך זאַכן צו זאָגן, אָבער דאָס איבעריקע וועל איך דיר אַליין זאָגן.

אַלע ביים טיש זיינען געזעסן מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ. זיי האָבן דערוואַרט צו הערן די טעמפּע קלאַנגען פון זיינע קוליעס קומענדיק נעענטער צום טיש. ווען זיי האָבן דערהערט ווי די טיר האָט זיך פאַרמאַכט האָבן זיי לייכט אָפּגעאָטעמט.

— אומגליקלעכער מענטש, — האָט ריטשאַרד צעבראָכן די שטילקייט. ער איז אַוועק אין מלחמה ווען ער האָט ניט באַדאַרפט גיין. ער איז פאַר־וואונדעט געוואָרן ווען ער האָט ניט באַדאַרפט פאַרוואונדעט ווערן, איצט איז ער אַוועק ווען ער האָט ניט באַדאַרפט אַוועקגיין.

— איך ווייס נאָך אַלץ ניט וואָס ער האָט געוואָלט, — האָט מעלווין גע־פּרוּווט ריינוואַשן רוטן.

— ער איז ניט אַזוי וויכטיק, אַז מען זאָל האַלטן אין איין רײדן פון אים.

— האָט רוט נערוועז אויסגערופן. — איך האָף אַז ער איז ניט געווען די אורזאַך פון אייער אַלעמענס אַהערקומען.

— דאָס איז געווען מיין פאָרשלאָג, — האָט זיך פיליפּ קוים דערוואָרט ער זאָל קענען אַריינוואַרפן אַ פּאָר ווערטער. — לויט מיין מיינונג איז ער, דזשאַהני, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס דער סטרייק איז געוואונען גע־וואָרן, האָב איך געזאָגט: ס'איז ניט מער ווי רעכט מיר זאָלן פייערן דעם זיג אין דעם הויז וואו ער האָט געלעבט.

רוט האָט דאָס ניט דערוואַרט, האָט זי גלייך פאַרביטן דעם שמועס:

— איך האָף אַז איר קענט אַלע מר. מעלווין הילטאָן.

יאָ, זיי האָבן אים אַלע געקענט, אָבער פון זיכערקייט וועגן האָבן זיי אַלע אויף אַמאָל אַ קוק געגעבן אויף אים.

— איך בין ריטשאַרד ווהייט, — איז ער דער ערשטער אויפגעשטאַנען און דערלאַנגט די האַנט.

— מיך פרייט זייער אייער באַקאַנטשאַפט, — האָט אים מעלווין גע־ענטפערט מיט אַ האַנט־דרוק.

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, אים געדריקט די האַנט און, ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט, איז ווידער שטיל געוואָרן, ביז מעלווין האָט ענדלעך זיך אָנגערופן:

— גייט אָן מיט אייער אונטערהאַלטונג אַט ווי איך וואָלט דאָ ניט געווען.

ווידער האָט פיליפּ געפונען אַ געלעגנהייט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער:

— מיר ווייסן אפילו ניט אין וואָס די אונטערהאַלטונג באַשטייט. מיר ווייסן, למשל, אַז דער סטרייק איז געענדיקט, מיר ווייסן אָבער ניט וואָס מיר האָבן געוואונען. גאַנץ מעגלעך אַז מיר האָבן אפילו ניט מיט וואָס זיך צו פרייען.

דאָס איז געווען ניט אמת. ער און נאָך עטלעכע פון די פאַרזאַמלטע דאָ האָבן גענוי געוואוסט פון יעדן געוואונענעם פּונקט, ווייל ביי דעם מיטינג פון דעם סטרייק־קאָמיטעט, וואָס בראון האָט פאַררופן גלייך ווי ער איז געקומען פון הילטאָנען, איז פיליפּ באַשטאַנען אַז די איינצלהייטן פון די געוואונענע פּונקטן זאָל מען ערשט לאָזן וויסן ביים מאַסנמיטינג, וועלכער איז פאַררופן געוואָרן אויף מאָרגן. דאָס, האָט ער געטענהט, וועט צוגעבן פּרעסטיזש די פירער. ער אַליין האָט זיך אפילו אונטערגענומען צו דערקלערן פּונקט נאָך פּונקט.

— די געווינסן פון סטרייק, — האָט זיך מעלווין אַנגערופן, — איז אייער עסק. איך בין נישט געקומען צוליב דעם.

זיי האָבן אים אָנגעקוקט מיט חשד. אַ טייל האָבן געקוקט אויף רוטן.

ווען די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע סעקונדן, האָט מעלווין ווייטער גערעדט:

— איצט, אַז דער סטרייק איז געענדיקט, זיינען פאַראַן אַ סך וויכטיקערע זאַכן ווי די פּונקטן וואָס איר האָט געוואונען.

— למשל? — איז פיליפּ געוואָרן אויסער זיך.

— מיין פאָטער איז מער ניט אייער באַלעבאָס.

אויף אַזעלכע נייעס האָט פיליפּ זיך שוין ניט געריכט. עטלעכע געדאַנקען האָבן אים אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. ווייסט בראון דערפון? אויב יאָ, פאַרוואָס האָט ער גאָרניט דערמאָנט וועגן דעם? אויב בראון ווייסט ניט, ווייסט ער דאָך מער פון אים. באַשליסט ער ביי זיך וועגן דעם איצט ניט ריידן. ווען מעלווין וועט גיין אַהיים וועט ער שוין ביי אים אַלץ אויספרעגן און מאָרגן, צום מיטינג, וועט ער ברענגען די געוואַלדיקע נייעס. האָבן זיך דאָ אָבער געפונען אַזעלכע וואָס זיינען געווען פּונקט אַזוי נייגעריק ווי ער, האָבן זיי געפרעגט מעלווינען אויב מר. הילטאָן האָט פאַרקויפט די וועבעריי?

— ניין, — האָט מעלווין געענטפערט, — די וועבעריי האָט ער מיר איבערגעגעבן און דערפאַר בין איך דאָ.

— הייסט עס, — האָט פיליפּ דיפּלאָמאַטיש אָנגעהויבן, — אַז דאָס איז געווען אַ שפּיצל פון אייער פאָטער, נאָכגעבן די פאָדערונגען און דערנאָך זאָגן: עס איז מער ניט מיינס און איך בין דערפאַר ניט פאַראַנטוואָרטלעך?

ער האָט אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג, ווייזן די פאַרזאַמלטע אַז ער איז באַהאַוונט אין דריידלעך.

— ניין, — האָט מעלווין געענטפערט, — איך בין פונקט אַזוי פאַר־אַנטוואָרטלעך ווי מיין פאָטער. נאָך מער, איך האָב פאַרלאַנגט פון מיין פאָ־טער ער זאָל ענדיקן דעם סטרייק.

פיליפּ האָט זיך געפילט פאַרלאָרן. מיט יעדן ענטפער וואָס מעלווין האָט געגעבן האָט ער געפילט אַז ער פאַרלירט באָדן אונטער זיך. האָט ער געוואָלט ווייזן די פאַרזאַמלטע אַז אויב מעלווין איז יאָ באַלעבאָס, וועט ער אים באַהאַנדלען ווי אַ באַלעבאָס, און זיך אָנגערופן אין אַ סאַרקאַסטישן טאָן:

— זייט איר געקומען אונדז בעטן מיר זאָלן אַרבעטן פליסיקער?

— ניין.

— וואָס דען?

— איך בין ניט געקומען ווי אייער באַלעבאָס, און אויך ניט צו בעטן פון אייך טובות. ביז היינט אינדערפרי זייט איר פאַר מיר געווען פרעמדע מענטשן, אָבער אַזוי שנעל ווי איך בין געוואָרן דער אייגנטימער פון דער וועבעריי האָב איך געוואָלט זיך באַקענען מיט אייך, זען ווי איר לעבט.

פיליפּ דיוויס, וועלכער האָט אַלע מאָל געהאַט אַמביציעס צו ווערן דער פירער פון דער יוניאָן, האָט דערפילט אַז די צייט איז געקומען ווען ער קען איבערצייגן זיינע קעגנער אַז ער איז געוואַגט און ווייסט ווי צו ריידן צו אַ באַלעבאָס, האָט ער אָנגהויבן אין אַ טאָן וואָס איז געווען מער חוזק ווי ערנסט:

מר. הילטאָן! דאָס וואָס איר האָט אַ פאַרלאַנג זיך צו באַקענען מיט אונדז, איז זייער שיין פון אייער זייט. אָבער איר האָט זיך אסור באַדאַרפט שלעפן אַהער אין אַזאַ וועטער און נאָך ביינאַכט דערצו. דאָס האָט איר זייער לייכט געקענט אויסגעפינען זיצנדיק אויף אַ ווייכן שטול אין אייער אָפיס. אַלץ וואָס איר וואָלט באַדאַרפט טאָן איז זאָגן אייער סעקרעטאַר ער זאָל אייך צו־שטעלן אַ צעטל פון אונדזערע פאַרדינסטן, וואָלט איר זיך שוין געקענט פאָרשטעלן ווי מיר לעבן.

די אַלע אַרום טיש האָבן דאָס ניט דערוואַרט. זיי האָבן זיך דערפילט אומהיימלעך. די וואָס זיינען געזעסן לעבן אים האָבן אים געשלעפּט פאַרן רעקל, ער זאָל אויפהערן, ער האָט אָבער קיינעם ניט געהערט און גערעדט:

— איך בין שוין אַ היפּש ביסל יאָרן אין דער יוניאָן באַוועגונג און אַלע מאָל הער איך דאָס זעלבע לידל — דער נייער באַלעבאָס ווערט פּלוצלונג אַ פריינט פון די אַרבעטער און ער אינטערעסירט זיך, כלומרשט, ווי זיי לעבן. מר. הילטאָן! אונדזער לעבן איז אַן אָפענער בוך, אונדזערע הייזער זיינען ניט אַרומגעצאַמט מיט קיין אייזערנע צאַמען. מיר האָבן ניט קיין בייזע הינט וואָס לאָזן ניט צו צו דער טיר. מיר זיינען צופרידן אַז מיר אַליין האָבן צום עסן, ניט נאָך אויסהאַלטן הינט. איז ווען אייערע ווערטער וואָלטן געווען אמתע, פון האַרצן אַרויס, וואָלט איר באַדאַרפט קומען צו אונדז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, האָבנדיק די אַלע ציפערן מיט זיך, דעמאָלט קען מען זיך אָוועקזעצן און ריידן, דעמאָלט וואָלט מען אייך געגלויבט. אָבער איצט?

מעלווין האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו ריידן, אָבער פיליפּ דייוויס האָט אים ניט געלאָזט.

— ווילט איר מיר זאָגן, — האָט ער אויסגעשריען מיט פּאַטאָס צו די איבעריקע, — אַז דאָס וואָס ער האָט אויסגעקליבן זיך צו חברן מיט רוטן איז אַ צופאַל? דענקט איר ניט אַז דאָס איז אַן איינפאַל פון זיין זייט צו פאַרדעקן דעם מאָרד וואָס זיין פאָטער איז באַגאַנגען?

עס האָט ניט געהאָלפן וואָס איצט האָט מען אים שוין אָפענערהייט געשלעפּט פאַר די ענט, געשריען העכער כדי אים צו פאַרטומלען. ער האָט אַלץ גערעדט און אפילו באַליידיקט זיינע אייגענע קאָלעגן. ביסלעכווייז האָט זיך איינגעשטילט און מעלווין האָט אָנגעהויבן ריידן:

מר. דייוויס, אין וועג איז דאָ אייך צו ענטפערן, נישט מיט ווערטער; דאָס וועל איך אָבער ניט טאָן. איך בין מער ניט קיין סאָלדאַט. אָבער צו די איבעריקע וועל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער; קאָן זיין, איר פרעגט אַלע די זעלבע פראַגע: וואָס איך טו דאָ? איך ווייס אַליין נישט. ס'איז אפשר דער רעזולטאַט אָט פון מיינע צוויי יאָר דינסט אין דער אַרמיי. פליענדיק פופצן־צוואַנציק טויזנט פוס הויך אין דער לופטן זייגען די געדאַנקען אַנדערש ווי ווען מ'איז אויף דער ערד. אין דער הויך מעסט מען נישט דאָס לעבן מיט ערדישע באַגריפן, מ'איז ניט באַשרענקט און באַגרענעצט, מען טראַכט פון גאַנצן אוניווערז און פון דער גאַנצער מענטשהייט. וואָס האָב איך געטראַכט? דאָס וואָס אַלע אויפן פראָנט: וואָס שנעלער חרוב מאַכן די וועלט כדי צו בויען אַ נייע. ביי יעדער באָמבע וואָס איך האָב אַרונטערגעוואָרפן האָב איך געפילט דעם סוף פון דער אַלטער וועלט און דעם אָנהויב פון דער נייער. ווען שלום איז דערקלערט געוואָרן און מ'האָט מיך געהייסן זיך גרייטן פאַרן אַהיים, האָב איך געפילט ווי עמיצער וואָלט

מיך אויפגעוועקט פון אַ בייזן חלום. וואָס וועל איך טאָן אין דער היים? ווי וועל איך אַריינגיין אין דער טאָג־טעגלעכער רוטין? האָב איך זיך דערמאָנט אין דער אַרבעט פון בויען. קומענדיק אַהיים האָב איך אָבער געפונען אַלץ נאָך ערגער ווי איך האָב איבערגעלאָזט. דער סטרייק איז אָנגעגאַנגען. אין דער דעמאָנסטראַציע איז רוטס ברודער דערהרגעט געוואָרן, איר פון איין זייט, מיין פאָטער פון דער צווייטער זייט, שונאים, וועלכע זיינען גרייט איי־נער דעם צווייטן הרגענען. האָב איך זיך געפרעגט די פראַגע: איז דאָס די נייע וועלט? האָט זיך געלוינט חרוב מאַכן די אַלטע? איך ווייס ניט וואָס איך וואָלט געטאָן און ווי מיין ווייטערדיקער לעבן וואָלט געגאַנגען, ווען מיין טאַטע זאָגט מיר ניט היינט אינדערפרי אַז פון מאַנטיק אָן גייט די וועבעריי אַריבער אין מיין רשות. איך בין זיך מודה, אין אָנהויב האָב איך עס ניט געוואָלט. וואָס וועל איך טאָן מיט דער וועבעריי? וואָס דאַרף איך עס? אָבער פּלוצלונג האָב איך אין זיך דערהערט אַ שטימע: מעלווין! דו ביסט ניט נאָר דער צעשטערער פון דער אַלטער וועלט, נאָר אויך אַ בויער פון דער נייער. אין דיין נישטיקן וועג קענסטו געבן גליק צו עטלעכע הונדערט מענטשן. איך בין איבערפולט געוואָרן מיט פרייד און גלייך געלאָפן אין טאַל אָנזאָגן אַלעמען. אָבער איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט עפענען דאָס מויל איז מען מיך באַפאַלן און מיך מיט שניי באַוואָרפן. און דאָ—ווידער דאָסזעל־בע. יאָ, איך בין געקומען זיך באַקענען מיט איך, איך איבערגעבן דאָס וואָס איך פיל. גלויבט מיר!

אַלע, אַ חוץ דייוויסן האָבן אים אַפּלאָדירט. אָבער דאָ האָט זיך פּיטער באַוויזן אויפן שוועל. מיט געמאָסטענע טריט איז ער צוגעקומען צו מעל־ווינען.

— אייער פאָטער וויל איר זאָלט גלייך קומען אַהיים.

מעלווין איז אים נאָכגעגאַנגען.

אַ שטיק וועג זיינען זיי געפאָרן און געשוויגן. פּיטער האָט אַלץ גע־וואַרט מעלווין זאָל אָנהויבן רעדן און אים געבן אָנערקענונג פאַר זיין גו־טער אַרבעט, אָבער אַז מעלווין האָט געשוויגן האָט פּיטער אָנגעהויבן:

— זיי וואָלטן איך דאָרטן דערהרגעט.

מעלווין האָט ניט געענטפערט.

— אייער פאַטער איז זייער אַ קלוגער מענטש, — האָט פיטער ווידער אָנגעהויבן.

— ער האָט מיט זיי קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן. אַז עס האָט געהאַנדלט זיך וועגן אַרבעט איז איין זאַך, אָבער זיצן מיט זיי ביי איין טיש, דאָס ניט.

ווען ער האָט אַלץ ניט באַוואויגן מעלווינען צו רײדן, האָט ער געשפּילט די לעצטע קאָרט.

— ווען איך בין געקומען אַהיים און געזאָגט אייער פאַטער אַז אויף מײַן סטריט זײַט איר ניטאָ, האָט ער מיר גלייך געזאָגט: גיי צו רוטן.

— צו רוטן?

— יאָ, אייער פאַטער איז זייער אַ קלוגער מענטש.

דער אמת איז אַז גיין צו רוטן איז געווען פיטערס אייגענער אײַנפאַל. אויף זײַנע אייגענע אחריות האָט ער אָנגעהויבן שפּילן די ראָלע פון אַ דעטעקטיוו. דעם באַשלוס האָט ער אָנגענומען אַזוי שנעל ווי ער האָט געקראָגן אַ באַריכט אַז ביים באַגרעבער האָט זיך מעלווין באַגעגנט מיט רוטן. ער האָט אויסגערעכנט אַז די באַגעגעניש וועט פאַר אים, פיטערן, ניט זײַן צום גוטן. פון די עטלעכע קורצע שמועסן וואָס ער האָט געהאַט מיט מעלווינען האָט ער פאַרשטאַנען אַז מעלווין מוז זײַן אָפּגעזונדערט פון די אַרבעטער, און דער אײנציקער וועג איז — אים האַלטן אָפּגעטיילט פון רוטן.

— מײַן פאַטער קען רוטן?

— ער האָט געהערט פון איר.

— דו האָסט אים דערציילט?

— אייער פאַטער דאַרף מען ניט דערציילן. ער איז זייער אַ קלוגער מענטש.

אָפּגעזאָגט, האָט פיטער צו זיך אַליין אַ פּינטל געטאָן מיטן אויג, זיך באַשטעטיקט ווי קלוג ער איז, און ווידער געוואַרט אַז מעלווין זאָל אָנהויבן רעדן. מעלווין האָט געשוויגן. האָט פיטער ווידער אָנגעהויבן:

— די אַלע, וועלכע איר האָט געטראָפן ביי רוטן אין הויז, זײַנען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן סטרייק. כ'קען זיי אַלעמען, זיי זײַנען אַהער געקומען הונגעריקע, זייערע ביינער האָבן זיך אַרויסגעזען. ווען אייער פאַטער נעמט זיי ניט אין דער אַרבעט, וואָלטן זיי געשטאָרבן פון הונגער.

— פאַרוואָס דערציילסטו עס מיר?

— אַזוי זיך, ווייל איך קען זיי. און רוט נוצט זיי אויס כדי זי זאָל קענען נעמען נקמה פאַר איר ברודער.

— ווען דײַנער אַ ברודער ווערט דערהרגעט וואָלסטו געשוויגן?

— ווען איך האָב אַזאַ ברודער ווי דזשאהני וואָלט מיך ניט געאַרט ווען ער ווערט דערהרגעט.

— פאַרוואָס ?

— איר ווייסט ניט וואָס פאַר אַ פאַרשוין ער איז געווען.

— וואָס, אַשטייגער, האָט ער געטאָן ?

— וואָס האָט ער ניט געטאָן ? מיט יעדער ווייבל אין מידלוויל האָט ער געפירט ראָמאַנען.

— אַזוי ?

— און דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

— וואָס נאָך ?

— ניט נאָר מיט יונגע, נאָר מיט אַלטע האָט ער אויך געהאַט צו טאָן.

— און דו האָסט מיט קיינע ניט צו טאָן ?

— איצט ניט.

— אָבער מיט יאָרן צוריק האָסטו יאָ געהאַט צו טאָן ?

— מיט יאָרן צוריק בין איך דאָך געווען אַ סך יונגער.

פיטער איז געווען אַזוי צופרידן וואָס ער האָט אַריינגעפירט מעלווינען אין אַ שמועס, אַז ער האָט ניט געפילט ווי ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט.

אַ סך זייענען צופרידן וואָס דזשאַהני לעבט ניט מער, — האָט ער ווי־דער אָנגעהויבן נאָך אַ שטילשווייגן. און פון רוטן רעדט מען אויך.

— ווער ?

— אַלע.

— וואָס ?

— אַ סך זאַכן.

— וואָס פאַר אַ זאַכן ?

— אַזוי פיל זאַכן אַז עס איז אוממעגלעך צו געדענקען.

— פיטער ! — האָט זיך מעלווין אָנגערופן נאָך אַ ווײַלע שווייגן, — דו ביסט מיר ניט געפעלן געוואָרן פון דער ערשטער מינוט, און וואָס ווייטער האָב איך דיך מער פיינט !

פיטער האָט דאָס ניט דערוואַרט און, ווען ער האָט באַנומען די ווער־טער, האָט ער דערפילט אַ מאָדנע וואָרעמקייט אין זיין יעדן אבר, ווי עמי־צער וואָלט זיי אָנגעגאָסן מיט הייסע וואַסער. דער זיגרייכער שמייכל אויף זיין פנים איז פלוצלונג פאַרשוואונדן. ער האָט אַראָפּגענומען די היטל, אָפּ־געווישט דעם שווייס פון שטערן און, ווען ער האָט זיך פאַרקירעוועט אויפן משופּעדיקן וועג אַרויף צום שלאָס, האָט ער זיך אָנגערופן :

— איך ווייס, מר. הילטאָן, אַז איר האָט מיך פֿיינט, אָבער איך וויל איר זאָלט געדענקען אַז איך מיין אייער טובה.

מיט דעם האָט זיך דער שמועס געענדיקט.

אָבער ווען פּיטער מיט מעלווינען זיינען צוגעקומען צום שלאָס האָבן זיי באַמערקט אַ גרעסערע צאָל צימערן באַלויכטן און עטלעכע אויטאָמאָבילן זיינען געשטאַנען אַרום הויז.

לויט דער פּאָזיציע פֿון די אויטאָמאָבילן האָט פּיטער פֿאַרשטאַנען אַז די מענטשן אויבן זיינען ניט פֿון די שטענדיקע באַזוכער, ווייל חוץ דעם וואָס ער האָט געקענט יעדן אויטאָמאָביל וואָס פֿלעגט ברענגען געסט, האָט ער אויך געזען אַז די אויטאָמאָבילן שטייען ניט אויף די פּלעצער ווי די שטענדיקע געסט פֿלעגן זיי אַוועקשטעלן און דערצו האָבן די הינט נאָך געבילט אויף דער העכסטער אָקטאַוו.

מעלווין איז גלייך אַריין אין שטוב. פּיטער האָט זיך גענומען באַטראַכטן די אויטאָמאָבילן, דערנאָך איז ער געגאַנגען איינשטילן די הינט. דאָס איז אים אָנגעקומען זייער שווער, ער איז שנעל אַריין אין שטוב. ווי נאָר ער האָט איבערגעטרעטן די שוועל האָט ער אויסגעפֿונען אַז מיט אַ קאָרגער שעה צוריק האָט דזשאָהן דזשיי הילטאָן געהאַט אַ האַרץ־אַטאַקע.

פּיטערן האָט שטאַרק פֿאַרדראָסן וואָס ער איז דערביי נישט געווען און, ניט פֿאַרלירנדיק קיין סעקונדע, האָט ער גלייך אָנגעהויבן טראַכטן פֿון סטראַטעגישע ערטער, וואו ער זאָל זיך אַרומדרייען אַז מ'זאָל אים באַמערקן. און פֿאַרלאָזט זיך אויף פּיטערן. דאָס עלעקטרישע לעמפּל איבער די טרעפּ האָט ער מיט אַ כיוון צעבראָכן און, ביז וואַנען ער האָט אַריינגעשרויפֿט אַ ניי לעמפּל, איז ניט קיין אַנדערע ווי מרס. הילטאָן אָנגעקומען.

מרס. הילטאָן האָט אין פֿאַרלויף פֿון דער גאַנצער שעה געזוכט עמיצן צו ווייזן ווי שווער זי איז געטראָפֿן געוואָרן פֿון איר מאַנס האַרץ־אַטאַקע. אין אָנהויב האָט זי געפּרוווט איבערצייגן דעם קראַנקן, דערנאָך די דאָקטוירים, אָבער זיי האָבן זיך ווינציק צוגעהערט צו איר. זיי האָבן זייער העפֿלעך איר געלאָזט וויסן אַז פֿאַרן קראַנקן וועט זיין בעסער ווען זי וועט אַרויס פֿון צימער.

איז זי אַרומגעגאַנגען און זיך קיין אָרט ניט געפֿונען. ווען מעלווין איז אָנגעקומען האָט ער זי פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿראַגן, אָבער זי האָט זיך פֿאַרגעסן

וואו זי איז אין דער וועלט און, איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט אַנצוציען אַביסל פּייכטקייט אין אירע אויגן, איז ער אַריינגעלאָפן צום קראַנקן אין צימער. איז די מוטער געבליבן שטיין און מורא געהאַט, מ׳וועט דענקען, אַז זי איז צופרידן וואָס איר מאַן איז קראַנק, און דאָ האָט זי, ווי דורך אַ נס, דערזען פּיטערן. זי איז צוגעלאָפן צו אים און, צום אַלעם ערשטן אים געפרעגט צי האָט ער שוין געהערט פון איר אומגליק.

— יאָ, ער האָט שוין געהערט.

פּיטער גופא איז אויסגעגאַנגען פון נייגעריקייט צו וויסן גענוי וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, אָבער אין די צען יאָר האָט זי אים אַזוי פיל מאָל איגנאָרירט אַז ער האָט זיך שוין אָפּגעוואוינט פון שטעלן פראַגן. ער איז בלויז אויסן געווען זיך וויזן אַז ער איז דאָ. דאָס דורכגעפירט, האָט ער געוואָלט גיין אין קיך, דאָרטן זיך דערוויסן מער איינצלהייטן. דערווייל האָט ער דערלאַנגט אַ טיפן זיפץ, מיט דעם איר געלאָזט וויסן אַז ער נעמט עס אויך ניט אַזוי לייכט, און זיך גענומען אַרונטערגיין די טרעפּ. זי האָט אים אָפּגעשטעלט.

— פּיטער! די פּיטערסאָנס דערוואַרטן אונדז. רוף זיי אָפּ אַז מיר וועלן ניט קומען, ווייל דזשאהן דזשיי האָט געקראַגן אַ האַרץ־אַטאַקע.

פּיטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, באַשטעטיקט אַז ער׳ט רופן די פּיטערסאָנס און, איידער ער האָט זיך געלאָזט גיין, האָט ער באַמערקט:

— איך האָף אַז מר. הילטאָן וועט גיך געזונט ווערן.

— גאָט ווייסט צי ער וועט געזונט ווערן.

פּיטער האָט אַ ציטער געטאָן.

— אַזוי קראַנק איז ער?

— זייער קראַנק.

זעענדיק אַז זי ענטפערט אים אויף יעדער פראַגע, האָט ער זיך שוין ניט געאײַלט צו גיין.

— ווען איז דאָס געשען? — האָט ער געפרעגט, כאָטש ער האָט שוין געוווּסט.

— מיט אַ שטונדע צוריק.

פּיטער האָט זיך געפילט שולדיק וואָס ער איז ניט געווען דערביי און זיך פאַרענטפערט:

— דאָס האָט געמוזט פּאַסירן באַלד נאָכדעם ווי איך בין אַוועק. — און כדי זי זאָל אים ניט פרעגן וואו ער איז געווען, זאָגט ער גלייך — ס׳איז זייער

גליטשיק אין דרויסן, בין איך געווען זייער אומרואיק מעלווין זאָל אַליין טרייבן.

געזען, אַז די מאַניעוורע האָט געאַרבעט, האָט ער זיך אומגעקערט צום ענין:

— ס'האָט געמוזט פּאַסירן פּלוצלונג.

— ער האָט געהאַלטן אין איבערטאָן זיך, כ'גיב אַ קוק, ער זיצט. „דזשאָהן, מיר זיינען שפּעט", זאָג איך אים, און ער זיצט. „דזשאָהן", גיי איך צו צו אים, „האָסט געהערט וואָס איך האָב געזאָגט?" ער ענטפערט ניט. איך גיב אַ קוק אויף אים, געל ווי וואַקס! „דזשאָהן! וואָס איז דיר?" וויזט ער מיר אויף זיין האַרץ. שריי איך „פּיטער! פּיטער!"

— ווען איך ווייס וואָלט איך ניט געגאַנגען נאָך מעלווינען.

— האָט פרענק דערהערט און ער איז גלייך געלאָפן נאָכן דאָקטאָר.

— אויף אייך האָט עס געמוזט זייער שלעכט ווירקן, — וויזט פּיטער אַרויס סימפּאַטיע, כדי זי זאָל אים ניט טאַדלען למאַי ער איז געווען אַוועק.

אויף דער פראַגע, וויזט אויס, האָט זי געוואַרט.

— דאָס פּרוּוו איך זיך באַהערשן, — האָט זי אָנגעהויבן אין איין אָטעם, — אָבער אין דער אמתן ווייס איך ניט ווי איך האַלט זיך אויף מיינע פיס. און איך קען ניט פאַרשטיין ווי אַזוי איך האָב ניט געקראָגן קיין האַרץ־אַטאַקע. לויט ווי איך פיל, בין איך זיכער אַז איך וועל פון אַ האַרץ־אַטאַקע זיך ניט אויסדרייען.

— די געזונטע דאַרפן זיך האַלטן רואיק, — האָט פּיטער געטענהט.

— איך בין דאָס די געזונטע? — באַווייזן זיך ענדלעך טרערן אין אירע אויגן.

— סך־הכל האָבן די דאָקטוירים מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל זיך ניט ער־גערן, נו, גיי ערגער זיך ניט אַז ער קריגט אַ האַרץ־אַטאַקע.

— אויב מ'ווייסט נאָר ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן ווערט מען מיט דער צייט געזונט.

מרס. הילטאָן לאָזט זיך ניט טרייסטן.

— זי איז זיכער אַז ער וועט דאָס ניט איבערלעבן. און וואָס פאַר אַ ווערט האָט איר לעבן אָן אים?

מעלווין איז דערווייל אַרויסגעקומען פון קראַנקן־צימער. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. — נו?

פּיטער האָט געוואַרט אויף די טרעפּ מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. מעל־ווין האָט עס באַמערקט און ניט געענטפערט דער מוטער. ער האָט זי אָנגעג־

נומען פאַר אָרעם און זי אַוועקגעפירט.

פּיטער האָט פאַרשטאַנען אַז מעלווין האָט ניט געענטפערט ווייל ער איז געשטאַנען. ער איז אַרונטער פון די טרעפּ. זיין נייגעריקייט איז פאַרשוואונדן, אַ כוואַליע פון פאַרצווייפלונג האָט אים איינגעקרעמפּט. דזשאַהן דזשייס קראַנקהייט האָט אים געטראָפן מער ווי אַלעמען. וואָס זאָל ער איצט טאָן? וואָס פאַר אַן עצה זאָל ער זיך געבן? ניט ווילנדיק האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן פון האַלדז אַ פאַרדומפּענער אויסרוף: מיין גאָט!

פּיטער איז קיינמאָל ניט געווען קיין גלויביקער, אָבער איצט האָט ער אָנגעהויבן צווייפלען אין זיין ניט־גלויבן. אפשר איז טאַקע דאָ אַ גאָט, און דאָס ווערט ער געשטראָפט פאַר זיינע זינד? וועלכע זינד? ער האָט נאָכגעשפּיאָנירט מעלווינען. אָבער דאָס איז ניט קיין זינד, ער האָט געטריי געדינט זיין באַלעבאָס. דזשאַהן דזשיי וואָלט אים זיכער געשיקט. וועגן דזשאַהנין וואָס ער האָט געזאָגט, איז יאָ געווען אַ ליגן. אַז מ'רעדט שלעכטס וועגן אַ געשטאָרבענעם, מעג עס זיין אמת, איז עס אַ זינד, בפרט נאָך אַז עס איז ניט אמת. אָבער, ווידער דאָסזעלבע — ער דינט געטריי דעם באַלעבאָס. און אפשר וואָלט אים דזשאַהן דזשיי ניט געשיקט נאָך מעלווינען. דער אמת איז אַז הילטאָן האָט גאָר ניט געזאָגט. ער, פּיטער, איז פּשוט אויסגעגאַנגען פון נייגעריקייט דעם גאַנצן טאָג, געוואָלט וויסן וואו מעלווין געפינט זיך. איז דאָך עס אַ צווייענדיקע זינד, סיי קעגן באַלעבאָס, סיי קעגן דעם טויטן דזשאַהנין...

אים האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ די פראַזע וואָס מעלווין האָט אים געזאָגט אין אויטאָמאָביל.

„פּיטער! דו ביסט מיר ניט געפעלן געוואָרן פון דער ערשטער מינוט וואָס איך האָב דיך דערקענט און, וואָס מער איך קען דיך, אַלץ מער האָב איך דיך פיינט".

הייסט דאָך עס, אַז ער איז שוין לאַנג אַ זינדיקער. וואָס פאַר אַ זינד איז ער באַגאַנגען?

— איוואַ!

קנייטשן באַוויזן זיך אין די ווינקלען פון זיין מויל, ער שמייכלט אין זיך. — איוואַ!

מלאך גבריאל וואָלט דאָך ניט געקענט אויסשטיין דעם נסיון, וואוינענדיק מיט איר אונטער איין דאָך! אָבער וואָס טראַכט ער פון איוואַ'ן? זיין צוקונפט שטייט דאָך אין קאָן. וואָס אַ שטייגער קען ער איצט טאָן? אַ וואונדער צי מעלווין וואָלט אים אַריינגענומען צוריק אין דער וועבעריי? פאַרוואָס

ניט ? אַי ער איז שוין צען יאָר אַוועק פון וועב־שטול ? וועט אים נעמען אַ פּאָר טעג און ער'ט זיך צוריק צוגעוואוינען. ער איז דאָך די צען יאָר ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. ער האָט אין שלאָס געאַרבעט פיל שווערער ווי אין דער וועבעריי. אַ גאַנצן טאָג רק — פּיטער און פּיטער! פּיטער אַהער, פּיטער אַהין! אין דער וועבעריי וועט ער האָבן איין אַרבעט. אָפּגעאַרבעט די אַכט שעה, איז ער פריי. ער גייט איבער די גאַסן, קוקט אין די פענצטער, ער גייט אָנגעטאָן ווי ער וויל, דאַרף זיך ניט גאָלן יעדן טאָג, וויל ער, גייט ער גאָר און לייגט זיך שלאָפן, קיינער וועט אים ניט וועקן. די איינציקע וואָס קען אים שטערן זיין שלאָף איז איוואַ. ווידער איוואַ! ער מוז איצט טראַכטן וועגן זיין צוקונפט! איוואַ, איך בעט דיך, זעסט'אָך סאַרא פּראָבלעמען איך האָב! איז וואו זשע האַלט ער? יאָ, וויל ער, לייגט ער זיך שלאָפן. לויטן בראַזגעריי פון געפּעס רעכנט ער אויס אַז זי צעשטעלט עס שוין אויף די פּאָליצעס, איז זי דאָך שוין באַלד פאַרטיק, וועט זי באַלד קומען צו אים. ווידער אַמאָל איוואַ! פאַרוואָס טראַכט ער פון איר? ס'איז אים איצט זייער שלעכט. ווען ער איז אַ טרינקער וואָלט ער זיך איצט גוט אָנגעשיכורט, נו, איז איוואַ דער נעקסטער בעסטער מיטל צו פאַרגעסן זיינע צרות. יאָ, איוואַ איז זיין גרויסע זינד, פאַר וועלכער ער ווערט איצט באַשטראָפט. איוואַ'ס מאַן איז זיין בעסטער פריינט. יאָ, ער האָט אים אַריינגענומען אין שטוב, כדי ער, פּיטער, זאָל האַלטן אַן אויג אויף איוואַ'ן. ער, דער פריינט זיינער, אַרבעט ביינאַכט און זי, איוואַ, איז יונג און שיין, פלעגט ער אַ גאַנצע נאַכט ביי דער אַרבעט, זיין אומרואיק — וואָס טוט איוואַ? האָט ער באַשלאָסן אַריינבעמען פּיטערן ער זאָל זי היטן. אַן אַנדערן וואָלט ער זי ניט אָנגעטרויט, אָבער פּיטערן יאָ. און ער, פּיטער, נעמט און נאַרט אים אָפּ אַזוי גראָב! און צוריקגערעדט, אויב זיין פריינט איז אַ נאַר, וואָס איז ער שולדיק? דער טיפּוש האָט דאָך געמעגט פאַרשטיין אַז גוט־פריינטשאַפט איז איין זאַך און איוואַ איז אַ צווייטע זאַך. ניט ער, וואָלט זי געפונען אַן אַנדערן, איז דאָך שוין בעסער אַז אַ פריינט זאָל עס האָבן. אַ גוטער פריינט!

— אַי, איוואַ, איוואַ!

ווי אַ וויטער ווינטל שליכט זי זיך אַריין צו אים אין צימער, הויבט אויף דעם צודעק און גליטשט זיך אַריין אין בעט. די שפּיץ פינגער פון איר פיס זיינען קאַלט, אָבער די קעלט איז אַן אָנגענעמע, ווי אַ קיל ווינטל אין אַ הייסן זומער־טאָג. ער האָט נאָך געוואוסט אינדערפרי אַז זי וועט קומען. עסנדיק אָנבייסן, האָבן זייערע אויגן זיך באַגעגנט און זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ. אַזוי האָבן זיי אָפּגעמאַכט. די לעצטע דריי טעג

שאָקלט זי מיטן קאָפּ אויף ביין און, יעדעס מאָל ווען זי טוט אַזוי אַ שאָקל מיטן קאָפּ, רוקט ער זיך נעענטער צו צום מאַן און הויבט אָן ריידן מיט אים. זי פאַרשטייט גאַנץ גוט די האַנדלונג און זי געפינט גלייך אַ וועג צו מאַכן אַ באַמערקונג אַז זי איז ניט געזונט. טוט ער גלייך אַ קוק אויפן קאַלענדאַר וואָס הענגט אַנטקעגן און, מעשה דיפּלאָמאַט, זאָגט ער צום מאַן:

— היינט איז שוין דער צוואַנציקסטער, שוין דער חודש אויך אַוועק.

דאָס טוט ער, כדי צו איבערצייגן זי אַז ער האַלט חשבון, כאָטש ער קען זיך ניט מוחל זיין וואָרום ער געדענקט ניט דעם טאָג פון לעצטן מאָ־נאַט... פון היינט אָן וועט ער שוין געדענקען. ער האָט זיי קיינמאָל ניט גע־גלויבט און מיט יעדער אייגער האָט ער באַשלאָסן צו פירן אַ בוכהאַלטעריע, אָבער אַלע מאָל פאַרגעסט ער. מיט אַלגאַן איז ער שוין געווען אַ גאַנצער חכם. ער האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ קעשענע קאַלענדאַר און געמאַכט אַ צייכן אויפן דאַטום. זי האָט אים אָבער באַוויזן אַז „אַ פרוי איז ניט קיין קאַלענדאַר״... מיט איוואַ׳ן איז געווען אַנדערש. ער האָט געוואוסט אַז זי טוט עס פאַר מורא. איין מאָל איז געקומען דערצו אַז זי האָט אים אָפן געזאָגט:

— איר אַרט ניט. זאָל ער זאָגן איר מאַן און זאָל נעמען אַ סוף

אַ ביסל שפּעטער האָט זי פונדעסטוועגן חרטה געהאַט. ווען זי איז יענעם אויפדערנאַכט געקומען צו אים, האָט זי זיך קיין ריר ניט גע־טאָן, ווי אַ פאַראורטיילטע איז זי געלעגן. ער האָט זי פאַרוואָרפן מיט פראַגן און זי האָט אים אויף אַלץ געענטפערט מיט די עטלעכע ווערטער:

— אויב ער וויל אַזוי איז גוט, אַנדערש קען זי ניט.

ער האָט זיך אַמאָל געוואָלט דערגרונטעווען פאַרוואָס איווא קומט צו אים. דאָס איז געווען דעמאָלט ווען איווא איז צו אים געקומען פרייוויליק.

— איווא!

מער האָט ער ניט געזאָגט. זי האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט. אַזאַ קלוגע איז זי.

— וועגן אַזעלכע זאַכן רעדט מען ניט, — האָט זי אים געזאָגט.

ערשט אַ שטיק צייט שפּעטער האָט זי אים געגעבן אַ דערקלערונג וואָס ער פאַרשטייט נאָך ניט ביז היינט צו טאָג.

— זי האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז דאָס פאַרהייראַטע לעבן איז אַנדערש, זוכט זי...

וואָס האָט זי זיך פאַרגעשטעלט? וואָס זוכט זי?

— איווא! איווא! געדענקסט נאָך פּיטערן! — מורמלט ער צו זיך און,

ווען זיינע אויערן דערהערן וואָס זיינע ליפּן מורמלען, הויבט ער זיך אָן געבן מוסר.

— פּיטער! איצטער אָ, ווען דיין לאַגע איז אַזוי ביטער, ווילסטו זיך דער־גרונטעווען אין אַנדערע מענטשן? איוואָ וועט איר שטעטל באַשטיין, אָבער דו? ביסט געבליבן אינמיטן דער וועלט, ניט אַהין און ניט אַהער. און אַלץ דערפֿאַר וואָס דו ביסט אַ ליגנער! נאַרסט זיך און נאַרסט די וועלט, און צו־ליב דעם וואָס דו זאָגסט אַלע מאָל ליגן קריכסטו פֿון איין צרה אין דער צווייטער. דאָס וואָס דו האָסט נאָכגעשפּיאָנירט מעלווינען האָסטו אַרויפֿגע־וואָרפֿן די שולד אויף זיין קראַנקן טאַטן, אָבער פֿאַרוואָס פּרוּווסטו פֿאַרליי־קענען דיינע יאָרן? וויפֿיל האָט געפֿעלט מ׳זאָל דיך אָפּגעבן פֿאַר אַ סאָלדאַט דערפֿאַר וואָס דו האָסט זיך געוואָלט מאַכן יונגער מיט זעקס יאָר? דו ווייסט גאַנץ גוט אַז יאָרן קען מען ניט פֿאַרלייקענען. ס׳האָט אפילו ניט געהאָלפֿן וואָס דו האָסט געצופּט די גרויע האָר פֿון דיינע שלייפֿן, זיי האָבן זיך גע־גרויט שנעלער ווי דו האָסט זיי געקענט אויסצופּן. און דאָס וואָס דו האָסט דיינע שלייפֿן דערנאָך געפֿאַרבט האָט דיר געגעבן אַ פּנים פֿון חוזק. און פֿאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט מ׳זאָל דיך צונעמען פֿאַר אַ סאָלדאַט? וואָס האָסטו געהאַט צו פֿאַרלירן? זיין אַ שקלאַף פֿאַר די הילטאָנס וועסטו דאָך ניט פֿאַרשפּעטיקן ווען דו וועסט קומען צוריק. און טאָמער וועסטו דערהרגעט ווערן? נו, איז וואָס? אַי, פּיטער! פּיטער! דאָס וואָס דו האָסט ביז איצט געחלומט אַז דאָס אמתע לעבן וועט ערשט קו־מען, אַז דו וועסט זיין רייך און מעכטיק איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. דו מיינסט נאָך אַלץ אַז דו וועסט לעבן, אָבער אין אמתן האָסטו שוין אָפּגעלעבט. איוואָ האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַז איר פֿאַרהייראַט לעבן וועט זיין אַנדערש, און דו שטעלסט זיך אויך פֿאָר אַז דיין לעבן וועט זיין אַנדערש. ניין, פּיטער! איוואָ וועט זוכן און גאָרניט געפֿינען, און דו אויך נישט. מאַך שלום מיטן געדאַנק אַז דאָס איז עס. ביסט ניט דער איינציקער וואָס חלומט אָפּ אַ לעבן... זע בעסער און ווער גוט ברודער מיט מעלווינען, ווייל וואו דו זאָלסט ניט זיין, אין שטוב צי אין דער וועבעריי, וועסטו אַלץ דאַרפֿן זיינע טובֿות...

אָט אַזוי שפּרינגען פּיטערס געדאַנקען פֿון ווייב צו שפּייז און פֿון איין באַלעבאָס צום צווייטן. עס גייט אים ניט אָן וואָס אין דער זעלבער הויז ראַנגלט זיך זיין באַלעבאָס אין די נעגל פֿון טויט. פֿאַר דעמזעלבן מענטשן וואָלט ער אַ טאָג פֿריער זיין לעבן אַוועקגעגעבן, איצט זוכט ער וועגן ווי זיך צוחנפֿענען צו אַ צווייטן באַלעבאָס.

די מלחמה אין מידלוויל

געשטאָרבן דער קעניג!
זאָל לעבן דער קעניג!

ווען דזשאַהן דזשיי הילטאָן וואָלט זיך אָנגעקוקט מיט צען יאָר צוריק, ווי אַזוי ער זעט איצט אויס ליגנדיק אין בעט, מיט דער מאַסקע אויפן פּנים, דורך וועלכער ער שלינגט דעם זויער־שטאָף, וואָלט ער אפשר געוואָרן אַן אַנדער מענטש און ווען יעדער מענטש הויבט אָן זיין לעבן פון סוף, בישט פון אָנהויב, וואָלט זיכער געווען אַ בעסערע און אַ שענערע וועלט.

אָט־דער מענטש, וועלכער האָט דיקטירט דאָס לעבן פון הונדערטער מענטשן; ער, וועמעס אַ 'ניין' האָט געקענט פאַרהונגערן אַ גאַנצע שטאָט;לויט וועמעס אַ וואונק טויזנטער רעדער האָבן זיך געקענט אָנהויבן דרייען אָדער בלייבן שטיין, איז איצט געלעגן אַ הילפלאָזער אין אַ בעט, וואו ער האָט קוים קוים פאַרנומען דריי פערטל פון איר. דאָס זויער־שטאָףביידל האָט פאַרשטעלט זיין פּנים, און אויפן בעט־צודעק האָבן זיך געזען די ליביעס פון זיינע קרומע פיס.

פון ביידע זייטן בעט זיינען געשטאַנען קראַנקן־שוועסטער, געטאַפּט זיין פּולס און אַלע ווילע געשטאָכן זיין לייב מיט נאָדלען, אים געגעבן איינשפריצונגען, צווינגענדיק זיין קראַנק האַרץ צו אַרבעטן. און זיין האַרץ האָט געאַרבעט מעשים. ווי אַ ווייסער זעגל אויף אַ שיף אין אַ שטורעמדיקן ים, האָט די ווייסע דעק פון בעט זיך געהויבן אַרויף און אַרונטער און, ווען דאָס הויבן פון דעם בעט־צודעק איז געוואָרן קלענער, שוואַכער, האָט מען ווידער אָנגעהויבן שטעכן זיין לייב, און ווידער אַ שטורעם.

דאָס בילן פון די הינט האָט זיך געטראָגן פון צווייטן עק הויף. מרס. הילטאָן האָט געהייסן אַוועקנעמען די הינט אַהין. ניט דערפאַר ווייל דאָס האָט עפּעס געהאַט צו טאָן מיטן קראַנקן, זי אַליין האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דאָס לאַנגע, אומעטיקע, מאָנאָטאָנע בילן פון די הינט.

צי דאָס איז געווען ווייל די הינט האָבן דערפילט דעם מלאך־המות, צי זיי זיינען ניט געווען געוואוינט צו דער טעטיקייט וואָס איז אָנגעגאַנגען, אין יעדן פאַל, די הינט זיינען געווען זייער אומרואיק און זייער לאַנג, נאָגנדיק, אומעטיק בילן האָט דערמאָנט אין חרובע וועלטן.

מעלווין האָט געוואוסט אַז זיין פאָטער וועט לאַנג ניט לעבן, אַז ס'איז בלויז אַ פראַגע פון שטונדן; באַלד, באַלד וועט די ווייסע דעק פון בעט, אונטער וועלכער זיין פאָטער ליגט, זיך אויפהערן צו באַוועגן. די דאָקטוירים

האָבן זיך געוואונדערט, וואָס אַזאַ ענערגישער מענטש ווייזט ניט אַרויס קיין ווידערשטאַנד, אָבער מעלווין האָט געוואוסט דעם סוד אַ דאַנק די עטלעכע שמועסן וואָס ער האָט געהאַט מיט אים.

מרס. הילטאָן איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב, געבראָכן די הענט, זיך געמאַכט אַז זי וויינט און געטענהט:

— טאָמער שטאַרבט ער, ווייסט זי ניט ווי זי וועט עס אַריבערטראָגן.

פון וואַנען האָט זיך מידלוויל דערוואוסט אַז דזשאָהן דזשיי הילטאָן האָט געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע? דער שלאָס איז געווען ווייט אַוועק אין די בערג. אמת, ס'איז דאָ אַ וועג וואָס פירט פון מעין סטריט צום שלאָס, אָבער יענער וועג ווערט קיינמאָל ניט גענוצט. הילטאָן האָט נאָך מיט אַכט יאָר צוריק געבויט אַ וועג, וואָס שניידט דורך די בערג און מיידט אויס מידלוויל. פונדעסטוועגן האָט גאַנץ מידלוויל געוואוסט אַז הילטאָן האָט געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע און אַז זיין לאַגע איז געפערלעך.

צופיל גוטע פריינט האָט הילטאָן קיינמאָל ניט געהאַט אין טאָל, און די נייעס אַז ער האָט געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע, האָט אַ סך ניט באַפרידיקט.

עס איז אַ צו־לייכטער טויט פאַר אים, — האָט מען געטענהט. ווי דער שטייגער איז אין מידלוויל ביי יעדער געשעעניש, האָט מען זיך פאַרקליבן אויף מעין־סטריט. מ'איז אַרומגעגאַנגען מיט אויסגעצויגענע העלדזער און געקוקט אַרויף צום שלאָס.

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי גאַרניט געקענט זען... דערפאַר אין אָוונט, ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן ליכט אין די פענצטער פון שלאָס, האָבן זיי גענוי אויסגערעכנט יעדע באַוועגונג וואָס איז דאָרטן אָנגעגאַנגען.

עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין קאָמישע סיטואַציעס. איינער אַ מר. מאַרטין האָט אין די לעצטע צוויי אָוונטן דורכגעשטודירט יעדע ליכט וואָס האָט זיך באַוויזן אין די פענצטער פון שלאָס, און ער האָט זיך באַרימט אַז ער ווייסט גענוי אין וועלכן צימער מר. הילטאָן ליגט. (וואָס איז דאָס אים אַזוי שטאַרק אָנגעגאַנגען, ווייס איך ניט) וואָלט עס אפשר אַזוי פאַרבייגעגאַנגען און פאַרטיק, מאַלע וואָס איינער נעמט זיך אַריין אין קאָפּ? האָט זיך אָבער געפונען אַן אַנדער חכם, וואָס האָט אויך געשטודירט לויט מאַרטינס מעטאָדן (לויט די ליכט אין די פענצטער) און, לויט זיין אויסרעכענונג, האָט דער צימער וואו הילטאָן איז געלעגן גאָר באַדאַרפט זיין אין צווייטן עק הויז,

און יעדערער האָט שוין באַוויזן צו האָבן אַ צד, וועלכער האָט באַשטעטיקט די טעאָריעס. עס האָט לאַנג ניט גענומען ביז די צוויי קעגנער האָבן זיך באַגעגנט, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און מ׳האָט אָנגעהויבן זיך דערלאַנגען פּעטש. ווען די צוויי זיינען שוין געלעגן פאַרבלוטיקטע אויף דער ערד, האָבן די צוויי צדדים געפּרואווט שליכטן דעם סכסוך, מ׳זאָל זיך וועטן, און יעדער פון די צוויי זאָל איינלייגן וויפיל געלט ער האָט פאַרמאָגט. האָט מען זיך אָבער געכאַפּט: וואָס טויג דאָס וועטן זיך? ווי אַזוי וועלן זיי אויסגעפינען? איז געבליבן אַז דער איינציקער דורך וועמען זיי קענען זיך דערוויסן איז פּיטער, אָבער ניט אַלע האָבן זיך געוואָלט פאַרלאָזן אויף פּיטערן, איז פון דעם גאָרניט געוואָרן, און די צוויי זיינען, נעבעך, אַזוי צעהרגעט געוואָרן, אַז מ׳האָט זיי ניט געקענט דערקענען.

נאָך אַן אַרגומענט וואָס האָט שיר ניט געבראַכט צו קלעפּ איז געווען די פראַגע צי זאָל מען שיקן בלומען צו הילטאָנס לוויה. ווי דער שטייגער איז, האָבן זיך ווידער פאָרמירט צוויי צדדים. איין צד האָט געטענהט: יאָ בלומען, דער צווייטער האָט געטענהט: ניט בלומען. דער סכסוך האָט זיך אָבער געענדיקט פרידלעך. עס איז באַשלאָסן געוואָרן: זאָל הילטאָן פריער שטאַרבן, נאָכדעם וועט מען באַשליסן.

סיי ווי, אויף מעין סטריט האָט זיך ווידער געטומלט. די גוטע נייעס אַז דער סטרייק איז געסעטלט געוואָרן און די נייגעריקייט וועגן דעם צושטאַנד פון דזשאַהן דזשיי הילטאָן האָט ווידער געבראַכט דאָס גאַנצע שטעטל אויף מעין־סטריט. און אַז מענטשן גייען אויף מעין־סטריט, קויפן זיי, און אַז מ׳הערט גוטע נייעס נעמט מען אַריין אַ גוטן פריינט פאַר אַ טרונק, און אַז מ׳זאַמט זיך לאַנג אין גאַס, ברענגט מען עפּעס דער ווייב, זי זאָל ניט מאַכן קיין פאָרוואורפן און ניט פאַרוואַרפן מיט פראַגן.

בינו לבינו האָבן די געשעפטסלייט אויף מעין סטריט געשמייכלט...

הילטאָנס צושטאַנד איז געוואָרן ערגער פון שטונדע צו שטונדע, און פּיטער איז געשפּרונגען פון דער הויט. ער האָט באין־אופן ניט געקענט זיך קאָנצענטרירן אויף אַ פּלאַן ווי צו פאַרזיכערן זיין צוקונפט. די ווייבער און מיידלעך האָט ער ניט געקענט פאַרטרייבן פון זיינע געדאַנקען, ביז ער האָט זיך דערמאָנט אַז שוין דריי טעג זינט מערי די קעכין איז אַוועק און מיט דער נייער האָט ער נאָך ניט פאַרפירט קיין פריינטשאַפט.

דער ריח פון מעדיצינען, דאָס שטענדיקע אָנשטויסן זיך אָן קראַנקן־שוועסטער, די האַלטונג פון מרס. הילטאָן האָט אים אַלע מאָל געבראַכט צום באַוואוסטזיין אַז דזשאַהן דזשיי הילטאָן איז געפערלעך קראַנק, וועט באַלד

שטאַרבן און ער, פּיטער, בלייבט ווי אויפן וואַסער. איין זאַך איז געווען פאַר אים קלאָר — ער מוז ווערן גוטער פריינט מיט מעלווינען. אָבער ווי אַזוי?

— רוט!

ער מוז זיך זען מיט איר. אפשר וועט זי אים געבן עפּעס אַ שליחות. אויב דאָס זאָל זיך ניט איינגעבן וועט ער מוזן גיין אויף מעין סטריט, שלום מאַכן מיט אַ פּאָר פון זיינע שונאים, טאָמער וועט אים אויסקומען אַרבעטן צוריק אין דער וועבעריי זאָל דער באָדן זיין גרייט.

פּיטער איז געווען זייער אַ כיטרער יונג. קוים האָט ער באַוויזן אויפהערן צו טראַכטן וועגן ווייבער, מעגט איר זיין זיכער אַז ער וועט שוין עפּעס אויס־טראַכטן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך געלאָזט גיין.

אויף מעין סטריט האָבן זיך אַלע דערפרייט מיט אים. אפילו זיינע ערגסטע שונאים האָבן אים געטראָגן די האַנט אַנטקעגן און געשמייכלט צו אים. זיי האָבן אַלע געוואָלט וויסן וואָס אויבן אין שלאָס קומט פאָר, און פּי־טער האָט זיך צעלאָזט ווי ער קען. מיט הילטאָנען, מיט מעלווינען איז אים געווען שווער צו רעדן, אָבער מיט זיינס גלייכן האָט ער זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער.

ער האָט זיי דערציילט אַז ווען הילטאָן האָט געקראָגן די אַטאַקע איז קיי־נער, חוץ אים, אין הויז ניט געווען. אויף די הענט האָט ער אים אַריינגע־טראָגן אין שלאָף־צימער. און זאָלן זיי ניט דענקען אַז דאָס איז געווען אַ לייכט שטיקל אַרבעט. אַזוי איז הילטאָן, דוכט זיך, אַ קליינינקער, אָבער ווען ער האָט אים געטראָגן איז ער געווען שווער ווי אַ שטיין, קוים, קוים האָט ער אים אַרויפגעטראָגן אויף די טרעפּ. דערנאָך האָט ער גערופן דאָק־טוירים און, ביז זיי זיינען געקומען, האָט ער אים מאַסאַזשירט די שלייפן און דאָס, האָבן די דאָקטוירים געזאָגט, איז געווען די איינציקע זאַך וואָס האָט אים דערהאַלטן ביים לעבן ביז זיי זיינען געקומען. דערנאָך אַז הילטאָן איז גע־קומען צו זיך, האָט ער אים, פּיטערן, געגעבן די האַנט און אים באַדאַנקט פאַר אַלץ וואָס ער האָט געטאָן פאַר אים.

— ער וועט דיר נאָך איבערלאָזן אַ ירושה, — האָט איינער פון עולם אויסגערופן.

— איך דאַרף ניט זיינע ירושות, — האָט פּיטער געענטפערט. — איך גיי צוריק אַרבעטן אין דער וועבעריי.

דאָס האָט ער מיט אַ כיוון געזאָגט. ער האָט געוואָלט זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט מאַכן אויף זיי.

— דו ווערסט מער אין דער וועבעריי ניט קענען אַרבעטן, פּיטער, — האָט זיך איינער אָנגערופן.

— פאַרוואָס ניט?

— ביסט שוין אָפּגעוואוינט פון אַרבעט.

— עט! — האָט פּיטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איר מיינט אַז אין שלאָס בין איך אַ גאַנצן טאָג אויפן שטול געזעסן? איך האָב דאָרטן שווערער געאַרבעט פון אייך און, גלויבט מיר, איך האָב אַלע מאָל געוואָלט גיין צוריק אין דער וועבעריי, נאָר דזשאָהן דזשיי האָט מיך ניט געלאָזט. — איך בין צו אַ גוטער באַטלער, — האָט ער געזאָגט.

— און זיין זון? וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש איז ער? — האָבן זיי אַלע געוואָלט וויסן.

— אַ קאַפּיטאַליסט ווי אַלע, — האָט ער געענטפערט.

מיט דעם האָט ער זיך געוואָלט איינקויפן ביי זיי.

דערפילנדיק אַז ער האָט זיי פאַראינטערעסירט, האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט אין ווילדע פאַנטאַסטישע מעשות, ווי ער פלעגט אָפּזיצן גאַנצע נעכט מיט דזשאָהן דזשיי הילטאָן און איינטענהן מיט אים ער זאָל ניט זיין שטרענג צו די אַרבעטער, און ווי ער האָט אים אַלע מאָל צוגעזאָגט. ווען ניט ער, וואָלט מען ודען געוואונען דעם סטרייק?

— דזשאָהן דזשיי האָט געהאַלטן אין איין טענהן אַז לואיס בראַון דאַרף אים רופן און, וויפיל איך האָב אים ניט געבעטן ער זאָל רופן בראַונען צו זיך, האָט ניט געהאָלפן. איר ווייסט דאָך וואָס פאַר אַן איינגעשפּאַרטער מענטש דזשאָהן דזשיי איז. ווייסט איר וואָס איך האָב געטאָן? אָן זיין וויסן האָב איך אָפּגערופן לואיס בראַון ער זאָל קומען. איר ווייסט גאָרניט וואָס איך בין דורכגעגאַנגען יענעם פרימאָרגן. ביידן האָב איך באַדאַרפט זאָגן ליגן, בראַונען האָב איך געזאָגט אַז דזשאָהן דזשיי וויל ער זאָל קומען און דזשאָהן דזשיי האָב איך געזאָגט אַז בראַון האָט אָפּגערופן ער וויל קומען. נאָכדעם, אַז בראַון איז אָוועק, מיט די געוואונענע פאָדערונגען אין קעשענע, האָב איך אים דערציילט דעם גאַנצן אמת. מיך האָט ניט געאַרט, זאָל ער מיך שלאָגן, הרגענען! אַבי דער סטרייק איז געוואונען. אָבער... — אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים, מיטן רעכטן אויג האָט ער אַ וואונק געטאָן, — ער האָט מיך ניט געשלאָגן און ניט געהרגעט. ער האָט מיך צוגערופן נאָענט צו זיך און, מעשה גוטער ברודער, מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין פּלייצע און געזאָגט: „פּיטער! ביסט אַ כוואַט! איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקענט אַרויסדרייען פון דער קאַשע וואָס איך האָב פאַרקאַכט, ווען ניט דו!

מיט אָפענע מײלער זײנען מענטשן געשטאַנען אַרום אים און געשלונגען איטלעכס װאָרט װאָס ער האָט אַרױסגערעדט. (מעלװינען האָבן זײ ניט געגלױבט, פּיטערן יאָ). און דאָס האָט אים געגעבן מער מוט.

אַזױ איז ער געגאַנגען פֿון רעדל צו רעדל, אומעטום דערצײלט מעשׂות, און אומעטום האָט מען אים אױסגעהערט מיט נײַגיר און אים אױפֿגענומען װי זײער גלײַכן.

— װאָס מאַכסטו? — האָט ער אַלע װײלע זיך אַרומגעכאַפּט מיט עמיצן אַנדערש.

— און דו?

— און דו?

— און דו?

אין זײער האַנט־דרוק, אין זײערע שטימען, אין דעם גוטמוטיקן געלעכטער, װאָס איז געװען אױסגעגאָסן אױף זײערע פּנימער, האָט ער געפֿילט אַז זײ זײנען פֿרײַנטלעך צו אים, אָבער ער אַלײן איז געװען אױסגעמאַטערט און אומעטיק. ער האָט זיך שױן צופֿיל אָנגעשטרענגט.

אױף מײן סטריט האָט ער זײן מלחמה געװאונען, אָבער ניט דאָס האָט ער געװאָלט. ער האָט ניט געװאָלט גײן צוריק אין דער װעבערײ, ער האָט ניט געװאָלט לעבן װי די אַנדערע.

מיט זײנע מענטשן אױף מײן סטריט, װעט ער שױן, װי עס איז אױסקומען, אָבער רוט און מעלװין זײנען געװען אַ שװערער ביסן פֿאַר אים. אױב ער האָט דערצײלט װילדע מעשׂיות װעגן הילטאַנען װעט עס הילטאָן קײנמאָל ניט קענען אָפּלײקענען. ער װעט שטאַרבן. אָבער רוט און מעלװין לעבן.

שטונדן לאַנג איז ער אַרומגעגאַנגען אױף מײן סטריט, געהאָפּט אַז ער װעט אָנטרעפֿן רוטן. װען ער טרעפֿט זי צופֿעליק װאָלט די פּראָבלעם ניט געװען אַזױ שװער.

— העללאָ, רוט!

— העללאָ, פּיטער!

— װאָס מאַכט איר? איך האָב אײַך שױן לאַנג ניט געזען. אַנטשולדיקט — װאָס רעד איך? ערשט אײערנעכטן בין איך דאָך געװען בײ אײַך אין הױז. יאָ, דעמאָלט װען איך בין געקומען נאָך מר. מעלװין הילטאָן.

װאָלט זי אים געפֿרעגט:

— װאָס מאַכט עפּעס מעלװין?

און דער שמועס װאָלט אָנגעגאַנגען ביז זי װאָלט אים געזאָגט:

— פּיטער! איך װיל איר זאָלט מיר טאָן אַ טובה.

— װאָס איר װעט מיך הײסן װעל איך טאָן פֿאַר אײַך.

—איר וועט זיין אַזוי גוט און איבערגעבן דעם בריוו מעלווינען.

— אַוודאי וועל איך עס טאָן. און איך פאַרזיכער אייך אַז קיין בן־אָדם וועט פון דעם ניט וויסן.

ער נעמט דעם בריוו און וואַרט ניט ביז מעלווין וועט צו אים אָנהויבן ריידן. ער גייט גלייך צו אים אין צימער, קלאַפּט אָן אין טיר, גיט אים איבער דעם בריוו. מעלווין הייסט אים וואַרטן ביז ער שרייבט אָן עטלעכע ווערטער און בעט אים ער זאָל דאָס איר איבערגעבן. אַזוי אַרום ווערט ער דער פאַר־מיטלער צווישן זיי ביידן.

רוטן האָט ער אָבער ניט באַגעגנט, איז געבליבן ער זאָל גיין צו איר אַהיים.

דעם גאַנצן וועג, פון מעין סטריט ביז רוט׳ס הויז, האָט ער זיך געפילט ווי אַ גנב וואָס גייט עמיצן באַגנבענען. פון אומעטום, האָט זיך אים געדוכט, קוקט מען אויף אים. ער האָט דייטלעך געפילט ווי די בליקן בריען זיין פלייצע.

אין אָנהויב האָט ער געדענקט אַז ווען ער וועט פאַרבייגיין רוט׳ס הויז וועט זי אים אַריינרופן, איז ער געגאַנגען פיל לאַנגזאַמער, אָבער אַז זי האָט אים ניט גערופן, האָט ער זיך געמוזט אומקערן און, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר.

יאָ, רוט איז געווען אין הויז. זי האָט פאַר אים געעפנט די טיר.

— העללא, רוט!

— העללאָ, פּיטער!

ער האָט זיך ניט געריכט צו טרעפן זי ביי דער טיר, האָט אים אויס־געפעלט ווערטער; פאַר רוטן איז זיין קומען אויך געווען אַן איבעררעאשונג, האָט זי אויפן מאָמענט ניט געפונען קיין ווערטער. זיינען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. אין הויז האָבן זיי ביידע אויטאָמאַטיש זיך אַוועקגעזעצט. פּיטער איז געקומען צו זיך דער ערשטער.

— איר ווייסט נאָך וואָס איך בין געקומען?

— ניין.

— איך בין געקומען זיך אַנטשולדיקן.

— פאַרוואָס?

— פאַר אייערנעכטן.

— איך פאַרשטיי אייך ניט.

— אַט־דאָס וואָס איך בין אומגעריכט, אייערנעכטן, אַריינגעפאַלן אין שטוב צו אייך און צוגענומען מר. מעלווין הילטאָן.

רוט האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן. עס האָט איר גענומען עטלעכע סע־

קונדן ביז זי האָט געקענט קאָנטראָלירן איר אָטעם, נאָכדעם האָט זי אַרויס־געזאָגט :

— פאַר דעם דאַרפט איר זיך ניט אַנטשולדיקן, אַדרבא, — איך דאַנק אייך דערפאַר.

ווען ער קומט בלויז צוליב דעם וואָלט זיין מיסיע געווען געענדיקט, ער הויבט זיך אויף און גייט אַוועק, אָבער ער איז דאָך געקומען צוליב עפּעס אַנדערש, איז ער געזעסן און געטראַכט ווי אַזוי צו פאַרקניפּן אַ שמועס, ביז זיין נערוועזיטעט האָט אים אָפּגעלאָזט.

— איך טראָג די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר מעלווינס זיכערקייט, — האָט ער אָנגעהויבן, — און, ווען איך האָב געהערט די קולות, האָב איך מורא געהאַט מ׳זאָל אים קיין שלעכטס ניט טאָן, האָב איך באַשלאָסן אים נעמען אַהיים.

— קיינער וואָלט אים דאָ קיין שלעכטס ניט געטאָן.

— אָבער איך טאָר ניט נעמען קיין שאַנסן.

— האָב איך אייך דאָך געזאָגט : גאַנץ גוט וואָס ער איז אַוועק מיט אייך.

ווידער איז זיין פאַרזוך צו רעדן ניט געלונגען, אָבער ער האָט שוין גע־פילט זיך מער היימיש.

— איר האָט דאָך מסתמא געהערט אַז זיין פאָטער איז זייער קראַנק, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן.

— יאָ.

ער איז זייער קראַנק, — האָט ער געפּרואווט זי פאַראינטערעסירן. — פיל ערגער ווי מ׳דענקט. — ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע. — איך דענק אַז ער וועט לאַנג ניט לעבן.

— אַזוי ?

— פון אַ האַרץ־אַטאַקע איז זייער שווער זיך אַרויסצודרייען.

רוט האָט פאַרשטאַנען אַז פּיטער איז ניט געקומען גלאַט אין דער וועלט אַריין, האָט זי געוואַרט ביז ער וועט קומען צום תוך. פרויען האָבן געדולד. פאַר פּיטערן איז אָבער יעדע מינוט געווען טייער. ווער ווייסט, אפשר פאַר־ווילט זיך מעלווינען קומען אַהער ? מער וואָלט אים ניט געפעלט, מעלווין זאָל אים דאָ טרעפן. האָט ער ווידער אָנגעהויבן.

— ווען ניט דער סטרייק וואָלט ער די האַרץ־אַטאַקע ניט געקראָגן.

— ווער איז שולדיק אין סטרייק, אויב ניט ער ?

פּיטער האָט דערפילט אַז דאָס וואָס ער באַרירט דעם סטרייק איז ניט געווען קיין גוטער צוג פון זיין זייט, האָט ער געפּרואווט זיך אויסדרייען .

— נו אוודאי, ווען מ׳ווייסט פריער וואָס עס וועט געשען וואָלט מען געקענט אַ סך זאַכן פאַרמיידן.

— ווען ניט דער סטרייק וואָלט דזשאָהני געלעבט.

— יאָ, דזשאָהני איז זיכער געווען אַן אומשולדיקער קרבן.

— מיר האָט דאָס האַרץ געזאָגט אַז עפּעס וועט מיט אים פּאַסירן, אָבער איך האָב אים ניט געקענט צוריקהאַלטן פון גיין צו דער דעמאָנסטראַציע.

— ווי אַ לעבעדיקער שטייט ער מיר פאַר די אויגן, — האָט פּיטער געקוקט אין דער ווייטקייט, וועלנדיק מאַכן אויף איר אַן איינדרוק. — איך האָב אים זייער ליב געהאַט, ווי מיינעם אַן אייגענעם ברודער.

שלעכט! ער האָט זיך ווידער פאַרפּלאָנטערט. ער ראַנגלט זיך מיט די לעצטע כחות זיך אַרויסצודרייען פון דעם געשפּרעך.

— יאָ, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ זיפץ, — מיר אַרבעטער זיינען פאַראורטיילט צום טויט. אין... איידער מיר ווערן געבוירן.

(געוואָלט האָט ער זאָגן: אין דער מאַמעס בויך, אָבער ער האָט מורא געהאַט מיט דעם זאָל ער ניט אָנרירן ביי איר אַן אַנדער וואונד.)

— אָבער איין זאַך, — האָט ער אָנגעהויבן ריידן מעשה דיפּלאָמאַט, — מידלוויל וועט דזשאָהנין אייביק געדענקען. ווען ער לעבט וואָלט מען נאָך אַלץ געסטרייקט!

פון דער זייט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר. געוואָלט זען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אויף איר. זי איז געזעסן שטום און קאַלט, די אויגן עטוואָס פייכט.

— אַן אויג פאַר אַן אויג, — האָט ער אָנגעהויבן מעשה נביא. — דזשאָהן דזשיי באַצאָלט איצט דערפאַר מיט זיין אייגענעם לעבן. (פּויזע) און איך וויל האָפן, אַז מר. מעלווין וועט פירן די וועבעריי אַנדערש.

ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט. ענדלעך האָט ער אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף מעלווינען.

ווען רוט האָט דערזען דעם פריילעכן אויסדרוק אויף פּיטערס פּנים, ווען ער האָט דערמאָנט מעלווינס נאָמען, האָט זי דערפילט אַז איר פאַרדאַכט איז ניט קיין אומזיסטיקער, אַז פּיטער איז געקומען עפּעס אויספאָרשן, האָט זי אים געלאָזט ריידן.

— כ׳וועל איך זאָגן דעם אמת, — האָט פּיטער גערעדט מיט זיכערקייט, ווי ער וואָלט באַהערשט די סיטואַציע, — כ׳ווייס אפילו ניט אויב מעלווין ווייסט וואו די וועבעריי שטייט, שוין ניט ריידנדיק צי ער ווייסט וואָס דאָרטן קומט פאָר.

— און דזשאָהן דזשיי האָט יאָ געוואוסט ?

— זאָגט עס ניט ! — איז פּיטער שנעל ווי אַ קאַץ איר אַריינגעפאַלן אין די רייד. — דער אַלטער האָט, קודם־כל, אַליין אָנגעהויבן ביים וועב־שטול, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ פאַרמאַן. אַהאַ ! ער האָט שוין גאָר געוואוסט. און מעלווין ? מעלווין האָט דאָך גאָר פיינט די וועבעריי !

— פון וואַנען ווייסט איר ?

— ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט.

פּיטער האָט פון איר די אויגן ניט אַרונטערגענומען, געהיט איר יעדן ריר.

— עס זיינען געווען צייטן, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, — ווען ער, דזשאהן דזשיי האָט גערעדט צו מיר ווי צו אַ ברודער. ער פלעגט מיך פרעגן עצות, וואָס ער זאָל טאָן מיט מעלווינען.

— נאָכוואָס דערציילט איר מיר די אַלע זאַכן ? — האָט זי אים פּלוצלונג אָפּגעשטעלט.

— מיר ריידן, רעד איך, — האָט ער געענטפערט פאַרלאָרן.

— נאָך וואָס, אייגנטלעך, זייט איר געקומען ?

אויף אַזאַ פראַגע האָט ער זיך ניט געריכט. ווען זי פרעגט עס אים גלייך ווי ער איז אַריין, הויבט ער זיך אויף און גייט אַוועק, איצט איז שוין אָבער געווען צו שפּעט.

— איך האָב אייך געזאָגט נאָכוואָס איך בין געקומען, — האָט ער אָנ־געהויבן שטאַמלען, — זיך אַנטשולדיקן פאַר אייערנעכטן.

— האָב איך אייך דאָך שוין אַנטשולדיקט.

— מיר זיצן, קען מען דאָך ניט שווייגן, רעד איך. איר ווילט ניט איך זאָל ריידן, וועל איך זיצן נאָך אַ פאָר מינוט און וועל אַוועקגיין. איך בין אַ ביסל מיד. ס'איז אַ היפּשער מהלך פון באַרג אַהער.

— איר זייט געקומען ספּעציעל אַהער ?

— ניין, איך בין פאַרבייגעגאַנגען, בין איך אַריין.

ער האָט זיך דערפילט אומהיימלעך. ער וואָלט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען, האָט ער אָבער אויסגערעכנט אַז ס'וועט זיין בעסער ער זאָל דאָ זיין די „עטלעכע מינוט". אין צימער האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. ער האָט דייטלעך געהערט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ און, פאַר אַ צייט־פאַר־טרייב, האָט ער געציילט יעדן הויב פון רוט'ס בוזים.

— איך בין זיכער, — האָט ער געזאָגט, אויפהויבנדיק זיך, — אַז מעל־ווין פילט אויך ווי איך.

— וואָס מיינט איר ?
— כ׳מיין אַז ער וויל אויך זיך אַנטשולדיקן.
— ער האָט ניט פאַרוואָס זיך צו אַנטשולדיקן.
— אָבער ער קען פון קראַנקן ניט אוועקגיין, — האָט ער פאַרגעזעצט.
— ער האָט ניט פאַרוואָס זיך צו אַנטשולדיקן, — האָט זי נאָך אַמאָל געזאָגט.
— זאָל איך עס אים זאָגן ?

ער האָט געמיינט אַז זי וועט אים געבן די דערלויבעניש, ער זאָל זיך אַנטשולדיקן פאַר איר, וועט ער קענען זאָגן מעלווינען אַז ער האָט זי צופעליק אָנגעטראָפן. אָבער זי האָט אים שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— ער האָט אייך געשיקט אַהער ?
— ניין.
— פון וואַנען ווייסט איר וואָס ער וויל טאָן ?
— איך שטעל זיך פאָר אַזוי.

ווי פאַר אַ ריכטער, דערוואַרטנדיק אַ שווערע שטראָף, אַזוי איז ער געשטאַנען פאַר רותן, מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט געוואָלט פאַר איר עפּענען זיין האַרץ, איר דערקלערן פאַרוואָס ער איז דאָ און בעטן איר זי זאָל ניט דערציילן מעלווינען פון זיין באַזוך.

— גלויבט מיר אַז ער האָט מיך ניט געשיקט אַהער, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ טאָן פון אונטערטעניקייט, — דער פאַקט איז, אַז איצט, ווען דער אַלטער וועט שטאַרבן, האָב איך אין שלאָס מער ניט וואָס צו טאָן. איך וועל גיין צוריק אין דער וועבעריי, און דאָס בין איך טאַקע אַרונטערגעקומען זיך זען מיט מיינע אַלטע גוטע פריינט.

— מיך אַרט ניט וואו איר וועט אַרבעטן, — האָט זי אים שטרענג געענטפערט.

כ׳ווייס, — האָט ער חניפהדיק געשמייכלט, — אָבער אויב ער וועט זיך דערוויסן אַז איך בין דאָ געווען וועט ער מיך ניט אַנשטעלן אין דער וועבעריי.

— ווער ?
— מעלווין.
— וואָס מיינט איר ?
— איך בעט אייך, זאָגט ניט מעלווינען אַז איך בין דאָ געווען.
— פון וואַנען ווייסט איר אַז איך וועל אים זען ?
— איר וועט אים מער ניט זען ?

— פּיטער! — האָט זי אים שטרענג אָנגעקוקט, — זאָגט מיר וואָס קומט דאָ פאָר? האָט ער אייך געשיקט אַהער?

— זאָל איך געהרגעט ווערן אויב ער האָט מיך געשיקט.

— זייט איר אַליין געקומען?

— יאָ.

— נאָכוואָס?

— אויב איר נויט מיך, וועל איך אייך דערקלערן. — ער איז צוגע־גאַנגען צום פריערדיקן פּלאַץ און זיך אַוועקגעזעצט. נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער ווידער אָנגעהויבן.

— מעלווין איז כמעט ווי אויסגעוואַקסן אויף מיינע הענט. איך האָב אים ליב ווי אַן אייגן קינד. אין שלאָס איז שוין כמעט ווי זיכער אַז ער וועט חתונה האָבן מיט פּאַטרישיא פּיטערסאָן, אַ טאָכטער פון דזשיי. איי. פּיטער־טערסאָן און קאָ., דער פּרעזידענט פון דער קוילן־מינע. זינט איך האָב זיך דערוואוסט דערפון שלאָף איך נישט קיין נעכט. און איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, ער איז פאַר מיר מער ווי אַן אייגן קינד, כ'וואָלט מיין לעבן אַוועקגעגעבן עס זאָל זיין אויס שידוך. היינט שטעלט אייך פאָר מיין לאַגע: צו זיי קען איך ניט ריידן, צו אים אויך ניט, קומט אויס ניט אַנדערש ווי נעם און ווער דערשטיקט.

טאָ וואָס זייט איר געקומען צו מיר?

— שוין פון צוויי וואָכן, אַז גאַנצע נעכט מאַך איך ניט צו קיין אויג, איך טראַכט אַלץ פון וועגן און מיטלען ווי אַזוי אים צו ראַטעווען פון אירע הענט. אייערנעכטן, ווען איך בין געקומען נאָך אים אַהער, האָב איך דערזען אַ וועג ווי אַזוי איך קען אים ראַטעווען.

— וואָס האָב איך צו טאָן מיט אים?

— מיר צוליב.

— איר זייט מיר אַ פרעמדער.

— אויב איר וועט מיר דערלויבן איך עפּעס דערציילן וועט איר זען אַז מירביידע האָבן יאָ אַ שייכות.

— איך האָף אַז מיר זיינען ניט קיין קרובים.

— ניין.

— דאַנקען גאָט. טאָ וואו איז די שייכות?

— איך מוז זיך ווידער אומקערן צום אייערנעכטן. אויפן וועג אַהיים האָט ער געהאַלטן אין איין רעדן וועגן אייך.

— וואָס האָט ער גערעדט?

— גלויבט מיר אז קיין שלעכטס ניט, נאָר אַזוי זיך, אין דער וועלט אַריין. וואָס פאַר אַ מיידל איר זייט, צי איר האָט שוין אַ חתן, און צי איך קען איך און וואָס דענק איך וועגן אייך? פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אייך געליובט ביזן הימל.

— ווילט איר איך זאָל אייך באַדאַנקען ־דערפאַר?

— ניין. אָבער אַז איר וועט אונטערציען דעם סך־הכל וועט איר פאַרשטיין נאָכוואָס איך בין געקומען אַהער.

— פּיטער! איך פאַרשטיי ניט אַ וואָרט וואָס איר רעדט צו מיר.

— ס'איז ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין. איך וועל ריידן צו אייך פּראָסט און פּשוט. איר געפעלט אים. וואָלט ער געווען איינער פון אונדזעריקע, וואָלט ער געקומען צו אייך אַהיים, ווען איר האָט אַ טעלעפאָן וואָלט ער אייך אָפּגערופן, אָדער ער וואָלט אייך אָפּגעוואַרט אויף מעין סטריט, צי כ'וויס וואָס ער וואָלט געטאָן. אָבער אַז ער איז מעלווין הילטאָן, האָב איך אויסגערעכנט אַזוי — אויב איר ווילט אים עפּעס זאָגן, זאָגט עס מיר, וועל איך עס אים איבערגעבן.

— וואָס זאָל איך אים זאָגן?

— וואָס ווילט איר. און אויב איר ווילט, שרייבט אים אַן עטלעכע ווערטער.

דאָס אָפּגערעדט, האָט ער זיך אַליין באַוואונדערט ווי קלוג און געשיקט ער האָט עס אויסגעאַרבעט. אַבי ער האָט געמיינט ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע. פון דער זייט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף רוטן. איר שטערן האָט זיך געקנייטשט. — דאָס טראַכט זי מסתמא אַ נוסח פון דעם בריוו וואָס זי וויל שיקן מעלווינען. — אויב אַזוי, האָט ער שוין אַ האַלבע אַרבעט אָפּגעטאָן. איצט דאַרף ער קריגן אַן אויסרייד פאַר מעלווינען, ווי אַזוי ער האָט זיך געטראָפן מיט רוטן. דאָס איז שוין פון די קליינע זאַכן. דיזעלבע מעשה וואָס ער האָט דערציילט רוטן וועט ער דערציילן מעלווינען.

רוט האָט אים איבערגעשלאָגן די געדאַנקען.

— איר ווילט, הייסט עס, איך זאָל אים שרייבן?

— יאָ, — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט.

— וואָס זאָל איך אים שרייבן?

— שרייבט אים וואָס איר ווילט, — האָט ער צופרידן געשמייכלט.

— גוט, גייט אַהיים. איך וועל אים אָנשרייבן.

ווי עמיצער וואָלט אים הינטנאָרום דערלאַנגט אַ זעץ צווישן די אויערן,

אַזוי איז אים געוואָרן דער קאָפּ לייכט און אין די אויערן פאַרלייגט, זיין מויל איז געווען אָפן, אָבער אים האָט זיך געדוכט אַז ער קען אים ניט עפענען. ער האָט געקנייפּט זיין לייב ביז ער איז געקומען צו זיך.

— ווען וועט איר אים שרייבן?

— ווען איך וועל אים שרייבן און וואָס איך וועל אים שרייבן, דאָס איז שוין מיין עסק, און איצט גייט אַהיים און זאָגט אים אַז ער האָט געמעגט האָבן בעסערע איינפאַלן.

— ער איז ניט שולדיק! — האָט פּיטער אויסגעשריען ווי ניט מיט זיין קול.

— און איר מעגט אויך האָבן מער שכל.

— ניט אַלע מאָל קען מען טאָן וואָס דער שכל דיקטירט, — האָט ער אַפּעלירט צו איר.

— פּיטער! איך וויל מער ניט ריידן וועגן דעם. איצט גייט!

— אָבער רות!

— פּיטער! אַ וואָרט ניט מער!

— כ'וויל אייך זאָגן עפּעס אַנדערש, — איז ער געשטאַנען אַ פאַרלאָרענער.

— וואָס?

— שרייבט ניט מעלווינען.

— פאַרוואָס ניט?

— און זאָגט אים ניט אַז איך בין דאָ געווען.

— פּיטער! איך האָב זיך געענוג אַנגעהערט וועגן אייך, אָבער דאָס איז די געמיינסטע שטיקל אַרבעט וואָס איר האָט אָפּגעטאָן אין אייער לעבן.

ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, באַוועגט מיט די ליפּן, אָבער ער האָט קיין ווערטער ניט געפונען. האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט די הענט און זיך געלאָזט גיין. רות האָט אים נאָכגעשריען:

— גייט דורך דער הינטערשטער טיר. קיינער דאַרף ניט וויסן אַז איר זייט דאָ געווען.

ווי פון אַ ברענענדיק הויז איז ער אַרויסגעלאָפן. הינטערן שטוב איז דאָס וואַסער פונעם צעגאַנגענעם שניי געשטאַנען טיף. ער האָט ניט געפּרוווט אויסמיידן דאָס וואַסער און די בלאָטע. ער האָט ניט געפילט ווי דאָס וואַסער האָט גענעצט זיינע פיס. ער איז געגאַנגען שנעל, כמעט געלאָפן. ערשט ווען ער איז געקומען אויף מעין סטריט איז זיין גאַנג געוואָרן לאַנגזאַ־

מער. דאָ און דאָרט האָבן אים ווידער אָנגעטראָפן באַקאַנטע, מ׳האָט אים געוואָלט אָפּשטעלן, ריידן מיט אים, אָבער ער האָט אָנגעהאַלטן זיין גאַנג.

ווען מ׳וואָלט געקענט דערציילן די איבערלעבונגען פון צוויי מענטשן אין פאַרשיידענע ערטער אין דער זעלבער צייט און ניט וואַרטן ביז מ׳ווערט פאַרטיק מיט איינעם, דערנאָך זיך נעמען צום צווייטן, וואָלט מען געקענט אַ סך ביישטייערן צו דער קונסט פון דערציילן. ווייל וויפיל דער דערציילער פּרוּווט איבערגעבן דאָס סאַמע וויכטיקסטע, ווערט דאָך דאָ און דאָרטן פאַר־לאָרן אַ שטריך, אַ בילד אָדער אַ געדאַנק.

למשל: רוט איז אַזוי אין כעס געוואָרן פון פּיטערס באַזוך, אַז ווען זי האָט איצט מעלווינען פאַר אירע אויגן וואָלט זי אים גוט אָנגעזידלט. אַזוי ווי ער איז ניט געווען, האָט זי אַ טופּע געטאָן מיט איר פּיסל און אויסגע־שריען: איך וועל אים ווייזן, דעם אַזוינעם און אַזוינעם... און זי האָט באַ־שלאָסן אים גלייך שרייבן.

דער אינהאַלט פון דעם בריוו איז געווען פון יענעם מין, וואָס אַז מ׳לייענט אים איבער פאַרברענט מען אים, אויב מ׳האָט וואו. אויב ניט, צע־רייסט מען אים אויף קליינע פּיצעלעך, דער ווינט זאָל עס צעטראָגן. אין גוטע זאַך טוט אַזאַ בריוו יאָ אויף — מ׳באַרואיקט זיך אַביסל, דערנאָך מוסרט מען זיך גאַנץ גוט אויס, און מ׳הויבט אָן שרייבן אַן אַנדער בריוו, אַ מילדערן. דעם בריוו צערייסט מען אויך, אָדער מ׳פאַרברענט אים, אָבער דער גאַנצער כעס איז שוין אַוועק און מ׳באַשליסט: צו וואָס דאַרף מען אינגאַנצן שרייבן?

רוט איז דורכגעגאַנגען די אַלע מדרגות און, ווען זי האָט אַוועקגעשטופּט פון זיך דעם טינט און פּעדער, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מעלווינען אין גאָר אַן אַנדער ליכט. ווי פאַרלאָרן ער איז געווען ווען ער איז געשטאַנען אויף מעין סטריט און זיך געבעטן ביים עולם מ׳זאָל אים אויסהערן; ווי מ׳האָט אים אומגעוואָרפן און ער איז געלעגן אויפן שמוציקן שניי; ווי ער האָט זיך געראַנגלט ביי איר אין שטוב מיט דייוויסן; ווי ער האָט זיך אומ־געקוקט אויף איר יענעם אָוונט ווען ער איז אַרויס פון שטוב מיט פּיטערן און, אַזוי טראַכטנדיק, איז איר כעס אינגאַנצן פאַרשוואונדן און פון פּיטערן האָט זי זיך אינגאַנצן פאַרגעסן.

אָט־די אַלע זאַכן וועט מיר ניט אויסקומען איך צו דערציילן, ווייל איצט פאָלגן מיר נאָך פּיטערן און, ווען מיר וועלן קומען צוריק צו רוטן, וועט די האַנדלונג און די שטימונג זיין אינגאַנצן אַן אַנדערע.

יהושע אלקאַן

וועט איר דאָך מיך פרעגן: פאַרוואָס זיך ניט אָפּגעבן מיט רוטן אָנשטאָט מיט פּיטערן? איז דער ענטפער — איר ווייסט ניט וואָס איך וויל אייך דער־ציילן.

קומענדיק אַהיים, האָט פּיטער דערפילט די גאַנצע משא פון זיין דורכ־פאַל. ער האָט געהאַט בדעה זיך פאַרשליסן ביי זיך אין צימער און איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווי אַזוי ווייטער אָנגיין. אָבער קוים האָט ער זיך באַוויזן אין שלאָס האָט אים יעדערער פון די אָנגעשטעלטע געזאָגט אַז מ׳זוכט אים אַרום.

וויפיל ער האָט ניט געפּרואווט אויסגעפינען ווער עס זוכט אים, מרס. הילטאָן אָדער מעלווין, האָט ער קיין גענויעם ענטפער ניט געקענט קריגן.

ביז איצט, אויב ער פלעגט זיך ערגעץ פאַרשפּעטיקן, פלעגט ער פייל אויסן בויגן לויפן פון איין פּלאַץ צום צווייטן, זיך מעלדן אַז ער איז דאָ. איצט אָבער האָבן די קני זיך אים געבויגן און ער האָט ניט געקענט געבן קיין טראָט. ער האָט נאָר ווידער אַמאָל איבערגעפרעגט:

— מרס. הילטאָן אָדער מעלווין?

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ניט מרס. הילטאָן און ניט מעלווין האָבן אים געזוכט. די דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן אַז די בעט מיטן קראַנקן זאָל מען איבעררוקן אין צווייטן עק צימער. האָט מען געדאַרפט צוויי געזונטע חברה. אַזוי ווי פּיטער איז ניט געווען, האָבן די צוויי דאָקטוירים מיט פרענק דעם שאָופער דאָס געטאָן.

אין אַנדערע צייטן וואָלט ער זיך געפילט געקרענקט וואָס מ׳איז אויס־געקומען אָן אים. איצט האָט ער אפילו וועגן דעם ניט געטראַכט. ער איז אויף שנעל אַוועק צו זיך אין צימער, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און אָנ־געהויבן אויסלייגן פּלענער.

נאָך איידער ער האָט באַוויזן צוזאַמענצוקלייבן זיינע געדאַנקען האָט מען אים ווידער גערופן. ער זאָל זיך גלייך מעלדן אונטן אין ביבליאָטעק־צימער.

— אין ביבליאָטעק־צימער! דאָס מיינט מעלווין! — האָט אים גלייך אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. מעגלעך רוט האָט אים שוין גערופן.

יאָ, ס׳איז מעלווין. ער איז געגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער. ווען פּיטער איז צוגעקומען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— איר האָט מיך גערופן? — האָט פּיטער געפרעגט.

— מ׳האָט דיך דאָ אַרומגעזוכט, — האָט מעלווין געזאָגט, ניט קוקנדיק אין זיין זייט.

— כ׳ווייס.

— וואו ביסטו געווען ?

— אויף מעין סטריט.

— מ׳האָט דיך געשיקט אַהין ?

— ניין, איך בין אַליין געגאַנגען.

— וואָס האָסטו געוואָלט אויסגעפינען ?

— גאָרנישט.

— ביסט אַ ליגנער.

די וואָרצלען פון זיינע האָר האָבן אים אָנגעהויבן שטעכן אין קאָפּ. ער איז געווען זיכער אַז מעלווין האָט זיך דערוואוסט וואו ער איז געווען. היות עס איז אָבער ניט געווען קיין דירעקטע פראַגע, איז ער געשטאַנען מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און געוואַרט מעלווין זאָל אָנהויבן ריידן.

— זעץ זיך ! — האָט אים מעלווין אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף אַ שטול.

פיטער האָט זיך אַוועקגעזעצט, דערוואַרטנדיק דאָס ערגסטע. מעלווין האָט נאָך אַלץ געשפּרייזט איבערן צימער. פּיטער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און געציילט זיינע טריט. די טריט האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— ביסט געווען ביי רוטן ?

— יאָ.

— יאָ ?

— יאָ.

פּיטער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט און, ווען ער האָט דערהערט טריט, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דאָ האָט ער שלעכט אויסגערעכנט, ווייל מעלווין איז אים פּונקט אַנגעקומען אַנטקעגן. מעלווין האָט אָבער ניט געקוקט אין זיין זייט.

אויף זיין אופן האָט פּיטער געפּרוווט אַנאַליזירן די סיטואַציע. האָט אים רוט גערופן, אָדער נישט ? האָט זי אים יאָ גערופן, פאַרוואָס איז זי ביי אים ניט באַגליובט, האָט זי אים ניט גערופן, פאַרוואָס רעדט ער פּלוצלונג וועגן איר ? זיינע אָנגעשטרענגטע נערוון האָבן אַביסל נאָכגעלאָזט. ער האָט זיך געפילט גרינגער וואָס ער האָט ניט געלייקנט אַז ער איז געווען ביי איר, אָבער וואָס זאָל ער אים ענטפערן אויב ער וועט אים פרעגן נאָכוואָס ער איז געגאַנגען צו איר ? מיט יעדער סעקונדע וואָס דאָס שטילשווייגן האָט אָנגעהאַלטן, מיט יעדן טראָט וואָס מעלווין האָט געמאַכט, האָט פּיטער געקראָגן

אַלץ מער מוט. ער איז געווען ווי דער פאַראורטיילטער, וואָס האָט שוין פאַר קיין זאַך קיין מורא. האָט ער אָנגעהויבן ריידן:

— איר וואונדערט זיך געוויס וואָס איך האָב געטאָן ביי רוטן?

— ניין. איך וואונדער זיך בלויז וואָס דו ביסט דאָרטן נעכטן ניט געווען.

— וואָס מיינט איר?

— ווען דו האָסט מיך איירנעכטן געבומען אַהיים, האָב איך גלייך פאַר־שטאַנען אַז דו וועסט דאָרטן זיין מאָרגן, גלייך אינדערפרי. כ'האָב דיך נעכטן אַ גאַנצן טאָג געהיט.

— כ'וואָלט היינט אַהין ניט געגאַנגען, ווען ניט אַ צופאַל.

— וואָס איז דער צופאַל?

— מיינער אַ פריינט וואוינט לעבן איר, בין איך געגאַנגען צו אים, האָט זי מיך אַריינגערופן.

— פיטער! ס'איז נישט אמת! — איז מעלווין געבליבן שטיין לעבן אים און אים געקוקט גלייך אין די אויגן.

— אויב איר ווייסט בעסער פון מיר, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַן אומשולדיקן טאָן, — טאָ וואָס זשע פרעגט איר ביי מיר?

— מיטוואָך אָוונט, ווען דו ביסט געקומען נאָך מיר אַהין, האָט דיך קיי־נער ניט געשיקט נאָך מיר, ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט אַז איך בין דאָרטן, חוץ דיר.

פיטער ווייסט אַז הילטאָן ליגט דאָרטן אַ פּאַראַליזירטער און מעלווין איז זיך דאָס בלויז משער, ער קען דעריבער אָנהאַלטן דעם ליגן.

— אייער פאָטער האָט מיך געשיקט נאָך איך.

— צו רוטן?

— ער האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל אייך געפינען.

— אָבער דו ביסט גלייך געגאַנגען אַהין.

— אויף מעין סטריט האָט מען מיר געזאָגט אַז איר זייט אָוועק מיט איר.

— פיטער!

— יאָ.

— זאָג מיר, צוליב וואָס טוסטו דאָס אַלץ?

— וואָס?

— וואָס גייסטו מיר נאָך ווי אַ שאָטן?

— אייער פאָטער האָט מיר געהייסן.

— ס'אַ ליגן!

פיטער האָט באַשלאָסן צו שפּילן זיין לעצטע קאָרט.

— פון וואַנען ווייסט איר?

— ווייל איך קען דיך.

— איר באַשולדיקט מיך אומזיסט.

— מיין טאַטן וואָלט עס קיינמאָל ניט איינגעפאַלן. איצט, אַז מיין פאָטער איז פאַראַלאַזירט און קען ניט ריידן, וואַרפסטו אַלץ אַרויף אויף אים.

— אייער פאָטער האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט.

— וואָס?

— אַלץ.

איצט האָט פיטער זיך שוין געפילט אינגאַנצן היימיש. ער האָט אים געקוקט אין די אויגן אָן מורא, און אויך קיין מורא ניט געהאַט פאַר די פראַגן וואָס ער וועט אים שטעלן. ווען עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט און מעלווין האָט אים גאָרניט געפרעגט, האָט ער שוין געהאַט דעם געהעריקן מוט אַליין אָנצוהויבן ריידן.

— אויב ביי אייך איז אַ פאַרברעכן אַז מ׳דינט עמיצן געטריי, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַן אומשולדיקן טאָן, — בין איך טאַקע זייער נישט קיין שיינער מענטש.

מעלווין איז פלוצלונג שטיין געבליבן.

— דו האָסט זיך געוואָלט איינקויפן ביי מיין פאָטער, ווייל דו ווילסט ניט גיין צוריק אין דער וועבעריי!

דאָ האָט פיטער דערפילט די מעגלעכקייט אויסצוגעפינען אויב ער האָט אַ שאַנס צו גיין צוריק אַרבעטן אין דער וועבעריי.

— איך וואָלט צו יעדער צייט פאַרביטן די אַרבעט דאָ אין שטוב אויף דער אַרבעט אין דער וועבעריי.

— דו האָסט מיר געזאָגט אַז די גאַנצע שטאָט איז דיך מקנא וואָס דו אַרבעטסט דאָ.

— ווייל זיי ווייסן ניט ווי שווער איך אַרבעט דאָ.

דאָס וואָס מעלווין האָט זיך געדרייט אַרום איין פּונקט איז געווען דערפאַר ווייל ער האָט געוואָלט וויסן וואו רוט וואוינט, מיט וועמען זי וואוינט, נאָר ער האָט ניט געוואוסט ווי צוצוקומען דערצו.

— ווען דו ביסט געווען ביי רוטן, — האָט מעלווין אָנגעהויבן נאָך אַ ווײַלע שווייגן, — ווער נאָך איז דאָרטן געווען?

דאָס וואָס מעלווין האָט זיך ווידער אומגעקערט צו רוטן, האָט פיטערן דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין האַרצן.

— קיינער ניט, — האָט פּיטער געענטפערט.
— וואוינט זי מיט עמיצן?
— יאָ.
— מיט וועמען?
— מיט אירער אַ שוועגערין.
ס'האָט ניט גענומען לאַנג דעם כיטרען פּיטערן אויסצוגעפינען וואוהין מעלווין צילט מיט זיינע פראַגן.—רוט'ס אַדרעס!—ער האָט באַשלאָסן, איצט, אַז מעלווין דאַרף אים, זאָל ער אויסנוצן די געלעגנהייט און שליסן אַ מסחר מיט אים. ער וועט אים געבן רוט'ס אַדרעס, אָבער פריער דאַרף מעלווין עפּעס טאָן פאַר אים. די פראַגע איז וואָס?
אין שלאָס וועט ער מיט מעלווינען ניט קענען אויסקומען. די טראַדיציעס וואָס האָבן ביז איצט געהערשט אין שלאָס וועט מעלווין צונישט מאַכן. מעלווין איז ניט דזשאהן דזשיי. מעלווין איז צו־דעמאָקראַטיש. ער וויל זיך נאָר אויסטענהן מיט יעדן איינציקן. ווען דזשאַהן דזשיי וואָלט פון אים געהאַט די זעלבע מיינונג וואָס מעלווין, וואָלט ער אים שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן. ער וואָלט מיט אים קיינמאָל אַזוי לאַנג ניט איינגעטענהט און אים אַלע ווילע גערופן ליגנער. אַזוי האַנדלט ניט אַ באַלעבאָס. אַ באַלעבאָס דאַרף זאָגן וואָס ער וויל, און גיי זיך! האָט מען דאַן פאַר אים דרך־ארץ. ווען דזשאַהן דזשיי וואָלט געוואָלט אַן אַדרעס, וואָלט ער געזאָגט:
— פּיטער! וואו וואוינט רוט?
אָדער:
— פּיטער! נעם מיך צו רוטן!
און פּטור אַן עסק, ניט: ביסטו געווען ביי רוטן? וואוינט זי מיט עמיצן? זינט מעלווין איז דאָ האָט ער שוין גערעדט מיט אים מער ווי ער האָט גערעדט צו דזשאַהן דזשיי אין די גאַנצע צען יאָר, וואָס ער איז געווען מיט אים. ער ווייסט גאָרניט ווי קען מען האָבן דרך־ארץ פאַר איינעם, וואָס ענטפערט אויף אַלץ וואָס מ'פרעגט אים.
זאָל ער אים בעטן ער זאָל אים נעמען צוריק אין דער וועבעריי? ער גלויבט גאָרניט אַז די וועבעריי וועט עקזיסטירן אונטער מעלווינס פירונג. וואָס זשע דען? אפשר וואָלט ער אים געקענט רעקאָמענדירן צו די פּיטערסאָנס. דאָרטן איז אַן אַריסטאָקראַטיש הויז. דאָרטן וואָלט ער געקענט דורכפירן זיין דינסט אַלס פּערזענלעכער דינער מיט ווירדע. יאָ, דאָס איז אַ פּלאַן, אָבער פאַר דעם, דענקט ער, וועט מרס. הילטאָן זיין בעסער.
קוים האָט פּיטער דערפילט אַז מעלווין איז ניט זיין באַלעבאָס און קיי־

נע טובות דאַרף ער פון אים אויך ניט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין.

— פּיטער! — האָט אים מעלווין אָפּגעשטעלט.

— איר'ט מיר אַנטשולדיקן, איך האָב אַ סך אַרבעט.

— וואו וואוינט רוט?

— איך ווייס ניט.

— ביסט דאָך דאָרטן געווען!

— כ'דערקען דאָס הויז, אָבער איך ווייס ניט דעם נומער.

— האָט זי אַ טעלעפאָן?

— ניין. (פויזע) אויב איר ווילט קען איך אייך נעמען אַהין.

ערשט נאָכדעם ווי מעלווין האָט ווידער אַמאָל דורכגעשפּרייזט דעם צימער, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו פּיטערן:

— גיי, געפין אויס דעם נומער און ברענג אים מיר.

פּיטער האָט ווירקלעך ניט געוואוסט רוט'ס אַדרעס און איצט, גייענדיק מיט מעלווינס דערלויבעניש, וואָלט ער דאָך באַדאַרפט גיין שטאָלץ, ער איז דאָך אויף אַ מיסיע פון זיין באַלעבאָס, אָבער פּיטערס גורל איז שוין אַזאַ, אַז אַלץ דאַרף ער טאָן בגנבה. איצט האָט ער מורא געהאַט צו באַגעגענען רוטן. גלייך, ווי נאָר ער איז אַרונטער פון באַרג, האָט ער אָנגעהויבן זיך שאַרן הינטער ווענט, שפּרינגען איבער פּלויטן, און טרעפט אין וועמענס שויס ער איז כמעט אַריינגעשפּרונגען? אין דזשימס!

דזשימס האָט אים דערזען אַפריער, און קיין גרעסערן, אָנגעלייגטן גאַסט האָט ער נישט דערוואַרט. איז ער אים געגאַנגען אַנטקעגן. פּיטער, ווידער, שוין האָבנדיק רוט'ס אַדרעס, איז געלאָפן ווי פון אַ שריפה, איז ער אַריינגעפאַלן דזשימען גלייך אין די הענט אַריין.

פּיטער האָט זיך אַנטשולדיקט און איז שוין געווען גרייט ווייטער צו לויפן, אָבער דזשימס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— גאָט אַליין האָט אים געבראַכט אַהער. שוין צוויי טעג אַז ער זוכט אים אַרום.

— צו וואָס דאַרף ער אים דאָס אַזוי?

די מעשה האָט שוין דזשימס געקענט אויסנווייניק, ווייל ער האָט עס שוין דערציילט אפשר צו אַ צענדליק מענטשן. עס איז די מעשה מיט אים

און רוטן, נאָר פּיטערן דערציילט ער עס מיט מער דעטאַלן. פּיטער איז אָבער געווען נערוועז, עמיצער קען נאָך אָנקומען, אפשר טאַקע רוט אַליין, האָט ער אים איבערגעשלאָגן:

— יאָ, איך געדענק טאַקע, צוליב איר האָסטו דאָך זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי.

— יאָ, ווען ניט זי וואָלט ער איצט געווען ווי אַלע מענטשן.

— און די קני וועט זיך קיינמאָל ניט פאַרהיילן?

— ס'עט ווערן בעסער, אָבער קיינמאָל ניט ווי געווען.

— זייער ניט גוט, — האָט פּיטער אַרויסגעוויזן מיטלייד און איז שוין געווען גרייט אַוועקצוגיין. דזשים האָט אים אָבער ניט געלאָזט. אים אַרט ניט דער פוס, ער איז צופרידן צו גיין אויף קוליעס זיין גאַנצן לעבן, אַבי האָבן רוטן.

— רוט וויל דיך איצט ניט, האָ?

— כ'וועל דיר ווייזן אַ בריוו וואו זי האָט מיר געשריבן אַז אַזוי שנעל ווי איך וועל קומען וועט זי מיט מיר חתונה האָבן.

ערשט איצט, ווען די שרעק איז אים אָפּגעגאַנגען, הויבט פּיטער אָן צו־זאַמענבינדן אין זיינע געדאַנקען מעלווינען, רוטן און דזשימען, און ער זעט פאַר זיך די געוואַלדיקע געלעגנהייטן ווי אַזוי ער זאָל זיי אַלעמען ברענגען צו דינסט. ער וויל אָבער ניט אַרויסווייזן קיין באַגייסטערונג, לאָזט ער פאַלן אַ באַמערקונג:

— איז ווען גייט איר חתונה האָבן?

דזשימען האָט די פראַגע אַזוי טיף געטראָפן אַז ער האָט זיך פונאַנדער־געוויינט און, כליפּענדיק ווי אַ קינד, האָט ער אויסגעשריען:

— כ'וועל אים איבערהאַקן די הענט מיט די פיס! ער'ט ביי מיר אויך גיין אויף קוליעס!

— וועמען? — האָט פּיטער זיך געמאַכט טאַמעוואַטע.

— מעלווינען! מעלווין הילטאָן!

— פאַרוואָס?

— ער ווייסט פאַרוואָס.

פּיטער האָט געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע, ער האָט געמוזט באַשטימען אויף וועמעס זייט ער איז, אָבער אַזוי ווי דער ענין איז אַן ערנסטער און די צייט איז קורץ, האָט ער באַשלאָסן אַז דאָס בעסטע איז אַרויסווייזן סימפּאַטיע צו אַלעמען.

— איך גלויב ניט אַז מעלווין איז פון די וואָס נעמען צו יענעמס אַ

מיידל. עס פעלן אים אויס מיידלעך? איך ווייס פון דריי וואָס לויפן אים נאָך.

— זינט זי האָט זיך באַקענט מיט אים וויל זי מיך מער ניט זען.

— אויב זי איז אַזאַ, וואָס מ'קען זי אָוועקנעמען, וועסטו דאָך מיט איר קיינמאָל ניט זיין זיכער, איז דאָך שוין בעסער איצט, — האָט אים פיטער געטרייסט.

דזשים האָט אָבער ניט געזוכט קיין טרייסט־ווערטער. זינט דער סצענע ביי רוטן אין הויז האָט ער פאַרלאָרן דעם חן ביי אַלעמען, ער האָט אַלעמען געוויזן דעם בריוו, וואו רוט האָט בפירוש געשריבן אַז זי וועט חתונה האָבן מיט אים, אָבער אַלע האָבן איר געגעבן גערעכט. — פאַרוואָס זאָל זי חתונה האָבן מיט אַ קריפּל? — רוט אַליין האָט אים שוין אָפן דער־קלערט אַז זי האָט עס אים געשריבן ניט ווייל זי האָט אים ליב געהאַט, זי האָט פשוט געוואָלט אים טרייסטן, ער איז אָבער באַשטאַנען אויף זיינס: ווען ניט מעלווין וואָלט זי חתונה געהאַט מיט אים. ער האָט דעריבער געזוכט עמיצן וואָס זאָל אים ניט טרייסטן, נאָר געבן אים גערעכט, ער האָט דעריבער זיך צעשריען:

— כ'זאָג דיר, ס'איז ניט איר שולד!

פיטער האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט אויף וועמעס צד ער זאָל זיך שטעלן, האָט ער געפרעגט:

— אָבער ווי קומט מעלווין צו איר?

— דו ביסט אַ פאַרקויפטע נשמה! פאַר אַ שטיקל ברויט וועסטו פאַר־קויפן דיין אייגענע מאַמע.

ווען מעלווין זאָגט עס אים, וואָלט ער אים פאַרשוויגן, מעלווין קען אים, אָבער דזשים? ער וועט אים לערנען דרך־ארץ! ער האָט אים שטייף אָנגע־נומען פאַר די לאַצן און, מיט איינגעהאַלטענעם כעס, געשיפּעט אים גלייך אין פנים אַריין:

— דו ביסט אַן אָפּגעריסענער נאַר! ווי וואַגסטו מיר זאָגן אַז איך בין אַ פאַרקויפטע נשמה? ווייסט וואָס איך וואָלט דיר איצט באַדאַרפט טאָן? צע־ברעכן דיין צווייטע קני!

פיטער האָט געוואוסט אַז צו קיין געשלעג וועט ניט קומען. טאָמער יאָ, וואָלט ער אים לייכט בייגעקומען. אַ בריקע מיטן פוס די קו־ליע און דזשים וואָלט גלייך אומגעפאַלן. — אפשר טאַקע דאָס טאָן? — איז פיטערן איינגעפאַלן. דאָס וואָלט געהייסן אַז ער האָט זיך געשלאָגן צוליב מעלווינען. גלייך איז אים אָבער איינגעפאַלן אַ צווייטער געדאַנק: און אַז

מעלווין וועט אים פרעגן ווי ער איז גאָר געקומען אַהער, וואָס וועט ער אים ענטפערן?

צו קיין געשלעג איז ניט געקומען.ביידע זיינען געווען ניט פון די גרויסע העלדן. דזשים האָט זיך אַנטשולדיקט.

— אים איז זייער ניט גוט אויפן האַרצן, האָט זיך ביי אים פשוט אַרויס־געכאַפּט, אָבער פּיטער ווייסט דאָך אַז ער האָט עס ניט געמיינט, און איצט קען ער אים אַ סך העלפן, ער דאַרף בלויז זאָגן מעלווינען וואָס פאַר אַן אומ־רעכט ער באַגייט קעגן אים. מעלווין האָט ביידע פּיס און אַ סך געלט, קען ער קריגן וועלכע מיידל ער וויל. ער, דזשים, איז אָבער אַ וויסטע קאַליקע, און רוטן האָט ער זייער שטאַרק ליב. בכלל פּאַסט ניט פאַר מעלווינען ער זאָל צונעמען זיין מיידל. זיי זיינען דאָך ניט קיין פרעמדע, זיי האָבן דאָך גע־דינט אין איין קאָמפּאַניע.

פּיטער האָט אים צוגעזאָגט און, איידער ער האָט אים פאַרלאָזט, אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע:

— דזשים! ווילסט האָבן רוטן? לאָז עס איבער צו מיר! וואָס אַנבאַ־לאַנגט מעלווינען דאַרפסטו גאָר קיין מורא ניט האָבן. איך וועל שוין זען אַז צווישן זיי זאָל גאָר ניט זיין.

דזשימס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. פּיטער איז אַ שטאָלצער אַוועקגע־גאַנגען אַהיים. ער איז נישט אַליין! ער האָט אַ פריינט!

מעלווינען האָט ער וועגן דער באַגעגעניש מיט דזשימען נישט דער־מאָנט. — ס'איז אַ צו גוט שטיקל טריאומף, — האָט ער געטראַכט, — ער וועט עס אויסשפּילן ווען ער וועט עס געפינען פאַר נויטיק.

איך גלויב ניט אויב עס לוינט זיך אַריינצוגיין אין דעטאַלן ווי אַזוי דזשאָהן דזשיי הילטאָן איז געשטאָרבן. דאָס לעבן פון מענטשן איז פאַרשיידן, דער טויט איז אַלע מאָל גלייך. מער ניט, איינער ווייזט אַרויס מער ווידער־שטאַנד, אַ צווייטער ווייניקער, ס'איז בלויז אַ פראַגע פון אַ שטיקל צייט.

ביים לעבן איז דזשאָהן דזשיי הילטאָן, ווי איר ווייסט, ניט געווען קיין גרויסער רעדנער און, פונעם טאָג וואָס ער איז אַזוי קראַנק געוואָרן ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג, האָט ער קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ווייזט־אויס, ער האָט באַשלאָסן ניט צו ריידן און שטאַרבן, און ער האָט זיינס אויסגעפירט.

די מלחמה אין מידלוויל

אין די דריי טעג, וואָס דזשאהן דזשיי הילטאָן איז געלעגן ביים באַ־גרעבער, האָט מרס. הילטאָן באַוויזן איינצוהאַנדלען די טרויער־קליידער. זי האָט זיך אַלע מאָל געשראָקן טאָמער שטאַרבט ער פּלוצלונג, ווי וועט זי זיך פאַרשאַפן אַ טרויער־גאַרדעראָבע? די פּאַרטיקע קליידער וועלן דאָך אויף איר שפּיץ נאָז ניט אַרויף. איז איר טאָקע געווען אָסור וואָס מקנא צו זיין. זינט זי האָט זיך געדענקט איז זי אַזוי פיל ניט אַרומגעלאָפן ווי זינט איר מאַן האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. די גאַרדעראָבע איז אָבער אויפגעבייט געוואָרן און מרס. הילטאָן איז געווען זיכער אַז זי וועט זיין אָנגעטאָן צו דער לוויה ווי עס דאַרף צו זיין.

פּיטער האָט זיך געקליבן רעדן מיט איר. ניט נאָר וועגן דעם אַז זי זאָל אים רעקאָמענדירן צו די פּיטערסאָנס נאָר וועגן אַ צווייטער זאַך, וועגן זייער אַ דעליקאַטן ענין.

זינט ער האָט געגעבן מעלווינען רוט'ס אַדרעס האָט ער מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. טאָג און נאַכט האָט ער אים געהיט. מעלווין איז אָבער צו רוטן ניט געגאַנגען. און פּיטער איז געווען זיכער אַז מעלווין וועט גיין צו רוטן גלייך נאָך זיין פּאָטערס לוויה, און דער געדאַנק האָט געריבעט פּיטערס רו. אים איז איינגעפאַלן... הערט, אַדרבא, וואָס . . .

אַזוי ווי מרס. הילטאָן איז געוואָרן אַן אַלמנה און ער איז ניט קיין באַ־ווייבטער, פאַרוואָס זאָל ער זיך ניט צושדכענען צו איר? די געוואַלדיקע שיינהייט וואָס זי איז? קיין סך בעלנים וועט זי דאָך ניט האָבן.

האָט ער געוואַרט ביז די לוויה וועט אַריבער. מכוח דער רעקאָ־מענדאַציע צו די פּיטערסאָנס וועט זיין בלויז אַן אויסרייד.

פּיטער איז געווען זיכער ביי זיך אַז זי וועט ניט צוריקווייזן זיין ליבעס־דערקלערונג און זיין פאַנטאַזיע האָט אים פאַרטראָגן ווייט, ווייט. נאָך דער חתונה וועט ער גאָר ווערן דער פירער פון דער וועבעריי, ניט מעלווין. דער־ווייל האָט ער זיך אונטערגענומען אויסצוטרינקען די עטלעכע פלעשער סקאָטש וואָס זיינען פאַרבליבן. ער האָט שוין כמעט פאַרברענט זיין האַלדז און מאָגן, ער האָט זיך אָבער פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט.

די אַרבעטער פון דער וועבעריי האָבן זיך דערוואוסט וועגן דזשאָהן דזשיי הילטאָנס טויט. זיי האָבן פאַררופן אַ מיטינג און באַשלאָסן צו שיקן אַ בוקעט בלומען. די צוגעשיקטע בלומען האָבן אָבער ניט אָנגעזען די ליכ־טיקע וועלט. דער באַגרעבער האָט געקראָגן אַ באַפעל אַז די בלומען פון די אַרבעטער זאָלן אַוועקגעשטעלט ווערן אין אַן אַנדער צימער.

און אַזוי איז דזשאָהן דזשיי הילטאָן געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער

רו. דורך דעם שוואַרצן וואַל, וואָס מרס. הילטאָן האָט געטראָגן, האָט מען ניט געקענט זען אויב זי וויינט, און זי האָט זיך אפילו ניט אָנגעשטרענגט צו וויינען.

פּיטער איז געלעגן אין דער היים און געפּאָכעט מיט דער נשמה. (ער האָט דורכגעפירט זיין באַשלוס און געטרונקען סקאָטש אויפן ניכטערן מאָגן.)

דער גלח האָט געהאַלטן די שטענדיקע רעדע, איבערצייגנדיק מרס. הילטאָן און די איבעריקע וואָס פּאַר אַ טייערער מאַן מר. הילטאָן איז געווען און וואָס פאַר אַ וואוילער מענטש אין אַלגעמיין, און ווען דער אָרון מיט די פאַרזאַמלטע זיינען צוגעקומען צום קבר, האָט מען זיי געלאָזט וויסן אַז זייער מיסיע איז געענדיקט, מ'וועט אים שוין טאָן זיין רעכט אָן זיי.

ווען זיי זיינען אַוועק, האָבן די קברות־לייט אויסגעלאָזט זייער ביטער האַרץ צו דעם געשטאָרבענעם. אין איינע פינף מינוט איז דער קבר געווען פאַרשאָטן און דזשאָהן דזשיי הילטאָן איז גאָר ווי אויף דער וועלט ניט געווען.

און דאָס איז דער סוף פון דער צווייטער טייל פון דער „מלחמה אין מידלוויל”.

דריטער טייל



ביז איצט האָבן מיר דורכגעשפּרייזט די לענג און די ברייט פֿון מידלוויל. וואו האָבן מיר ניט אָנגעשפּאַרט? מיר האָבן זיך געדראַפּעט אויף בערג, געגאַנגען הין און צוריק אויף מעין סטריט, געקראָכן ביז די קני אין שניי און אין בלאָטע, און ביי דער וועבעריי זיינען מיר געווען איין און איינציק מאָל, בלויז אַ ווײַלע, בשעת דער דעמאָנסטראַציע.

לאָמיר איצט צוגיין אַהין, זיך בעענטער באַקענען מיט דעם טייל פֿון מידלוויל, ווייל פֿון איצט אָן און ווייטער וועט אונדז אויסקומען דאָ צו פאַרברענגען אַ היפּש ביסל צייט. מסתמא האָט איר באַמערקט די טויטקייט וואָס האָט דאָ געהערשט ווען מיר זיינען דאָ געווען דאָס ערשטע מאָל. איך ווייס ניט וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָבן אויף אייך געמאַכט די שוואַרצע קוימענס, די ציגלנע געביידעס און דער אייזערנער צאַם אַרום. מיך האָט עס דערמאָנט אָן אַ בית־עולם, וואו אַ ריז איז באַגראָבן געוואָרן. דער גרויסער, שווערער טויער איז דאַן געווען פאַרמאַכט, צוויי פּאָליסלייט זיינען געשטאַנען פֿון ביידע זייטן און קיינעם ניט צוגעלאָזט. דער שניי האָט זיך געוויסט אַנטקעגן דעם שוואַרצן צאַם און די הויכע קוימענס האָבן געקוקט ווי מיט בלינדע אויגן אַרויף צום הימל.

איצט איז אינגאַנצן אַנדערש. ניט נאָר איז דער שניי כמעט ווי צעגאַנגען, דער טויער ברייט צעעפֿנט און די קוימענס בלאָזן מיט גאווה רויך און שפּריצן מיט פֿונקען גלייך צום הימל, נאָר אפילו די ברוינע ציגל־געביידעס האָבן ערגעץ דערטאַפּט לעבן, און יעדער ציגל באַזונדער שמייכלט אָנטקעגן דער וואַרעמער זון. און די פֿענצטער? ברייט צעעפֿנט, אָטעמען זיי מיט לעבן און ווינקען צו אייך וואוילינגעריש.

ס'איז מאָנטיק, צען אינדערפֿרי. מעלווינס ערשטער טאָג אין דער וועבעריי.

שוין העכער אַ שטונדע אַז מעלווין איז געקומען. יעדער איינער פֿון די הויפּט־אָנגעשטעלטע האָט מיט אים געוואָלט ריידן, אים איבערצייגן ווי וויכטיק ער איז. די ערשטע דריי האָט מעלווין אויסגעהערט, כאָטש ער האָט אַ וואָרט ניט פאַרשטאַנען. דאַן האָט ער אָנגעזאָגט זיין סעקרעטאַר אַז ער וויל

מער קיינעם ניט זען. ער האָט צעעפנט די פענצטער. אַ קאַלטער, פרישער ווינט, אויסגעמישט מיט וואַרעמע זונען־שטראַלן, האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פנים. אַ לאַנגע צייט איז ער געשטאַנען ביים פענצטער און טיף געאָטעמט. אַנטקעגן איז דער הימל געווען פאַרדעקט מיט ווייסע פוכאווע בערג און געשטאַלטן פון חיות און פאַרשיידענע לאַנדשאַפטן. דורך די שפּאַלטן פון די ווייסע בערג האָבן זיך אַרויסגעזען טיף־בלויע ווייטקייטן, דורך וועלכע עס האָבן זיך געגאָסן ליכטיקע גאָלדענע שטראַלן.

לאַנג, לאַנג איז מעלווין ביים פענצטער געשטאַנען, טיף געאָטעמט און געקוקט דורך די שפּאַלטן אין דעם ליכטיקן בלויען הימל אַריין ביז צו זיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן דער טומל פון די מאַשינען. דער טומל איז אים געווען פרעמד, עס האָט אים געגרילצט אין די אויערן. דאָס ווינטל מיט די זונען־שטראַלן, דער הימל מיט די ווייסע וואָלקנס האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט אַ בענקעניש, אָבער די בראַזגעריי פון די מעטאַלענע מאַשינען מיט דעם איינטאָניקן קלאַנג האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַן אומעט.

ער איז אַרויס פון אָפיס און זיך געלאָזט גיין איבערן שטעטל. ערשט נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, האָט ער דערזען אַז ער איז אויף דער גאַס וואו רוט וואוינט.

צי די זון איז פונקט דעמאָלט אַרויס פון הינטער אַ ווייסן וואָלקן, אָדער זיין בלוט האָט אָנגעהויבן שטאַרקער פּולסירן, סיי ווי, אַ מילדע וואַרעמקייט האָט אים אַרומגענומען און זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן שנעלער קלאַפּן. ער האָט געוואָלט ביי זיך אויסגעפינען צי זיין קומען אַהער איז געווען מיט אַ כיוון אָדער על־פּי צופאַל, האָט ער זיך פאַרנומען אויף אַן אַנדער גאַס. ער האָט אָבער גלייך זיך אומגעקערט צוריק און צוגעגאַנגען צו רוט׳ס הויז. אַ סך זאַכן טראַכט אַ מענטש אין אַזאַ פאַל ביז מ׳גייט אַרויף די עטלעכע טרעפּ־לעך צו דער טיר, דערנאָך די עטלעכע סעקונדן ביז מ׳קלאַפּט אָן אין טיר, אָבער מעלווין איז געגאַנגען ווי צו זיך אַהיים, נאָר דאָס האַרץ האָט אים גע־קלאַפּט אַ ביסל שטאַרקער.

אויף זיין קלאַפּ אין טיר האָט פון אינעווייניק געענטפערט אַ פרויען־שטימע:

— ווער איז דאָרטן?

ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט וואו ער איז אין דער וועלט. וואָס זאָל ער ענטפערן? מעלווין הילטאָן, אָדער עפּעס אַנדערש? נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו באַשליסן, האָט ער ווידער דערהערט די שטימע, איצט נעענטער:

— ווער איז דאָרטן?

— איך, — האָט ער שטיל, ווי פאַר זיך, אַ זאָג געטאָן.

די טיר איז שוין געווען אָפן און רוט איז געשטאַנען אויף יענער זייט. דער לאַנגער מאָרגן־ראָק האָט ניט פאַרדעקט איר גאַנצן קערפּער. דער פוס, מיט וועלכן זי האָט געגעבן אַ טראָט פאָראויס, איז געבליבן אָפּגעדעקט ביז אַריבער דער קני. קענטיק זי האָט דעם מלבוש אויף זיך אַרויפגעכאַפּט אין גרויס איילעניש, ווייל אויבן איז ער געווען איינגאַנצן אויף אַ זייט און אַ שטיק אַקסל האָט זיך אַרויסגעזען. זי האָט צוגעהאַלטן מיט ביידע הענט די פּאָלעס און, וויפיל זי האָט ניט געפּרואווט אַרונטערדרייען דעם נאַקעטן אַקסל אונטערן ראָק, איז ער אַלץ געבליבן נאַקעט.

— אָה! — האָט זיך פון איר האַלדז אַרויסגעכאַפּט אַ געשריי.

— גוט־מאָרגן, — האָט מעלווין געזאָגט.

— גוט־מאָרגן, — האָט זי געענטפערט.

זיי האָבן ביידע זיך אָנגעקוקט און געשוויגן. רוט האָט שנעלער געפונען ווערטער.

— וואַרט דאָ ביז איך וועל זיך אָנטאָן, — האָט זי אַ זאָג געטאָן און זיך געלאָזט גיין. זי האָט זיך אָבער גלייך אומגעקערט. — קומט אַריין און וואַרט אינעווייניק.

— ער איז איר נאָכגעגאַנגען.

— גייט אַריין אַהין, — האָט זי אים אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף אַן אַנדער צימער.

ווען ער איז אַריין האָט ער דערקענט אַז דאָס איז דערזעלבער צימער, וואו ער איז יענעם אָוונט געווען. אויף די ווענט האָט ער געזען בילדער און ער האָט זיך געוואונדערט אויב די בילדער האָט מען אויפגעהאַנגען שוין נאָך זיין באַזוך, ווייל דעמאָלט, ווי ווייט ער האָט געדענקט, האָט ער קיין בילדער אויף די ווענט ניט באַמערקט. די בילדער און די ראַמען זיינען געווען ביליקע און זיי זיינען געווען אויפגעהאַנגען אָן אַ סדר. דאָך איז מעלווין געווען צופרידן וואָס ער האָט געהאַט אויף וואָס צו קוקן.

— דאָס בין איך, ווען איך בין אַלט געווען אַכט יאָר,—האָט רוט געזאָגט אַריינקומענדיק, ווען זי האָט אים געזען קוקנדיק אויף אַ בילד.

ער האָט שנעל זיך אויסגעדרייט צו איר, איר געקוקט גלייך אין די אויגן און ניט געפונען קיין ווערטער. זי איז איצט געווען בלאָנדער ווי פריער, ווייל אַ פאַס ליכט איז דורכן פענצטער געפאַלן קאָסע אויף איר קאָפּ.

דריי מאָל האָט ער זי געזען, און אַלע דריי מאָל איז זי געווען אַנ־

דערש. ווען זי איז געשטאַנען לעבן דזשאָהניס אָרון האָט זי אויסגעזען ווי אַ מאַדאָנע. אין גאַס, דערנאָך אין שטוב, ווי אַ שול־מיידל. איצט, — ווי אַ שטיק פרילינג, די שפּיץ באַקן באַפאַרבט פון אויפרעגונג, די אויגן בלויע, שמייכלענדיקע, און איר קערפּער מיט אַזעלכע שאַרפע ליניעס וועלכע האָבן זיך פאַרמירט אויפן ציץ פון איר קליידל.

זי האָט זיך געפילט פאַרלאָרן וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף איר.

— אַכט יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען, — האָט זי אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן וואַנט וואו דאָס בילד איז געהאָנגען. — אַ פּאַרזוענעניש, ניט?

— ניט קיין פּאַרזוענעניש, נאָר איצט זייט איר אַ סך שענער.

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און אים געבעטן זיצן.

— איר ווילט דאָך אַוודאי וויסן נאָך וואָס איך בין געקומען, — האָט מעלווין אָנגעהויבן. — איך ווייס אַליין נישט. איך בין געווען אין אָפּיס און איך האָב זיך פּלוצלונג דערפילט אומהיימלעך, האָב איך זיך געלאָזט גיין אַן אַ ציל, ביז איך האָב דערקענט אייער שטוב.

— איר זייט געווען אין דעם געגנט מיט עטלעכע טעג צוריק?

— פון וואַנען ווייסט איר?

— שכנים האָבן מיר איבערגעגעבן.

מעלווין האָט זיך דערפילט שולדיק.

— דאָס היט מען מיך, צי איך? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— איר פאַרשטייט דאָך אַז אייער קומען אַהער איז אַ געשעעניש, און אַלע באַמערקן אייך, און אַלע רעדן וועגן דעם. אייער פאָטער איז קיינמאָל ניט אַרונטערגעקומען.

— מיין פאָטער האָט ניט געהאַט נאָכוואָס צו גיין.

— און איר?

— איך דענק אַז יאָ, — האָט ער געשמייכלט צו איר.

— ס׳האָט זיך געשאַפן אַ מאָדנע לאַגע, — האָט רוט, ניט קוקנדיק אויף אים, געזאָגט. — זינט איר זייט דאָ געווען האָבן אַלע אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מאָדנע. און דערנאָך, אַז פּיטער איז דאָ געווען, האָט מען אָנגעהויבן פרעגן פראַגן . . .

— וואָס פאַר פראַגן?

— בכלל פראַגן. וואָס איר טוט דאָ? פאַרוואָס איר קומט אַהער? און אַזוי ווייטער.

— מוזט איר זיי ענטפערן ?
— יאָ.
— פאַרוואָס ?
— ווייל אַלע האָבן אַ טייל אין מיר. איך דאַרף ענטפערן דעם גאַנצן שטעטל.
— וואָס מיינט איר ?
— ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע.
— איך בעט איך, דערציילט מיר.
— אָט דאָס בילד, — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ גרופּע פון פיר, — איז גענומען געוואָרן אין אַ זונטיק מיט צען יאָר צוריק. דעם זונטיק וועל איך אייביק געדענקען.

זי איז צוגעגאַנגען צום בילד, עס באַטראַכט ווי זי וואָלט עס געזען צום ערשטן מאָל און, נאָך אַ קורצן שווייגן, האָט זי אָנגעהויבן :

— דאָס איז מיין טאַטע, מיין מאַמע, דזשאָהני און איך.

ווען ער האָט דערהערט דעם נאָמען דזשאָהני, איז ער צוגעגאַנגען צום בילד. רוט האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון זיין קוקן אויף דזשאָהנין, האָט זי געשוויגן אַ ווײַלע און דערנאָך אָנגעהויבן :

יענעם זונטיק אינדערפרי, געדענק איך, האָבן מיר געהאַט זייער אַ גרויסע שמחה. יאָרן לאַנג האָבן מיין טאַטע־מאַמע געקליבן אַ סענט צו אַ סענט, ביז זיי האָבן אָנגעקליבן גענוג צו קויפן אַן אויטאָמאָביל, און יענעם זונטיק האָט מען עס געבראַכט דעם אויטאָמאָביל. איצט, אַז איך בין שוין אויסגעוואַקסן, פאַרשטיי איך וואָס דער אויטאָמאָביל האָט געמוזט מיינען פאַר זיי... יאָ, כ'האָב איך שוין איין מאָל געזאָגט אַז ס'איז געווען זונטיק. דער טאַטע האָט ניט געאַרבעט. ווען איך בין אויפגעשטאַנען איז געווען זייער פרי, אָבער מיין פאָטער איז שוין געשטאַנען אינדרויסן און געקוקט אויפן אויטאָמאָביל. (פויזע) איר וועט קיינמאָל ניט פאַרשטיין די שמחה וואָס אַן אויטאָמאָביל ברענגט צו אַ פאַמיליע ווי אונדזערע און די אַלע איבעריקע דאָ אין טאָל... דער פאָטער האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע מ'זאָל זיין פאַרטיק, ווייל ער דענקט ערגעץ אַרויספאָרן. (פויזע) ס'איז שוין צען יאָר אַוועק זינט יענעם זונטיק. איך געדענק נאָך אַלץ אַזוי גענוי ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן פאַרגעקומען. נאָך מער, איך לעב אפילו דורך די פרייד פון יענעם פרימאָרגן און די טראַגעדיע פון יענעם נאָכמיטיק ווען איך טראַכט דערפון. מיר האָבן זיך אַלע אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל. ס'איז געווען אין דער צייט פון יאָר, דער שניי איז שוין געווען אינגאַנצן צעגאַנגען, דער וועג טרוקן, די זון האָט גע־

וואַרעמט פֿון גאַנץ פּרי און קיין ברעקל וואָלקן איז אויפֿן הימל ניט געווען. איך געדענק עס, ווייל איך האָב די גאַנצע צייט געקוקט אויפֿן הימל. ס׳איז געווען אַן אָפֿענער אויטאָמאָביל. אין דעם נעקסטן שטעטל האָט דער פֿאָטער באַשלאָסן מיר זאָלן נעמען בילדער. דאָס איז דאָס בילד וואָס מיר האָבן דאַן גענומען. דערנאָך זיינען מיר געגאַנגען עסן. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן וואָס איך האָב געגעסן אין אַ רעסטאָראַן. אַלץ איז געווען אַזוי געשמאַק... מיר האָבן אָפּגעגעסן, האָבן מיר זיך געלאָזט פֿאָרן צוריק אַהיים, ווייל ס׳איז שוין געוואָרן פֿאַרנאַכט. דער פֿאָטער האָט געזאָגט אַז ער וויל ניט טרייבן אין דער פֿינצטער. איך האָב ווידער פֿאַרנומען מיין פּלאַץ אין אויטאָמאָביל, געקוקט אויפֿן הימל און געלאָזט דעם ווינט גלעטן מיין פּנים. פּלוצלונג איז עפּעס געשען: מ׳ווייסט נאָך ביז היינט ניט וואָס. איך און דזשאַהני זיינען געזעסן אין דער הינטערשטער טייל פֿון אויטאָמאָביל, טאַטע־מאַמע זיינען געזעסן פֿאָרנט. כ׳האָב דערפֿילט ווי דער אויטאָמאָביל האָט זיך פּלוצלונג געטאָן אַ שאַרפֿן דריי און דערנאָך אַ שרעקלעכער קראַך. מיר האָט זיך געדוכט איך בין געפֿלויגן אין דער לופֿטן. ווען איך האָב געעפֿנט די אויגן האָב איך געזען דזשאַהנין אַ פֿאַרבלוטיקטן און אַ סך מענטשן אַרום. — וואו איז די מאַמע? — האָב איך זיי געפֿרעגט, — און דער טאַטע? — „מ׳האָט זיי צוגענומען אין שפּיטאָל", האָט מען מיר געענטפֿערט. (פּויזע) דעם טאַטן מיט דער מאַמען האָבן מיר מער שוין קיינמאָל ניט געזען. מיר האָבן זיך געבעטן ביים באַגראָבער ער זאָל זיי אונדז ווייזן, ער האָט אָבער ניט געוואָלט. שפּעטער האָבן מיר אויסגעפֿונען פֿאַרוואָס... פֿון יענעם זונטיק אָן זיינען דזשאַהני און איך געוואָרן דאָס אייגנטום פֿון מידלוויל. ס׳איז דאָ ניטאָ קיין שטוב וואו מיר האָבן ניט געוואוינט. וויפֿיל איינער האָט געקענט האָט ער אונדז געהאַלטן. קיין קרובים האָבן מיר דאָ ניט געהאַט... (פּויזע) איך האָב עס אייך דערציילט כּדי איר זאָלט וויסן און פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס אַז זיי פֿרעגן מיך עפּעס קום איך זיי אַן ענטפֿער...

מעלווין האָט געקוקט אויף איר און געשוויגן.

— איז, ווען דזשאַהני לעבט איצט, — האָט זי ווידער אָנגעהויבן, — אָדער ווען אַן אַנדערער קומט צו מיר, וואָלטן זיי ניט געפֿרעגט, אָבער אַז מר. הילטאָן קומט צו מיר איז נאַטירלעך זיי זאָלן יאָ פֿרעגן...

— טאָ זאָגט זיי.

— וואָס?

— אַז איך קום צו אייך.

— דאָס זעען זיי... אָבער ס׳לייגט זיך ניט אויפֿן שכל.

— פאַרוואָס ?

— כ׳מיין נאָכדעם וואָס עס האָט געטראָפן מיט דזשאָהנין . . .

— איך בין דאָך אין דעם ניט שולדיק.

— איך ווייס עס.

— טאָ זאָגט עס זיי.

— זיי קענען דאָס אָבער ניט פאַרשטיין.

— זיי באַשולדיקן מיך אין דזשאָהניס טויט ?

— ווען איר זייט געקומען צום באַגרעבער האָב איך, ניט ווילנדיק, אויך אַזוי געטראַכט.

— און איצט ?

— איר וואָלט אויך אַזוי געטראַכט ווען איר זייט איינער פון אונדז.

— איך בין איינער פון אייך.

— דאָס קענט איר קיינמאָל ניט זיין.

— פאַרוואָס ?

— ווייל איר זייט איינער פון זיי. . .

— רוט !

— יאָ.

— איך וויל אייך זען היינט אָוונט.

— ? ? ?

— איך מוז אייך זען.

— מר. הילטאָן. . .

— איך בעט אייך, רופט מיך ניט מר. הילטאָן.

— כ׳קען אייך אַנדערש ניט רופן.

— ווילט איר מיך ניט זען ?

— ווען איך וואָלט אייך ניט געוואָלט זען וואָלט איך געהאַט אַ ברירה אייך ניט אַריינצולאָזן אַהער אין שטוב. ס׳איז נישט די פראַגע צי איך וויל אייך זען אָדער ניט.

— אָבער איך מוז אייך זען. איך מוז מיט אייך ריידן ! דערציילן !

— איך בין זיכער אַז מ׳האָט אייך געזען קומען אַהער און, ווי איר וועט אַוועקגיין, וועלן זיי ווידער קומען און מיך פאַרוואַרפן מיט פראַגן. איר וועט קיינמאָל ניט וויסן ווי שלעכט אייער פאָטער איז געווען צו זיי, ווי ער האָט זיי פאַרביטערט דאָס לעבן. און דזשאָהני איז דאָך געווען מיין ברודער. און קיין אַנדערער ווי אייער פאָטער איז דאָך ניט שולדיק אין זיין טויט. (פויזע)

איז, לאָמיר זאָגן אַז צו זיי אַלעמען דאַרף איך זיך ניט צוהערן. אָבער זיך אַליין מוז איך דאָך הערן!

— וואָס זשע בין איך שולדיק?

— איך פּרואוו עס אייך דערקלערן אויף פאַרשיידענע אופנים. איך באַשולדיק אייך ניט. ס'איז אָבער פּאַרט דאָ אַ צוזאַמענהאַנג צווישן אייך און אייער פאָטער, צווישן אייער פאָטער און דזשאָהנין און דזשאָהנין און מיר. איר פאַרשטייט?

— ווילט איר מיך ניט זען?

— כ'האָב אייך פריער געזאָגט, ס'איז ניט די פראַגע צי איך וויל אייך זען צי ניט, נאָר וואָס פאַר אַן ענטפער זאָל איך געבן פאַרוואָס איך זע אייך?

— אפשר קען איך געבן דעם ענטפער?

— און פאַרוואָס ווילט איר מיך אַזוי שטאַרק זען? פילט איר ניט אַז ס'איז דאָ אַ טיפער אָפּגרונט צווישן אונדז?

— רוט! איך מוז אייך זען היינט אָוונט!

— (אומבאַהאָלפן) — נו גוט, אָבער קומט נישט אַהער. — זי האָט אים צוגעפירט צום פענצטער. — איר זעט דאָרטן די גראָסערי־סטאָר? זיבן אין אָוונט פאַרמאַכט זי זיך. איך וועל אייך דאָרטן טרעפן זיבן דרייסיק.

— גוט. אַ דאַנק.

ער האָט זיך פאַרנויגט און געלאָזט גיין. ווען ער איז געקומען צו דער טיר האָט ער זיך אומגעדרייט.

— איר האָט מיר פריער געזאָגט אַז מ'האָט מיך דאָ געזען מיט אַ פּאָר טעג צוריק.

— פון זיי קען מען זיך ניט אויסבאַהאַלטן.

— ווילט איר אויך וויסן וואָס איך האָב דאָ געטאָן?

— כ'ווייס. זיי האָבן מיר אַלץ דערציילט. אַפריער האָט איר גערעדט מיט דזשימען, נאָכדעם זייט איר פאַרבייגעגאַנגען מיין הויז און פאַרשריבן דעם נומער.

— ניין, דאָס איז ניט ריכטיק. אייער נומער האָב איך געהאַט, כ'האָב בלויז געוואָלט זען צי ס'איז דער ריכטיקער.

— אָבער אַז איר האָט גערעדט מיט דזשימען קענט איר ניט אָפּלייקענען.

— כ'וויל דאָס ניט אָפּלייקענען. דערפאַר האָב איך זיך אומגעקערט. יענעם אָוונט ווען איך בין דאָ געווען איז מיר די גאַנצע געשיכטע ניט געפעלן געוואָרן.

— דאָ קענען איך שוין אַלע. פּונקט אַזאַ געשיכטע האָט ער אָפּגעשפּילט מיט צוויי יאָר צוריק. דעמאָלט איז די מלחמה אָנגעגאַנגען, איז ער אַנטלאָפן און זיך אַנגעשלאָסן אין דער אַרמיי, כאָטש זיין צייט איז נאָך ניט געקומען.

— איז זיין אַנשליסן זיך אין דער אַרמיי ניט געווען קיין אַקט פון פּאַט־ריאָטיזם?

— ניין, ווייל איך האָב ניט געוואָלט מיט אים חתונה האָבן.

— אָבער איצט, זאָגט ער מיר, האָט איר אים צוגעזאָגט אַז איר וועט חתונה האָבן מיט אים.

— ס'איז ניט אמת! אַפריער האָט ער געבעטן דער גאַנצער שטאָט, מ'זאָל ביי מיר פּועלן איך זאָל אים שרייבן. איצט טראָגט ער אַרום מיינע בריוו איבער דער גאַנצער שטאָט.

— וואָס האָט איר אים געשריבן?

— ער איז געלעגן אין שפּיטאָל האָב איך אים געטרייסט.

— איך האָב אים צוגעזאָגט און געגעבן מיין וואָרט, אַז אויב איר האָט עפּעס אַ שייכות מיט אים וועל איך אייך מער ניט זען. טיילוויז צוליב דעם בין איך עס געקומען אהער, אָבער ווען איך האָב אייך דערזען האָב איך זיך פאַרגעסן אַן מיין מיסיע.

— ווען איך האָב עפּעס אַ שייכות מיט אים וואָלט איך אייך ניט געזען.

— איך בעט אייך, אַנטשולדיקט מיר. זיבן דרייסיק לעבן דער גראַ־סערי־סטאָר?

— יאָ.

ער איז אַרויס. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אים נאָכגעקוקט ביז ער איז פאַרשוואונדן.

די לעצטע ווערטער וואָס ער האָט גערעדט מיט איר וועגן דזשימען זיינען אים געווען זייער ניט צום האַרצן. ער האָט געפּרואווט מיט געוואַלד זיך פאַרגעסן אַן זיי. ס'האָט אים לאַנג ניט געגומען און רוט'ס געשטאַלט איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, שטאָלץ און אומעטיק. איצט האָט ער זי געזען אַ סך דייטלעכער און זי איז אים געוואָרן נענטער.

האָט ער זי ליב? אפשר. אָבער פריער פון אַלץ מוז ער מאַכן אַ בריק איבער דעם טיפן אָפּגרונט וואָס ליגט צווישן זיי ביידן. אָבער ווי אַזוי? ער איז מעלווין הילטאָן, דער זון פון דזשאָהן דזשיי הילטאָן. זי איז רוט, דזשאָה־ניס שוועסטער, דזשאָהני איז דערהרגעט געוואָרן דורך דער האַנט פון דזשאָהן

דזשיי הילטאָן. ווי ער זאָל זיך ניט דרייען און פּרוּוון פאַרענטפערן זיך, קומט ער אַלץ צום זעלבן שלוס אַז ער טראָגט אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלץ וואָס זיין טאַטע האָט געטאָן.

וואָס האָט זיין פאָטער אויפגעטאָן מיט זיין שלעכטקייט? מיט זיין אונ־טערדריקן און מאָרדן? גאָרנישט! אין איינע דריי טעג איז פון אים גאָרניט געוואָרן. ווען מ'האָט אַוועקגענומען דאָס בײדל מיטן זויערשטאָף איז זיין קאָפּ געווען איינגעשרומפּן מער ווי אַ העלפט, דער פּנים פאַרקרומט. ווען ער ווייסט ניט אַז דאָס איז זיין פאָטער וואָלט ער אים ניט דערקענט. ווען אשטייגער זיין פאָטער לעבט נאָך צען יאָר, וואָלט ער אויפגעשטעלט נאָך געביידעס, אונטערדריקט נאָך מענטשן, געהרגעט נאָך דזשאַהניס. איז דאָך טאַקע בעסער אַז ער איז געשטאָרבן. אַ די פּראַזע „קינדער־ליבע"? ער האָט אים קיינמאָל ניט ליב געהאַט, איצט האָט ער אים פיינט.

ער גייט אויף מעין סטריט און האָט מורא עמיצער זאָל אים ניט וואַרפן אַ שטיין אין קאָפּ, ווייל ער איז דזשאָהן דזשיי הילטאָנס זון; קומט ער צו רוטן וויל זי צו אים ניט ריידן, ווייל זיין טאַטע האָט דערהרגעט איר ברודער, און אַזוי דעם גאַנצן לעבן וועט ער טראָגן אויף זיך די פלעקן פון זיין פאָטער.

אָט־דאָס אַלץ וועט ער היינט אָוונט רעדן מיט רוטן.

ער איז געקומען אין אָפיס. די מיידל האָט פאַר אים איבערגעלייענט אַ צעטל פון מענטשן וואָס זיינען געווען און פון די וואָס האָבן אים גערופן. ער האָט אפילו ניט געוואַרט ביז זי האָט געענדיקט.

— איך וויל היינט קיינעם ניט זען, — האָט ער געזאָגט דער מיידל און פאַרמאַכט די טיר.

אין אָפיס האָט ער זיך קיין אָרט ניט געפונען. ער האָט געעפנט די פענצ־טער און פאַרמאַכט, געקוקט אויפן זייגער און אויף די ווענט. דאָס בילד פון זיין פאָטער וואָס איז געהאַנגען אַנטקעגן אויפן וואַנט, האָט ער אַראָפּגע־נומען און עס פאַרדרוקט הינטער אַ שטול. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף, געפּרוּווט ריידן מיט אַ פּאָר מענטשן.

— וואָס טוסטו? — האָט ער געפרעגט איינעם. יענער האָט זיך דער־שראָקן, געוואָרן בלייך און זיך אַוועקגערוקט. די איבעריקע, וועלכע זיינען, ביז ער איז צוגעקומען נאָענט, געווען אַזוי פרידלעך, גערעדט און געשפּאַסט, האָבן איצט אָנגעהויבן לויפן ווי די טייוואָלים פון איין מאַשין צו דער צוויי־טער און געציטערט ווי עס וואָלט זיי באַפאַלן קאָנוואולסיעס.

ער האָט געוואוסט וואָס דאָס האָט געמיינט. אַזוי איז געווען ווען זיין פאָטער האָט זיך באַוויזן. ער האָט געוואָלט ריידן מיט זיי, זיי זאָגן אַז פון

היינט אָן און ווייטער וועט זיין אַ נייע פירונג, אָבער ער האָט ניט געהאַט צו וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן, האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל און איז אַוועקגעפאָרן.

דער הימל איז געווען ריין, די זון האָט אַרונטערגעקוקט קאַסע אויף אים און פון דערווייטנס, פון די בערג, האָבן זיך געטראָגן קילע ווינטן, איז ער געפאָרן אויפן געפלאַסטערטן וועג אָן אַ ציל.

פלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט אַז ער דאַרף טרעפן רוטן זיבן דרייסיק. וואוהין וועט ער זי נעמען? ער וועט זי נעמען ערגעץ אין אַ שטילן אָרט, ווייט, ווייט פון מידלוויל, ווייט אַוועק פון דער וועבעריי, און ווייט אַוועק פון די מענטשן אין טאָל, זאָל זי קיין מורא ניט האָבן טאָמער וועט זי אָנטרעפן אַ באַקאַנטן. ער וויל מיט איר ריידן און ער וויל ניט אַז מ'זאָל אים איבער־שלאָגן.

ער האָט געפונען אַזאַ פּלאַץ. ער האָט רעזערווירט אַ טיש און איז גע־פאָרן אַהיים אַ צופרידענער.

מיטן אָנקומען פון אָוונט האָט אין אים אָנגעהויבן וואַקסן די בייטאָגיקע אומרואיקייט. זיין מוטער האָט געוואָלט ער זאָל גיין מיט איר צו די פּיטער־סאָנס, ס'איז איר אומעטיק. ער האָט איר אויף דעם ניט געענטפערט. פּיטער האָט באַמערקט זיין אומרואיקייט און ער האָט שטאַרק פאַרדעכטיקט אַז דאָס קלייבט ער זיך זען רוטן, איצט ווייסט ער דאָך שוין וואו זי וואוינט, אָבער ער האָט זיך שוין מער נישט געשראָקן, ער האָט דזשימען! און מרס. הילטאָן איז שוין אויך אויף זיין זייט. זינט דזשאָהן דזשיי הילטאָן איז געשטאָרבן האָלט ער זי אין איין טרייסטן, און זי האָט אים אַליין געזאָגט אַז זי וואָלט אפשר משוגע געוואָרן, ווען ניט ער, פּיטער.

דאָס וואָס מעלווין האָט געיאָגט מ'זאָל עסן וואָס שנעלער אוןביים טיש האָט ער גאָרניט פאַרזוכט, האָט זיין מוטער ניט באַמערקט. זי איז געווען פאַר־טאָן אין איר אייגענעם הונגער און אין איר אייגענעם טרויער...

ס'איז געווען אַ שטילע, אויסגעשטערנטע פרילינג־נאַכט, איינע פון יע־נע נעכט ווען די לופט איז פול מיט סודותדיקע קלאַנגען. אָט־די קלאַנגען קומען דורך אַ ווינטל, פון אַ וואַסערל וואָס לויפט ערגעץ, פון אַ פליג וואָס זשומעט פאַרביי, אָדער גאָר פון דער שטילקייט. אָט־די קלאַנגען הערט איר ניט מיט די אויערן, נאָר מיט אייער בלוט.

אין אַזעלכע נעכט קומען פאָר גרויסע זאַכן אויף דער וועלט, ס'איז דער יום־הדין פון שפּראָצונגען און פלאַנצן. אין די נעכט ווערט יעדעס קערנדל געמשפּט אויב עס זאָל פון זיך אַרויסגעבן אַ שטאָם אָדער צעפוילט ווערן אין

יהושע אלקאן

דער ערד; עס ווערט אויך באַשטימט וועלכער בוים זאָל וואַקסן און וויפיל פּרוכט עס זאָל זיך צייטיקן אויף זיינע צווייגן; וועלכע שפּראָצונגען זאָלן פאַרברענט ווערן פון דער הייסער זון, און וועלכע זאָלן גרינען דעם גאַנצן זומער.

און אפשר ווערט אויך באַשטימט וועגן אונדז מענטשן, ווער עס זאָל אָנטרעפן דעם, נאָך וועמען דאָס האַרץ בענקט אַזוי שטאַרק, אָדער מ'וועט מוזן וואַרטן נאָך אַ יאָר, דערפאַר זיינען מיר אומרואיק און אומגעדולדיק.

אַ גאַנצע שעה פריער איז מעלווין אַוועק פון שטוב און זיך אַרומגעדרייט אויף פאַרלאָזענע וועגן און, ווען די באַשטימטע צייט איז געקומען, האָט ער זיך אויסגעדרייט צום טאָל.

רוט האָט געוואַרט אויף אים. זי האָט זיך שנעל אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל און זיי זיינען אַוועקגעפאָרן.

הינטערן שטאָט האָט רוט געפרעגט:

— וואוהין פאָרן מיר?

— כ'ווייס ניט ווי דער פלאַץ הייסט, איך ווייס אָבער וואו ער איז.

— ווען זייט איר דאָרטן געווען?

— ביי־טאָג.

— ביי־טאָג?

— יאָ. איך האָב געזוכט אַזאַ פלאַץ, וואו איר זאָלט קיין מורא ניט האָבן טאָמער וועט איר אָנטרעפן עמיצן.

— זייט איר זיכער אַז דאָרטן וועל איך קיינעם ניט טרעפן?

— אויב יאָ וועט עס זיין אַ צופאַל.

אַפּפאָרנדיק אַ שטיקל וועג, האָט רוט ווידער געפרעגט:

— ס'איז נאָך ווייט אַהין?

— ניין, אויף יענער זייט באַרג. (פויזע) איר זייט נערוועז?

— ניין, בלויז אַ ביסל אומבאַקוועם.

— פאַרוואָס?

— כ'האָב געמיינט אַז איר ווילט מיט מיר עפּעס ריידן.

— אַוודאי וויל איך מיט אייך רעדן.

— צו וואָס זשע דאַרף מען פאָרן אַזוי ווייט?

— דאָרט וועט זיין באַקוועמער.

— כ'האָב געמיינט אַז מיר וועלן אַרויספאָרן הינטערן שטאָט און איר וועט מיר זאָגן וואָס איר ווילט.

— דאָס וואָס איך וויל אייך דערציילן איז זייער אַ לאַנגע מעשה.

— איר מאַכט מיך נייגעריק.

אַט דער דועל פון פראַגן און ענטפערס איז אַנגעגאַנגען בלויז אויבנ־אויף.ביידע זיינען געווען אונטער אַ שווערן נערוועזן דרוק.

דאָס ליכט אין קאַפע־הויז, ביים זייט פון וועג, איז געווען טונקל. פאַר־שיידענע קאָלירטע לאָמפּן האָבן געברענט אין די ווינקלען און דער סופית איז געווען ווי דער הימל, פול מיט שטערן. פון ערגעץ האָבן זיך געצויגן דינע, בענקענדיקע טענער, די קעלנערס מיט די טאַצן געטראַנקען האָבן געשוועבט איבער די דיקע טעפּיכער צו די טישלעך, וואָס זיינען געווען באַ־זעצט מיט מענער און פרויען, וועלכע האָבן גערעדט און געלאַכט הויך.

— די אַלע פלעצער האָב איך אַלע מאָל געזען פון דרויסן, אינעווייניק בין איך קיינמאָל ניט געווען. איך האָב זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט אַז ס'איז אַזוי שיין. — זי האָט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין אָרעם, אומעטום געקוקט און זיך ניט געקענט אָנזעטיקן. — פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געזאָגט אַז מיר גייען אין אַזאַ גרויסאַרטיקן פּלאַץ? איך וואָלט אָנגעטאָן אַן אַנדער קליידל.

— איך בין ניט אויסן געווען דעם פּלאַץ, נאָר זיין וואָס ווייטער אַוועק פון מידלוויל, מ'זאָל אונדז ניט שטערן.

— מיינע מענטשן וועלן זיכער אַהער ניט קומען, אָבער אייערע?

— מיך אַרט ניט.

מ'האָט זיי צוגעפירט צו אַ טישל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען און, ווען דער קעלנער, ברענגענדיק דאָס באַ־שטעלטע, האָט זיך דערווייטערט, האָט מעלווין זיך צוגערוקט נעענטער צו איר.

— איצט זיינען מיר אַליין.

— איר טאַנצט? — האָט זי אים געפרעגט.

— יאָ.

— לאָמיר טאַנצן!

— שפּעטער. איצט וועלן מיר ריידן.

— מיר האָבן דאָך שוין אַזוי פיל גערעדט.

— אינדערפרי האָט איר גערעדט, איצט וויל איך ריידן.

— וואָס וועט אַרויסקומען פון ריידן?

— ווען איך בין אַוועק פון אייך האָב איך אין דער וועבעריי געוואָלט רעדן צו די מענטשן, האָבן זיי מיך אויסגעמיטן, זיי האָבן מורא פאַר מיר.

— אַט האָב איך קיין מורא ניט געהאַט צו ריידן צו אייך. פונדעסט־

וועגן, ווען איר זייט אַוועק, האָט מיך פאַרדראָסן למאי איך האָב גערעדט צו איך.

— פאַרוואָס ?

— ערשטנס האָב איך געפילט אַז אַלטע וואונדן דאַרף מען לאָזן צורו.

— און צווייטנס ?

— פאַרוואָס זאָל איך אייך ווי טאָן ?

— איך האָב געפילט אַנדערש ווען איך בין אַוועק פון אייך. דער אָפּ־גרונט צווישן אונדזביידן, האָב איך דערפילט, איז טיפער ווי איך האָב געדענקט.

זי האָט געקוקט אויף אים שאַרף און דערשראָקן. ער האָט געקוקט אַריבער איר און פאַרגעזעצט :

— דעמזעלבן געפיל וואָס איר האָט צו מיין פאָטער האָב איך אויך, איך בין אויך פול מיט וואונדן. איין אונטערשייד צווישן מיר און אייך : איר האָט מיט זיך די גאַנצע שטאָט. איך — קיינעם ניט.

— מיך פאַרדריסט למאי איך האָב עס אָנגעהויבן.

— דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשה. אַזוי שנעל ווי איך בין געקומען צו מיין פאַרשטאַנד האָב איך עס דערפילט, און וואָס עלטער איך בין גע־וואָרן האָב איך עס געפילט נאָך שאַרפער.

— לאָמיר איצט דערפון ניט ריידן.

— שווייגן וועט ניט העלפן. איך האָב געפּרוּאווט ריידן אויף מעין סטריט, ביי אייך אין שטוב, אָבער אַלע מאָל האָב איך געזאָגט ניט דאָס וואָס איך האָב געוואָלט און, וואָס איך האָב יאָ געזאָגט, האָט מען מיך ניט פאַר־שטאַנען, אָבער איר, וויל איך, איר זאָלט מיך פאַרשטיין.

— יאָ, מר. הילטאָן.

— נישט מר. הילטאָן, איך בעט אייך. ווען איר זאָגט מר. הילטאָן, פיל איך ווי עמיצער וואָלט מיך אַ שטאָך געטאָן מיט אַ שפּיז.

— גוט, איך וועל אייך מער ניט רופן אַזוי.

— ס'איז ניט ווייל איך וויל זיך פאַרלייקענען, נאָר דער נאָמען דער־מאָנט אין אַזוי פיל זאַכן. (פויזע) גלייך ווי מיין פאָטער האָט איבערגענומען די וועבעריי האָט ער מיך גענומען אַהין. ער איז יענעם טאָג געווען אין זייער אַ גוטער שטימונג. ווען מיר זיינען צוגעקומען נאָענט צו דער וועבע־ריי, האָט ער אָנגעוויזן אויף די הויכע קוימענס און געזאָגט : „דאָס איז אונדזערס ! וואָס מיר ווילן קענען מיר טאָן מיט דעם". דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט אין וועלכן קלאַס איך גיי (איך בין דאַן געגאַנגען אין פּאַבליק

סקול) און, ווען איך האָב אים געזאָגט דעם נומער פון קלאַס, האָט ער זיך געוואונדערט, ער האָט געדענקט איך בין שוין אין אַ העכערן קלאַס. שפּע־טער איז מיר קלאָר געוואָרן זיין פּראַגע. ער איז מער ווי אַ פּאַבליק סקול ניט דורכגעגאַנגען, האָט ער מיר געזאָגט, פונדעסטוועגן ווייסט ער מער וועגן געשעפט ווי אַ קאַלעדזש־פּראָפעסאָר, און איך דאַרף אויך מער ווי פּאַב־ליק־סקול ניט דורכגיין. איך בין געוואָרן אומעטיק. איך האָב ליב געהאַט די שול, די ביכער און די לערער. איך האָב דאַן דערפילט אַז די הויכע גע־ביידעס מיט די קוימענס זיינען שונאים פון שול, פון ביכער, פון לערער און פון וויסן, און איך האָב די וועבערייַ מיט מיין פאָטער פיינט געקראָגן.

דערנאָך האָט ער מיך דורכגעפירט דורך יעדער אָפּטיילונג פון דער וועבערייַ. ווען איך האָב געזען די פאַרשוויצטע, פאַרשמירטע מענטשן שפּריב־גען פון איין מאַשין צו דער צווייטער, איז מיין שנאה צו אים געוואָרן נאָך שטאַרקער. ער האָט מיך אַריינגעשלעפּט אין אָפיס און מיך געפרעגט ווי עס געפעלט מיר. כ'האָב אים געענטפערט אַז עס איז מיר ניט געפעלן און, כ'וויל בעסער גיין אין הייַ־סקול און אין קאַלעדזש. פון יענעם מאָמענט איז געוואָרן אַ בראָך צווישן מיר און אים. ער האָט גלייך, נישט ריידנדיק אַ וואָרט, מיך געהייסן גיין אַהיים. אַזוי פלעגט ער האַנדלען ווען ער פלעגט ווערן אין כעס. ער פלעגט אויפהערן ריידן.

ווען איך האָב געענדיקט פּאַבליק סקול, האָט ער ווידער גערעדט מיט מיר, אָבער איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיינס. איידער איך בין אַוועקגעפאָרן אין קאַלעדזש האָט מיין מוטער גערעדט מיט מיר, זי האָט געוויינט און מיך געבעטן איך זאָל ניט פאָרן. איך האָב פאַרשטאַנען אַז ס'איז געוועזן זיין קאָפּ דערביי, אָבער איך האָב אים האָב דאָן שוין אַזוי פיינט געהאַט אַז איך האָב מיט אים מער אין איין הויז ניט געקענט זיין.

ווען איך בין געגאַנגען אין קאַלעדזש האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט מיר. ער האָט פּינקטלעך אויסגערעכנט וויפיל איך דאַרף, אַ סענט ניט מער. מיין מוטער האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָט זי מיר געשיקט זייטיקע געלטער. אָבער פּלוצלונג האָט זי אויפגעהערט שיקן. ווען איך בין געקומען אַהיים האָט זי מיר דערציילט. ער האָט זיך דערוואוסט אַז זי שיקט מיר געלט, האָט ער געמאַכט אַ סקאַנדאַל און צוגענומען ביי איר יעדן סענט וואָס זי האָט גע־האַט.

אַזוי איז אַנגעגאַנגען די צוויי יאָר וואָס איך בין געגאַנגען אין קאַלעדזש. ווען איך פלעג אַהיים קומען, פלעגט ער צו מיר אַ וואָרט ניט אויסריידן און, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, און מיין צייט איז געקומען איך זאָל גיין

אין דינסט, איז ער פלוצלונג געקומען צו מיר און מיר דערקלערט אז איצט איז די צייט ווען איך קען אלץ גוט מאכן, אויב איך וויל ניט אויפגעבן דעם קאלעדזש וועל איך מוזן גיין דינען. אויב איך וויל ארבעטן מיט אים אין דער וועבעריי קען איך אויסמיידן גיין דינען, ווייל ער ארבעט פאר דער רע־גירונג. אלץ וואס איז פארגעקומען צווישן אונדז ביז דאן איז ער געווען גרייט צו פארגעסן. איך האב זיין פארשלאג ניט אנגענומען און בין אוועק אין דער ארמיי.

— ס'איז געווען א גרויסע מלחמה, א לאנגע און שרעקלעכע. די וואס זיינען אין מלחמה ניט געווען וועלן דאס קיינמאל ניט באגרייפן און די וואס זיינען יא געווען וועלן עס קיינמאל ניט פארגעסן. אין צייטן פון שלום פילט מען ניט די באדייטונג פון לעבן און אין מלחמה פילט מען ניט די באדייטונג פון טויט. יעדעס מאל ווען איך פלעג ערגעץ פליען, האב איך אלע מאל גע־טראכט וועגן קומען אהין, אבער קיינמאל ניט וועגן מיין קומען צוריק. און וואס אין דער היים קומט פאר האב איך אודאי ניט געטראכט. ווען שלום איז דערקלערט געווארן האב איך געמיינט אז אומעטום איז שלום. ווען איך בין געקומען אהיים, און זיך דערוואוסט וואס דא איז פארגעקומען, בין איך אוועק צום באגרעבער אויף מעין סטריט, וואו איך האב אייך געטראפן.

ער האט אויפגעהערט ריידן, א זופ געטאן פון דעם גלאז, וואס איז גע־שטאנען לעבן אים. רות האט געפרעגט:

— און וואס ווייטער?

— דאס איז אלץ וואס איך האב אייך געוואלט דערציילן.

די מוזיק האט איצט געשפילט א וואלץ. לאנגע, אויסגעצויגענע בענ־קענדיקע טענער. אינמיטן קאפע האבן א סך קעפ און קערפערס זיך געבויגן און געשוועבט אויפן גליטשיקן דיל נאך די ווייכע מעלאדישע ניגונים, וועל־כע האבן לייכט ווי זייפן־בלאזן אנגעפילט די לופט.

— רות! — האט מעלווין איבערגעשלאגן די שטילקייט, — ווען איך בין געקומען אהיים און זיך דערוואוסט וואס דא טוט זיך, האב איך באשלאסן אנטלויפן פון דאנען.

— וואס האט געענדערט אייער באשלוס?

— ווען איך בין אריין צום באגרעבער...

— אייער קראוואט איז געווען ניט גוט אויסגעבונדן און אייער הוט איז געווען צופיל אויף א זייט.

— צוויי יאר האב איך ניט געטראגן קיין ציווילע קליידער. (פויזע) איר האט דאך גארניט געקוקט אויף מיר.

— איין קוק איז געווען גענוג. אָבער דערפאַר האָט איר פון מיר די אויגן ניט אַרונטערגענומען.

— איך האָב זיך ניט געקענט העלפן. איר האָט אויסגעזען ווי אַ הייליקער גייסט, וועלכער לייקנט אָפּ די עקזיסטענץ פון טויט.

— דאַן בין איך טאַקע געווען מער גייסט ווי מענטש. דריי וואָכן האָב איך ניט צוגעמאַכט אַן אויג.

מעלווין האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אַזוי ווי דער שמועס איז אַרונטער פון וועג, האָט ער ווידער געפּרוּווט אָנהויבן.

— רוט, איך קום אייך אַ גרויסן חוב.

— איר? מיר?

— איך האָב אייך פריער אָנגעהויבן דערציילן. ווען איך בין געקומען אַהער און זיך דערוואוסט וואָס דאָ איז אָנגעגאַנגען בין איך געווען גרייט צו אַנטלויפן.

— דאָס האָב איך שוין געהערט.

— ווי קענט איר אַזוי ריידן, רוט?

— אַנטשולדיקט מיר. דאָס וויל איך זיך מיט געוואַלד אַרויסשלאָגן פון דער שטימונג אין וועלכער מירביידע געפינען זיך.

— די מלחמה האָט אַ מאָדנע ווירקונג אויפן מענטשן, מ׳ווערט גלייכגילטיק צום לעבן און טויט, און ווען איך האָב אייך דערזען איז די גלייכגילטיקייט פאַרשוואונדן.

— צום לעבן אָדער צום טויט?

— צו ביידע. (פויזע) און דאָס איז וואָס איך בין געקומען אייך זאָגן היינט אינדערפרי.

— פאַרוואָס האָט איר עס מיר ניט געזאָגט?

— אייערע טענות זיינען געווען אַזעלכע גערעכטע אַז ס׳איז קיין פּלאַץ ניט געווען דערפאַר. האָב איך באַשלאָסן עס אייך צו זאָגן אין אָוונט.

— און ווען איך וואָלט אייך היינט ניט געזען?

— וואָלט איך עס אייך געזאָגט מאָרגן.

— איצט פאַרדריסט מיך פאַרוואָס איר האָט עס מיר ניט געזאָגט אינדערפרי. איך וואָלט דאַן געהאַט וואָס צו ענטפערן זיי.

— וועמען?

— מיינע מענטשן אין טאָל.

— זיי האָבן אייך ווידער געפרעגט?

— יאָ. און זיי וועלן מיך מאָרגן אויך פרעגן, אָבער איך וועל שוין

מער ניט וואַרטן ביז זיי וועלן מיך פרעגן, איך וועל זיי פאַררופן און דער־ציילן . . .

— וואָס ?

— אַז אַ גאַנצן אָוונט האָבן מיר בײדע פאַרבראַכט צוזאַמען און זיי האָבן קיין רעכט ניט צו טראַכטן און ריידן פון איך ווי זיי האָבן דאָס געטאָן ביז איצט.

— רות !

— ? ? !

— זאָגט זיי נאָך עפּעס.

— וואָס ?

— אַז ער האָט איך ליב.

— ווער ?

— איך.

איר גאַנצער וועזן האָט אַ ציטער געטאָן.

— איז דאָס פון איבערראַשונג ?

— ניין.

— וואָס דען ?

— רעדט.

— האָט שוין עמיצער אַמאָל געזאָגט מער, אויב אַפילו ער האָט גערעדט טעג וועגן דעם ?

— מעלווין !

— יאָ, רות.

זיי האָבן זיך ביידע גלייך אויפגעהויבן. זי איז געגאַנגען אַפריער און אים געפירט ביי אַ האַנט. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טאַנץ־אָרט, האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן שוועבן. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און זי האָט זיך געטוליעט צו אים.

אַ גאַנצן אָוונט האָבן זיי קיין איין טאַנץ ניט דורכגעלאָזן. אין צווישן־צייט האָבן זיי געשפּאַסט און געלאַכט. ווען ער האָט זי געבראַכט אַהיים, האָט ער זי צוגעפירט מיטן אויטאָמאָביל ביז צום שוועל פון איר הויז. זי האָט זיך ניט געאיילט אַרויסצוגיין פון אויטאָמאָביל. זי האָט זיך אויך נישט געאיילט אַריינצוגיין אין שטוב ווען ער האָט זי צוגעפירט צו דער טיר.

— ווען וועל איך איך זען ? — האָט ער געפרעגט.

— דאָס זעלבע וויל איך איך פרעגן.

— מאָרגן ?

— גוט.
— וואו ?
— ביי מיר אין שטוב.
זיי זיינען געשטאַנען נאָענט איינער צום צווייטן. יעדער האָט געפילט דעם צווייטנס אָטעם, דאָס קלאַפּן פון צווייטנס האַרץ. ער האָט זי ניט באַדאַרפט אַרומנעמען, נאָר עטוואָס איינבויגן זיין קאָפּ, און אירע ליפּן האָבן געוואַרט אויף זיינע, און פון ביידע שאָטנס איז געוואָרן איין שאָטן.

זינט דזשאהן דזשיי הילטאָן איז געשטאָרבן איז די דיסציפּלין אין שלאָס פאַרשוואונדן. מרס. הילטאָן גייט ניט אַרויס פון בעט פון פאַר האַלבן טאָג. מעלווין איילט זיך אויך ניט אויפשטיין פרי. דער איינציקער וואָס שטייט אויף גאַנץ פרי איז פּיטער. ניט ווייל ער דאַרף עס טאָן, ער גייט אַרום איבערן הויף, טאָמער שטייט עמיצער אויף און טוט אַ קוק אין פענצטער, זאָל ער זען אַז פּיטער שלאָפט ניט.
נעכטן, ווען ער האָט געזען ווי מעלווין איז געווען אַזוי אומרואיק, האָט ער עס גלייך פאַרבונדן מיט רוטן און, אין אָוונט, ווען ער האָט געפירט די מרס. הילטאָן צו די פּיטערסאָנס, האָט ער זיך צוגעכאַפּט אויף מעין סטריט און, הינטן אַרום, אויף זיין אופן, אויסגעפונען אַז רוט איז אין דער היים ניטאָ, איז ער געווען זיכער אַז זי האָט זיך געטראָפן מיט מעלווינען, האָט ער דערפאַר הייַנט, מער ווי אַלע מאָל, געפּראַוועט ווייזן ווי געטריי ער איז. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויף, זיך געשפּילט מיט די הינט און זיך געפּרואווט דערגרונטעוון אין דער פּאָליטיק וואָס גייט אָן אין שלאָס. וואָס זאָל עס באַדייטן ? אַנשטאָט דעם וואָס מ'האָט אים איצט, צוליב זיינע מעשים טובים, באַדאַרפט אָוועקשיקן, האָט ער נאָך געקראָגן מער מאַכט. ער איז דאָך איצט דער גאַנצער באַלעבאָס פון שלאָס! מרס. הילטאָן האַלט מיט אים קאָנפערענצן, פרעגט אים עצות. ער האָט אַפילו, אָן קיין אורזאַכן, אָוועקגעשיקט די אַלטע קעכין און אַנגעשטעלט אַ נייע, און מרס. הילטאָן האָט אים גאַרניט געזאָגט דערויף. איז ער געקומען צום שלוס — ניט אַנדערש אַז די מרס. הילטאָן איז פאַרליבט אין אים.
נאָר איין זאַך גיט אים ניט קיין רו — דער וויזיט, וואָס ער האָט אָפּגעשטאָט רוטן. ער רופט זיך אָן מיט די ערגסטע נעמען. ווען ער ווייסט אַז אים וועט זיין אַזוי גוט נאָך הילטאָנס טויט וואָלט ער, אָסור, אַהין געגאַנגען. איצט וויל ער מיט אַ כיוון קומען אויג אויף אויג מיט מעלווינען, ווייל טאָמער

וועט ער אים עפּעס זאָגן זאָל ער דורכן טאָג קענען כאַפּן אַ שמועס מיט דער מרס. הילטאָן און זיך ריינוואַשן.

חוץ דעם איז פּיטער געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. שוין לאַנג אַז ער האָט אין אַ פרימאָרגן געפילט אַזוי גוט ווי היינט. צי עס איז דערפאַר וואָס די נייע קעכין איז לויט זיין געשמאַק און נעכטן, אַנשטעלנדיק זי, האָט ער געמאַכט אַ באַמערקונג, אַ פּינטל געטאָן מיטן אויג און זי האָט געענט־פערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ; אָדער ער האָט דערוואַרט אַז מרס. הילטאָן זאָל פאַרפירן מיט אים אַ שמועס נאָך היינט; אָדער ווייל ס'איז געווען פרי־לינג און די זון איז אַרויס מיטן טאָג צוגלייך; און אפשר אַלע זאַכן צוזאַמען. סיי ווי, ער איז געווען אין אַן אויסערגעוויינטלעכע שטימונג. ער האָט גע־טאַנצט, געשפּרונגען, זיך געוואַלגערט אויף דער ערד מיט די הינט, ביז ער האָט לעבן זיך דערזען מעלווינען.

— שלעכט! — האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן. ער האָט אָבער געפילט אַז קוים ווייזט ער אַרויס מורא וועט זיין ניט גוט. האָט ער זיך געמאַכט אַז ער זעט ניט מעלווינען. ער האָט זיך געשפּילט מיט די הינט און געוואַרט מעלווין זאָל אָנהייבן ריידן. ווען מעלווין האָט אָבער געשוויגן האָט פּיטער אויסגערעכנט אַז מעלווין מוז אים שוין באַמערקן, האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַ זאָג געטאָן:

— אוי! גוט מאָרגן, מר. מעלווין הילטאָן!

מעלווין האָט אויך געפילט אויסערגעוויינטלעך. ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט גאַנץ פרי און, אַזוי ווי צוריק איינשלאָפן האָט ער ניט געקענט, האָט ער זיך אָנגעטאָן. אינדרויסן איז געווען זייער זוניק, איז ער אַרויס. ער האָט געזען ווי פּיטער האָט זיך געשפּילט מיט די הינט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קוקן, אָבער פאַרפירן מיט פּיטערן אַ שמועס, דאָס ניט! האָט ער אים ניט גע־ענטפערט. פּיטער האָט ווידער אַמאָל איבערגעחזרט די באַגריסונג.

— גוט מאָרגן, מר. הילטאָן!

מעלווין האָט אים איבערגעלאָזט און איז אַוועק. פּיטער איז געווען זי־כער ביי זיך אַז מעלווין ווייסט שוין אַלץ, איז ער אַריין אין שטוב, אָנגעטאָן זיין יום־טובדיקן אָנצוג, זיך פאַרקעמט און זיך געמאַכט גרייט אַז ווען ער וועט אַריינטראָגן דער מרס. הילטאָן די שוואַרצע קאַווע זאָל זי דאָס אַלץ באַ־מערקן. דערווייל, ביז וואָס ווען, איז ער געגאַנגען אָפּשטאָטן אַ וויזיט דער נייער קעכין. ער האָט געמיינט אַז זי שלאָפט נאָך, וואָלט ער געהאַט אַ גע־לעגנהייט אַריינצוגיין אין איר צימער. ער וואָלט זיך אַוועקגעזעצט אויפן

בעט ביי איר, און... זיין פֿאַנטאַזיע האָט אים אַוועקגעטראָגן מײלן ווייט...
ער האָט זי אָבער שוין געטראָפֿן אין קיך.

— גוט מאָרגן.

— גוט מאָרגן, — האָט זי געענטפֿערט.

— מ׳ט ניט באַדאַרפֿט אויפֿשטיין אַזוי פֿרי.

— כ׳וויל דורכקוקן און זען אַז אַלץ זאָל זיין צו דער האַנט, — האָט זי געזאָגט.

— קענסט עפּעס ניט געפֿינען, פֿרעג מיך.

— אַ דאַנק.

— דו דאַרפֿסט מיר ניט דאַנקען, דו דאַרפֿסט בלויז טאָן וואָס איך הייס דיך.

— יעס סער.

— קענסט מיך רופֿן פּיטער.

— יעס סער, מר. פּיטער.

— ניט מר. פּיטער, נאָר פּשוט פּיטער.

— יעס סער, פּיטער.

— און ווי רופֿט מען דיך?

— מאַרזשי.

— מאַרזשי?

ער האָט געוואוסט ווי זי הייסט נאָך פֿון נעכטן, נאָר ער האָט עס געטאָן מיט אַ כיוון: אַזוי שנעל ווי זי וועט זאָגן ווי מ׳רופֿט זי, וועט ער אויס־שטרעקן זיין האַנט און, ווען זי וועט דערלאַנגען איר האַנט, וועט ער זי אַ שלעפּ טאָן צו זיך. אַזוי איז טאַקע געווען. שנעל ווי אַ קאַץ האָט ער זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך, צוגעלייגט זיין באַק צו אירער. זי איז געשטאַנען אומבאַהאָלפֿן, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט דערווייל געפֿונען אירע ליפּן און אַ קוש געטאָן. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זיינע הענט. פּיטער איז געבליבן שטיין, אַ נאַרישער שמייכל צעגאָסן איבער זיין גאַנצן פּנים.

מאַרזשי, — האָט ער אָנגעהויבן מעשה גוטער ברודער, — דו וועסט זיין אָלרייט. דו דאַרפֿסט פֿאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן. איך בין דער איינציקער דאָ וואָס גיט באַפֿעלן. אָבער וואָס איך וועל דיך הייסן דאָס דאַרפֿסטו טאָן, — האָט ער צוגעפֿינטלט מיטן אויג.

— פּיטער! — האָט זי זיך גענומען בעטן ביי אים, — איך בין אַן ערלעכע פֿרוי.

— אַוודאי אַן ערלעכע, — האָט ער איר איבערגעשלאָגן, — אַניט

וואָלט איך דיך ניט אָנגעשטעלט. ביסט פאַרהייראַט?

— ניין.

— איך בין אויך ניט פאַרהייראַט. (פויזע) מואווינג־פיקטשורס האָסטו ליב?

— אָבער איך בין אַן ערלעכע פרוי!

— ערלעכע פרויען גייען אויך אין מואווינג־פיקטשורס, — האָט ער געפּרואווט זיך וויצלען. — איך וועל דיך נעמען אין מואווינג־פיקטשורס. און איצט, גרייט צו פאַר מיר אָנבייסן.

זי האָט זיך ניט געריכט זי זאָל אַזוי גיך פּטור ווערן פון אים. זי האָט שוין געהאַט אַ סך דערפאַרונג. האָט זי זיך דערפרייט און געפרעגט:

— וואָס זאָל איך אייך מאַכן אויף אָנבייסן?

— כ'פאַרלאָז זיך אויף דיר. כ'וויל טאַקע זען וואָס פאַר אַ גוטע קעכין דו ביסט.

פּיטער איז אַרויסגעגאַנגען. מאַרזשי האָט זיך גענומען צוגרייטן עסן פאַר אים. איר איז אַלץ געפאַלן פון די הענט. אַזאַ זאַך האָט מיט איר נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט: דעם ערשטן טאָג זאָל מען זיך שוין טשעפּען צו איר! אָבער דאָס איז איר גורל. זי איז אַ פרוי! זי טראָגט ניט קיין כעס אויף אים, אַדרבא, ער ווערט איר נענטער... ער זעט אויס בלייך, די באַקן איינגעפאַלן, זי וועט אים געבן גוט עסן...

ווען פּיטער האָט ניט קיין אַנדערע זאַכן אויף זיינע געדאַנקען וואָלט ער איר מוחל געווען דאָס עסן, ער וואָלט שוין פון קיך ניט אַרויס ביז ער וואָלט זיינס אויסגעפירט, אָבער דאָס וואָס מעלווין איז אַזוי פרי אויפגעשטאַנען, און דאָס וואָס ער האָט אים ניט געענטפערט אויף זיין גוט מאָרגן, האָט אים געמאַטערט. האָט ער זיך איצט אַוועקגעלאָזט אין אַ געיעג נאָך מעלווינען, זען וואָס ער טוט און וואוהין ער גייט. איז ער אַזוי אַרומגעגאַנגען מיט שטילע טריט און אָנגעשפּיצטע אויערן ווי אַ קאַץ, ביז ער האָט אויסגעפונען אַז ער איז אין מרס. הילטאָנס צימער.

דאָס האָט אים איינגאַנצן צעמישט. ער איז געווען זיכער אַז מעלווין טענהט דאָרט איין מיט דער מרס. הילטאָן מ'זאָל אים אַוועקשיקן.

ער האָט געפּרואווט פאַרבייגיין עטלעכע מאָל די טיר אויף די שפּיץ פינגער, אפשר וועט ער כאַפּן אַ וואָרט, אָבער זיי האָבן גערעדט זייער שטיל, איז ער מיט אַ שווערן געמיט ווידער אַוועק אין קיך.

דער ריח פון עסנוואַרג האָט אים אַ זעץ געטאָן אין די נאָזלעכער. דאָס האָט אים אויפגעמונטערט אַביסל און, איין קוק אויף מאַרזשין מיט אירע

פאַררויטלטע באַקן, איז געווען געגנוג ער זאָל זיך פאַרגעסן אָן אַלע זיינע צרות.

מאַרזשי איז אים אַנגעקומען אַנטקעגן, האָט ער איר פאַרשטעלט דעם וועג.

— אויב דו וועסט מיט אַלץ זיין אַזוי גוט ווי מיטן קאָכן וועסטו זיין אַל־רייט, — האָט ער געזוכט זי אַרומצונעמען.

— בעסער עסט איצט, ס׳וועט קאַלט ווערן וועט עס קיין טעם ניט האָבן, — האָט זי געפּרוּאווט זיך אַרויסדרייען.

— מאַרזשי, קום אויך עסן, — האָט ער זי כמעט ווי צוגעטראָגן צום טיש.

— איך האָב דאָך אַזוי פיל אַרבעט איצט.

— איך בין דאָ באַלעבאָס!

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן און אָנגעהויבן עסן. פּיטער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף איר, געקייט און געקייט און ניט געקענט אַרונטערשלינגען.

— מאַרזשי! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ פולן מויל, — מיר וועלן זיין פריינט.

— איך בין קיינעם נישט קיין שונא, — האָט זי באַשיידן געענטפערט.

— כאַ! כאַ! כאַ! האַלט ניט די אויגן איינגעגראָבן אין טיש! וואָס האָסטו דאַרטן דערזען? קוק אויף מיר וועטסו דאָך עפּעס זען!

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ ווינקל פון אויג.

— נו, אַ פאַרזעעניש?

— ניין.

— און ניט אַזוי אַלט ווי דו דענקסט.

זי האָט נישט געענטפערט. ער האָט ווייטער גערעדט:

— האָסט קינדער?

— ניין.

— אַ מאַן?

— ניין.

— אַ מיידל?

זי האָט ניט געענטפערט.

— אַ געליבטן האָסטו?

— ניין.

— זייער גוט. וועסטו דאָ קענען אַרבעטן ווי לאַנג דו וועסט וועלן.

יהושע אלקאַן

פלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט אָן עפּעס.
— וואָס איז געוואָרן פון דיין געליבטן?
— ער איז דערהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה.
— אַזוי? (פּויזע) האָט ער דיר איבערגעלאָזט אינשורענס?
— זיין אינשורענס איז אַוועק צו זיינע עלטערן.
— און דיך האָט ער איבערגעלאָזט אָט אַזוי אַ?
— זיינע עלטערן דאַרפן עס מער ווי איך, זיי קענען ניט אַרבעטן.
— אַזוי טוט מען ניט. האָסט זיך אויך באַדאַרפט נעמען אַ ביסל.
— איך קען אַרבעטן.
— ער איז געווען יונגער פון מיר?
— יאָ.
האָסט אים ליב געהאַט?
— יאָ.
— האָסט אים נאָך אַלץ ליב?
— איך טראַכט שטענדיק פון אים.
— דו דאַרפסט אים פאַרגעסן.
— איך ווייס, אָבער איך קאָן ניט.
— איך וועל שוין זען אַז דו זאָלסט אים פאַרגעסן.
— איך וויל אים נ י ט פאַרגעסן.
דער שמועס איז אַוועק ניט ווי ער האָט געוואָלט, האָט ער אָנגעהויבן פון דאָס ניי:
— אַז דו וועסט אָפּאַרבעטן אַ שטיקל צייט וועל איך דיר געבן אַ העכערונג.
— אַפריער דאַרף איך גוטמאַכן דעם דזשאָב.
— דו טראַכט ניט וועגן דיין סאָלדאַט, וועסטו שוין גוטמאַכן דעם דזשאָב. — ער האָט געטראַכט אַ ווײַלע. — יענע, פאַר דיר, איז געווען אַ גוטע קעכין, געאַרבעט פאַר די רייכסטע מענטשן. זי איז אָבער געווען זייער אַ פרומע, אַלע זונטיק פלעגט זי גיין אין קלויסטער, האָב איך זי אַוועקגעשיקט. (פּויזע) און דו גייסט אין קלויסטער?
— יאָ.
— אַלע זונטיק?
— ניין, ווען איך האָב צייט.
— דו וועסט זיין פאַרנומען אַלע זונטיק.
— אַז מ'דאַרף אַרבעטן, וועל איך אַרבעטן.
— מיט מיר וועסטו זיין פאַרנומען אַלע זונטיק.

אַ טעמפּער קלונג האָט איבערגעהאַקט דעם שמועס. פּיטער איז שנעל צוגעלאָפן צום וואַנט, וואו יעדער קלונג איז געווען אָנגעדייט פון וואַנען ער קומט און, אויסדרייענדיק זיך צו דער קעכין, געזאָגט:

— אָנבייסן פאַר מר. מעלווין הילטאָן! אָראַנזש־זאַפט, צוויי לויזע אייער, טאוסט און קאַווע. האָסט אָראַנזש־זאַפט?

— יאָ.

— גיב עס מיר וועל איך עס אַרויפטראָגן. דו מאַך דערווייל די אייער מיטן טאוסט.

ווען ער האָט פאַרמאַכט די טיר אויף דער צווייטער זייט פון קיך, האָט ער זיך דערמאָנט אָן די באַציאונגען צווישן אים און מעלווינען, און זיין גאַנצע פריילעכקייט איז אַוועק. ווען ער האָט ניט די זאָרג וואָלט דאָך אים איצט געווען גוט ווי די וועלט!

ווען ער האָט צוגעטראָגן מעלווינען די אָראַנזש־זאַפט, האָט ער אויסגעמיטן זיינע בליקן, זיך שנעל אויסגעדרייט און זיך געלאָזט גיין. ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיר האָט ער דערהערט מעלווינס קול:

— פּיטער!

ווי אַן אומגעריכטער שאָס פון אַ קאַנאָן האָט אים מעלווינס קול דערשראָקן. אים האָט זיך געדוכט אַז זיין האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך אויסגעדרייט צו אים:

— יעס סער!

— בלויז קאַווע, דאָס אַלעס.

ער האָט זיך זיינע אויערן ניט געגלויבט אַז דאָס איז געווען אַלץ וואָס מעלווין האָט געזאָגט. פאַר גרויס איבערראַשונג איז אים דער „יעס סער" געבליבן שטעקן אין האַלדז. ער האָט עס ערשט אַרויסגעזאָגט אויף יענער זייט טיר. ווען ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, איז ער אַ פריילעכער אַריינגעלאָפן אין קיך, אַרומגעכאַפּט מאַרזשין און איר אַ קוש געטאָן.

— קאַווע פאַר מר. הילטאָן! — האָט ער פריילעך אויסגעשריען.

עס איז נאָך געווען פרי, אָבער די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל און מידלוויל האָט שוין אָנגעהויבן אַריינגיין אין שוואונג פון דער טאָג־טעגלעכער רוטין. די קומענס פון דער פאַבריק האָבן אַרויסגעשלאָגן פון זיך אַ שוואַרצן רויך, וועלכער האָט פון אינדערפרי אָן מיט אימפּעט זיך גע־

ריסן צום הימל. דער רויך האָט געקראָגן אַ גרין־גרויען קאָליר און גע־
הויכט דער זון גלייך אין פּנים אַריין.

מעלווין איז אַוועק אין אָפיס. ער האָט ניט געדאַרפט גיין אַהין אַזוי
פרי, אָבער אין דער היים האָט ער ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט ער גע־
טראַכט, ער וועט אפשר פאַרבייגיין רוט׳ס הויז, זיך דאָרטן אָפּשטעלן און
איר זאָגן גוט מאָרגן. מיט דעם באַשלוס איז ער אויפגעשטאַנען, אָבער ווען
די צייט פון גיין האָט זיך דערנעענטערט איז דער פאַרלאַנג אָפּגעשוואַכט
געוואָרן. — דאָס איז מעשה אינגל, — האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן און
זיך געלאָזט פאָרן אין דער וועבעריי.

רוט איז געלעגן אין בעט. ניט אין דער לענג, נאָר אין דער ברייט. זי
איז אויך אויפגעשטאַנען מיטן טאָג צוגלייך, זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף
דער צווייטער, ביז זי איז געקומען צו דער פּאָזע און געדענקט אַז אַזוי איז
גאַנץ באַקוועם. ביי איר האָט זיך פאַרגנבעט אַ געדאַנק: אפשר וועט מעל־
ווין, פאַרנדיק אין אָפיס, זיך אָפּשטעלן, אָבער, אורטיילנדיק לויט נעכטיקן
שלום, האָט זי באַשלאָסן אַז ער איז צו ערנסט דערפאַר.

פּיטער איז שוין ווידער געווען אין קיך. ער האָט שוין מאַרדזשין דריי
מאָל געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, שוין ניט געווען קיין פאַרבאָרגענער טייל
אין איר קערפּער, וואו זיינע הענט האָבן ניט אַרומגעבלאָנדזשעט, ער איז דאָך
אָבער פאָרט אַ מענטש מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, האָט ער איצט געמוזט
לאָזן מאַרזשין צורו, זי האָט שוין באַדאַרפט אָנהויבן קאָכן און באַקן. האָט
ער אונטערדריקט זיינע פאַרלאַנגען און, אגב, האָט שוין מרס. הילטאָן גע־
קלונגען מ׳זאָל איר ברענגען קאַווע.

מרס. הילטאָן וואָלט נאָך געשלאָפן. זינט הילטאָן איז געשטאָרבן האָלט
זי אין איין באַקלאָגן זיך אַז דאָס איינציקע ביסל שלאָף וואָס זי כאַפּט אַריין
איז אין דער פרי, ווייל אַ גאַנצע נאַכט מאַכט זי מיט אַן אויג ניט צו, הגם דער
אמת איז, אַז זי ווערט אַנטשלאָפן ווי נאָר זי ליגט זיך אין בעט, נאָר אין
דער פרי איז איר שלאָף עטוואָס גרינגער, ווייסט זי אַז זי שלאָפט. מעלווין
האָט זי אויפגעוועקט.

ער איז געווען גוט אויפגעלייגט. ווען ער איז אַריין אין איר צימער,
האָט ער איר אַ קוש געטאָן און געזאָגט: גוט מאָרגן, מאַמע! דאָס איז גע־
ווען דער ערשטער קוש וואָס מעלווין האָט איר געגעבן אינדערפרי זינט ער
לעבט, נאָר זי האָט עס פאַרשלאָפן, זי האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט ווען ער
האָט געזאָגט:

— מאַמע, איך וויל מיט דיר עפּעס ריידן.

מעלווין האָט געזעדט און זי האָט זיך געצויגן און געגעגנעצט און ניט געהערט אַ וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט. מעלווין האָט געהאַט צוגעגרייט אַ גאַנצע רעדע פאַר איר. ער האָט געמאָלן רוטן מיט די שענסטע ווערטער וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אָבער אַזוי ווי פונקט דאָס האָט זי פאַרהערט, האָט זי אים איבערגעפרעגט וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער איר געזאָגט פראָסט און פשוט:

— איר נאָמען איז רוט און איך בין פאַרליבט אין איר.

— וואָס מיינסטו רוט? וואָס איז מיט פּאַטרישיאַן? — האָט זי מיט אַמאָל זיך אויסגעטשוכעט.

— מיט פּאַטרישיאַן איז אויס! מיט פּאַטרישיאַן איז קיינמאָל גאָרניט געווען!

ערשט ווען מעלווין איז אַוועק, איז זי שוין אינגאַנצן אַרויס פון איר שלאָף. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און אָנגעהויבן באַנעמען וואָס ער האָט איר געזאָגט. מיט אַלע אירע אינסטינקטן האָט זי געפילט אַז דאָס איז ניט קיין גוטע נייעס. ווער איז רוט? און פאַרוואָס איז גאָרנישט צווישן אים און פּאַטרישיאַן? אָבער גיי רעד צו די ווענט! האָט זי אַריינגערופן פּיטערן, זיך אויסריידן פאַר אים דאָס האַרץ.

פּיטער, ווי איר ווייסט, האָט אַ זעלטענע פאַנטאַזיע. אַזוי שנעל ווי זי האָט אים געזאָגט ער זאָל אַוועקשטעלן די קאַווע און זיך אַוועקזעצן, ווייל זי וויל מיט אים עפּעס ריידן, האָט ער זיך שוין דערזען אַלס איר מאַן און דער אמתער באַלעבאָס פון שלאָס. און מאַרזשי? ניין, ער וועט זי ניט אַוועקשיקן!

אָבער מרס. הילטאָן האָט גערעדט צו אים וועגן עפּעס אַנדערש. קודם־כל ווי אומגליקלעך זי איז, און דערנאָך:

— ווער איז רוט?

— אַ, רוט? זי איז אַ מיידל.

— דאָס ווייסט זי, מעלווין האָט איר געזאָגט, אָבער צי קען פּיטער רוטן?

— יאָ, ער קען זי, ס'איז דזשאָהניס שוועסטער.

— און ווער איז דזשאָהני?

— דזשאָהני איז דער, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן אויף דער דעמאָנסטראַציע.

אויף אַזאַ אומגליק האָט זי זיך שוין ניט געריכט. ווי קען ער גאָר טראַכטן פון אַזאַ זאַך? ווי קען ער חתונה האָבן מיט אַזאַ? און וואָס טוט מען איצט?

פּיטער האָט זי געטרייסט. — ער פאַרשטייט ווי זי פילט, ער אַליין פילט

אויך ניט בעסער וועגן דעם. שוין אַ לאַנגע צייט אַז ער טוט וואָס ער קען זיי צו צעשיידן. אויף זיין אייגענער אחריות האָט ער שוין גערעדט מיט רוטן, כאָטש ער האָט געוואוסט אַז ער שטעלט אין קאָן זיין שטעלע, ס'האָט אים אָבער ניט געאַרט, אַזאַ מענטש איז ער, אַ געטרייער . . .

זי האָט אים באַדאַנקט. זי ווייסט ניט וואָס זי וואָלט געטאָן אָן אים. דאָ איז שוין פּיטער געווען זיכער אַז אָט־אָט, מאַכט זי אים דעם חתונה־פאָר־שלאַג, אָבער זי האָט גאָר געבעטן ער זאָל זי נעמען צו רוטן.

— ניין, צו רוטן קען ער זי ניט נעמען צוליב אַ סך אורזאַכן. ערשטנס, ווייסט ער ניט וואו רוט וואוינט, צווייטנס, זינט דעמאָלט מיט צען יאָר צו־ריק, ווען ער האָט געראַטעוועט דזשאָהן דזשיי הילטאָן, וויל מען אים שיסן, אָבער, אויב ביי איר איז רעכט אַז מ'זאָל אים שיסן, וועט ער גיין מיט איר.

דערהערט דאָס וואָרט „שיסן", האָט זי גלייך אויפגעגעבן דעם געדאַנק וועגן גיין אַהין, אָבער וואָס זאָל זי פאָרט טאָן? זי וועט גיין צו די פּיטער־סאָנס.

פּאַטרישיאַ איז נאָך געשלאָפן און, אַזוי ווי מרס. הילטאָן איז שוין דאָ, וועט מרס. פּיטערסאָן אָפּרופן נאָך אַ פּאָר ווייבער און מ'וועט שפּילן אין קאָרטן. מרס. הילטאָן האָט אויף דעם איינגעשטימט, ווייל זי האָט געמוזט רעדן מיט פּאַטרישיאַן.

אין איר ווייסער בעט, וואָס האָט זיך געווייסט אַנטקעגן די שטראַלן פון דער זון, איז פּאַטרישיאַ געלעגן און זיך צוגעהערט צו דער מרס. הילטאָן, וועלכע האָט ביי איר געפּרוּווט אויסגעפינען ווי ס'האַלט צווישן איר און מעלווינען. פּאַטרישיאַ האָט פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק, האָט זי געענטפערט אויף אַלע פראַגן אַזוי אַז מרס. הילטאָן האָט גאָרניט געקענט אויסגעפינען.

למשל:

— ווען האָט זי געזען מעלווינען?

— מיט אַ פּאָר טעג צוריק.

— ווי האָט ער זיך באַנומען?

— ווי אַלע מאָל.

— וואָס האָט ער גערעדט?

— זי ווייסט אַז מעלווין רעדט זייער ווייניק.

— ווען וועט זי אים זען?

— די טעג.

— האָט ער איר טעלעפאָנירט ?

— דוכט זיך אַז יאָ.

פּאַטרישיאַ האָט געפילט אַז עפּעס הענגט אין דער לופטן. זינט יענעם אָוונט האָט זי געפּרואווט דערגיין די אורזאַך פאַרוואָס מעלווין האָט אַזוי גע־האַנדלט. איצט, האָט זי געפילט, קומט עס אַרויף אויף דער אויבערפלאַך. איז זי געלעגן אין בעט און געפילט אַז זי ווערט פאַרברענט פון דעם נקמה־געפיל וואָס האָט זיך פּלוצלונג צעוואַקסן אין איר האַרצן, אָבער זי האָט עס געפּרואווט באַהאַלטן פון דער מרס. הילטאָן.

— איר דאַרפט אים דאָך שוין קענען, — האָט זי געטרייסט דער מרס. הילטאָן, — ער איז דאָך אייער זון. ער ווייסט אַליין ניט וואָס ער וויל.

— הלוואי וואָלט עס געווען אַזוי, — האָט מרס. הילטאָן געענטפערט מיט אַ זיפץ.

פּאַטרישיאַן האָבן גענומען קלאָר ווערן זאַכן, און די שפּיל האָט גענומען גיין אויף פאַרקערט. זי האָט איצט געוואָלט דערגיין פון דער מרס. הילטאָן וואָס מער.

— וואָס מיינט איר מיט דעם ? — האָט פּאַטרישיאַ געפרעגט.

מרס. הילטאָן האָט געפּרואווט אַלץ צונישט מאַכן, אָבער זי איז ניט גע־ווען אַזוי כיטרע ווי פּאַטרישיאַ. זי ברעכט צוזאַמען און דערציילט פּאַט־רישיאַן אַלץ וואָס איז פאַרגעקומען אינדערפרי צווישן איר און מעלווינען.

דאָס אַלץ האָט פּאַטרישיאַ געוואָלט וויסן. איצט איז איר שוין אַלץ קלאָר געוואָרן. זי האָט באַדאַנקט דער מרס. הילטאָן וואָס זי איז געווען אַזוי אָפן און, איבערהויפּט, וואָס זי האָט זיך מטריח געווען צו קומען און איר אַלץ דערציילן.

עס איז איבעריק וואָס מרס. הילטאָן בעט איר זי זאָל אים העלפן זיך צו ראַטעווען פון אַן אומגליק. אוודאי וועט זי העלפן, אָבער ניט ווייל מרס. הילטאָן בעט איר. זי וועט עס טאָן איינצושטילן דעם פייער פון נקמה וואָס האָט זיך צעפלאַקערט ביי איר אין האַרצן.

ווען מרס. הילטאָן איז אַרויס פון איר צימער, איז שוין פּאַטרישיאַ אינ־גאַנצן אַרויס פון איר שלאָף. זי האָט זיך געזעצט אויפן ברעג בעט און אָנ־געהויבן צוזאַמענקניפּן אַלע געשעענישן זינט יענעם „שרעקלעכן אָוונט", ווען

זי איז געווען מיט מעלווינען, און עס געפּרואווט פאַרבינדן מיט די נייעס, וואָס מרס. הילטאָן האָט איר געבראַכט און אַלץ איז איר איצט מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן.

דעם אמת געזאָגט, האָט זי געוואָלט פאַרגעסן מעלווינען און אַלץ וואָס איז פאַרגעקומען צווישן זיי, — אָבער טאַטע־מאַמע האָבן איר געהאַלטן אין איין דערמאָנען וועגן דעם, איר אויפגעוואָרפן אַז ס'איז איר שולד פאַרוואָס ס'איז גאָרניט געוואָרן צווישן זיי.

די אויסגעטראַכטע מעשה אַז „מעלווין איז דעם גאַנצן אָוונט געזעסן ווי אַ ליימענער גולם" האָט זיך ניט געלייגט זיי אויפן שכל. איר מאַמע האָט איר אַלץ באַשולדיקט אַז זי האָט קיין שכל ניט און ווייסט ניט ווי צו באַנעמען זיך ווען מ'דאַרף . . .

אָבער צוגעבן אַז די מאַמע איז גערעכט האָט זי דאָך אויך ניט געקענט, האָט זי זיך פונאַנדערגעווייַנט און געסטראַשעט אַז זי וועט זיך נעמען דאָס לעבן אויב מ'וועט נאָכאַמאָל דערמאָנען מעלווינען.

איצט, אַז מרס. הילטאָן האָט איר געבראַכט די סאַמע לעצטע נייעס וועגן רוטן, האָט זי געוואָלט אַריינלויפן און דערציילן דער מאַמען, איר באַווייזן אַז ס'איז ווירקלעך ניט געווען איר שולד און איר טאַקע געגעבן אַנצוהערעניש אויף די אומזיסטיקע בלוט וואָס זי האָט איר פאַרצאַפּט, אָבער זי האָט באַשלאָסן אויסצוגעפינען מער דעטאַלן.

אפשר איז דאָס געווען נייגעריקייט מער ווי אַלץ.

— ווער איז די, וועלכע האָט געשטערט פּאַטרישיאַ פּיטערסאָן דורכצופירן דאָס וואָס זי האָט געוואָלט?

פון זינט זי איז געקומען צו איר פאַרשטאַנד האָט זי אַלץ אויסגעפירט, פּלוצלונג איז געקומען איינע און איר פאַרשטעלט דעם וועג. ווער איז זי?

אירע געדאַנקען זיינען געלאָפן שנעל. זי איז געווען זיכער אַז מעלווין און רוט האָבן געהאַלטן אין איין ריידן וועגן איר די גאַנצע צייט. (וואָס אַנדערש האָבן זיי דען צו ריידן?) מעלווין זאָגט:

— פּאַטרישיאַ פּיטערסאָן האָט גאָר ניט קיין טאַקט. זיינען אַלע פרויען אַזוי?

און רוט ענטפערט:

— ניין, אַלע פרויען זיינען ניט אַזוי, נאָר פּאַטרישיאַ פּיטערסאָן האָט קיין שכל ניט.

כאָטש זי האָט אַליין אויסגעטראַכט די פראַגן און זיך אַליין געגעבן די ענטפערס, דאָך איז איר כעס אויף רוטן זיך צעוואַקסן אַלץ שטאַרקער און

שטאַרקער. זי וועט גיין און איר געבן וואָס איר קומט! זי וועט איר ווייזן!
מיט איר גאַנצער גראַציע און שטאָלץ גייט זי צו צום שפּיגל און, טייט־לענדיק מיטן פינגער, הויבט זי אָן:

— ווער ביסטו?

ניין, זי וועט אָנהויבן אַנדערש:

— הער זיך איין; דו! ווי האָסטו געוואָגט זיך שטעלן מיר אין וועג?

ניין, דאָס ווייזט אַרויס סמנים פון שוואַכקייט.

— הער זיך איין, דו! דו דענקסט דאָך אוודאי אַז דו ביסט קלוגער פון מיר, ווייל דו האָסט צוגענומען מיין געליבטן? בין איך דיר געקומען זאָגן אַז איך האָב מעלווינען קיינמאָל ניט ליב געהאַט.

זי צעשמייכלט זיך — טאָ וואָס־זשע טוט זי דאָ?

זי ווערט ווידער ערנסט.

— דו ביסט שולדיק אין דעם, וואָס מעלווין האָט מיך אַזוי באַליידיקט! ווען ער האָט ניט דיך אויף זיינע געדאַנקען וואָלט אַלץ געווען ווי איך וויל! ער וואָלט געפאַלן צו מיינע פיס און זיך אַנטשולדיקט, בלויז צוליב דיר בין איך געבליבן דער נאַר.

ניין, דאָס אויך נישט. נאָכוואָס זאָל זי איר צוגעבן אַז זי דורכגעפאַלן? זי וועט אָנהויבן אַזוי:

— הער זיך איין, דו! ביז היינט אינדערפרי איז מיר מעלווין גאָר־ניט אָנגעגאַנגען. כ'האָב קיינמאָל ניט געטראַכט פון אים, נאָר איצט, אַז דו ביסט געקומען מיט דיינע פאַלשע שטיק, וועט אים קיינער ניט האָבן, ניט איך און ניט דו!

יאָ, דאָס וועט זי איר זאָגן. זי איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל, געמאַכט גרימאַסן, געטופּעט מיטן פוס און געטייטלט מיטן פינגער. ווען זי האָט גע־האַלטן אין אָנטאָן זיך, האָט זי באַשלאָסן אַז דאָס איז אויך ניט קיין פּלאַן צו זאָגן. אויב זי וויל אַז ביידע זאָלן אים ניט האָבן איז בעסער אַז רוט זאָל ניט וויסן וועגן דעם.

ביי זיך אין האַרצן האָט זי זיך מודה געווען, אַז דאָס וואָס זי האָט אַזוי געוואָלט זיך אויסטענהן מיט רוטן, איז בלויז געווען נייגעריקייט, זי האָט פּשוט געוואָלט זען וועמען האָט עס מעלווין אויסגעקליבן, און דאָס וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן רוטן איז גאָרניט געווען אַזוי וויכטיק, אָ וויכטיקערע פראַ־גע איז געווען: וואָס פאַר אַ קלייד זאָל זי טראָגן.

ווען מיר איצטער איבערלאָזן פּאַטרישיאַן, זי קען ענדערן איר באַ־

יהושע אלקאָן

שלוס און איינגאַנצן ניט גיין, ווייל זי איז אַ גרויסער פייגלינג, און זיך אומ־קערן צוריק צו מעלווינען.

כאָטש מעלווין האָט פאַרלאָזט דאָס הויז מיטן באַשלוס צו פאָרן גלייך צו דער וועבעריי, אָבער ווען ער איז געקומען צום וועג, וואָס פאַרדרייט זיך אַרונטער אין טאָל, איז אים באַפאַלן אַ שווערער אומעט און אַ בענקעניש, און ער האָט ווייטער ניט געקענט פאָרן. צי דאָס איז געווען דער אומענדלעכער רוים, וועלכער האָט זיך אויבן געצויגן ווייט און טיף און אונטן איז דער וועג געווען שמאָל און זיך געענדיקט ביי די געביידעס פון דער וועבעריי, צי דאָס וואָס ס'איז נאָך געווען אַזוי פריי און רוטן וועט ער ערשט זען אין אָוונט, יעדנפאַלס האָט ער געפילט ווי ער וואָלט געווען אינמיטן פון דער וועלט.

ווען רוט וואָלט איצט געווען מיט אים אין אויטאָמאָביל, וואָלט ער מיט איר געפאָרן און געפאָרן, ווייט אַריבער יענע בערג, ביז טיף אין דער נאַכט. מאָדנע, ער האָט איר גאָרניט וואָס צו זאָגן. ער דערוואַרט אויך נישט קיין ענטפער פון איר און דאָך איז ער אַזוי אומגעדולדיק זי צו זען.

נעכטן אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן פאַר אים. דער יאוש און פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אָנגעפילט זיין גאַנצן וועזן, האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעוועפט און אַ מאָדנער געפיל האָט אים אַרומגענומען, אַ געפיל וואָס האָט געוויגט זיין האַרץ און פאַרהאַלטן זיין אָטעם.

צענדליקער מאָל האָט ער דורכגעלעבט דעם סוף פון זיין לעבן, אָבער קיינמאָל ניט דעם אָנהויב. איז דאָס דער אָנהויב?

ער איז געזעסן אין אויטאָמאָביל אויפן שייד־וועג, געקוקט אין דער אומענדלעכקייט און ניט געקענט פאַרשטיין אָט דעם נייעם געפיל, וועלכער האָט אים אַרומגענומען.

ער איז געפאָרן אין קאַלעדזש, אַהיים און צוריק. ער איז אַוועק אין מלחמה, געקומען צוריק, און דאָס געפיל וואָס ער האָט איצט, האָט ער קיינמאָל ניט געפילט. ווען ער איז דורכגעגאַנגען די שטופע פון ייגנלשאַפט צו בחורשאַפט, איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה צווישן אים און זיין פאָטער און, ווען ער איז דורכגעגאַנגען די שטופע פון בחורשאַפט צו מאַנשאַפט, איז אָנ־געגאַנגען אַ מלחמה אויף דער גאַנצער וועלט. ערשט איצט קומט אים אויס פאַר איין מאָל דורכלעבן אַלץ וואָס ער האָט פאַרפעלט.

ער האָט ניט געוואָלט גיין אין אָפיס, ריידן מיט די מענטשן דאָרט. זיי זיינען אים געווען פרעמד. ער האָט געוואָלט שווייגן. אין שווייגעניש האָט ער דורכגעלעבט שטאַרקער אָט דעם נייעם, מאָדנעם געפיל, וואָס האָט גע־גלעט זיין האַרץ מיט אַזאַ צאַרטקייט.

רוט איז די איינציקע מיט וועמען ער וואָלט איצטער געוואָלט זיין, מיט וועמען ער וואָלט געוואָלט ריידן, האָט זי אים אָבער געבעטן, ער זאָל ניט קומען, ווייל אַלע פאַרוואָרפן זי מיט פראַגן. ווען זי האָט אַ טעלעפאָן, וואָלט ער מיט איר געקענט ריידן, אַז די שכנים זאָלן ניט וויסן דערפון, האָט זי אָבער ניט קיין טעלעפאָן.

פאַרוואָס ניט הייסן אַריינשטעלן אַ טעלעפאָן אין איר הויז?

דאָס וואָס מעלווין איז געקומען אַזוי פרי אין אָפיס, האָבן די פאַרוואַל־טער אויסגעטייטשט, אַז ער נעמט זיך ערנסט צו דער אַרבעט. האָבן זיי זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט זייערע פּלענער וועגן דער ווייטערדיקער אַרבעט.

דער אויפזעער פון דער וועבעריי איז געווען דער ערשטער. מיט אַ פּאַק פּאַפּירן אונטערן אָרעם און אַ בליישטיפט אונטערן אויער, איז ער גע־זעסן אַ נערוועזער און געוואַרט מעלווין זאָל אים אַריינרופן. שוין צוויי מאָל האָט ער אויפמערקזאַם געמאַכט דער מיידל ביים טעלעפאָן, אַז ער האָט קיין צייט ניט דאָ צו זיצן און אַז דאָס, וועגן וואָס ער וויל אים זען, איז זייער און זייער וויכטיק, אָבער ביידע מאָל האָט אים דאָס מיידל געענטפערט:

— זי האָט געזאָגט מר. הילטאָנען אַז ער וואַרט אויף אים.

— וואָס האָט ער געענטפערט?

— אַז ער איז פאַרנומען.

— מיט וועמען?

— זי ווייסט ניט.

— ער זיצט שוין דאָ אַזוי לאַנג און האָט קיינעם ניט געזען אַריינגיין.

— דאָס איז ניט איר עסק.

דערנאָך איז געקומען אַ פאָרשטייער פון באַנק; לואיס בראַון האָט זיך געוואָלט מיט אים געזעגענען איידער ער פאָרט אַוועק; נאָך אַנגעשטעלטע פון פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דער וועבעריי מיט אַן אַ שיעור וויכטיקע

נייעס, און דאָס מיידל האָט אַלע מאָל געלאָזט וויסן ווען אַ נייער פֿאַרשווין האָט זיך באַוויזן, און ער האָט אַלע מאָל געענטפֿערט פֿון דער צווייטער זייט, אַז ער איז פֿאַרנומען.

און ער איז ווירקלעך געווען פֿאַרנומען. ער האָט געהאַלטן אין איין רופֿן די טעלעפֿאָן קאָמפּאַניע צי זיי האָבן שוין אַריינגעשטעלט דעם טעלע־פֿאָן אין רוטס הויז.

איז דאָ אין אָפּיס קיין וויכטיקע זאַכן ניט פֿאָרגעקומען. די מענטשן מיט די פּאַפּירן אונטער די אָרעמס, מיט די בלייַשטיפֿטן אונטער די אויערן, האָבן געוואַרט און געוואַרט, ביז זיי איז מיאוס געוואָרן, זייַנען זיי זיך צע־גאַנגען און ווידער איז אַלץ געוואָרן שטיל, דערפֿאַר אָבער אַרום רוטס הויז האָבן זיך זאַכן זייער שנעל באַוועגט.

צוליב דעם וואָס מעלווין אַליין האָט געהאַלטן אין איין רופֿן די טעלע־פֿאָן קאָמפּאַניע וועגן דעם טעלעפֿאָן, האָבן זיי געשיקט צוויי מאָל אַזוי פֿיל מענטשן, אָבער ניט די טעלעפֿאָן־אַרבעטער האָבן אָנגעמאַכט דעם טומל, נאָר די שכנים.

אַזוי שנעל ווי דער ערשטער לאַסט־אויטאָ מיט דעם אויפֿשריפֿט „מידלוויל טעלעפֿאָן קאָ." האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן רוטס הויז, האָבן די שכנים פֿאַרשאַרט די פֿאַרהאַנגען פֿון די פֿענצטער, געווישט די שויבן, דער־נאָך די אויגן און, ווען אַלץ איז געבליבן ווי אין אָנהויב, איז מען אַרויסגע־גאַנגען פֿון די הייזער און געזוכט אַ תּירוץ אַריינצוגיין אין רוטס הויז, זען וואָס דאָרטן קומט פֿאָר. ווען זיי האָבן געזען ווי די אַרבעטער ציִען און קלאַפּן דאָרטן, איז זיי די זאַך געוואָרן קשה.

(עראָפּלאַנען און ראַדיאָס זייַנען קיין נייעס ניט אין מידלוויל, אָבער אַ טעלעפֿאָן יאָ.)

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה: וואָס דאַרף רוט אַ טעלעפֿאָן? און אַז זי וועט שוין האָבן אַ טעלעפֿאָן, וועמען וועט זי רופֿן? און וועמעס אַרבעט איז דאָס געווען צו הייסן אַריינשטעלן אַ טעלעפֿאָן? רוט אַליין האָט אויך ניט געוואוסט. גלייך אינדערפֿרי, זי איז נאָך געלעגן אין בעט, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר און, ווען זי האָט געעפֿנט די טיר, זייַנען אַריין מענטשן מיט האַמערס און דראָטן און מ'האַלט אין איין קלאַפּן.

— אָבער ווער האָט זיי געהייסן?

— זי ווייסט ניט.

— וואָס האָט מען עפּעס אויסגעקליבן פּונקט איר?

— זי ווייסט ניט.

ניט קענענדיק עפּעס דערגיין פון רוטן, האָט מען זיך אַליין גענומען אונטערציען אַ סך־הכל.

— דער טעלעפאָן האָט אַ שייכות מיט דעם, וואָס מ׳האָט דאָ נעכטן געזען מעלווין הילטאָן.

איינע האָט זיך געשוואוירן, אַז זי האָט געזען מר. הילטאָנען דאָ פאַר־ בייפאָרן היינט אינדערפרי.

זיי האָבן אָפּגעשאַצט די לאַגע לויט זייער פאַרשטאַנד און געקומען צום שלוס, אַז מעלווין האָט אַ שייכות מיטן טעלעפאָן, ווייל ווער אַנדערש קען זיך פאַרגינען אַזאַ לוקסוס?

האָט מען זיך צעטיילט אין גרופּן. די יונגערע האָבן מקנא געווען רוטן, וואָס זי לעבט איצט דורך. די עלטערע זיינען געווען מיט דער מיי־ נונג, אַז קיין גוטע זאַך איז דאָס ניט.

— ער וועט זיך אָנשפּילן מיט איר און וועט זי אָוועקוואַרפן, — האָבן זיי געטענהט, אָבער די יונגערע האָבן זיי פאַרמאַכט די מיילער.

— ס׳איז דערפאַר ווייל זיי האָבן טעכטער אין רוטס עלטער און זיי האָט ניט געטראָפן אַזאַ גליק.

אַט־די דעבאַטן וואָלטן אפשר אָנגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג, נאָר אַ דינער קלונג, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון רוטס שטוב, האָט פאַרגליווערט אַלע־ מענס ליפּן. דער קלונג האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַס און, ווי מיט טויזנ־ טער נאָדל־שפּיצן געשטאָכן די פאַרזאַמלטע אין די אויערן.

זיי האָבן געוואוסט, אַז דער וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טעלעפאָן רעדט איצט מיט איר. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נעענטער צום שטוב, אָנ־ געשפּיצט די אויערן, אָבער זיי האָבן קיין וואָרט ניט געקענט כאַפּן.

דער שמועס איז געווען אַ קורצער און איידער וואָס ווען, איז שוין רוט געשטאַנען אויפן גאַניק אַ פריילעכע און אַ לאַכנדיקע.

— ווילן זיי נאָך אַלץ וויסן ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טעלעפאָן?

— אוודאי ווילן זיי וויסן.

— זאָלן זיי גיין און רעדן מיט אים.

— אָבער ווער איז עס?

— זאָל יעדערער וואָס איז נייגעריק אַליין אויסגעפינען.

ביז היינט אינדערפרי איז רוט געווען פאַררעכנט אַלס איינע פון זיי. מ׳איז אַריין אין שטוב ניט אָנקלאַפּנדיק אין טיר, מ׳האָט גערעדט צו איר

ווי צו זייערע קינדער. היינט? די הויז האָט זיך ניט געביטן, רוט איז אויך די זעלבע, נאָר אין ווינקל פון הויז האָט אַ דינער דראָט זיך געצויגן און דאָס איז געווען גענוג, אַז דאָס הויז זאָל ווערן אַנדערש. רוט האָט גערעדט מיט עמיצן אויף דער צווייטער זייט און זי איז שוין אויך געווען אַנדערש.

צי דאָס איז געווען די געהיימניש אָדער די נייגעריקייט, וואָס האָט זיי פאַרכאַפּט, יעדנפאַלס, זיי זיינען אַלע געבליבן שטיין ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד.

— ווער וויל ריידן מיט אים? — האָט רוט איבערגעשלאָגן די שטיל־קייט.

די וואָס האָבן זיך געקאָכט און געטומלט, האָבן אָנגעהויבן אָפּטרעטן אָן אַ זייט און, ביסלעכווייז וואָלטן זיי אפשר זיך צעגאַנגען, ווען איינע פון דער זייט האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך געלאָזט גיין צום גאַניק. תחילת איז זי געגאַנגען מיט פעסטע טריט, אָבער באַלד האָט זי דערפילט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און אירע טריט האָבן פאַרלאָרן די זיכערקייט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. זי איז שוין ניט געווען די איינציקע וואָס האָט געוואָגט. דאָ און דאָרט האָבן זיך אַרויסגעריסן נאָך אַ פּאָר פון די רעדלעך און זיך געלאָזט גיין צום גאַניק.

רוט איז געשטאַנען מיט פאַרפלאַמטע באַקן און זיי צוגעגעבן מוט.

— איר קענט אַלע אַריינגיין! ער וויל מיט אייך אַלעמען ריידן!

די שורה וואָס האָט זיך געצויגן צום גאַניק איז געוואָרן אַלץ לענגער. באַלד האָבן שוין די ערשטע וואָס זיינען אַריין אָנגעהויבן אַרויסקומען, אָבער זיי האָבן ניט געענטפערט אויף די פראַגן ווער דאָס איז. גאַנץ מעגלעך, אַז זיי האָבן אַליין נישט געוואוסט צו וועמען זיי האָבן גערעדט. דאָס בלוט האָט זיי האַסטיק געקלאַפּט אין די אויערן און זיי האָבן אַ וואָרט ניט פאַרשטאַ־נען. אַלע זיינען אַרויסגעקומען און ווידער געבליבן שטיין אינדרויסן פאַרן שטוב. איצט האָבן זיי שוין ניט געפרעגט קיין פראַגן, כאָטש זיי האָבן ניט געוואוסט מער ווי פריער.

— נו, וואָס האָט ער אייך געזאָגט? — האָט רוט זיי געפרעגט.

— מיר ווייסן נאָך אַלץ ניט ווער דאָס איז, — האָבן זיך געפונען אַ פּאָר, וועלכע האָבן געהאַט דעם מוט צוצוגעבן.

איר האָט גערעדט צו מעלווין הילטאָן! — האָט זי אַ לאַכנדיקע אויס־געשריען.

דאָס איז ניט געווען קיין איבעררעאַשונג פאַר זיי. זיי האָבן גלייך פאַר־

שטאַנען, אַז דאָס איז מר. הילטאָן, ווייל ווער אַנדערש וועט זיך פאַרגינען אַריינשטעלן אַ טעלעפאָן? דערפאַר טאַקע האָבן זיי פריער פאַרלאָרן דעם מוט. אָבער הערנדיק דאָס פון רוטס ליפּן, האָבן זיי אַרויסגעוויזן איבער־ראַשונג. זיי האָבן ניט געדענקט, אַז עס האַלט שוין אַזוי ווייט צווישן זיי, און יעדע באַזונדער האָט אין זיך אונטערגעפירט דעם סך־הכל: דער אַלטער איז געשטאָרבן און דער יונגער איז פאַרבליבן דער איינציקער יורש פון דער וועבעריי. רוט וועט מיט אים חתונה האָבן, וועט זי ווערן די באַ־לעבאָסטע פון דער וועבעריי, און דאָס גאַנצע שטעטל וועט איצט אַרבעטן פאַר רוטן.

רוט האָט דערפילט דעם דרך־ארץ, וואָס האָט געשטראָמט פון זייערע בליקן. זי האָט געפילט די פראַגן וואָס זיינען געלעגן זיי אויף די צינגער און, ווערנדיק ערנסט, האָט זי אָנגעהויבן:

— איך ווייס וואָס עס גייט איצט דורך אייערע געדאַנקען. איך גע־דענק אויך די אַלע פראַגן, וואָס איר האָט מיך געפרעגט, ווען איר האָט מיך דאָס ערשטע מאָל געזען מיט אים. איך פיל, אַז איך קום אייך אַן ענטפער. ביז נעכטן אוונט האָב איך געפילט צו אים ווי איר אַלע, אפשר מער ווי איר אַלע . . . אָבער נעכטן האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיר טאָרן וועגן אים אַזוי ניט טראַכטן . . . זי איז געשטאַנען ווי אַ פאַרמשפּטע פאַר זיי. זי האָט זיי געוואָלט בעטן, זיי זאָלן איר נישט שטערן איר גליק, אָבער די ווערטער האָבן זיך איר געשטעלט אין האַלדז. זי האָט ווידער אָנגעהויבן:

— איך האָב אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון מיין לעבן. איך האָב אים אויך דערציילט, ווי גוט איר זייט געווען צו מיר. איצט האָט ער מיך אָפּגערופן, אַז ער וויל ריידן צו אייך.

זי איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט זיי געוואָלט זאָגן אַזוי פיל, נאָר עס האָבן איר אויסגעפעלט ווערטער.

דער קאַמף וואָס רוט האָט אָנגעפירט צו זוכן ווערטער און זיי נעענ־טער באַקענען מיט אים, איז זיי ניט אָנגעגאַנגען. פון יעדן ווינקל האָט זיך געריסן איינע און די זעלבע פראַגע:

— ווען וועלן זיי חתונה האָבן?

— ס'האַלט נאָך ניט דערביי.

— טאָ פאַרוואָס האָט ער אַריינגעשטעלט אַ טעלעפאָן?

— ווייל ער וויל ריידן מיט מיר.

— פאַרוואָס קומט ער ניט אַהער?

— איך האָב אים געזאָגט, אַז איר זייט אין כעס אויף אים.
— מיר האָבן דאָך ניט געוואוסט נאָך וואָס ער קומט.

מיט דעם וואָלט זיך אפשר אַלץ געענדיקט און, ווען די מענער וואָלטן אין אָוונט אַהיים געקומען פון דער וועבעריי, וואָלט יעדע פון זיי, אויף איר אופן, איבערגעגעבן די נייעס, אָבער גראָדע דאַן האָט פּאַטרישיאַ אויסגע־קליבן צו קומען זיך באַקענען מיט רוטן.

ווען איר גרויסער אויטאָמאָביל האָט זיך באַוויזן אויפן ראָג גאַס, זיי־נען זיי געווען זיכער, אַז דאָס קומט מר. הילטאָן און זיי האָבן זיך צוגערוקט צו די ווענט פון די הייזער. ווען זיי האָבן אָבער דערזען אַ פרוי אַרויסקו־מען פון אויטאָמאָביל, איז זיי די זאַך געוואָרן אַ ביסל קשה און זיי האָבן אָנגעהויבן צוקומען נעענטער.

— וואו וואוינט דאָ רוט מילס? — האָט פּאַטרישיאַ געפרעגט.

אַ פרוי האָט איר אָנגעוויזן אויף רוטן.

דערזעענדיק אַזוי פיל מענטשן, האָט פּאַטרישיאַ פאַרלאָרן איר מוט. ווען רוט וואָלט ניט געשטאַנען אויפן גאַניק און געקוקט אויף איר, וואָלט זי אַריין אין אויטאָמאָביל און אַוועקגעפאָרן צוריק אַהיים, אָבער אַזוי ווי רוט האָט איר געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, איז זי מיט געמאָסטענע טריט צו־געגאַנגען צו איר.

— איר זייט רוט?
— יאָ.
— איך בין פּאַטרישיאַ פּיטערסאָן.
— פרייט מיך זייער.

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך נעענטער צוגערוקט צום גאַניק. יעדע איינע האָט מורא געהאַט צו פאַרלירן אַ וואָרט. ווען פּאַטרישיאַ האָט זיי דערזען אַזוי נאָענט, האָט זי געזאָגט צו רוטן:

— קענען מיר אַריינגיין אין שטוב?
— מעג איך וויסן נאָך וואָס איר זייט געקומען?
— איך וויל מיט אייך ריידן אין שטוב.
— איר קענט ריידן מיט מיר דאָ.
— ווער זיינען זיי?
— מיינע פריינט.

פּאַטרישיאַ האָט זיך צעלאַכט.

— אַביסל צופיל פריינט פאַר אַזאַ קליינער מיידל.

— מיר זיינען אַלע אירע פריינט, — האָט איינע, וועלכע איז געשטאַנען נאָענט, זיך אָנגערופן.

פּאַטרישיאַ איז געווען פאַרלאָרן. די רעדע, וואָס זי האָט אויסגעלייגט ביי זיך אין קאָפּ אויפן וועג אַהער, האָט זי אינגאַנצן פאַרגעסן. די נייגעריקע אויגן וואָס האָבן אויף איר געקוקט פון יעדן ווינקל, האָבן זי אינגאַנצן צעטומלט. זי האָט געקוקט אויף די פאַרזאַמלטע, אויף רוטן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

— מעג איך וויסן נאָך וואָס איר זייט געקומען? — האָט רוט געפרעגט.

— מיין נאָמען איז פּאַטרישיאַ פּיטערסאָן.

— יאָ, איר האָט עס מיר שוין איין מאָל געזאָגט.

רוט האָט געדענקט דעם נאָמען פּאַטרישיאַ פּיטערסאָן. פּיטער האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט דעם נאָמען, ריידנדיק מיט איר און זי האָט געענוי געוואוסט נאָך וואָס זי איז געקומען. זי האָט אָבער געוואָלט אַז אויך די איבעריקע זאָלן וויסן.

— מיס פּיטערסאָן! — האָט רוט אָנגעהויבן פאַרלירן איר געדולד, — קענט איר מיר אפשר פאָרט זאָגן נאָך וואָס איר זייט געקומען?

פּאַטרישיאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף.

— איך בין געקומען זיך באַקענען מיט אייך.

— קענען מיר זיך שוין.

— כ'האָב געוואָלט זען וועמען מעלווין האָט אויסגעקליבן.

— איז ווי געפעלט זי אייך?

— ניט זייער שטאַרק.

— אויב אַזוי בין איך זייער צופרידן.

— צופרידן?

— יאָ. ווייל איר געפעלט מיר אויך ניט. איצט וועל איך אייך בעטן: זייט אַזוי גוט און גייט אייך!

ווען פּאַטרישיאַ האָט שכל, וואָלט זי אַלץ אַראָפּגעשלונגען און אַוועקגעגאַנגען. זי וואָלט זיך געקענט אָפּרעכענען מיט רוטן אַן אַנדערש מאָל, אין אַ פּלאַץ וואו זי וואָלט זיך ניט געפילט אַזוי פאַרלאָרן ווי דאָ, אָבער דער דורכפאַל איז געווען צו גרויס פאַר איר. מעלווין וועט זיכער וויסן, אַז זי איז דאָ געווען און ער וועט אויך וויסן וועגן איר דורכפאַל. עס וועט

דערגיין צו איר אין שטוב און עס וועט אָפּגעפּרישט ווערן וואָס איז יענעם אוונט פּאַרגעקומען.

ווען זי איז מיט רוטן אויג אויף אויג, וואָלט איר קיין ווערטער ניט אויסגעפּעלט און, אויב יאָ, וואָלט זי איר די האָר אויסגעריסן, די אויגן אויסגעדראַפּעט, זעענדיק אָבער די מאַסע אַרום זיך, האָט זי דערפילט אַ מורא און אַ הילפלאָזיקייט, האָט זי זיך צעשריען אויף זיי:

— וואָס שטייט איר דאָ? גייט!

קיינער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. זיי האָבן געפילט, אַז זיי טאָרן איצט רוטן ניט איבערלאָזן, האָבן זיי נאָך נעענטער זיך צוגערוקט צום גאַניק.

— מיר זיינען ניט געקומען צו אייך, איר זייט געקומען צו אונדז! — האָט איינע אויסגעשריען.

— איך בין געקומען צו איר! — האָט פּאַטרישיאַ אָנגעוויזן אויף רוטן.

— זי איז אונדזערע! — האָט זי גלייך געקראָגן אַן ענטפער.

פון דערווייטנס האָט זיך באַוויזן דזשים טיילאָר. ער האָט געהערט, אַז עפּעס טומלט זיך אַרום רוטס הויז, איז ער געקומען זען וואָס דאָרטן קומט פאָר. ער איז איצט געווען אָנגעטאָן אין זיין פולער אוניפאָרם. שפּרינגענדיק אויף די קוליעס, האָט דאָס סאָלדאַטסקע היטעלע זיך ניט געקענט איינהאַלטן אויפן קאָפּ, האָט ער עס געטראָגן אין האַנט. די פאַרזאַמלטע האָבן אויסגערעכנט, אַז ער דאַרף דאָ איצט ניט זיין, האָבן זיי אים פאַרשטעלט דעם וועג.

ווידער אַמאָל האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען.

ווען רוט איז אַריין אין שטוב, האָט פּאַטרישיאַ געקראָגן מער מוט. זי האָט געפילט, אַז זי קען זיי געווינען אויף איר זייט.

— ווען איר ווייסט נאָך וואָס איך בין געקומען, — האָט זי גערעדט אַרונטער פון גאַניק, — וואָלט איר אַנדערש געהאַנדלט.

זי האָט געמיינט, אַז מ'וועט איר אָנהויבן פרעגן פראַגן, אָבער זיי האָבן שטום געקוקט אויף איר.

— איך בין געקומען זי ראַטעווען פון אַן אומגליק.

ווידער האָבן אַלע געשוויגן.

— זאָל זי ניט דענקען, אַז מעלווין הילטאָן איז איר גלייכן. אויב ער האָט געמאַכט אַ הנדל צו איר, אָדער איר צוגעוואָרפן אַ קאָמפּלימענט, זאָל זי ניט דענקען, אַז ער איז שוין אירער.

דזשים האָט אירע ווערטער געהערט העכער און שטאַרקער פון אַלע־מען. ער האָט זיך גלייך אַרויסגעריסן פון די עטלעכע ווייבער און צוגע־שפּרונגען צום גאַניק.

— איך זאָג אויך דאָס זעלבע, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו פּאַטרישיאַן.

— און ווער זייט איר? — האָט זי אים געפרעגט.

— רוט איז מיין כלה.

— אייער כלה?

— יאָ, אָבער זינט איך בין געקומען אַ קריפּל, האָט זי מיך פאַרביטן אויף אים.

— אויף וועמען?

— אויף מעלווין הילטאָן.

— ביסט אַ ליגנער! — האָבן עטלעכע מיט אַמאָל אים אַריינגעשריען אין פּנים.

— אַפילו ווען זי וויל מיט דיר חתונה האָבן, וואָלטן מיר עס אויך ניט דערלאָזט.

פּאַטרישיאַן האָבן גענומען קלאָר ווערן זאַכן. יעדנפאַלס איז זי שוין מער ניט געווען אַליין.

— איר זייט פאַרקריפּלט געוואָרן אויפן שלאַכטפעלד? — האָט זי אים געפרעגט, מיטן אַבזיכט זיי צו באַווייזן, אַז ער איז אַ מלחמה־העלד.

— יאָ.

— ביסט אַ ליגנער! — האָבן זיי ווידער אויסגעשריען, — ביסט אַלע מאָל געווען אַ לאָ־יוצלח און אין מלחמה אויך.

וואָס פאַר אַ כעס זיי האָבן ניט געטראָגן אויף פּאַטרישיאַן, האָבן זיי דאָך געהאַט דרך־ארץ פאַר איר: זי איז געקומען פון די בערג. זינט זיי זיינען געבוירן געוואָרן, האָט מען זיי געלערנט, אַז זיי דאַרפן האָבן דרך־ארץ פאַר יענע מענטשן. ווען זיי זיינען געווען קליין, האָט מען פאַר זיי געזונגען וויג־לידער פון יענע מענטשן, דערנאָך האָט מען זיי דערציילט מעשות וועגן זיי און, טאָמער איז דאָס ניט געווען גענוג, האָט איר ווייס־זיידן קלייד מיט די זיידענע זאָקן און די גרויסע הוט, זיי געקוקט גלייך אין די אויגן. פונדעסטוועגן האָבן זיי שוין אָנגעהויבן צו פאַרלירן דאָס גע־דולד צו איר, אָבער אַז דזשים האָט זיך אונטערגערוקט, האָבן זיי באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט אים שוין פאַר איר אויך.

— דו גיי אַוועק! — האָט אים איינע אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל. — מיט דיר האָט עס גאָרניט צו טאָן!

דזשים האָט זיך ניט געלאָזט ציען און רייסן און האָט ניט געמאַכט קיין פאַרזוך אַוועקצוגיין. ער האָט דאָ דערטאַפּט אַ פּערזאָן, וואָס האָט מיטלייד מיט אים. אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו פּאַטרישיאַן, האָט ער אויסגעשריען:

— כ׳האָב בריוו מיט איר אונטערשריפט, וואו זי זאָגט מיר צו, אַז זי וועט חתונה האָבן מיט מיר.

דאָס איז שוין געווען פאַר איר מער ווי זי האָט דערוואַרט. זי וועט ברענגען דזשימין מיט די בריוו צו איר אַהיים, זאָל דזשים דערציילן איר טאַטע־מאַמע, וואָס פאַר אַ שיינער מענטש מעלווין איז, ווען זיי אײנזען, אַז זיי האָבן איר אומזיסט בלוט פאַרצאַפּט.

די פאַרזאַמלטע, ווידער, האָבן געוואוסט, אַז די בײדע טאָרן זיך ניט צוזאַמענקומען, האָבן זיי געפּרוּווט אים אַוועקשיקן, איז זי צוגעגאַנגען צו זיי און האָט זיך אויף זיי צעשריען:

— לאָזט אים אָפּ! ווי שעמט איר זיך ניט אַזוי צו באַהאַנדלען אַ מלחמה־העלד?

ווען רוט איז אַרויס פון שטוב, האָט דזשים, אויף אַלע פיר, געפּרוּווט אַריינקריכן אין פּאַטרישיאַס אויטאָמאָביל. ווען אַ פּאָר ווייבער האָבן איר געוואָלט דערקלערן וואָס דאָ איז פאַרגעקומען, האָט זי זיי געענטפערט, אַז זי פאַרשטייט אַליין. אַביסל שפּעטער איז מעלווין געקומען, אָבער פון זיי איז שוין קיין סימן ניט געווען.

צעווייטיקט און צעערגערט האָט רוט כליפּענדיק אויסגעשריען:

— ווער איז זי? וואָס וויל זי?

— ווער?

— פּאַטרישיאַ פּיטערסאָן.

אַ רעדל ווייבער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַרום הויז און, איצט פּונקט ווי פריער, האָבן זיי זיך געשפּאַרט צום גאַניק, געפּרוּווט כאַפּן אַ וואָרט וואָס זיי ריידן. זיי זיינען אויך געווען בייגעריק צו וויסן ווער פּאַטרישיאַ איז. האָט מעלווין באַשלאָסן אַוועקנעמען רוטן פון דאַנען. זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל און אַוועקגעפאָרן.

די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל. דער וועג איז ווי אַ שלאַנג מיט אַ ווייסן פאַס אויפן רוקן געקראָכן אויף די בערג, זיך געדרייט אַהין און

אַהער. רוט האָט זיך נאָך אַלץ ניט געהאַט באַרואיקט. פון צייט־צו־צייט האָט זי אַרונטערגעשלונגען אַ שלוכץ, וואָס האָט געפּרוּווט זיך אַרויסרייסן פון איר האַלדז. אירע געדאַנקען זיינען געלאָפן הין און צוריק. — ווער איז ער? איז זי ביי אים די איינציקע? איז עס מעגלעך, אַז ער האָט ניט קיינע פאַרבינדונגען מיט אַנדערע? ער איז רייך. געגאַנגען אין קאַלעדזש, אויסגעווען אַ וועלט אין די צוויי יאָר דינסט, איז עס מעגלעך, אַז ער האָט געוואַרט די אַלע יאָרן ביז ער האָט זי באַגעגנט? ניין! אָט איז פּאַטרישיאַ. איינע פון דער גרויסער אַרמיי פון זיינע נאָכפאָלגער, דערנאָך וועט זי גיין צו דער נעקסטער, ווי פּאַטרישיאַ איז געקומען צו איר! פּאַטרישיאַ איז ניט קיין מיאוסע, פון זיין גלייכן; פאַרוואָס האָט ער זי איבערגעלאָזן און איר אויסגעקליבן? די מענטשן אין טאָל זיינען גערעכט. ער וועט זיך אָבשפּילן מיט איר און זי אויך אַוועקוואַרפן. פאַרוואָס האָט זי זיך ניט צוגעהערט צו זיי, אַז ער איז נישט איר גלייכן? זי האָט זיך אָבער נישט געקענט העלפן, זי האָט אים ליב געקראָגן פון דער ערשטער מינוט וואָס זי האָט אים דערזען. ווען מ'האָט גענומען צודעקן דעם אָרון, וואו דזשאָהני איז געלעגן און זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער לוויה־פּראָצעסיע, איז זי געפאַלן אויף די קני פאַרן אָרון און געוויינט, ניט אויף איר פאַרלוסט אין דזשאָהניס טויט, נאָר דאָס האָט זי געבעטן מחילה למאַי זי האָט די גאַנצע צייט געטראַכט פון דעם זון, וועמעס טאַטע האָט אים, דזשאָהנין, דערהרגעט און, קניענדיק פאַרן אָרון, האָט זי געשוואוירן, אַז זי וועט אים מער נישט זען. האָט זי דורכגעפירט איר שבועה? ווען זי איז געקומען אהיים פון דער לוויה, האָט זי אין הויז ניט געקענט איינזיצן, ס'האָט איר געצויגן אין גאַס, אפשר וועט זי אים אָנטרעפן און, ווען זי האָט אים אָנגעטראָפן, איז זי געוואָרן אַזוי אין כעס אויף אים און אויף זיך, אַז זי האָט איר גאַנצן צאָרן אויף אים אויסגעגאָסן. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן אַהיים, זי האָט אָבער ניט געקענט. זי האָט ניט געוואָלט ער זאָל זי פירן אַהיים, דאָך האָט זי זיך ניט געאיילט און געוואַרט ביז ער האָט זי אָנגעיאָגט. זי האָט אים ניט דערוואַרטעט, דאָך האָט זי אַלע מאָל געקוקט אין פענסטער טאָמער וועט ער קומען און, ווען ער איז געקומען, האָט זי פון קיין אַנדער זאַך ווי פון אים און זיך ניט געטראַכט. איצט, אַז פּאַטרישיאַ איז געקומען, איז אַ מורא איר באַפאַלן. אפשר וועלן קומען נאָך און נאָך . . . און נאָך גרעסער איז איר שרעק, טאָמער וועט ער אַוועק פון איר, ווי ער איז אַוועק פון זיי. וואָלט זי געווען ווי פּאַטרישיאַ, וואָלט זי זיך אויך געשלאָגן און געקעמפט פאַר אים, אָבער איר

לעבן איז אַן אַנדערער. אין איר פריסטער יוגנט איז איר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס לעבן איז באַשרענקט און קאַרג און ניט אַלץ וואָס מ׳וויל קען מען האָבן. זי איז געזעסן און געשוויגן. מיט אַ ווינקל פון אויג האָט זי געקוקט אויף אים, ווי ער איז געזעסן גלייך און פאַרטראַכט. דער אויטאָמאָביל איז געלאָפן גלייך מיטן לאַנגן ווייסן פאַס אויפן מיטן וועג. וואוהין פאָרט ער?

— וואוהין פאָרט איר?

— ערגעץ ניט. אַזוי זיך.

דאָס איז געווען ניט אמת. ער איז געפאָרן אין אַ באַשטימטן אָרט. דאָרטן האָט ער געוואָלט מיט איר ריידן, ווייל דאָרטן וועלן זיי זיין אומגעשטערט, אָבער אַזוי ווי זי האָט אונטערבראָכן זיינע געדאַנקען, האָט ער אָפּגעדרייט דעם אויטאָמאָביל פון הויפּט־וועג און זיך אָפּגעשטעלט.

— ס׳הייסט, איך ווייס יאָ וואוהין איך פאָר, — איז ער געבליבן זיצן, ניט קוקנדיק אויף איר, — אָבער עס איז נאָך צו פרי פאַר דאָרטן.

— וואו איז עס?

— דאָרט וואו מיר זיינען געווען מיט עטלעכע אָוונטן צוריק.

— איך וויל מיט אייך ריידן, — האָט זי, נאָך אַ לאַנגן שווייגן, זיך אָנגערופן.

— כ׳ווייס, — האָט ער געענטפערט, — וועגן פאַטרישיאַן.

— יאָ. איר האָט מיר גאָרניט געזאָגט וועגן איר.

— כ׳האָב אייך ניט געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן איר.

— זי מוז דאָך האָבן אַ שייכות מיט אייך.

— ניין.

— פאַרוואָס־זשע איז זי געקומען?

— אַזאַ מענטש איז זי.

זי האָט אים געגלויבט מיטן גאַנצן האַרצן, דאָך האָט זי געוואָלט אַז ער זאָל איר זאָגן נאָך און נאָך, אַז פאַטרישיאַ מיינט פאַר אים גאָרניט און, ווען ער האָט געשוויגן אַ לענגערע צייט, האָט זי זיך אָנגערופן:

— איר ווייסט ניט ווי גוט איך האָב געפילט דעם גאַנצן פרימאָרגן. איך האָב געטראַכט פון אַזעלכע וואונדערשיינע זאַכן, פּלוצלונג האָט זי זיך באַוויזן און אַלץ איז פאַרשוואונדן.

— וואָס האָט זי געזאָגט?

— זי איז מיר ניט געפעלן געוואָרן, האָט מיך ניט געאַרט וואָס זי האָט געזאָגט.

— פאַרוואָס־זשע זייט איר אַזוי צעערגערט פון איר באַזוך ?
— ווייל איר האָט מיר קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן איר.
— זינט איך קען אייך האָב איך זיך איינגאַנצן פאַרגעסן אָן איר.
— און פריער ?
— ווען ניט מיין פאָטער וואָלט איך קיינמאָל ניט געטראַכט פון איר. (פויזע) לויט זיין רעכענונג האָט זי פון מיר געזאָלט מאַכן דאָס וואָס ער האָט געוואָלט און ניט געקענט.
— וואָס ?
— אַ געשעפטס מענטש. (פויזע) מיין פאָטער האָט פון מיינע געשעפטס־פייאיקייטן קיינמאָל ניט געהאַלטן און, ווען דער טאָג פון איבערגעבן מיר די וועבעריי האָט זיך דערנעענטערט, צוליב דעם ווייל ער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער געדענקט, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט איר, וועט זי מיר העלפן פירן די געשעפטן. (פויזע) דאָס אַלץ האָב איך זיך דערוואוסט ווען איך בין געקומען אַהיים פון דינסט.
— איר וועט קיינמאָל ניט וויסן ווי שלעכט איר קומען האָט געווירקט אויף מיר.
— איך בעט אייך, פאַרגעסט דערפון.
— אַן אַנדערע קען קומען מאָרגן און אָפּשפּילן די זעלבע סצענע וואָס זי . . .
— קיינער וועט מער ניט קומען.
— ווען איר זייט איינער פון אונדזערע וואָלט איר מיר ניט געווען אַזוי פרעמד.
— איך בין איינער פון אייערע. פאַרוואָס גלויבט איר מיר נישט ?
— איך וויל אייך גלויבן.
— פאַרוואָס־זשע האַלט איר מיך אין איין פאַרדעכטיקן ?
— ווייל מיר האָבן געלעבט אין צוויי באַזונדערע וועלטן.
— די וועלט האָט איר אַליין באַשאַפן.
— וואָס מיינט איר ?
— איך האָב היינט פאַררופן די מענטשן פון דער וועבעריי און גערעדט מיט זיי.
— וועגן וואָס ?
— וועגן דער זעלבער זאַך. איך וויל אָפּשאַפן די פרעמדקייט. איך

ווײל זײן אײנער פון זײ, גלײך מיט זײ, איך וויל מער ניט זײן זײער באַלע־באָס.

— וואָס האָבן זײ געענטפערט ?

— דאָס זעלבע וואָס איר. זײ גלױבן מיר נישט. זײ מײנען, אַז דאָס אַלץ איז אַ שפּיצל און אַז איך וויל זײ מער פאַרשקלאַפן. (פּויזע) איך קען ניט פאַרטראָגן די פרעמדקײט און די מורא וואָס איר אַלע האָט פאַר מיר. איך האָב גערעדט צו זײ און זײ האָבן מיך אָנגעקוקט דערשראָקן, צעטומלט און אָן צוטרוי. בין איך געקומען צו אײך, ווידער דאָס זעלבע. וואָס פאַר אַ באַטרעף קען האָבן פאַטרישיאַס קומען לגבי די זאַכן וואָס איך וויל אויפטאָן ? פאַרוואָס גלויבט איר מיר ניט ? ווען די האַסטיקײט און דער שוואונג פון דער מלחמה האָט זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך בין אינמיטן פון דער וועלט. איך האָב ניט געוואָלט קו־מען צוריק צו דעם אַלטן און דאָס נײע האָט קײן פּנים ניט געהאַט. בויען האָב איך אויך ניט געקענט. איך האָב ניט געהאַט די איניציאַטיווע און בין געווען צו מיד. פאַרשײדענע שטופן בין איך דורכגעגאַנגען — פון פאַרצווייפלונג ביז רעזיגנאַציע. (פּויזע) ווען איך האָב אײך באַגעגנט איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדן. אײדער איך בין אַוועק אין מלחמה, האָב איך אַלץ געזוכט אַ תוך, אַן אינהאַלט. די מלחמה האָט מיך געלערנט : וואָס טויג דער תוך, אַז ס׳איז קײן לעבן ניטאָ. וואָס טויגן פּלענער, ווען ס׳איז ניטאָ קײן צײט זײ דורכצופירן ? מיר רײדן וועגן דעם וואָס עס וועט זײן און מיר פאַרגעסן, אַז דעמאָלט וועלן מיר מער ניט זײן . . . איר ווײסט, ווען מ׳איז אין דער הויך פאַרשווינדן אַלע באַגריפן, וואָס האָבן אַ שײכות מיט ערדישע זאַכן. אַלץ איז אומענדלעך און אומבאַגרענעצט. פלעג איך, ניט־ווילנדיק, אַלע מאָל ווען איך בין געפלויגן, טראַכטן : אַלץ איז דאָ אַזוי רײ־זיק גרויס און רחבותדיק ברײט ; פאַרוואָס זײנען מיר מענטשן אַזוי באַ־גרענעצט און קאַרג ? פאַרוואָס ווילן מיר אַלץ פאַרכאַפּן פאַר זיך און דאָס פאַרכאַפּטע אַרומצאַמען מיט הויכע שטעכיקע צאַמען, אַז אַ פרעמדער זאָל ניט אַרײַן ? פאַרוואָס זאָל אונטן אַלץ ניט זײן אַזוי פרײ ווי אויבן ? איך ווײס, אַז דאָס זײנען ייִנגלשע געדאַנקען, אָבער איך האָב געזען מער קאַלי־קעס און טויטע, ווי אַלע זקנים פון דער וועלט. איך האָב זײ געהערט פּלאַ־נעווען און אינמיטן פון זײערע פּלענער זײנען זײ אומגעקומען . . . איך האָב דערהאַלטן בריוו פון פאַטרישיאַן, אָבער איך האָב אויף זײ ניט געענט־פערט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַפרײען אַ וועלט און זי האָט מיר

געשריבן וועגן די קאַפּריזן פון אירע פערד און הינט. אירע בריוו האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אומעט. צו וואָס דאַרף מען אַ פרייע וועלט פאַר אַזעל־כע מענטשן ? און ווען איך בין געקומען אַהיים האָב איך געזען, אַז פּאַט־רישיאַ איז ניט געווען די איינציקע — אַלע האָבן געטראַכט דאָס זעלבע. אויב ניט פון פערד און הינט, איז פון ענלעכע זאַכן. מיין פאָטער איז נאָך אַלץ געווען פאַרנומען מיט בויען זיין צאַם העכער און שטאַרקער, כאָטש זיינע טעג זיינען געווען געציילטע . . . איך האָב ווייטער ניט געקענט אַנ־גיין. איך בין מקנא געווען די מיליאָנערן, וועלכע זיינען געשטאָרבן מיטן געדאַנק, אַז מיט זייער טויט טוען זיי אויף גרויסע זאַכן. אָבער וואָס זאָל איך, דער לעבעדיקער, טאָן ? איך ווייס אַלע אָנהויבן און סופן. לעבן און טויט האָבן פאַר מיר מער קיין מיסטעריע. איז געבליבן פאַר מיר איין זאַך צו טאָן — מאַכן גליקלעכער די אומגליקלעכע, העלפן זיי מיט וויפיל איך קען. אָבער איך האָב קיין מוט און קיין כוח ניט געהאַט. עס האָט מיר גע־פעלט די איניציאַטיווע, און איך וואָלט אפשר אַוועק אין די וועגן וואָס מיליאָנען פאַר מיר האָבן געטאָן : זיך קינסטלעך פאַרטויבן. זייט איר גע־קומען און מיר געגעבן מוט און כוח און, ווען איך האָב זיך דערפילט שטאַרק און מוטיק עפּעס צו טאָן, קומט איר און פּרואווט ווידער אין מיר אַריינ־וואַרפן דעם צווייפל . . .

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געקוקט אין דער ווייטקייט. לאַנגזאַם האָט זיך רויט אויסגעדרייט צו אים. זי האָט אים אַרומגענומען מיטביידע הענט. זיין גאַנצער קערפּער האָט נאָכגעגעבן דעם דרוק פון אירע הענט. זיין קאָפּ איז געפאַלן אויף איר בוזים און זי האָט באַדעקט זיין פּנים מיט קושן.

ווען די פאַבריק־אַרבעטער זיינען געקומען אַהיים, זיינען די ווייבער זיי געגאַנגען אַנטקעגן און זיי דערציילט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען דורכן טאָג. די מענער האָבן אויך געבראַכט נייעס פון דער וועבעריי, נאָך בע־סערע נייעס פון די וואָס זיי האָבן זיך דערוואוסט אין דערהיים. זיי האָבן דערציילט, אַז מעלווין האָט אינמיטן דער אַרבעט געהייסן אָפּשטעלן די מאַ־שינען, געהייסן די אַרבעטער זיך צוזאַמענקלייבן אין איין אָרט און ער האָט גערעדט צו זיי אפשר אַ האַלבע שעה. ניט אַלע האָבן פאַרשטאַנען וואָס

ער האָט געזאָגט, אָבער איין זאַך איז זיכער, אַז פאַר דער האַלבער שעה וואָס זיי האָבן ניט געאַרבעט, וועט ער ניט אַרונטעררעכענען. אויך אַלץ וואָס איז געוואונען געוואָרן אין סטרייק איז געוואונען, און צו דעם אַלעם וויל ער זיי נאָך געבן נאָך אַ סך זאַכן, וואָס אין די סטרייק־פאָדערונגען איז אַפילו ניט דערמאָנט געוואָרן. האָבן זיי אויסגעקליבן אַ קאָמיטע צו זען וואָס נאָך זיי ווילן.

אַ סך פון זיי האָבן נאָך געדענקט די רעדע וואָס דזשאָהן דזשיי היל־טאָן האָט געהאַלטן פאַר זיי, ווען ער האָט איבערגענומען די וועבעריי. ער האָט דעמאָלט ניט גערעדט אַזוי לאַנג ווי מעלווין, אָבער די עטלעכע ווער־טער, וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען גענוג זיי זאָלן מורא האָבן פאַר אים.

— ער איז דער באַלעבאָס און זיי זיינען די אַרבעטער, — האָט דזשאָהן דזשיי הילטאָן זיי דעמאָלט געזאָגט. — זיי ווילן וואָס מער געלט און וואָס ווינציקער שטונדן אַרבעטן. ער וועט זיי צאָלן וואָס ווייניקער און זיי וועלן אַרבעטן וואָס מער און אויב זיי וועלן באַשליסן צו סטרייקן, וועלן זיי אויס־געפינען ווי שטאַרק ער איז.

אַ סך האָבן געפּרואווט פאַרגלייכן יענע רעדע מיט מעלווינס, אָבער מעלווין האָט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וואָס זיין פאָטער האָט געזאָגט. מעל־ווין האָט גערעדט פון מלחמה, פון אַ נייער וועלט, אַז צווישן זיי און אים איז גאָר ניטאָ קיין אונטערשייד, און אַז זיי זיינען באַרעכטיקט צו אַלע זאַכן פּונקט ווי ער, און אַז ער וועט טאָן אַלץ וואָס ער קען זיי זאָלן עס קריגן.

פיליפ דיוויס איז גלייך אַרויס מיט אַ סברה, אַז די רעדע וואָס דער טאַטע האָט געהאַלטן מיט צען יאָר צוריק און די רעדע וואָס דער זון האָט היינט געהאַלטן, איז איינע און די זעלבע, מער ניט, דער טאַטע האָט גערעדט אָפן און דער זון האָט גערעדט פאַרשטעלט.

אין דער אמתן האָט מעלווין טאַקע ניט געהאַט בדעה אַז די וועבעריי זאָל אַנגיין אויף די פריערדיקע יסודות. ער האָט געוואָלט אַז קיין איין מענטש אין דער וועבעריי זאָל ניט זיין געקריוודעט. אדרבה, ער האָט גע־וואָלט, אַז די פּראָפיטן זאָלן צעטיילט ווערן גלייך. סוף יאָר וועט ער זיי צושטעלן אַ רעכענונג פון דעם איינקונפט און די אויסגאַבן.

אויב די נייעס האָט געבראַכט פרייד אין די הערצער און געמיטער פון די איינוואוינער פון טאַל, האָט עס פיטערן זייער שטאַרק געטראָפן. ער איז ניט געווען ווי אַנדערע, וואָס האָבן געצווייפלט אין מעלווינס רייד. ער האָט אים גאַנץ גוט געקענט און ער האָט געוואוסט, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט מיינט

ער. פּיטער האָט זיך שוין אויך דערוואוסט וועגן טעלעפאָן, וואָס מעלווין האָט אַריינגעשטעלט אין רוטס הויז. ער האָט אים די לעצטע עטלעכע טעג פון אויג ניט אַרויסגעלאָזט און ער איז געקומען צום שלוס, אַז מעלווין איז טאַקע אויף אַן אמת פאַרליבט.

פּיטער האָט שוין אַלץ אויסגעאַרבעט אין קאָפּ. אויב מרס. הילטאָן פילט טאַקע צו אים אינערלעך ווי זי ווייזט לעצטנס אַרויס, איז אַלץ געלייזט. זי וועט זיכער אָננעמען זיין ליבעס־פאַרשלאַג און, טאָמער וועט זי זיך קווענקלען, וועט ער איר אָפן זאָגן וועגן די געפאַרן וואָס שטייען איר פאַר, אויב מ׳זאָל לאָזן מעלווינען אָנגיין מיט זיינע משוגעתן. זי מוז אַוועקנעמען די וועבעריי פון מעלווינען און לאָזן אים, פּיטערן, פירן די וועבעריי. אויב מרס. הילטאָן וועט דאָס אויך צוריקווייזן, וועט ער גיין צוריק אין דער וועבעריי און אויף אַזאַ אופן וועט ער דאָרט ווערן כאָטש אַ שטיקל באַלעבאָס, אויב ניט קיין גאַנצער.

איין זאַך האָט פּיטער באַשלאָסן: ניט וואַרטן ביז מרס. הילטאָן וועט זיך אים דערקלערן אין ליבע, ווייל אַזוי שנעל ווי מעלווין וועט דורכפירן זיין באַשלוס וועגן דער וועבעריי, וועט ער בלייבן אינגאַנצן אויסגעשטעלט.

פּיטער האָט לאַנג ניט באַדאַרפט וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט צו ריידן מיט דער מרס. הילטאָן. מעלווין האָט אָפּגערופן פון רוטס הויז, אַז ער וועט דאָרטן עסן און מ׳זאָל אויף אים ניט וואַרטן. איז מרס. הילטאָן געזעסן איינע אַליין ביים טיש, געגעסן איין געריכט נאָכן צווייטן, וואָס פּיטער האָט דערלאַנגט און ווען זי האָט איינגעשטילט איר הונגער, האָט זי אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט צו פּיטערן:

— דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז קיין גוטס וועט ניט אַרויסקומען פון דעם וואָס מעלווין ליגט ביי רוטן טאָג און נאַכט.

דאָ האָט פּיטער דערפילט, אַז ס׳איז געקומען זיין געלעגנהייט צו ריידן מיט איר. האָט ער איר גלייך געענטפערט:

— אַ האַרץ איז אַלע מאָל אַ נביא.

גלייך האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט זי לויבן ביזן הימל, וואָס פאַר אַ גע־וואַלדיק קלוגע פרוי זי איז, ווי גוט זי פאַרשטייט זאַכן. אין זיין גאַנצן לעבן געדענקט ער ניט ער זאָל האָבן אָנגעטראָפן איין מענטשן, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ קאָנסטרוקטיוון פאַרגעפיל ווי זי. דערביי האָט ער צו־געגעבן: — ניט נאָר וועט קיין גוטס ניט אַרויס, נאָר ס׳איז שוין ערגער ווי מ׳קען זיך פאַרשטעלן. ער האָט איר דאַן דערציילט אַלץ וואָס ער האָט

געוואוסט וועגן דעם וואָס מעלווין האָט געהאַט בדעה צו טאָן און ער האָט פאַרענדיקט:

— ווער נאָך קען אַזוי מעלווינען ווי איר?

— כ'ווייס גאָרניט וואָס צו טאָן מיט אים. דאָס געשעפט וועט אונ־טערגיין מיט זיין פּירעכץ.

— יאָ, — האָט פּיטער צוגעגעבן, — דאָס געשעפט וועט זיכער אונ־טערגיין, אָבער זי קען עס נאָך ראַטעווען, — האָט ער געלאָזט פאַלן אַ באַ־מערקונג.

— ווי אַזוי?

— איבערנעמען דאָס געשעפט.

— וואָס ווייסט זי פון געשעפט?

— זאָל זי עס איבערנעמען און איבערגעבן איינעם וואָס ווייס יאָ.

— וועמען?

אַנשטאָט איר זאָגן דירעקט „מיר!", האָט פּיטער באַשלאָסן צו מאַכן עס מער דיפּלאָמאַטיש. קודם־כל איר ווייזן וואָס פאַר אַ גרויסער מענטש ער איז: צווייטנס, אַז ער האָט געאַרבעט אין דער וועבעריי און קען אויס־געפונדן יעדע אָפּטיילונג.

פּיטער איז געווען זיכער, אַז אין די צען יאָר, זינט ער איז געקומען אין שלאָס, האָט דזשאָהן דזשיי איר קיינמאָל ניט געזאָגט עפּעס וועגן זיינע פּלענער אין דער וועבעריי. ער קען דעריבער איר זאָגן איצט וואָס ער וויל. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, ניט־בעטנדיק קיין דערלויבעניש, און אָנגע־הויבן:

— איר זייט אונטערן איינדרוק, אַז איך בין דאָ, ווייל איך האָב דע־מאָלט געראַטעוועט מר. הילטאָנען. ניין! דאָס וואָס איז דאָן געשען איז געווען בלויז אַ מיטל, אַז מר. הילטאָן זאָל מיך אַוועקנעמען פון דער וועבע־ריי, פּשוט דערפאַר ווייל מר. הילטאָן האָט מיך געוואָלט האָבן לעבן זיך די גאַנצע צייט. איך האָב געהאָלפן מר. הילטאָנען איבערנעמען די וועבעריי. אָן מיר האָט ער ממש זיך ניט אַ ריר געטאָן. וואָס ער האָט באַשלאָסן צו טאָן, האָט ער מיך געפרעגט וואָס איך דענק וועגן דעם. און ווייסט איר פאַרוואָס? איך בין געבוירן געוואָרן צווישן זיי. איך ווייס וואָס פאַר אַר־גומענטן זיי צו געבן. זיי זיינען מאָדנע מענטשן, מיט אַ קלייניקייט קען מען זיי אונטערקויפן, און איך האָב אַלע מאָל געוואוסט ווי אַזוי. דערפאַר האָט מיך מר. הילטאָן געוואָלט דאָ האָבן די גאַנצע צייט. איר ווייסט, אַז ווען

ניט איך, וואָלט ער דעם לעצטן סטרייק ניט נאָכגעגעבן?
— ווען ער וואָלט ניט געווען קראַנק, וואָלט געווען אַנדערש.
— דערפאַר טאַקע האָב איך אים געהייסן אַלץ נאָכגעבן.

ער האָט געלאָזט פאַלן די באַמערקונג צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט לאָזן אויף איר. ווען זי האָט ניט געענטפערט, האָט ער געפילט, אַז ער קען אַנגיין אומגעשטערט און ער האָט זיך צוריקגעקערט צום ענין.

— איז, ווי איך האָב אייך געזאָגט, איצט טאָרט איר זיך ניט פאַרלאָזן אויף מעלווינען. ער קען ניט די מענטשן און ער ווייסט זייער ווייניק וועגן געשעפט.

פיטער איז אַביסל אוועק פון זיין אייגענעם ענין. ער האָט איבערגע־לאָזט די געשעפטס־זייט און זיך גענומען צו איר פערזענלעך.

— אייך האָט דער טויט פון מר. הילטאָן געטראָפן מער ווי אַלעמען.
— יאָ, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ זיפץ.

— חוץ דעם וואָס איר האָט אים פאַרלאָרן אַלס מאַן, האָט איר אויך פאַרלאָרן איינעם פון די בעסטע געשעפטס־מענטשן. אָבער, — האָט ער, ווי זיין שטייגער, גענומען רעדן פילאָזאָפיש, — צוריק לעבעדיק מאַכן קען מען אים ניט. דאָס איינציקע וואָס איר האָט באַדאַרפט איצטער טאָן, אין אייער פאַל, איז קריגן עמיצן וואָס זאָל פאַרנעמען זיין פלאַץ.

— איר מיינט איך זאָל חתונה האָבן?
— פאַרוואָס נישט?
— איך בין שוין צו אַלט.

— איר טאָרט אַזוי ניט טראַכטן, — האָט ער אָנגענומען אַ טאָן פון מוסר. — מ׳דאַרף בלויז טראַכטן אַז מ׳איז אַלט, ווערט מען אַלט אין אמתן. נעמט מיך, למשל, איך זע אויס יונג, נישט? אין אמתן בין איך אַ סך על־טער. איר ווייסט פאַרוואָס? איך טראַכט קיינמאָל נישט פון אַלט ווערן.

דאָס האָט ער איר געזאָגט מיט אַ כיוון, זי זאָל ניט דענקען, אַז ער איז צו יונג פאַר איר.

ווי אַ קאַץ, וואָס היט די נאָרע פון אַ מויז, אַזוי האָט פיטער געהיט איר יעדע באַוועגונג. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו ריידן אַזוי לאַנג ביז ער וועט זען אַן ענדערונג אויף איר פנים. ביז איצט האָט ער געפּרוּווט צו־פירן דעם שמועס אַז זי זאָל עפּעס זאָגן. ווען זי האָט געשוויגן האָט ער אָנ־געהויבן פון אַן אַנדער ווינקל.

— אפשר בין איך באַגאַנגען אַ נאַרישקייט וואָס איך האָב ניט חתונה

געהאַט ביז איצט, כאָטש אײדער איך בין אָנגעקומען אַהער בין איך געװען פאַרלאָבט. מײן כלה און איך האָבן שױן אַפילו געהאַט באַשטימט דעם טאָג פון אונדזער חתונה.

— פאַרװאָס־זשע האָסטו ניט חתונה געהאַט?

— צװײ זאַכן זײַנען געשטאַנען אין װעג: ערשטנס, װען איך האָב חתונה געהאַט, װאָלט איך ניט געקענט אַזױ געטרײַ אָנהאַלטן מײַן שטעלע דאָ.

ער איז אַנטשװיגן געװאָרן. ער האָט עס געװאָלט זען צי פאָלגט זי אים נאָך. איר פּנים האָט ניט געהאַט קײן שום אױסדרוק. װי עס װײַזט אױס האָט זי אָבער יאָ נאָכגעפאָלגט, װײַל זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— פאַר אים האָט דאָ אין שלאָס געאַרבעט אַ פאַרהײראַט פּאָר פאָלק.

דאָס איז אָבער ניט געװען דער ענטפער, װאָס ער האָט דערװאַרט.

— װי איך האָב אײַך געזאָגט, — האָט ער זיך צוריקגעקערט צום פריערדיקן שמועס, — איז דאָס געװען א י י נ ע פון די אורזאַכן; די צװײטע אורזאַך איז װירקלעך געװען די א מ ת ע אורזאַך, פאַרװאָס איך האָב ניט חתונה געהאַט.

ער האָט מורא געהאַט טאָמער טרינקט זי אױס די קאַװע און גײט אַװעק פון טיש, װעט ער מער קײן געלעגנהײט ניט האָבן צו רײדן מיט איר. האָט ער באַשלאָסן אָנצוגײן מיטן שמועס, װײַל ער מוז װיסן װאו ער האַלט אין דער װעלט.

— איר װעט קײנמאָל ניט גלױבן, — האָט ער איר געקוקט גלײַך אין די אױגן, — אַז די צװײטע אורזאַך פאַרװאָס איך האָב ניט חתונה געהאַט זײַט איר.

ענדלעך האָט די הױט, װאָס איז אַרונטערגעהאַנגען פון בײדע באַקן און מאָרדע, זיך אַ שאָקל געטאָן. זי האָט אױפגעהױבן די אױגן און אַ קוק גע־געבן אױף אים.

— איך?

— יאָ. װי איך האָב אײַך דערזען דאָס ערשטע מאָל, האָב איך צו זיך געטענהט: איך װעל ניט חתונה האָבן ביז איך װעל ניט קריגן אַזאַ פרױ װי איר. און ביז הײַנטיקן טאָג האָב איך מײַן מײנונג ניט געענדערט.

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט ער שװער אָפּגעאָטעמט.

— איך האָף, אַז איר זײַט ניט פאַרליבט אין מיר.

— איך קען ניט זאָגן, אַז איך האָב געטראַכט װעגן דעם װען דזשאָהן דזשײ האָט געלעבט.

מרס. הילטאָן האָט געוואוסט, אַז וואָס פּיטער האָט איר געזאָגט איז ניט אמת, אָבער ס'איז שוין באַלד דרייסיק יאָר, זינט דזשאָהן דזשיי האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע, אַז קיין מאַן האָט איר ניט קאָמפּלימענטירט. האָט עס איר אויסגעפּעלט? אוודאי. אין אָנהויב פלעגט זי צעגיין פון בענקשאַפט נאָך אַ לאָסטשענדיקן וואָרט, אָבער אויף אַלע פראַגן פלעגט ער איר ענטפערן מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. אויף איר אופן האָט זי געפּרוואווט פאַרשיידענע וועגן ווי צו לאָזן אים וויסן, אַז זי עקזיסטירט. זי פלעגט מיט אַ כיוון לאָזן אָפן די טיר פון איר שלאָף־צימער. זי האָט געוואוסט, אַז ער וויל די טיר זאָל זיין פאַרמאַכט, האָט זי געטראַכט: אפשר וועט ער איר זאָגן — פאַרמאַך די טיר! — אָדער, אפשר וועט ער פאַרבייגיין, אַריינקומען און זיך צוזעצן אויפן בעט. נו, פלעגט ער אַלע מאָל פאַרבייגיין און פאַרמאַכן די טיר מיט אַ זעץ. דאָס איז אַזוי לאַנג אָנגעגאַנגען, ביז זי האָט אַליין אָנגעהויבן פאַרמאַכן די טיר. אין פאַרלויף פון יאָרן איז אין איר דער געפיל אָפּגעטעמפּט געוואָרן און, ווען זי פלעגט אויף זיך אַ קוק טאָן אין שפּיגל, פלעגט זיך איר דוכטן, אַז איר נאָז איז נאָך פלאַטשיקער און זי אַליין איז גרעבער ווי זי איז, און אירע אויגן האָבן גאָר קיין אויסדרוק ניט. דערנאָך איז געקומען אַ צייט ווען זי האָט פאַרלאָרן דעם פאַרלאַנג צו קויפן נייע קליידער. דאָס איז אים שוין דערגאַנגען צום האַרצן, האָט ער איר געזאָגט:

— קויף זיך אַ קלייד!

זי האָט געמיינט, אַז ענדלעך הויבט ער ווידער אָן זי באַמערקן. דער אמת איז געווען, אים איז פּשוט ניט אָנגעשטאַנען וואָס זי גייט אַזוי אָרום. ער האָט דאַן געהאַלטן אין וואַקסן און ער האָט געוואָלט דורך אירע קליידער, וואָס זי טראָגט, זאָלן אַלע זען ווי ער וואַקסט. איין זאַך האָט זי אויפגעטאָן מיט דעם וואָס זי האָט אָנגעהויבן גיין איבער די געשעפטן זוכן קליידער — מ'האָט איר פאַרזיכערט, אַז איר קערפּער איז ניט אַזוי מגושמדיק; אַז טונקל רויט ברענגט בוילעט אַרויס דעם קאָליר פון אירע אויגן; אַז דער און דער שוך וועט מאַכן איר פוס אויסזען קלענער, און אַז די קלייד איז פאַר איר פיגור ווי אָנגעמאָסטן.

פלעגט זי גאַנצע טעג אָפּליגן אין די געשעפטן און שטילן איר הונגער נאָך קאָמפּלימענטן, אָבער וואָס זי האָט געוואָלט, איז געווען קאָמפּלימענטן פון אַ מאַן, ניט פון פרויען, וואָס מעסטן איר די קליידער, און דאָס האָט זי ניט געקראָגן ביז היינט אָוונט, פון פּיטערן. זי האָט געפילט, אַז די נייעס

וואָס פּיטער האָט איר געבראַכט וועגן מעלווינען, רוטן און דער וועבעריי, איז זייער וויכטיק, דאָך איז זי געווען מער פֿאַראינטערעסירט אין דעם וואָס פּיטער האָט געזאָגט וועגן איר.

— וואָס האָט איר געטראַכט וועגן מיר ווען דזשאָהן דזשיי האָט גע־לעבט? — האָט זי געפֿרעגט.

דער גרויסער מאָמענט איז געקומען. פּיטער האָט דאָך מורא געהאָט צו רעדן דירעקט, האָט ער אָנגעהויבן:

— מר. הילטאָן האָט געהאַט אַ סך מעלות. געווען זייער קלוג. געהאַט אַ גוטן קאָפּ אויף די אַקסלען. געוואוסט ווי צו רעדן מיט אַ מענטשן, אָבער וואָס אמת איז אמת, קיין שיינער, ווי מ׳זאָגט, איז ער ניט געווען. האָב איך אַלע מאָל געטראַכט: אַ וואונדער ווי די מרס. הילטאָן זעט אויס?

ווי פֿון אונטערן טיש האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פֿאַרדומפּטער קול:

— נו?

— איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דאָ טרעפֿן אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע, אָבער ווען איך האָב אייך דערזען, האָב איך געזאָגט צו זיך: מר. דזשאָהן דזשיי הילטאָן! דו האָסט אַ שיינע מלוכה, דו האָסט אָבער אויך אַ שיינע מלכה. (פּויזע) ווען איך האָב אייך געזען דאָס ערשטע מאָל אַרונטערגיין פֿון די טרעפּ, האָב איך געפֿילט ווי קניען פֿאַר אייך.

מרס. הילטאָן האָט געפֿילט ווי איר גרויסער, ברייטער ברוסט־קאַסטן איז מיט אַמאָל איינגעשרומפּן געוואָרן. זי האָט ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. ווען דאָס איז ניט פּיטער, וואָלט זי איצט אַריינגעפֿאַלן צו יענעם אין די אָרעמס, זי וואָלט פֿאַרמאַכט די אויגן און אים געבעטן, ער זאָל ניט אויפֿהערן ריידן. זי וואָלט אַזוי אָפּגעלעגן חדשים און געהערט די רייד, וואָס זי האָט אַזוי פֿיל יאָרן געוואָלט הערן.

פּיטער האָט געקוקט אויף איר. איר פּנים האָט זיך ניט באַוועגט, בלויז אירע אויגן זיינען געווען מער אַרויסגעשטאַרטשעט. די ווינקלען פֿון ביידע זייטן מויל זיינען געווען מער איינגעגראָבן און די צוויי פֿאַסן הויט פֿון ביידע זייטן באַקן, ווי אויך די מאָרדע, וועלכע איז שיִר ניט געהאַנגען אויפֿן האַלדז, האָבן זיך באַוועגט. פּיטער האָט שוין חרטה געהאַט אויפֿן גאַנצן עסק. איינס נאָך דאָס אַנדערע זיינען דורכגעלאָפֿן דורך זיינע געדאַנקען אַלע פּרויען, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָליע אין זיין לעבן. קיין איינע איז ניט געווען אַזוי מגושמדיק ווי זי. ווי מיאוס זיי זיינען געווען, האָבן זיי געהאַט שיינע קערפּערס. דאָ זיצט זי — אַ באַרג פֿלייש! פּעטע, פֿאַרגאָסענע אויגן;

קורצע, אָפּגעלעבטע, אָפּגעקראָכענע האָר ; קורצע, גראָבע הענט. די פּיס האָט ער ניט געזען, אָבער ער האָט געגוי געוואוסט ווי זיי זעען אויס. פון בחורוויז אָן האָט ער געמאַכט אַ שטודיום וועגן פּרויען־פּיס. איצט האָט ער געדאַרפט בלויז פון ווייטנס אַ קוק טאָן ווי אַ פרוי גייט און ער האָט שוין געוואוסט גענוי וואָס פאַר פּיס זי האָט. ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן פון אירע פּיס איז אים דורך אַ ציטער איבערן לייב.

אפשר האָט ער טאַקע געמיינט דאָס וואָס ער האָט איר פריער געזאָגט, אַז „זי פּאַסט זיך אַריין אין דער מלוכה״. ביז זיין אָנקומען אין שלאָס האָט ער קיינמאָל ניט געזען אַזאַ ריזיקע הויז, פון אינעווייניק, מיט אַזעלכע גרויסע שטיקער מעבל. אַלץ איז געווען אַזוי גרויס און ריזיק. מר. הילטאָן איז געווען קליין און נישטיק, ‏דערפאַר האָט די גרויסע, גראָבע מרס. הילטאָן זיך טאַקע געפּאַסט אַהין, פונקט ווי דער גרויסער טיש, די גרויסע שטולן, ווי דער גרויסער, ריזיקער זייגער, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל. (עס פלעגט אים נעמען אַ האַלבן טאָג ביז ער פלעגט אים אַרומשטויבן). היינט דער אויוון, דער אייז־קאַסטן אין קיך ! ער האָט קיינמאָל פריער אַזעלכע גרויסע אויוונס ניט געזען. איצט האָט ער שוין געזען די מרס. הילטאָן ניט מיט יענע אויגן. ער האָט זיך צוגעוואוינט צו דעם הויז, צו די גרויסע, מאַסיווע שטיקער מעבל, אָבער צו איר האָט ער זיך ניט געקענט צוגעוואוינען. ניט איין מאָל האָט ער געטראַכט וועגן דער מאַן־ און ווייב־פאַרבינדונג, צווישן דזשאָהן דזשיי און איר, און אַלע מאָל פלעגט ער זיך פונאַנדערלאַכן אויפן קול.

ער האָט ניט געטראַכט פון זיך אַלס איר מאַן און אַז ער וועט דאַרפן שלאָפן מיט איר אין איין בעט, נאָר ער האָט זיך געזען אַלס דער אייגנטימער פון דער וועבעריי. די אַלע, וועלכע האָבן גערעדט אויף אים שלעכטס וועט ער גלייך אַרויסוואַרפן ! האַלב מידלוויל וועט ער אַרויסוואַרפן פון די הייזער ! ער וואָלט געבראַכט אַהער נייע מענטשן, וועלכע ווייסן ניט ווער ער איז געווען און ער וואָלט פאַר זיי געהאַלטן די זעלבע רעדע וואָס דזשאָהן דזשיי הילטאָן.

— איך בין דער באַלעבאָס און איר זייט די אַרבעטער !

ער וועט אָנשטעלן וואָס מער מענטשן. זאָלן אַלץ מער און מער וויסן, אַז ער איז באַלעבאָס ! אומעטום וועלן זיין פאַרבאָרגענע פענצטער, דורך וועלכע ער וועט אַלע מאָל קענען זען ווער עס אַרבעט געטריי. דאָס וואָס ער האָט ניט געקענט פועלן ביי דזשאָהן דזשיי הילטאָן, וועט ער אַליין

דורכפירן. ער וועט אויך אַנשטעלן מער פרויען (זאָל זיין פון וועמען צו קלייבן). זיין סעקרעטאַרשע וועט זיין אַ סך יונגער, און פאַרוואָס ניט האָבן צוויי סעקרעטאַרשעס? איינע זאָל זיצן מיט אים אַלע מאָל אין אָפיס...

מיט איר גאַנצער מאַסיווער שווערקייט האָט די מרס. הילטאָן איצט געקוקט אויף אים. זי האָט געוואַרט ער זאָל איר זאָגן נאָך און נאָך זאַכן, אָבער פיטער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע פּראָבלעמען. ער איז געווען צווישן צוויי פייערן — פּגרן פון הונגער, אָדער האָבן גאַנץ מידלוויל אונטער זיינע פיס... ווען זי איז ניט אַזוי גראָב! אַזוי גרויס... ווען זי האָט כאָטש דעם אויסזען פון אַ פרוי... און, צוריק גערעדט, וואָס טוען ניט מענטשן צוליב דערפאָלג?... שטעלט מען ניט איין דאָס לעבן?... ער וועט בלויז דאַרפן שפּילן די ראָליע פון איר געליבטן... אָבער וואָס פאַר אַ באַלוינונג וועט ער קריגן דערפאַר! גאַנץ מידלוויל אונטער זיין קנאַפּל!

פיטער האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַז ער האָט זיך פאַרגעסן, אַז ער איז געזעסן לעבן איר. זי האָט אָבער שוין געוואָלט אַז ער זאָל ריידן, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— און וואָס איז געוואָרן פון אייער כלה?

— וועלכע?... אַ, יאָ, כ׳ווייס ניט.

— האָט זי חתונה געהאַט?

— מסתמא.

אויף אַזאַ זאַך האָט ער זיך ניט געריכט. די גאַנצע מעשה מיט דער כלה האָט ער אויסגעטראַכט, כדי איר געבן אַן אָנצוהערעניש, אַז ווי נאָר ער האָט זי דערזען, האָט ער זיך אַזוי פאַרליבט אין איר, אַז ער האָט פאַרגעסן די כלה. נאָר אַ קוק טוענדיק אויפן באַרג פלייש מיט די צוויי פאַרגאָסענע אויגן, האָט ער שוין חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק. ער האָט זיך שוין געוואָלט ארויסדרייען, אָבער ווי אַזוי? ער האָט באַמערקט, אַז זי האָט געגעסן אירע ליפּן אין די לעצטע פאַרבליבענע טראָפּנס קאַווע, האָט ער באַשלאָסן, ער׳ט בדאַי אַריינגיין צוריק אין דער ראָליע פון דעם דינער, איידער רעדן וועגן זיין אויסגעטראַכטער כלה.

— וויל זי נאָך קאַווע?

— ניין. אָבער זי פאַרשטייט נאָך אַלץ ניט ווי מ׳לאָזט איבער אַ כלה, מיט וועלכער מ׳האָט שוין אַפילו באַשטימט דעם טאָג פון דער חתונה. אַט אַזוי־אָ. אַזוי האַנדלט אַ מענטש אָן פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

שלעכט! דאָס האָט ניט געאַרבעט. מ׳מוז זוכן אַן אַנדער תירוץ. אָבער פאַרלאָזט זיך אויף פּיטערן!

— שטאַרק האָב איך זי קיינמאָל ניט ליב געהאַט, — האָט ער גענומען ריידן זייער פּאַמעלעך, כדי ער זאָל דערווייל קענען געפינען ווערטער. — זי איז ניט געווען מיין טיפּ.

— האָט עס ניט באַדאַרפט גיין אַזוי ווייט, אַז מ׳זאָל באַשטימען דעם טאָג פון דער חתונה.

— ווען זי קען די „כלה״, וואָלט זי אים ניט באַשולדיקט.

— אָבער דאָך!

— חוץ דעם, האָט זי געהאַט אַ ברודער, צוויי ברידער, וועלכע האָבן זיך געמישט אין זיינע געשעפטן.

— נו, איז וואָס?

— ס׳איז ניט גוט, אַז מ׳דאַרף אַלע מאָל טאָן וואָס יענער וויל.

טראַפּן שווייס האָבן גענומען אַרויסשפּראָצן אויף זיין שטערן. ער האָט געזוכט דאָס נאָזטיכל אָפּצווישן דעם שווייס. באַמערקט, אַז זי האָט געהיט זיין יעדע באַוועגונג, איז זיין האַנט געבליבן אין קעשענע.

— ווען מענטשן וואָלטן פאַרשטאַנען דעם ערנסט פון חתונה האָבן, — האָט ער אָנגעהויבן, ווי זיין שטייגער, אין אַ פילאָזאָפישן טאָן, — וואָלטן אַזוי פיל גט׳ן ניט געווען. און דאָס גט׳ן זיך איז ניט דאָס ערגסטע. אַנדער־רע לעבן אָפּ אַ גאַנצן לעבן ווי הינט! אָדער מ׳רעדט ניט אַרויס אַ וואָרט איינער צום צווייטן. נו, איז ניט בעסער, אַז מ׳צעגייט זיך פאַר דער חתונה?

קיין בעסערן אַרגומענט האָט ער ניט געקענט אויסקלייבן. די ווער־טער האָבן איר געטראָפן טיף אין האַרצן. זי האָט געקראָגן אַ פאַרדאַכט, אַז אפשר וואַרפט ער איר פאַר איר אייגענעם לעבן, האָט זי צוגעגעבן:

— נו, אוודאי זיינען אַ סך חתונות אַ דורכפאַל. (פּויזע) יאָ, זי וויל נאָך קאַווע.

גייענדיק אין קיך, האָט ער זיך באַוואונדערט ווי קלוג ער איז. איצט, האָט ער געפילט, דאַרף ער בלויז באַשליסן וואָס צו טאָן: חתונה האָבן מיט איר, אָדער ניט; די ברירה איז זיינע. ווען ער האָט אין קיך באַגעגנט מאַרזשין, מיט אַ שמייכל אויסגעגאָסן אויף איר גאַנצן פּנים, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, אַז אַ חוץ חתונה האָבן מיט דער מרס. הילטאָן, מוז ערגעץ זיין אַן אַנדערער אויסוועג . . .

יהושע אלקאָן

— מאַרזשי ! — האָט ער זי אַרומגעכאַפּט, — גלויב מיר, דו פּאַסט זיך בעסער צו זיצן דאָרטן ביים טיש, ווי זי.

ער האָט עס געמיינט מיטן גאַנצן האַרצן. מאַרזשי האָט אפשר אַליין ניט געוואוסט סאַראַ שיינעם, גראַציעזן קערפּער זי האָט פאַרמאָגט. ווען זי ווייסט עס וואָלט זי אפשר ניט געוואָרפן די שולד אויף די מענער, למאַי זיי האָבן זי פאַרפאַלגט, נאָר וואָלט זיך אַליין באַשולדיקט. פּיטער האָט ניט באַדאַרפט ביידע הענט אויף אַרומצונעמען זי, איין האַנט איז געווען גענוג. און זי, אַ וואַרימע, אַ פאַרפלאַמטע, האָט זיך געטוליעט צו אים. זי האָט מער ניט אַוועקגעדרייט איר קאָפּ. אירע ליפּן זיינען געווען אומעטום, וואו נאָר ער האָט זיך אַ דריי געטאָן.

— פּיטער, דו האָסט נאָך ניט געגעסן, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַזוי שנעל ווי אירע ליפּן זיינען געווען פריי.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — דו ווייסט ניט וואָס פאַר פּראָבלעמען איך דאַרף דערליידיקן.

— איך ווייס, — האָט זי געענטפערט, — אָבער עסן דאַרף מען דאָך אויך.

— יאָ, זאָל זי צוגרייטן עסן, ער קומט באַלד צוריק.

טראַגנדיק די קאַווע צו מרס. הילטאָן, איז אים איינגעפאַלן אַ געניאַלער געדאַנק: פאַרוואָס דאַרף ער, אייגנטלעך, זיך דערקלערן אין ליבע צו מרס. הילטאָן ? פאַרוואָס דאַרף ער דווקא מיט איר חתונה האָבן ? פאַר־וואָס ניט אַרויסשטופּן מעלווינען ? די וועבעריי קען דאָך זיין אירע, מרס. הילטאָנס, און ער זאָל זיין דער הויפּט־פאַרוואַלטער ? אויף אַזאַ אופן ווערט אַלץ דערליידיקט. ער קען זיין דאַ אָדער ערגעץ אַנדערש און טאָן וואָס ער וויל.

אַזוי שנעל ווי פּיטער האָט עטוואָס באַשטימט אין זיינע געדאַנקען, האָט ער שוין געוואוסט ווי אַרויפצופירן אויף דעם שמועס. אַזוי שנעל ווי ער האָט אַריינגעבראַכט די קאַווע, האָט ער גלייך אָנגעהויבן ריידן:

ער איז זיכער, אַז זי ווייסט וועגן דער וועבעריי מער ווי מעלווין.

— פון וואַנען זאָל זי וויסן ? זי איז קיינמאָל אין דער וועבעריי ניט געווען.

— יאָ, דאָס איז אמת, אָבער מעלווין איז דאָך דאָרטן אויך קיינמאָל ניט געווען.

— אָבער ער איז דאָך פאָרט אַ מאַן.

— דאָס מיינט גאָרניט. אגב, קען זי עמיצן אָנשטעלן, אַ מאַן וואָס וויסט יאָ די געשעפטן.

—קען דאָך דאָס מעלווין אויך טאָן?

— אָבער ער טוט דאָך דאָס ניט. חוץ דעם, טראָגן זיך אַרום קלאַנגען, אַז ער וויל גאָר איבגאַנצן אָוועקגעבן די וועבעריי.

— דאָס גלויבט זי ניט, סיידן זי וועט עס הערן פון זיין מויל.

— און אַז זי וועט עס הערן?

— וויסט זי טאַקע ניט וואָס צו טאָן.

— איז דאָך טאַקע בעסער אַלץ צוגרייטן פריער, כדי אַז ווען עס וועט קומען דערצו זאָל זי וויסן וואָס צו טאָן.

— זי וויל דערפון גאָרניט טראַכטן.

— און זי שטימט איין, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט רוטן?

— וועגן דעם איז זי נאָך אויך ניט זיכער.

— אויב אַזוי איז דאָך ניט אַנדערש אַז זי בלינד. נאָכוואָס האָט ער איר אַריינגעשטעלט אַ טעלעפאָן? און פאַרוואָס ליגט ער דאָרטן אָפּ טאָג און נאַכט?

מרס. הילטאָן האָט געוואוסט אַז פּיטער איז גערעכט, נאָר וועגן דעם האָט זי מיט אים ניט געוואָלט ריידן. פריער אַז ער האָט גערעדט איז געווען עפּעס אַנדערש, אָבער אַז ער האָט גענומען ריידן וועגן מעלווינען און וועגן געשעפטן, האָט זי שוין ניט געקענט פאַרטראָגן. ער האָט זיך שוין גענומען צופיל פרייהייט. אים אָפּענטפערן גראָב האָט זי פונדעסטוועגן ניט געוואָלט, פאַרט דער איינציקער מאַן אין איר לעבן, וואָס האָט איר געזאָגט אַ גוט וואָרט . . .

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען.

מרס. הילטאָן האָט געפילט, אַז קיינמאָל האָט נאָך דער טעלעפאָן ניט געקלונגען אַזוי אין צייט ווי איצטער. פּיטער האָט איר געוואָלט דערלאַנגען דעם טעלעפאָן, אָבער זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וויל ריידן אין איר צימער, איז פאַר פּיטערן געבליבן איין וועג, גיין אין קיך אַריין. אויפן וועג אַהין איז ער געקומען צום שלוס, אַז פאַר אַן ערשטן שמועס האָט ער גערעדט מיט איר איבערגענוג. ער האָט באַרירט אַלע וויכטיקע פונקטן, דערהויפּט איז אים געלונגען אַריינצוואַרפן אַ סך ספקות איר אין האַרצן. ביי דער נעקסטער געלעגנהייט וועט ער איר אַלץ זאָגן פראָסט און פּשוט.

פון דעם ערשטן טאָג וואָס מארזשי איז אָנגעקומען אין שלאָס, האָט זי גלייך איינגעזען, אַז אויב זי וויל אָנהאַלטן די שטעלע, מוז זי זיך אונטער־געבן אונטער פיטערס פאַרלאַנגען. ניט דערפאַר ווייל זי האָט געהאַט אַ שאָטנדיקן באַגריף וועגן מאָראַל, נאָר דערפאַרונג האָט זי געלערנט, אַז דאָס איז דער איינציקער אויסוועג. ניטאָ מער איר דזשאָהן, וועלכער האָט איר געגעבן מוט, זעלבסטשטענדיקייט און האָפענונג. זי איז געבליבן אַליין אין דער גרויסער וועלט.

איידער זי האָט אָנגעטראָפן דזשאָהנען, האָט זי זיך געפילט פונקט אַזוי הילפלאָז און פאַרצווייפלט ווי איצט, אָבער דאַן האָט זי געפילט, אַז אַלץ איז צייטווייליק. סוף־כל־סוף וועט זי אָנטרעפן איינעם, וועלכן זי וועט באמת ליב קריגן, חתונה האָבן מיט אים און זי וועט אויסגעלייזט ווערן פון די צווידייטיקע באַמערקונגען, פינטלען מיט די אויגן, קעמפן, זיך אונטער־געבן און ווידער קעמפן.

איר וואונטש איז מקוים געוואָרן. אויף איינעם פון די פלעצער האָט זי אָנגעטראָפן דזשאָהנען. ער איז ניט געווען ווי די איבעריקע. ניט נאָר האָט ער צו איר ניט געוואונקען און געמאַכט פאַרשלאָגן, נאָר ער האָט איר געמוסרט:

— אַ פרוי אויף אַ שטעלע דאַרף בלויז טאָן איר אַרבעט.

— אָבער זיי לאָזן איר ניט אַרבעטן!

— גיט מען אין די ציין.

— וועט זי פאַרלירן די שטעלע.

— קריגט מען אַן אַנדערע שטעלע.

— אויף דער אַנדערער שטעלע וועט ווידער פאָרקומען דאָסזעלבע.

— גיט מען ווידער אין די ציין.

— ניין, דזשאָהן, דאָס איז דער שיקזאַל פון דער פרוי.

— ס'אַ ליגן! דער מאַן איז ניט שולדיק, ער פּרואווט. אָבער די אמתע שולדיקע זיינען די פרויען, ווייל זיי גיבן נאָך.

האָט זי אים איין מאָל באַוויזן, אַז ווי נאָר זי האָט זיך געשטעלט קעגן, האָט זי פאַרלאָרן די שטעלע. ער האָט איר דאַן געזאָגט:

— זאָל זי זיך ניט זאָרגן. ער וועט איר העלפן ביז זי וועט קריגן אַן אַנדער שטעלע.

— פאַרוואָס טוסטו דאָס, דזשאָהן?

— ווייל דו געפעלסט מיר.

זי האָט זיך גוט צוגעקוקט צו אים און ער איז איר אויך געפעלן גע־

ווארן. זינט דאַן האָט זי זיך דערפילט אַ דערלייזטע, אַ זעלבסטשטענדיקע און אַ גליקלעכע, אָבער איין זאַך האָט זי ניט געקענט פאַרשטיין — פאַר־וואָס האַנדלט דזשאָהן אַזוי פרעמד צו איר. האָט זי אים איין מאָל געפרעגט:

— פילט ער ניט צו איר ווי צו אַ פרוי?

ער האָט איר געענטפערט:

— ער פילט צו איר ווי צו אַלע פרויען צוזאַמענגענומען, און אַזוי ווי ער וויל ניט חתונה האָבן און זיין ווייב זאָל קאָכן פאַר פרעמדע, וועט ער קריגן אַן אַנדער שטעלע, וואו ער וועט פאַרדינען מער געלט.

פון דאַן אָן זיינען זיי געזעסן נאָענט איינער צום צווייטן, זיך געקושט, געליבט. ער פלעגט זי טרייסטן:

— נאָך אין אַ וואָך, צוויי וועט ער קריגן די דערוואַרטעטע שטעלע.

דערוויל איז אָנגעקומען פאַר אים די צייט זיך מעלדן צו מיליטער־דינסט, האָט ער זיך געבעטן ביי איר:

— ער וועט ניט זיין רואיק, סיידן זי וועט וואוינען מיט זיינע עלטערן. אַזוי שנעל ווי ער וועט קומען צוריק פון דינסט, וועלן זיי חתונה האָבן, אויב אַפילו ער וועט קיין שטעלע ניט קריגן.

האָט זי זיך אַריינגעקליבן צו זיינע עלטערן, און אַלע דריי האָבן גע־בעטן גאָט די מלחמה זאָל אויפהערן און דזשאָהן זאָל קומען צוריק. אַ שטיקל צייט נאָכדעם ווי ער האָט געשריבן, אַז דאָ וואו ער איז וועט ער מער ניט זיין, ווייל מ'שיקט אים אַוועק. דערנאָך האָבן זיי געקראָגן די טרויעריקע ידיעה, אַז ער איז געהרגעט געוואָרן. זי האָט דערפילט אַז ביי זיינע על־טערן האָט זי ניט געהאַט מער וואָס צו טאָן, האָט זי איינגעפּאַקט אירע זאַכן און, אָן ווערטער, זיך געלאָזט גיין. זיי האָבן זי פאַרהאַלטן.

— אפשר האָבן זיי געמאַכט אַ טעות, — האָבן די עלטערן זיך געבעטן,

— זאָל זי זיין ביי זיי ביז מ'וועט אויסגעפינען אויף זיכער.

— אָבער ווי אַזוי וועלן זיי אויסגעפינען?

— נאָך דער מלחמה, ווען אַלע וועלן צוריק קומען און ער ניט, וועלן זיי זיין זיכער.

זיי האָבן ניט געדאַרפט וואַרטן ביז אַלע וועלן צוריק קומען. זיינער אַ פריינט האָט דערציילט, אַז ער האָט מיט זיינע אויגן געזען ווי דזשאָהן איז אומגעקומען. זי האָט זיך ווידער גענומען פּאַקן און איצט האָבן שוין די עלטערן אַ וואָרט ניט געזאָגט. זי איז אַוועק און זיך גענומען צו איר פריער־דיקער אַרבעט.

אין דעם יאָר און אַ האַלב, וואָס זי איז געווען מיט דזשאָהנס עלטערן, האָט זי זיך פאַרגעסן וואָס זי איז דורכגעגאַנגען איידער זי האָט דזשאָהנען אָנגעטראָפן. פיטער האָט איר אָן אַלץ דערמאָנט, און זי האָט אים גאָרניט געקענט זאָגן, ווייל זי האָט מער ניט געהאַט דזשאָהנען צו וועמען זי זאָל קענען קומען אויב מ׳וועט זי אָוועקשיקן. זי האָט שטאַרקער דערפילט דזשאָהנס פאַרלוסט, אָבער וואָס האָט זי געקענט טאָן? וואָס מער פּיטער איז צו איר צוגעשטאַנען, אַלץ מער האָט זי באַגריפן איר עלנטקייט און איר הילפלאָזיקייט.

האָט זי באַשלאָסן חתונה האָבן מיט פּיטערן און אַ סוף. אמת, זי האָט אים ניט ליב געהאַט, אָבער איצט האָט זי קיינעם ניט געקענט ליב האָבן. זי האָט געדאַרפט אַ וואַנט אָן וואָס זיך אָנצושפּאַרן און, זאָל די בענקשאַפט נאָך ליבע אָנהויבן דריקן איר האַרץ, וועט זי טראַכטן פון דזשאָהנען...

אַז פּיטער האָט זי האַלד האָט זי געדרונגען פון די זיסע רייד, וואָס ער האָט גערעדט צו איר און פון דעם וואָס ער האָט איר געהאַלטן אין איין קושן. איצט, אַז זי איז געקומען צו דעם באַשלוס חתונה האָבן מיט אים, האָט זי זיך געפּלייסט אַרויסצעווייזן איר ליבע אויף איר אופן, צו גרייטן פאַר אים אַ טיש, ניט ווי פאַר אַן אָנגעשטעלטן, נאָר ווי פאַר איינעם פאַר וועלכן זי האָט דרך־ארץ און ליבע.

אין די עטלעכע מינוט, זינט פּיטער איז אַרויס פון קיך מיט דער קאַ־ווע פאַר מרס. הילטאָן, האָט זי באַוויזן צו סערווירן דעם טיש ווי זי האָט עס קיינמאָל פריער ניט געטאָן. דאָס געשיר, וואָס איז געווען פאַרבאָטן צו נוצן אין קיך, האָט געפינקלט אויפן ווייסן טישטוך. זי האָט געוואָלט פאַר־טיק ווערן איידער ער וועט קומען צוריק, איז זי, ווי אַ בין, געלאָפן פון איין פלאַץ צום צווייטן, געהאַלטן אין איין טראָגן קלייניקייטן צום טיש, עס זאָל אויסזען וואָס שענער. ווען פּיטער האָט אָן עפן געטאָן די טיר פון קיך און די פינקלענדיקע אָנגעשטעלטע זאַכן פון גאָלד און זילבער האָבן אים אַ בלענד געטאָן די אויגן, איז ער אַזוי באַגייסטערט געוואָרן, אַז ער האָט, ווי אַ קאַץ, אַ שפּרונג געטאָן צו איר און שיר, שיר זיינען זיי ביידע ניט אומ־געפאַלן פון האַסטיקייט.

— מאַרזשי! — האָט ער אויסגעשריען.

— זאָל ער זיך זעצן עסן, ווייל ס׳וועט קאַלט ווערן.

— און זי?

— זי האָט שוין געגעסן. זי וועט אים דערלאַנגען.

פּיטערס געהויבענע שטימונג איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. וואָס ווייטער ער איז אַריין אין מאַלצייט, איז אים אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז מאַרזשי האָט לאַנג און געַנוי אויסגערעכנט אַלץ. זי האָט אים דערלאַנגט געריכטן וואָס זי האָט ספּעציעל געקאָכט פאַר אים. יעדעס מאָל וואָס זי האָט אים דערלאַנגט אַ ניי געריכט, האָט ער זי מיט געוואַלד אַ זעץ געטאָן צו זיך אויפן שויס און פעט געמאַכט איר פּנים מיט זיינע ליפּן. זי האָט זיך גוטמוטיק אַרויסגעריסן און אים געמוסרט ווי אַ ייִנגל, למאַי ער עסט ניט.

— מאַרזשי! איך קען מער ניט עסן, — האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

— אויך מיר אַ מאַן, — האָבן זיך אַ ווייז געטאָן אירע ציין.

נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי איז געזעסן ביי אים אויפן שויס און זי האָט זיך געטוליעט צו אים און ער האָט געוואוסט, אַז ער קען מיט איר טאָן וואָס ער וויל, האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— ווען איך וויל קען איך דיך איצט אָוועקשיקן.

— דאָס האָט ער געטאָן מיט אַ כּיוון. אויב זי האָט דעם מינדסטן חשק זיך צו ווערן, האָט ער די אויבערהאַנט איבער איר. ווען ער האָט אָבער דערפילט, אַז איר קערפּער האָט אַ ציטער געטאָן, איז ער געוואָרן אַביסל מילדער.

— ווייסט פאַרוואָס?

— ניין.

— ווייל דו האָסט גענוצט אָט דאָס געשיר.

— אָבער . . . — האָט זי אים אָנגעקוקט פאַרלאָרן, — כ'האָב דאָך עס גענוצט פאַר דיר.

— פאַר מיר, צי עמיצן אַנדערש, דאָס איז דער באַפעל וואָס איך האָב.

ער האָט איר אַריינגעקוקט אין פּנים. זעענדיק אַז זי איז אומעטיק געוואָרן, האָט ער ווייטער גערעדט:

— פאַרשטייסט? ס'וואָלט אַלץ גוט געווען ווען דו טראַכסט ניט פון דיין געליבטן.

— כ'וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געטאָן ווען איך טראַכט פון אים.

— ווען האָסטו אויפגעהערט טראַכטן פון אים?

— מ'ווייסט ניט ווען מ'הערט אויף צו טראַכטן, פּונקט ווי מ'ווייסט ניט ווען מ'הויבט אָן צו טראַכטן.

— פון מיר האָסטו שוין אָנגעהויבן טראַכטן?

— כ'מוז אַראָפּנעמען דאָס געשיר פון טיש איידער עמיצער קומט אָן.

— דו רירסט זיך ניט פון אָרט ביז דו וועסט מיר ניט זאָגן.
— וואָס ?
— צי דו טראַכסט פון מיר.
— כ׳האָב דאָך איינגעשטעלט מיין שטעלע צוליב דיר.
— דו ענטפער מיר אויף דעם וואָס איך פרעג דיך !
— דזשאָהן האָט מיך קיינמאָל ניט געפרעגט. ער האָט פאַרשטאַנען.
— אַלץ פאַרשטיי איך, נאָר אַז עס קומט צו איך ווייבער ווייס איך קיינמאָל ניט וואו איך האַלט מיט איך. (פויזע) ער האָט געהייסן דזשאָהן ?
— יאָ.
— איינס פון די צוויי : אָדער ער איז געווען קליגער פון מיר, אָדער ער האָט איך געגלויבט אויפן וואָרט.
— איך האָב פאַר אים קיינמאָל ניט געגרייט אַזאַ טיש.
— רייד מער ניט וועגן אים.
— דו פרעגסט דאָך מיר.
— איך פרעג דיך עפּעס אַנדערש.
— אָבער אַז מ׳רעדט פון דעם מוז איך אים דערמאָנען.
כדי אָוועקצוגיין פון דעם שמועס, האָט ער פלוצלונג אַ פרעג געטאָן :
— זעסט דעם שלאָס ?
— יאָ.
— און אונטן אין טאָל איז דאָ אַ וועבעריי, ווייסטו ?
— יאָ.
— מ׳וויל איך זאָל אַלץ איבערנעמען.
— וועסטו דאָס איבערנעמען ?
— איך ווייס ניט צי איך זאָל דאָס טאָן. ס׳איז זייער אַ שווער שטיקל אַרבעט.
— איך וועל דיר העלפן.
— דו מיינסט עס איז ווי גרייטן אַ טיש, אָדער עפּעס אָפּקאָכן.
— אָבער אַז דו וועסט עפּעס וועלן איך זאָל דיר העלפן, וועל איך דיר העלפן.
— דו קענסט טאָן איין זאַך.
— וואָס ?
— מיך ליב האָבן.
— וועסטו עס איבערנעמען ?

— אפשר.
— ווען ?
— גיב מיר אַ קוש.

אַט דער פּיטער, וועלכער איז געווען מיט גאַנצע פופצן יאָר עלטער פון איר, אים איז שיער דאָס האַרץ ניט צעגאַנגען, ווען זי האָט אים אַרומגענומען און געקושט. ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און זי אַריינגעטראָגן צו איר אין צימער. זי האָט זיך לאַנג געראַנגלט מיט אים און ערשט דאַן, ווען ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט איר, האָט זי זיך אונטערגעגעבן . . .

דאָס גלעקל אין קיך האָט געהאַלטן אין איין קלינגען. דאָס האָט מרס. הילטאָן געוואָלט זאָגן פּיטערן, אַז זי דערוואַרט געסט. פּיטער האָט אָבער ניט געענטפערט. דאָס קלאַפּן אין די שליפן און אין האַרצן האָט אים פאַרטויבט. שפּעטער, ווען די היגע האָבן זיך צעבולן, האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. ער האָט דערקענט פאַטרישיאַס אויטאָמאָביל, אָבער אין בעט לעבן מאַרזשין איז אים געווען אַזוי גוט, איז ער גלייך ווידער אַרונטערגעקראָכן אונטערן צודעק.

ווען איך וואָלט געקענט ענדיקן די „מלחמה אין מידלוויל" ווי איך וויל, וואָלט איך איצט אונטערגעצויגן דעם סך־הכל פון די העלדן און צוגעגעבן די עטלעכע באַרימטע ווערטער: „פון איצט אָן און ווייטער האָט גאַנץ מידלוויל געלעבט גליקלעך און צופרידן". דער סוף איז אָבער געווען איינגאַנצן אַן אַנדערער.

אַ סך גרויע טעג און פּראַסטיקע נעכט זיינען אַריבער זינט מיר זיינען געקומען אַהער. ווען דער פייף פון דער „מידלוויל ניטינג מיל" וועקט איצט אויף די איינוואוינער, געפינען זיי אַ טיף בלויען הימל, אַ ברעג פון דער אויפגייענדיקער זון און דאָס זינגען פון פויגלען. שפּעטער בלייבט די זון הענגען איבער מידלוויל דעם גאַנצן טאָג, וואַרעמט די דעכער פון די שטיבער און אַלץ וואָס באַוועגט זיך אין די גאַסן. אין אָוונט, ווען די זון פאַר־

גייט, קומען ווייכע, דינע ווינטעלעך פון די בערג און גייען אַריין אין די הייזער דורך די אָפענע טירן און פענצטער.

אָבער דאָס איז אַלץ אויבנאויף. אינערלעך גייט דאָס לעבן אין מידל־וויל זייער ראַשיק. זאַכן פּאַסירן מיט אימפּעט. חוץ די וועלט־פּראָבלעמען, וואָס האָבן געהאַט זייער אָפּקלאַנג אין מידלוויל, האָט זי אירע אייגענע פּראָבלעמען. און פּראָבלעמען האָט זי איצט אַ סך, מער ווי אַלעמאָל. ני־טאָ אין איינוואוינער אין מידלוויל, וואָס זאָל שלאָפן רואיק.

גלייך ווי איר גייט דורך דעם טויער פון דער וועבעריי, גלייך לעבן דעם ערשטן ציגלנעם בנין, הענגט אַ גרויסער אויפשריפט:

דעם ערשטן מאַי גייט די וועבעריי איבער אין דעם רשות פון די אַרבעטער.

אונטערגעשריבן

מעלווין הילטאָן.

יעדער איינער האַלט אין איין לייענען דעם אויפשריפט און ציילט אויף די פינגער די טעג, וויפיל עס איז פאַרבליבן ביזן ערשטן מאַי און, קומענ־דיק אַהיים, הויבן זיי אָן איבער אַ נייעס צו חשבונען, וויפיל זיי וועלן פאַר־דינען ווען די וועבעריי וועט שוין זיין זייערע. אַזוי ווי ניט יעדער איינער קען רעכענען, זיינען די פּאָר, וועלכע זיינען באַהאַוונט אין ציפערן, פאַרוואָרפן מיט אַרבעט איבערן קאָפּ.

די ווייבער זיינען אויך פאַרנומען מיט פּלענער און ציפערן. יעדע אויף איר אופן האָט אויסגעשטעלט אַ צעטל פון קליידער און אַנדערע קלייניקייטן, וואָס זי וועט קויפן אַזוי שנעל ווי איר מאַן וועט ווערן אַ שותף צו דער וועבעריי. ביי אַ סך האָט זיך פאַרגנבעט אַ געדאַנק איינגאַנצן זיך אַרויסקלייבן פון טאָל און קריגן אַ באַקוועמערע הויז ערגעץ אין די בערג.

זיי, די ווייבער, ריידן ניט אָפן וועגן זייערע פּלענער ווי די מענער. זיי שטיקן דאָס אין זיך און יעדע אַרבעט מעשים אויסצוגעפינען ביי דער צווייטער, וואָס יענע דענקט צו טאָן, אָבער קיין איינע גיט ניט די מינדסטע אָנצוהערעניש, גייען זיי אַרום און ווערן ממש צעפּלאַצט פון נייגעריקייט.

אפילו די, פּאָר וועמען דאָס פרייערדיקע לעבן אין מידלוויל איז נישט

באַקאַנט, וואָלטן אויך גלייך באַמערקט די גרויסע ענדערונג, וואָס דאָרטן קומט פאָר. אַלע גייען אַרום שמייכלענדיקע, צופרידענע און אין דער לופט פילט זיך אַ לייכטקייט און אַ זאָרגלאָזיקייט. ווי נאָר עס הויבט אָן ווערן פאַרנאַכט, ווערן די גאַסן ליידיק. אַלע זיינען שטאַרק פאַרטאָן מיט וואַשן און פוצן זיך. זיי טוען אָן זייערע זונטיקדיקע קליידער און וואַרטן אויף זייערע מענער.

אַפילו צווישן די קינדער פילט מען אויך די ענדערונג. קודם־כל האָט מען זיי גענומען רופן ביי זייערע פולע נעמען און זיי, די קינדער, דאַרפן אַדרעסירן די עלטערן אויך ביי זייערע פולע נעמען. ניט „פאַ" אָדער „מאַ", נאָר „פאָטער", „מוטער", זאָגן „איך בעט אייך" ווען זיי ווילן עפּעס און „אַ דאַנק" ווען זיי קריגן עס. ווען זיי שפּילן זיך טאָרן זיי מער ניט גיין אָדער לויפן ווי ווילדע; אַז מ'פרעגט זיי עפּעס דאַרפן זיי ענטפערן גע־לאַסן און ניט שרייען. דער טאָל איז איצט אָן לעבן, אָן קינדערישע גע־לעכטערס און געשרייען. די יונגע גייען אַרום ווי אַלטע, אָפּגעלעבטע מענטשן.

מען סטריט האָט אויך אָנגענומען אָן אַנדער אויסזען. די געשעפטס־לייט האָבן איינגעזען, אַז איצט האָבן זיי אַ נייעם סאָרט קונה, האָבן זיי באַ־שלאָסן, אויף זייער אופן, אַרויסווייזן מער דרך־ארץ די נייע, צוקונפטיקע באַלעבאַטים פון דער וועבעריי. לערנען זיי זייערע אָנגעשטעלטע, אַז זיי זאָלן אַרויסווייזן מער העפלעכקייט, מ'זאָל זאָגן יעדן איינעם „גוט־מאָרגן", אָדער „גאָט־העלף" און, ווי ווייט מעגלעך, אויסגעפינען זייערע נעמען און אַדרעסירן „מר . . .". מיט פרויען אויך דאָס זעלבע און, ווי אַ פרוי קומט אַריין, זאָל מען איר גלייך צוטראָגן אַ שטול.

אויסגעאַרבעט די כללים האָט יעדער געשעפטסמאַן פאַר זיך אין גע־היים. יעדער איינער איז געווען זיכער, אַז בלויז ער איז געפאַלן אויף דעם געניאַלן געדאַנק. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין יעדן געשעפט איז די באַהאַנדלונג מער ווי העפלעך. אין אָנהויב האָבן די קונים זיך געפילט אויסערן פלאַץ. עס האָט זיי אָבער ניט לאַנג גענומען זיך צוגעוואוינען דערצו. איצט זיינען די געשעפטן שטענדיק פול. קויפן, קויפן די קונים דערוויל ניט. זיי ווילן בלויז קריגן אַ באַגריף וואָס זיי וועלן קויפן.

עס זיינען אויך דאָ מענטשן, וועמען די גוטע נייעס האָט אומעטיק געמאַכט. איינער פון זיי איז פיליפּ דייוויס. ענדלעך איז ער באַשטימט געוואָרן צו דעם העכסטן אַמט פון דער לאָקאַלער יוניאָן אין מידלוויל. צוועלף

יאָר האָט ער געחלומט וועגן יענעם טאָג, ווען ער וועט דערהויבן ווערן צו דעם אַמט. זיין ווייב איז קראַנק און נערוועז געוואָרן פון די אָוונטן, וואָס זי האָט געמוזט אָפּזיצן איינע אַליין אין פאַרלויף פון צוועלף יאָר. ער האָט אין די צוועלף יאָר אָנגעהאַלטן יעדן ניט־באַצאָלטן אַמט, גענומען דאָס וואָרט ווען עס איז געווען נויטיק און געהאַלטן רעדעס ווען מ׳האָט גע־דאַרפט. האָט מען געסטרייקט איז ער געווען דער ערשטער אין דער פּי־קעט־ליין; האָט מען באַדאַרפט רעדן צום באַלעבאָס, האָט ער עס געטאָן. דערפאַר איז ער פון דזשאָהן דזשיי הילטאָן זיך אויסגעשטאַנען די ערגסטע באַליידיקונגען און דערנידערונגען און ער האָט אַלץ מקבל באהבה געווען. די איינציקע האָפענונג וואָס האָט אים געגעבן מוט און כוח אויסצושטיין דאָס אַלץ איז געווען: סוף־כל־סוף וועט ער באַלוינט ווערן און ער וועט קריגן די שטעלע אויף וועלכער ער האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן אַן אויג. עט־לעכע טעג נאָכדעם ווי לואיס בראַון איז אָוועקגעפאָרן, איז אים אָנגעקומען די לאַנג־דערוואַרטע, אָפיציעלע נייעס, אַז דער ניו־יאָרקער אָפיס האָט אים באַשטימט פאַרן הויפּט פון אָפיס אין מידלוויל. צו זיין שמחה איז גאָר קיין ברעג ניט געווען.

ער האָט גלייך באַשלאָסן צו פייערן זיין זיג מיט אַ גרויסן באַנקעט, אַזאַ באַנקעט, וואָס די יוניאָן־מיטגלידער פון מידלוויל האָבן נאָך קיינמאָל ניט בייגעוואוינט. ניט בלויז פאַר די אַרבעטער, נאָר אויך פאַר זייערע ווייבער און קינדער. כדי צו באַזייטיקן אַלע שוועריקייטן האָט ער באַשטימט, אַז דער באַנקעט זאָל פאָרקומען אין אַ זונטיק בייטאָג, ווען אַלע קענען זיין. ער האָט זיך גלייך גענומען אויסאַרבעטן אַ רעדע, וואָס זאָל זיין שענער און שטאַרקער ווי אַלע רעדעס וואָס ער האָט ביז איצט געהאַלטן. נו, איז פּלוצלונג אָנגעקומען די נייעס, אַז מעלווין גיט זיי איבער די וועבעריי, האָט אים די נייעס צעטומלט. ער האָט גלייך דערפילט, אַז זיין ברייטער, באַ־קוועמער שטול, דאָרטן אין אָפיס, האָט זיך אַ שאָקל געטאָן. געבוי אין וואָס דער שאָקל פון שטול איז באַשטאַנען, האָט ער ערשט דערפילט אין אַ פּאָר טעג אַרום ווען ביי אַ מיטינג וועגן דעם באַנקעט האָבן אַ פּאָר זיך אויסגע־דריקט:

— צו וואָס דאַרף מען איצט אַ באַנקעט?

ניט־קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט זיי עטלעכע מאָל דערקלערט די וויכטיקייט פון דעם באַנקעט, האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי זייערס:

— אויב ער וויל דווקא אַ באַנקעט, זאָל ער מאַכן אַ באַנקעט. אפשר

וועלן זיך געפינען אַזעלכע וואָס וועלן קומען.

פיליפּ האָט געדענקט ער וועט עס לאָזן גיין עטלעכע טעג, אפשר וועלן זיי זיך אויסניכטערן. ער האָט אָבער דערפילט, אַז פון טאָג־צו־טאָג וועט די לאַגע ערגער. צו דעם נעקסטן מיטינג זיינען געקומען עטלעכע גע־ציילטע מענטשן און די האָבן אָפן געזאָגט:

— ניט נאָר דאַרף מען ניט קיין באַנקעט, נאָר מ׳דאַרף אפשר גאָר קיין יוניאָן אויך ניט.

צו זיינע רייד, אַז ערשט איצט דאַרף מען אַ גרויסע און אַ שטאַרקע יו־ניאָן, האָבן זיי זיך ניט צוגעהערט.

וואָלט ער זיך געווענדעט אין דעם ניו־יאָרקער אָפיס נאָך אַן עצה, וואָלטן זיי אים געהאָלפן, ווייל זיי האָבן דערפאַרונג. האָט ער אָבער באַ־שלאָסן, אַז ער וועט עס אַליין בייקומען און דערנאָך וועט ער זיך אַריבער־כאַפּן קיין ניו־יאָרק און זיי דערציילן ווי דיפּלאָמאַטיש ער האָט אַלץ דורכ־געפירט, וועלן זיי איינזען וואָס פאַר אַ פּייאָניקער פירער ער איז און ער וועט קריגן נאָך אַ גרעסערן אַמט. (פון דעם טאָג וואָס ער האָט געקראָגן דעם אַמט דאָ, האָט ער אָנגעהויבן חלומען פון אַ גרעסערן אמט אין ניו־יאָרק). האָט ער געטראַכט און געטראַכט און זיך דערטראַכט, אַז דער איינציקער וועג צו ראַטעווען די יוניאָן איז צונישט מאַכן מעלווינס געדאַנק פון איבער־געבן די וועבעריי צו די אַרבעטער. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם אויף זיין שטייגער ווי אַזוי ער זאָל דאָס טאָן.

קודם איז ער אַוועק אין שלאָס און גערעדט מיט דער מרס. הילטאָן. (פּיטער האָט אים אין דעם אַרויסגעהאָלפן). ער האָט איר דערקלערט דעם געוואַלדיקן פאַרלוסט וואָס זי וועט האָבן, אויב מעלווין וועט טאַקע אַוועק־געבן די וועבעריי צו די אַרבעטער.

ווען זי האָט אים, אויף איר נאַאיוון אופן, געפרעגט:

— וואָס גייט עס אים אָן?

האָט ער טאַקע ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט זיך נאָר פאַרענטפערט, אַז דאָס מיינט ער איר טובה.

די מרס. הילטאָן האָט אים ניט געגלויבט. איז ער געוואָרן גוט־ברודער מיט דזשים טיילאָרן, וועלכער האָט געהאַט אַ שווער האַרץ אויף מעלווינען. דורך טיילאָרן האָט ער זיך באַקענט מיט פּאַטרישיאַן און עטלעכע אַרבעטער, וועלכע זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער וועבעריי און זיינען אים איצט געקומען צו דער האַנט, און דורך זיי האָט ער געפריידיקט און פאַרשפּרייט

שנאה און האָס אויף מעלווינען. ער האָט אים באַשולדיקט, אַז דער גאַנצער אויפּטו פון איבערגעבן די וועבעריי צו די אַרבעטער איז בלויז אַ מיטל אונ־טערצוגראָבן דעם פונדאַמענט פון דער יוניאָן און, קוים וועט די יוניאָן צע־בראָכן ווערן, וועט ער אין דער וועבעריי איינפירן אַזאַ שקלאַפעריי, וואָס וועט נאָך איבערשטייגן די פירונג פון זיין פאָטער.

כדי צו ווייזן אַז מעלווין פאַרמאָגט ניט קיין פונק מענטשלעכקייט, האָט ער געבראַכט אַלס לעבעדיקן עדות דזשים טיילאָרן. ווען ער האָט באַוויזן צוזאַמענקלייבן עטלעכע מענטשן, האָט ער אַוועקגעשטעלט דזשימען אויף אַ קעסטל, אָנגעוויזן אויף זיינע קוליעס און, אין אַ זייער פאַטעטישן קול, אויס־געשריען:

— ווער נאָך וואָלט זיך אַזוי איזדיעקעוועט איבער אַ קריפּל ווי מעלווין הילטאָן? ווייזט מיר נאָך איין מענטשן, וואָס זאָל האָבן אַזאַ שטיינערנע האַרץ צוצונעמען אַ געליבטע פון אַ פאַרקריפּלטן סאָלדאַט? איר ווייסט אַלע, אַז ער איז ניט געבוירן געוואָרן קיין קריפּל! ווען ער גיט ניט אַוועק זיינע געזונטע פיס, וואָלטן מיר אַלע היינט געווען קריפּלס! איז דאָס דער וועג ווי אַזוי מיר זאָלן אים באַצאָלן דערפאַר וואָס ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן פאַר אונדז? מעלווין הילטאָן האָט צוגענומען זיין געליבטע און מיר טאָרן אים ניט שווייגן!

אַזוי האָט ער גערעדט, געשריען און זיך געקאַכט, אָבער בלויז זיינע גע־שוואָרענע מענטשן האָבן אים אַפּלאָדירט און געשריען בראַוואָ. ער האָט אויך געשאָטן פעך און שוועבל אויף רוטן.

— דורכן הייליקן בלוט פון איר ברודער האָט זי זיך איינגעקויפט צו ווערן אַ מרס. הילטאָן, — האָט ער זי באַשולדיקט.

— מעלווינען וואָלט קיינמאָל ניט איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק ווי פטור צו ווערן פון דער יוניאָן ווען ניט רוט!

קיינער פון די אַרבעטער האָט זיך ניט צוגעהערט צו אים. פאַר רוטן און מעלווינען האָבן זיי געהאַט דרך־ארץ. דאָס האָט דייוויסן נאָך ערגער צערייצט, איז ער ווידער אַוועק צו דער מרס. הילטאָן. דאָס מאָל האָט ער איר געזאָגט:

— אויב זי וויל ניט פאַרלירן די וועבעריי, מוז זי צונישט מאַכן דעם שידוך צווישן מעלווינען און רוטן, ווייל ער האָט געהערט פון זיכערע קוואַלן, אַז זי רעדט דאָס אים צו דערצו.

דאָס האָט זיך איר יאָ געלייגט אויפן שכל, ווייל זי האָט טאַקע ניט גע־

קענט פאַרשטיין, פון וואַנען אַזאַ געדאַנק האָט זיך גענומען צו מעלוויבען, אָבער מיט דעם פרעמדן האָט זי ניט געוואָלט רעדן פון דעם, האָט זי אים אינגאַנצן ניט געענטפערט. ווען ער איז אַוועק, האָט זי ערשט דערפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס איז מיט אַמאָל אויף איר אַרויפגעפאַלן. מיט אַ שווערן זיפץ האָט זי באַדויערט דזשאָהן דזשייס טויט. ווען ער לעבט איצט, וואָלט קיינער ניט געוואָגט צו קומען איר געבן עצות וואָס מעלווין זאָל טאָן. אפשר וואָלט מעלווין גאָר אינגאַנצן ניט געקענט רוטן. זי האָט אַזוי לאַנג געטראַכט, ביז זי איז געקומען צוריק וואו זי האָט אָנגעהויבן. האָט זי באַשלאָסן, אַז זי דאַרף ריידן מיט רוטן. גלייך האָט זי זיך אָבער געפרעגט: וואָס זאָל זי ריידן מיט איר? זי זאָל לאָזן מעלווינען צורו? און אַז זי וועט ניט וועלן? וועט זי איר אָנכאַפּן פאַר די האָר און זי אַזוי לאַנג טרייסלען, ביז זי וועט איר צוזאָגן. ווען דזשאָהן דזשיי לעבט וואָלט ער עס געטאָן. איצט דאַרף זי עס טאָן. אין דער לעצטער מינוט האָט זי באַשלאָסן, אַז זי וועט פריער ריידן מיט מעלווינען.

פאַר איר איז איצט ניט געווען אַזוי לייכט צו זען מעלווינען. ווען ער איז געקומען אַהיים איז זי שוין געשלאָפן, און ווען ער איז אַוועק איז זי נאָך ניט אויפגעשטאַנען. דער סוף איז געווען, אַז נאָכדעם ווי עטלעכע טעג זייענען אַוועק, זיינען די פראַגן אין אירע געדאַנקען צעשוואומען געוואָרן און, ווען זי האָט אים, ענדלעך, יאָ דערזען, האָט איר גענומען אַ שטיק צייט ביז זי האָט זיך דערמאָנט וואָס זי האָט אים געוואָלט זאָגן.

— ווילסט זיין גוט צו זיי, גיב נאָך אַ פּאָר דאָלער. וואָס הייסט, דו גיסט זיי אַלץ אַוועק?

— איך גיב זיי גאָרניט. ס'איז זייערס.

וואָלט ער איר אָנגעקומען אויף די אויגן גלייך נאָכדעם ווי פיליפ דייווויס האָט גערעדט מיט איר, וואָלט זי אים געקענט זאָגן אַ סך זאַכן. זי וואָלט אים געזאָגט, אַז זיין פאָטער האָט מיט זיין לעבן באַצאָלט פאַר דער וועבעריי; אַז ווען מ'פאַרלאָזט זיך אויף זיי, וואָלט קיין וועבעריי קיינמאָל ניט געווען; אַז קיינער פון זיי האָט קיין פינגער ניט צוגעלייגט צו דער וועבעריי; אַז אַלץ האָט זיין פאָטער אַליין געטאָן; קיינער ווייסט ניט וויפיל זיין פאָטער איז דורכגעגאַנגען, ווי זי, און זי ווייסט אויך ניט אינגאַנצן, ווייל ער האָט אַלץ געשטיקט אין זיך, און אַזוי ווייטער און ווייטער, אָבער איצט איז איר אַלץ פון זינען אַרויס. האָט זי ווידער אָנגעהויבן פון אָנהויב:

— גיב זיי מער געלט, אָבער גיב זיי ניט אַוועק אינגאַנצן.

ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס זי באַפאַלט אים מיט ענלעכע פראַגן, אָבער ביז איצט איז אים אַליין ניט געווען קלאָר פאַרוואָס ער האָט עס גע־וואָלט טאָן און ווי אַזוי ער זאָל דאָס טאָן, האָט זי גערעדט און ער פלעגט זי איבערלאָזן ריידנדיק און אַוועקגיין. אָבער איצט איז אים אַלץ אַזוי איינפאַך און פאַרשטענדלעך. דער אָפּגרונט צווישן אים און רוטן איז אינגאַנצן פאַר־שוואונדן. מיט יעדער מינוט פילט ער, אַז ער האָט זי מער ליב, און ער איז דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט, ווייל ער אַז אַלע אַרום זאָלן אויך זיין גליקלעך, קען ער רעדן וועגן דעם מיט אַלעמען, מיט דער מאַמען, אפילו מיטן טאַטן, ווען ער וואָלט געלעבט. ער זעצט זיך צו לעבן איר, נעמט זי במעט אַרום און קיינמאָל פריער האָט ער צו איר אַזוי האַרציק ניט גערעדט.

— זי זאָגט ער זאָל זיי געבן נאָך אַ פּאָר דאָלער. ווייסט זי אין וואָס פאַר אַן אָרימקייט זיי לעבן? ווייסט זי אַז עס זיינען דאָ צייטן, ווען די גרוי־סע האָבן ניט קיין ברויט און די קליינע קיין מילך? האָט זי אַ באַגריף ווי דער טאַטע האָט זיי באַהאַנדלט? וואָס מער זיי האָבן געהונגערט, אַלץ מער האָט זיי דער טאַטע געמאַטערט. וואָס ווייניקער זיי האָבן פאַרדינט, אַלץ לענגערע שטונדן האָט דער טאַטע געוואָלט זיי זאָלן אַרבעטן. און האָבן זיי געבעטן מער געלט, האָט ער געהייסן שיסן אויף זיי. פאַרוואָס קומט דאָס זיי? זיינען זיי ערגער פון אים, צי פון איר?

— איז טאַקע מר. דייוויס גערעכט, אַז רוט רעדט אים איין די אַלע זאַכן?

— ניין, זי קען ניט רוטן. ווען זי קען זי, וואָלט זי אַזוי ניט גערעדט. אדרבה, רוט האָט אים אויסגעמיטן, זי האָט אים גאָרניט געוואָלט זען און ער איז גאָר געווען דער, וואָס האָט זי פאַרפאָלגט. און זי האָט רוטן צו פאַר־דאַנקען וואָס ער איז דאָ און זיצט לעבן איר. ווען ער איז געקומען פון פראַנט איז געווען אַ גרויסע פראַגע וואָס ער זאָל טאָן. ער האָט זיך אַפילו אַרומגעטראָגן מיט געדאַנקען וועגן זעלבסטמאָרד. פאַר איר וועט זיין שווער צו באַגרייפן וואָס איינער פילט, ווען ער קומט צוריק פון שלאַכטפעלד און וואָס עס מיינט זיך אָנזען מיט אַזוי פיל טויט און פאַרוויסטונג. עס וואָלט אים גענומען אַ לעבן לאַנג איר צו דערציילן וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אין די 2 יאָר אויפן פראָנט. אַ וועלט אַ גאַנצע איז דאָך חרוב געוואָרן פאַר זיינע אויגן. דעמאָלט, ווען דער פאָטער האָט אים געבראַכט פון סטאַנציע און זי איז גע־ווען אַזוי צופרידן וואָס ער איז געקומען אַ לעבעדיקער, צי ווייסט זי, אַז ווען

זי האָט אים געהאַלטן אַרומגענומען האָט ער געטראַכט: מאַמע, דו פרייסט זיך וואָס איך לעב, אָבער איך בין זייער אומצופרידן וואָס איך לעב. מיר איז פיל ערגער ווי די טויטע. וואָס קען זיין ערגער? אַ טויטער פילט ניט און ער פילט. וואָס פילט ער? ווען מ'קען אויפוועקן אַלע מלחמה־טויטע וואָלטן זיי געענטפערט דאָסזעלבע: זיי ווילן מער ניט לעבן. זיי האָבן שוין דורכ־געלעבט זייער גאַנצן לעבן אין אַ יאָר, אין אַ טאָג, אין אַ מינוט! האָט ער באַשלאָסן קומען אַהיים, זיך איבערטאָן און אַוועק. וואוהין? צו די חרובע שטעט וואָס ער האָט חרוב געמאַכט, גיין איבער די קברים פון די געפאַלענע. דאָרטן איז זיין פּלאַץ, ניט דאָ. די גרעסטע טראַגעדיע אין מלחמה איז ניט ווען מ'ווערט געהרגעט, נאָר ווען מ'בלייבט לעבן. דער וואָס איז אין מלחמה ניט געווען ווייסט עס ניט פאַרשטיין. ס'איז ווי, למשל, מ'זאָל איר זאָגן, אַז אויף יענער זייט באַרג איז דאָ אַ וואונדערבאַרער פּלאַץ, דער גן־עדן, און זי מוז גיין אַהין. איר יעדער טראָט איז אַ לעבנס־געפאַר. זי שטייט אויס די ערגסטע פיזישע יסורים. זי הרגעט מענטשן רעכטס און לינקס. מענטש־לעך בלוט שטראָמט פון אַלע זייטן. דאָס פאַרגליווערטע בלוט אויף די קליידער און שיך מאַכט איר גאַנג שווערער פון מינוט צו מינוט. די לופט איז פול מיט זיפצן פון די פאַרוואונדעטע און גסיסה־כאָרכלען פון די שטאַר־בענדיקע, אָבער זי מוז גיין. טרעט זי אויף טויטע און אויף אָפּגעשאָסענע מענטשלעכע גלידער און פון סאַמע הימל ביז טיף אונטער אירע פיס לויפן אַלע טייוואָלים פון דער וועלט פריי אַרום און קראַכן מיט אַזעלכע קולות און געשרייען, אַז מיט די אויערן הערט זי שוין מער ניט, נאָר די ערד אונטער איר ציטערט און אָט צעשפּאַלט זיך די ערד, און עס עפנט זיך אַן אָפּגרונט אונטער אירע פיס, און זי גייט ווייטער, און ס'איז ווידער דאָסזעלבע, ביז זי קומט אויף יענער זייט באַרג. און ערשט דאָרטן געפינט זי גאָרניט. פּוסט, נאָך פּוסטער ווי דאָ. וואָלט זי זיך ניט געפרעגט די־זעלבע פראַגע וואָס ער? וואָלט זי ניט געדענקט, אַז די וועלכע זיינען דערהרגעט געוואָרן איידער זיי זיינען געקומען אויף יענער זייט באַרג זיינען געווען גליקלעכער פון איר? זיי האָבן כאָטש געהאָפט אַז אויף יענער זייט באַרג איז עפּעס דאָ. מיט אים איז אויך דאָס זעלבע. מ'האָט אים צוגעזאָגט אַז דאָ וועט זיין אַ גן־עדן, און ער האָט דאָ געטראָפן אַ שרעקלעכן כאַאָס. דער טאַטע האָט געוואָלט ער זאָל אים העלפן ברעכן דעם סטרייק. ער האָט זיך דערוואוסט פון דער דעמאָנ־סטראַציע און שיסערייַ, האָט ער דערפילט אַז אים איז ענג. ער קען ניט אָטעמען. ער מוז פון דאַנען אַנטלויפן. יענעם נאָכמיטיק האָט ער אָנגע־

טראָפּן רוטן און ער האָט באַשלאָסן דאָ צו בלייבן. איז, אויב זי האָט עמיצן צו פאַרדאַנקען, וואָס ער איז דאָ און וואָס ער לעבט, איז דאָס רוטן, און ער איז זיכער, אַז זי וועט ליב האָבן רוטן פּונקט ווי ער.

זי האָט אים אויסגעהערט. אָבער איר האָט זיך עס פאָרט ניט געלייגט אויף די געדאַנקען, האָט זי אים געפרעגט:

— אויב ער גיט אַוועק די וועבעריי, וואָס וועט פון אים ווערן?

— גליק איז ווערט פיל מער ווי די וועבעריי. דער טאַטע האָט דאָך שוין געהאַט די וועבעריי, איז ער געווען גליקלעך?

זי האָט מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן אים וועגן דעם. האָבן זיי ווידער גערעדט וועגן רוטן און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז איבערמאָרגן זאָל ער זי ברענגען אין שלאָס אַריין.

מרס. הילטאָן איז געזעסן אין דער ברייטער, ווייכער סאָפע און געזיפצט. נאָכדעם ווי זי האָט גערעדט מיט מעלווינען איז איר אַ מאָדנע עלנטקייט באַפאַלן. זי האָט זיך דערפילט איינזאַם אין דער גרויסער שטוב מיט די ריזיקע שטיקער מעבל און זי האָט געטראַכט מיט אירע צעשוואומענע געדאַנקען, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין אָנהויב און קיין סוף.

אַז זי האָט געגנוג געלט חוץ דער וועבעריי, האָט איר מעלווין פאַרזיכערט. וועד און וואָס רוט איז וועט זי זען ווען יענע וועט קומען. זי האָט פלוצלונג רחמנות געקראָגן אויף זיך. די טעג האָבן איר געבראַכט ווייניק; די נעכט נאָך ווייניקער.

שולדיק אין דעם איז געווען פּיטער. פון די עטלעכע חניפהלעך וואָס ער האָט איר צוגעוואָרפן האָט זי פאַרלאָרן איר באַלאַנס. אַ גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין אָוונט, איז זי געזעסן אויף דער ברייטער, ווייכער קאַנאַפּע, געזיפצט און געוואַרט פּיטער זאָל ווידער קומען צו איר און ריידן יענע אָנגענעמע ווערטער, נאָך וועלכע זי האָט געלעכצט אַזוי לאַנג. פּיטער איז אָבער געווען פאַרנומען מיט מאַרזשין. האָט מרס. הילטאָן געהאַלטן אין איין קלינגען נאָך שוואַרצער קאַווע. פּיטער האָט געבראַכט די קאַווע, האַסטיק אַ שטעל געטאָן אויפן טיש לעבן איר און שנעל אַוועקגעלאָפן אין קיך.

מרס. הילטאָן האָט דערפילט, אַז מער קיין שוואַרצע קאַווע קען זי שוין ניט טרינקען. (זי האָט שוין פּשוט ניט געהאַט קיין פּלאַץ דערפאַר) אויב ער

האָט ניט דעם מוט אָנצוהויבן אַ געשפּרעך, וועט זי פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. זי האָט אים אָריינגערופן.

— יאָ, ס'איז אמת, מעלווין גיט טאַקע אַוועק די וועבעריי.

זי האָט געדענקט, אַז דאָס וועט אים פאַראינטערעסירן. ער האָט דאָך אַלע מאָל גערעדט צו איר וועגן דער וועבעריי, אָבער פּיטער האָט, ווי גאָר פון אַן אַנדער וועלט, איר אַ פרעג געטאָן:

— וואָס דענקט זי צו טאָן?

— ווען זי ווייסט וואָס צו טאָן וואָלט זי געטאָן, — האָט זי געזאָגט, כלומרשט פרעגנדיק אים אַן עצה.

ווען פּיטער וואָלט געקענט אויסנוצן אַ פּסיכאָלאָגישן מאָמענט, וואָלט ער איצטער געקענט פאַרווירקלעכן דעם חלום מיט וועלכן ער האָט זיך ארומ־געטראָגן זיין גאַנצן לעבן: צו ווערן דער אַלמעכטיקסטער מענטש אין מידלוויל. מיט אַ גוט וואָרט, אַ צערטלעכן גלעט, און אפשר טאַקע אַ קוש, וואָלט זי ווי אַ שיכורע אַריינגעפאַלן אין זיינע אָרעמס, דאַן וואָלט ער געקענט דורכפירן די ווילדסטע פּלענער, וואָס זיין פאַנטאַזיע וואָלט אים געמאָלן. ער וואָלט, למשל, געקענט ביי איר פועלן זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון מעלווינען, אים דערקלערן פאַר משוגע. די מלחמה האָט אים אַרונטערגעטריבן פון זינען, אָדער ער איז טאַקע אונטערן איינפלוס פון רוטן, און נאָך ענלעכע זאַכן. ניט נאָר וואָלט ער זי געקענט קריגן אויף זיין זייט, נאָר די גאַנצע וועלט וואָלט דאָך געווען מיט זיי. עס וואָלט דאָך געווען אַזוי לאָגיש און פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען, אַז ער, פּיטער, ווערט דער הויפּט פון דער וועבעריי, פון שלאָס און פון דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט.

פּיטערן איז אָבער געלעגן מאַרזשי אין קאָפּ, און דאָס וואָס ער איז דאָ איצט געזעסן לענגער ווי אַלע מאָל און געקוקט אויף דער מרס. הילטאָן, האָט ער בשעת־מעשה ניט געטראַכט פון איר און זי אַפילו ניט געזען. דאָס האָט ער אויסגערעכנט וויפיל אַרבעט מאַרזשי האָט אין קיך און, קוים האָט ער דערפילט אַז זי דאַרף שוין באַלד זיין פאַרטיק, האָט ער זיך אויפגעהויבן ווי אין אַ טראַנס און איז אַרויס.

ס'איז קיין וואונדער ניט וואָס אים האָט געצויגן אין קיך. דאָרטן איז געווען מאַרזשי, אַ העלע, אַ ליכטיקע זון, אַ פייערדיקער זייל . . . העכער פינף פוס און פינף אינטשעס, און יעדער אונץ פון אירע הונדערט און צוואַנציק פונט איז געווען פייער און פלאַם, פול מיט אַנגענעמע גן־עדן ווינטלעך, וועל־כע האָבן אים געוואַרימט און געקילט, און זי איז געווען אינגאַנצן זיינע מיט

אירע פינף און צוואַנציק יאָר צייטיקייט. ער האָט זיך געבריט אין איר פייער, אַזש זיין האַרץ איז צעגאַנגען. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרבלענדט, די אויערן פאַרשטאָפּט. ער האָט קיינעם ניט געזען און קיינעם ניט געוואָלט זען. אויף מרס. הילטאָן איז ער געווען מלא רציחה למאי זי טרינקט אַזוי פיל קאַווע.

מיט אַמאָל האָט ער זיך אויסגעניכטערט און זיך אָנגערופן צו מאַרזשין מיט אַ פאַרוואורף:

— דו וואָלסט מיך באַדאַרפט דערמאָנען אַז איך האָב אַרבעט.

— וואָס פאַר אַן אַרבעט?

— כ׳האָב דיר געזאָגט, וועגן דער וועבעריי.

— כ׳האָב געמיינט אַז דו האָסט שוין אַלץ באַזאָרגט.

— כ׳בין דאָך געווען מיט דיר די גאַנצע צייט.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און אָנגעהויבן טראַכטן אויפן קול: אויב מעלווין מיינט באמת אָװעקצוגעבן די וועבעריי, וועט דאָך דער שלאָס אונטערגיין, וואָס־זשע ליגט ער אין בעט? האָט ער זיך אויף שנעל אָנגעטאָן און איז אַרונטער אין טאָל.

אַז ער איז ניט קיין ווילקאָמענער גאַסט, האָט ער גלייך אויסגעפונען, ווי נאָר ער האָט אָנגעטראָפן דעם ערשטן אַרבעטער.

— איצט, פּיטער, דאַרפן מיר מער ניט דיינע טובות, — האָט אים יענער געזאָגט. — פון איצט אָן און ווייטער וועסטו דאַרפן אָנקומען צו אונדז.

דער צווייטער, דער דריטער האָט אים אויך אַזוי באַגעגנט, ביז ער האָט אָנגעטראָפן זיינעם אַ פריינט. האָט אים פּיטער געזאָגט:

— אָבער אַז עס וועט זיך האַנדלען וועגן אַ טובה פאַר מיר, האָף איך, אַז דו וועסט עס טאָן.

— איצט איז ניטאָ קיין טובות, פּיטער, — האָט אים יענער געענטפערט.

— אָבער מיר קענען זיך דאָך שוין אַזוי לאַנג.

— מ׳וועט עס דאַרפן איבערגעבן אַ קאָמיטע.

פאַר קאָמיטעס האָט פּיטער מורא געהאַט. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז ניטאָ קיין זינד, וואָס איינער זאָל ניט האָבן באַגאַנגען, מ׳זאָל עס נישט פאַרברענגען פאַר דער קאָמיטע. ער אַליין איז ניט איין מאָל געווען אין אַ קאָמיטע. ער האָט געוואוסט גענוי זיינע זינד, וואָס די קאָמיטע וועט אויפ־

מישן. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז פול מיט זינד. ווען מ׳לאָזט אים זיך פּאַרטיידיקן, וואָלט ער זיך שוין אַן עצה געגעבן, אָבער אים וועט מען דאָך ניט גלויבן.

פונדעסטוועגן האָט ער געפּראוווט אַריינוואַרפן אַ וואָרט דאָ און דאָרטן. אַ דאַנק אים טוט עס מעלווין וואָס ער טוט. ס׳הייסט, מעלווין האָט אים געפרעגט אַן עצה צי זאָל ער איבערגעבן די וועבעריי די אַרבעטער און ער האָט אים שטאַרק צוגערעדט דערצו. די אַרבעטער האָבן אים אָבער ניט געגלויבט. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ וואָלף אין אַ וואַלד, וואו הינטער יעדן בוים שטייען יעגערס און מ׳צילט אויף אים מיט ביקסן. איין טיר איז בלויז געווען אָפן פאַר אים — מרס. הילטאָן. אפשר וועט זי פאַר אים עפּעס קענען טאָן.

דאָ האָט ער ווידער פריער ניט אויסגערעכנט וואָס צו טאָן. ער איז געווען צופיל פאַרטאָן אין זיין אייגענעם אומגליק. ער האָט אַפילו ניט געקוקט אויף איר די גאַנצע צייט וואָס ער האָט גערעדט. ער האָט געדענקט, אַז מיט אונטערטעניקייט און חניפה וועט ער מער קענען אַפּעלירן צו איר. איז ער ווידער געוואָרן דער קנעכט.

— ער קען ניט צוזען ווי פון אַלץ ווערט אַ באַרג אַש, האָט ער באַשלאָסן איינגאַנצן אַוועקגיין פון דאַנען.

זי האָט ניט פאַרשטאַנען זיינע הינטערגעדאַנקען. זי האָט געמיינט, אַז ער וויל טאַקע אַוועקגיין, האָט זי אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און געזאָגט:

— קיינער שיקט אים ניט אַוועק.

— אָבער ווי אַזוי קען ער זיין זיכער מיט דער שטעלע דאָ אין שלאָס, אַז מעלווין גיט אַוועק די וועבעריי?

— די וועבעריי און דער שלאָס זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן.

— און ביי איר איז רעכט אַז ער זאָל אַוועקגעבן די וועבעריי?

— זי קען גאַרניט טאָן.

— האָט זי גערעדט מיט אַ לאָיער?

— יאָ.

— קען ער עס טאָן אָן איר צושטימונג?

— פאַרשטייט זיך, ער דאַרף האָבן איר צושטימונג, אָבער אויב ער וויל, קען ער עס טאָן.

— ער פאַרשטייט עס ניט.

— זי פאַרשטייט עס אויך ניט.

זי האָט מיט אַ כיוון גערעדט צו אים אַזוי לייכט, ער זאָל ניט זיין אַזוי פאַרזאָרגט און אומעטיק. זי האָט אָפּגעפּטרט די פּראַגן. אפשר וועט ער נעמען ריידן פון עפּעס אַנדערש. אירע אויגן זיינען איצט געווען ברייטער צעעפנט, און אין די ווינקלען פון איר מויל ביז די פאַלדן פון אירע גוידערס, וועלכע האָבן זיך געצויגן צו איר הויכן בוזים, האָט גערוט אַ שמייכל, אַ צו־פרידנקייט, וואָס אַ געניט אויג האָט געקענט דערזען.

פּיטער איז געווען פאַרצווייפלט און הכנעהדיק. ער האָט געהאַלטן די אויגן אַרונטערגעלאָזט און ניט געקוקט אין איר זייט. ער האָט ניט געטראַכט פון קיינעם חוץ זיך, אַפילו ניט פון מאַרזשין, וועמען ער האָט ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק ווידער געשוואוירן אייביקע ליבע. אין די אויערן האָבן אים געקלונגען די ווערטער, וואָס די אַרבעטער אין טאָל האָבן אים געזאָגט:

— ניטאָ קיין טובות איצט, פּיטער.

— אַ קאָמיטע דאַרף באַשטימען.

די איינציקע טיר, וואָס איז געווען פאַר אים אָפן, האָט זיך איצטער אויך פאַרמאַכט.

מרס. הילטאָנס בוזים האָט זיך געהויבן שטאַרקער. איר שמייכל איז שוין אַרויסגעראָנען פון די הויט־פאַלדן אַרום איר מויל. ער האָט זיך שוין געמערקט. אַפילו אויף די שפּיץ באַקן, וועלכע האָבן זיך געררויטלט. פּיטער איז אָבער געווען צופיל מיט זיך, האָט ער עס ניט באַמערקט.

— אויב אַפילו עס וועט זיין אויס וועבעריי, — האָט זי אָנגעהויבן און כמעט געפּינטלט מיט אַן אויג, — וועל איך נאָך אַלץ דאַרפן אַ שאָופער...

פּיטער האָט ניט געזען דעם וואונק. די באַמערקונג האָט אים אָבער געקרענקט. ער וויל ניט זיין קיין שאָופער, ער וויל מאַכט! ביז איצט האָט ער זיך געפילט מעכטיק, ווען ער איז געפאָרן מיט מר. הילטאָנען, דעם איינציקן באַלעבאָס אין מידלוויל, אָבער איצט האָבן די אַרבעטער אַראָפּגעוואויגן די וואָגשאָל, יעדער איינער איז אַ שטיקל באַלעבאָס, בלויז ער איז געבליבן אַ פּשוטער שאָופער.

אַ דערשלאָגענער איז ער אַוועק אין קיך. זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינ־קעל, איינגעגראָבן זיין קאָפּ איןביידע הענט און זיך געוואָלט דערטראַכטן צו עפּעס. מאַרזשי איז צוגעשטאַנען צו אים.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— אַלץ איז אַוועק מיטן רויך.

— וואָס?

— אַלץ.
— דו מיינסט די וועבעריי ?
— יאָ. דער שלאָס אויך.
— מ׳האָט דיך אָוועקגעשיקט ?
— אַזוי גוט ווי אָוועקגעשיקט.
— האָבן מיר מער ניט קיין שטעלע ?
— אַזוי גוט ווי ניין.

זי האָט אויף אים גרויס רחמנות געקראָגן. זי האָט געטראַכט אַז זי האָט זיין יאָך געמאַכט שווערער. איצט איז ער מער ניט אַליין. ער דאַרף אויך זי באַזאָרגן. זי האָט געוואָלט לייכטער מאַכן זיין געמיט, האָט זי, אויף איר אופן, אים געלאָזט פילן אַז ער איז ניט אַליין, זיי זיינען זאַלבעצוויים. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אים אויפן שויס, אים אַרומגענומען, זיך געטוליעט צו אים. מיט איר נאַטירלעכער פרויען־פּסיכאָלאָגיע האָט זי אויפגעטאָן וואונ־דער. אַזוי שנעל ווי ער האָט דערפילט די וואַרימקייט פון איר קערפּער, האָט ער זיך איינגאַנצן פאַרגעסן וואו ער האַלט אין דער וועלט. אַזאַ מענטש איז ער. אַן אַנדערע וואָלט זיך אַנגעשיכורט און זיך פאַרגעסן. אויף פּי־טערן האָט מאַרזשי אָדער אַן אַנדער פרוי געהאַט די זעלבע ווירקונג.

פּיטער איז געשמאַק געשלאָפן. מאַרזשי איז געווען זייער צופרידן וואָס איז ער אַוועק. אַן אַנדערער וואָלט זיך אַנגעשיכורט און זיך פאַרגעסן. אויף פּיטערן האָט מאַרזשי אָדער אַן אַנדערע פרוי געהאַט די זעלבע ווירקונג.

ער איז איר נאָך אַלץ פרעמד. זי פילט אָבער אַז נעענטער וועט ער איר שוין קיינמאָל ניט ווערן. זי וועט זיין צו אים אַ ווייב און ער וועט איר העלפן אין איר עלנטקייט.

ווען ניט די מלחמה וואָלט געווען אַנדערש. זי וואָלט חתונה געהאַט מיט דזשאָהנען, געהאַט קינדער . . . ווייטער ווי דאָס האָט זי ניט געטראַכט. דאָס איז דאָך דאָס לעבן, ניין ? איז אָנגעקומען די מלחמה, צוגענומען ביי דעם אַ זון, ביי דעם אַ ברודער, ביי דעם אַ מאַן. זי האָט ניט קיין ברידער, קיין מאַן, איז עס איר געליבטער, ליידט זי ניט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט. דזשאָהן ליגט ערגעץ באַגראָבן אויף אַן אינדזל אין דעם פּאַסיפיק. זי געדענקט אַפילו ניט דעם נאָמען פונעם אינדזל. דאַרף זי איצט טאָן צוויי זאַכן — שלום מאַכן מיט זיך און מאַכן באַקוועם אַט דעם פרעמדן מענטשן, וואָס ליגט איצט ביי איר זייט און כראָפּעט געמיטלעך.

זיינע גרויע שלייפן האָבן איצט אויסגעזען גרויער, ווייל אַ פּאַס ליכט פון פענצטער איז געפאַלן אויף זיי. מארזשי האָט ניט־ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן פון זיין אַלטקייט און איר יונגקייט און עס האָט זיך איר פאַרבענקט נאָך דזשאָהנס שוואַרצע האָר, נאָך זיין גלאַטן פּנים און צו דער נאַקעטקייט פון זיין קערפּער, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געפילט. די וועלט איז גרויס, און איר עלנטקייט איז אויך גרויס, און אירע פּעק זיינען שווער, טאָ וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן גרויע האָר און קנייטשן אַרום די אויגן און מויל־ווינקלען לגבי איינזאַמקייט און עלנטקייט? ער וועט איר העלפן טראָגן אירע פּעקלעך, ער וועט ריידן פאַר איר, ער וועט זיך איינשטעלן פאַר איר.

זי דערטראַכט זיך צו זייער איצטיקער לאַגע. זיי זיינען געבליבן אָן אַ שטעלע. וואָס וועלן זיי טאָן? עס אַרט איר אַפילו ניט אויב ער האָט ניט קיין געלט. זי וועט אים אַוועקגעבן אירע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע דאָלער און אים בעטן ער זאָל זיך אַזוי ניט ערגערן, זיי וועלן שוין ווי עס איז דורכקומען ביז זיי וועלן קריגן אַן אַנדער שטעלע.

אָבער פאַרוואָס איז די שטעלע מיט אַמאָל צונישט געוואָרן? ערשט אינגאַנצן מיט עטלעכע טעג צוריק איז ער געווען אַזוי זיכער אַז דער שלאָס און די וועבערײַ וועלן זיין זיינע, און איצט האָט ער אַפילו די שטעלע ניט. זי וועט גיין און בעטן פאַר אים מ׳זאָל זיי ניט אַוועקשיקן. זי וועט זיך אַנטשולדיקן פאַר אים.

זי האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון בעט, זיך פאַרפּוצט און אַוועק ריידן מיט דער באַלעבאָסטע.

מיט גרויס שוועריקייט איז אָנגעקומען מארזשין צו דערקלערן מרס. הילטאָן וואָס זי וויל. זי האָט עטלעכע מאָל געמוזט אָנהויבן פון אָנהויב, ווייל אַ חוץ דעם וואָס מרס. הילטאָן האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען, אַז זי זאָל האָבן עמיצן אַוועקגעשיקט, האָט מארזשי געהאַלטן אין איין ריידן ניט אין איר אייגענעם נאָמען, נאָר אַלע מאָל געזאָגט „אונדז".

— וועמען מיינט זי ווען זי זאָגט „אונדז"? — האָט איר מרס. הילטאָן געפרעגט.

— פּיטער און איך.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי מיט פּיטערן? איז ער איר אָנקל, אָדער עפּעס אַזוי אַ קרוב?

— אַ ניין, מיר זיינען שוין אַזוי גוט ווי מאַן און ווייב.

מרס. הילטאָן האָט צעעפנט איר מויל און די אויגן אַזוי ברייט, וויפיל

ס'האָט זיך געלאָזט און אַ לאַנגע צייט געקוקט אויף מאַרזשין, ביז זי האָט באַקומען לשון.

— ער איז דאָך אַלט גענוג צו זיין דיין פאָטער!

— יאָ, זי ווייסט עס, אָבער וואָס זאָל זי טאָן? עס זיינען דען איצט דאָ יונגע?

— אָבער . . .

— פאַר אַ מיידל איז זייער שווער צו לעבן אַליין, איבערהויפּט אין איר פּראָפעסיע. זי האָט געהאַט אַ חתן אין איר עלטער, איז ער דערהרגעט גע־וואָרן אין דער מלחמה און, זינט זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן דאָ, האָט איר פּיטער פאַרפאַלגט, האָט זי געקעמפט מיט זיך אַ שטיק צייט, ביז זי האָט באַ־שלאָסן: קיין יונגע זיינען דאָך סיי ווי ניטאָ, און אַ פרוי דאַרף דאָך עמיצן האָבן פאַר פּראָטעקציע, האָט זי אים נאָכגעגעבן און, אַזוי ווי זי איז ניט ווי אַ סך אַנדערע, האָט זי ניט צוגעשטימט, סיידן ער וועט מיט איר חתונה האָבן. איצט, ווען זיי האָבן פּלוצלונג פאַרלאָרן די שטעלע, האָט עס זיי זייער שטאַרק געטראָפן.

מרס. הילטאָן איז נאָך אַלץ געזעסן מיט אַן אָפענעם מויל און אויסגע־סטאַרטשעטע אויגן. זי האָט ניט געקענט באַשטימען צי זאָל זי זיין אין כעס אויף מאַרזשין אָדער ניט, און אַזוי האָט זי זיך דערטראַכט צו דעם געדאַנק, אַז די מלחמה האָט איר אויך געטראָפן. ווען מ'הרגעט ניט אויס אַזוי פיל יונגע מענער, וואָלט פּיטער קיינמאָל ניט געקראָגן אַזאַ יונגע מיידל. וואָס מער זי האָט געטראַכט דערפון, אַלץ קלאָרער איז איר געוואָרן, אַז זי איז ניט אין כעס אויף מאַרזשין. אדרבה, זי האָט געקוקט אויף איר און איז איר מקנא געווען, ניט וואָס זי האָט געקראָגן פּיטערן, נאָר וואָס זי איז יונג און דין. וואָס מער זי האָט געקוקט אויף מאַרזשיס קאָפּ בלאָנדע האָר, רויטע באַקן און יונגן, הויכן בוזים, אַלץ מער האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי שרייען צו איר מיט באַנומענע קולות:

— דיין צייט, עמאַ, איז אַוועק! יוגנט איז דער פּרייז, ניט געלט! מאַרזשי האָט איר ניט געלאָזט טראַכטן.

— איך בעט אייך, שיקט אונדז ניט אַוועק.

מרס. הילטאָן האָט איר פאַרזיכערט:

— זי מעג זיין רואיק, זי וועט זיי ניט אַוועקשיקן.

אַ באַרואיקטע, אַ פריילעכע איז מאַרזשי געזעסן אַנטקעגן דער מרס. הילטאָן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין איר קאַריערע, וואָס זי האָט

גערעדט מיט אירער אַ באַלעבאָסטע, אַ חוץ נעמען באַפעלן. איר שטימונג איז געווען געהויבן. ענדלעך וועט זי ווייזן פּיטערן, אַז זי איז ניט קיין לאַסט אויף אים; ווען מ'דאַרף קען זי אַרויסהעלפן אויך. האָט זי געפּלאַפּלט אַלץ וואָס איז איר געקומען אויפן צונג. פון איר לעבן ביז זי האָט געטראָפן דזשאָהנען, ווען זי האָט אים געטראָפן, פון זיינע עלטערן, ביז זי איז געקומען צו דער געשיכטע מיט פּיטערן. זי האָט דערציילט אַלץ וואָס איז פאַרגעקומען צווישן זיי ביידן. זי האָט ניט דערענדיקט די פראַזן און זיך גערויטלט. מרס. הילטאָן האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי דאַרף זיך ניט שעמען, „ס'איז דאָך פון אַ פרוי צו אַ פרוי". וואָלט מאַרזשי פאַרשטאַנען דעם תוך פון איר נייגעריקייט, וואָלט זי איר געמאָלן אַלץ מיט די קלענסטע דעטאַלן, אָבער מאַרזשי האָט אויף איין מינוט ניט פאַרגעסן, אַז זי זיצט אַנטקעגן איר באַלעבאָסטע, האָט זי זיך משער געווען, אַז יענע וויל דורך אירע פראַגן אויסגעפינען ווי אַנשטענדיק זי איז, האָט זי געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן:

— ווען ער זאָגט מיר ניט צו, אַז ער וועט מיט מיר חתונה האָבן, פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך וואָלט אַזוי ניט געהאַנדלט.

— איז ווען וועט איר חתונה האָבן?

— אויב מיר וועלן האָבן די שטעלע צוריק וועלן מיר גלייך חתונה האָבן.

מרס. הילטאָן האָט איר ווידער פאַרזיכערט:

— וואָס אַנבאַלאַנגט איר קען זי גלייך חתונה האָבן, ווייל זי שיקט זיי ניט אַוועק.

מאַרזשי איז נאָך געזעסן אַ ווילע. זי האָט אָבער געפילט אַז דער שטול האָט געברענט אונטער איר. זי האָט געוואָלט לויפן אָנזאָגן פּיטערן די גוטע נייעס. זי האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר דער מרס. הילטאָן און אַוועקגעאיילט אין קיך. פּיטער איז שוין אָבער דאָרטן ניט געווען.

ווי נאָר ער האָט אָן עפּן געטאָן די אויגן, אַזוי האָט אים זיין פאַרצווייפלטע לאַגע ווידער אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ מיט איר גאַנצן אימפּעט, און ער האָט באַשלאָסן ווידער לויפן אין טאַל, אפשר וועט אים דאָך געלינגען אָנקומען אין דער וועבעריי.

לויפנדיק אַזוי אַ פאַרשמייעטער און ברעכנדיק זיך דעם קאָפּ, וועמען ער זאָל זען, האָט אים אַ בליץ געטאָן אין די געדאַנקען: פיליפּ דיוויס!

ווי אַ לייב אין אַ שטייג איז דייוויס אַרומגעגאַנגען איבערן אָפיס. ווען ער האָט דערזען פּיטערן, האָט ער זיך מיט אים מער ווי דערפרייט. ער האָט אים אַריינגענומען אין זיין פּריוואַטן אָפיס, אים אַוועקגעזעצט אויבנאָן און

אים אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם. דאָס איז ניט געווען אַזוי לייכט, ווייל פּיטער האָט זיך געהאַלטן דיפּלאָמאַטיש און גערעדט פאַרשטעלט.

— קודם־כל האָט ער זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך דער יוניאַן, ער גלויבט אים צי ניט — די לופט איז דאָ אַזוי אָנגענעם, אַז ס'האָט אים פּשוט אויסגעפּעלט ביז איצט. און וואָס איז מכוח מעלווינס באַשלוס איבערצוגעבן די וועבעריי צו די אַרבעטער? איז אים געלונגען דאָס צו ענדערן? דער־נאָך האָט ער זיך געלויבט וואָס פאַר אַ גוטער יוניאַן־מאַן ער איז געווען און בשעת־מעשה אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע צי איז ער נאָך אַלץ אַ מיטגליד אין דער יוניאַן. ווען דייוויס האָט אים דערקלערט אַז ניט, האָט ער אָנגעשטעלט אַ תמעוואַטן פּנים און געפרעגט ווי קומט עס. אמת, ער האָט ניט געצאָלט קיין שטייער, ער האָט דאָך אָבער ניט געאַרבעט. ענדלעך האָט ער געפרעגט צי ער וואָלט געקענט אָנקומען אַרבעטן אין דער וועבעריי, אויב ער זאָל באַ־שליסן דאָס צו טאָן.

דייוויס האָט אים זייער לייכט געמאַכט דאָס האַרץ. אוודאי קען ער אָנ־קומען אין דער וועבעריי. פאַרשטייט זיך, ער מוז פריער ווערן אַ מיטגליד אין דער יוניאַן. דאָ האָט דייוויס פאַר אים געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַן עולם; אים אויפגעוויזן די וויכטיקייט פון דער יוניאַן און צום סוף געזאָגט, אַז מיט איינצאָלן עטלעכע דאָלער קען ער גלייך ווערן אַ מיטגליד, און ער וועט שוין זען, אַז ער זאָל אָנקומען אין דער וועבעריי.

מיטן יוניאַן־ביכל אין קעשענע, האָט פּיטער זיך דערפילט אַ סך פעס־טער. ער האָט קיין וואָרט ניט דערמאָנט צו די וועמען ער האָט באַגעגנט. ביי זיך האָט ער געטראַכט:

— איך וועל זיך נאָך מיט אייך אַלעמען אָפּרעכענען.

גייענדיק צוריק אין שלאָס, האָט ער זיך געפילט ווי אַ ניי־געבוירענער. זיין גאַנג איז געווען מיט שטאָלץ און אַ שמייכל האָט גערוט אויף זיין פּנים. איצט, אַז די טיר צו דער וועבעריי איז פאַר אים געווען אָפן, האָט ער געקענט פריי טראַכטן וועגן אַלץ, און ווען ער האָט געקענט טראַכטן פריי, איז נישט געווען קיין שיר צו וואָס ער האָט זיך געקענט דערטראַכטן.

למשל, טאָקע ווידער אַמאָל די מרס. הילטאָן. פאַרוואָס זאָל ער איצט זיך ניט דערקלערן צו איר אין ליבע? וועט זי אים אָפּזאָגן? גייט ער צו־ריק אין דער וועבעריי. וועט זי אָננעמען זיין ליבעס־דערקלערונג, צערייסט ער דאָס יוניאָן־ביכל און אַ סוף.

ער איז אַריין אין שלאָס דורכן הויפּט־אַריינגאַנג. דאָס האָט ער גע־

טאָן מיט אַ כיוון. ער האָט געוואָלט ברענגען צו מאַרזשין פּאַרטיקע נייעס.

מרס. הילטאָן איז געזעסן אין איר שטענדיקער פּאָזע, מער ניט אַ סך אומעטיקער. פּיטער האָט עס ניט באַמערקט. אַ פריילעכער איז ער צוגע־גאַנגען, זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן איר און גלייך אָנגעהויבן רעדן.

— לעצטנס בין איך געווען זייער צעטראָגן. אַ סך פּראָבלעמען האָב איך באַדאַרפט דערליידיקן, איבערהויפּט האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן פּאַסן אַ געוויסן באַשלוס.

— האָט איר באַשלאָסן?

— יאָ.

— גראַטולירט איך אייך.

— אַ דאַנק.

אָפּגערעדט די עטלעכע ווערטער, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער שמועס איז צוגעגאַנגען צו גלאַטיק. ער איז ניט געווען זיכער צי האָט זי פאַרשטאַ־נען וואָס ער האָט געמיינט, האָט ער אָנגעהויבן ווידער אַמאָל:

— איר וועט זיך קיינמאָל ניט פאָרשטעלן ווי שווער עס איז מיר גע־ווען דאָס צו באַשליסן, איבערהויפּט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ צווייטער פּערזאָן.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרגלעזערטע, שטאַרע אויגן. איר איז ניט אָנגעגאַנגען וואָס ער האָט געזאָגט, אָדער וואָס ער האָט געוואָלט איר זאָגן. זי איז געווען צופרידן וואָס אַלץ וואָס זי האָט געטראַכט וועגן אים איז געבליבן אין אירע דלד אמות.

ניט קריגנדיק קיין ענטפער, האָט ער ווידער אָנגעהויבן. איצט מער דירעקט.

— ס'איז מיר זייער שווער אייך צו רופן מרס. הילטאָן, — האָט ער גע־שמייכלט.

— וואָס־זשע ווילט איר?

— ווי אַנדערש קען איך אייך רופן אַ חוץ מרס. הילטאָן?

— זאָגט מיר וואָס איר ווילט.

— ס'איז ניט אַזאַ לייכטע זאַך צו זאָגן.

— כ'האָף אַז איר ווילט זיך ניט דערקלערן אין ליבע צו מיר.

— מרס. הילטאָן, ווען איר גיט מיר מיט עפּעס איבערן קאָפּ, וואָלט מיר געווען אַ סך מער אָנגענעם איידער די עטלעכע ווערטער וואָס איר האָט מיר נאָר־וואָס געזאָגט. פון דער ערשטער מינוט וואָס איך האָב אַריבערגע־טראָטן אייער שוועל און אייך באַמערקט, האָב איך דערפילט אַז איר זייט די

איינציקע פרוי אויף דער וועלט פאַר מיר. איך האָב אייך גאָרניט געקענט זאָגן כל־זמן מר. הילטאָן האָט געלעבט און, ווען ער איז געשטאָרבן, האָב איך קיין מוט ניט געהאַט, כאָטש איך האָב געמאַכט עטלעכע פּאַרזוכן צו רעדן מיט אייך. קומט איר און זאָגט מיר „כ׳האָף אַז איר ווילט זיך ניט דערקלערן אין ליבע צו מיר״.

— פּיטער, איך פאַרשטיי ניט וואָס איר ווילט.

— זאָגט מיר, איז דאָ אַ מעגלעכקייט איר זאָלט אויפהערן טרויערן נאָך מר. הילטאָנען?

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט אייך?

— איך ווייס, איר קוקט אויף מיר ווי אויף אַ דינער, אַ שאָופער, אָבער איך האָב אויך אַ האַרץ וואָס קען ליב האָבן.

— ווער לאָזט אייך ניט?

— איר!

— וואָס מיינט איר?

— איך האָב אייך ליב.

— מיך?

— יאָ, אייך. שוין צען יאָר.

אויף אַזאַ חוצפּה האָט זי זיך שוין ניט געריכט. ווען ער זאָגט איר אַז אײדער מאַרזשי איז אַהער אָנגעקומען האָט זי ליב געהאַט, נאָר איצט האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט מיט מאַרזשין, וואָלט זי אים אַלץ מוחל געווען און נאָך אפשר אַ זיפץ געטאָן אויף איר ביטער מזל, נאָר אַז ער איז געקומען צו איר מיט אַזאַ גרויסן ליגן, האָט אין איר דאָס בלוט אָנגעהויבן קאָכן און, וואָס מער זי האָט געטראַכט דערפון, אַלץ מער באַליידיקט און דערנידעריקט האָט זי זיך געפילט. זי האָט זיך איצט אַליין ניט געקענט פאַרטראָגן למאי זי פלעגט אויפשטיין פריער ווי געוויינלעך, זיך פאַרפּוצן און וואַרטן ער זאָל איר אַריינברענגען די קאַווע, טאָמער וועט ער איר זאָגן אַ פּאָר שיינע ווער־טער. איצט לאָזט זיך אויס, אַז אירע שיינע ווערטער האָט ער גאָר געזאָגט צו דער קעכין אין קיך.

— פּיטער! — האָט זי אויף אים אויסגעגלאָצט אירע אויגן, — איך וואָלט דיך איצט באַדאַרפט לאָזן אַרעסטירן!

— פאַרוואָס?

— איך ווייס ניט וואָס דו האָסט אין זינען, נאָר פריער פון אַלץ וועסטו חתונה האָבן מיט מאַרזשין.

— וואָס מיינט איר ?
— זי וועט ניט זיין ווי דיין ערשטע כלה, וועלכע דו האָסט איבערגע־לאָזט און זיך אַפילו ניט אינטערעסירט וואוהין זי איז אַהינגעקומען.
— וועלכע כלה ?
— איך בין ניט אויפגעלייגט דיר צו ענטפערן.
— זי האָט גערעדט מיט אייך ?
— ווער ?
— מאַרזשי.
— יאָ.
— וואָס האָט זי אייך געזאָגט ?
— הער מיך אויס, פּיטער, איך האָב צוגעזאָגט מאַרזשין אַז דו קענסט אָנהאַלטן די שטעלע. איצט דענק איך, אַז עס וועט זיין בעסער דו זאָלסט דאָ ניט זיין, ווייל . . .
— ווייל וואָס ?
— ווייל גאָרניט. איך וויל דיך דאָ מער ניט האָבן !
זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, אָבער ער האָט גאָרניט געזאָגט. ער איז נאָך געזעסן אייניקע סעקונדן און איז אַרויס פול מיט כעס און רציחה. אריינ־קומענדיק אין קיך איז אים מאַרזשי אַנטקעגנגעלאָפן אַ פריילעכע, אַ לאַכנ־דיקע מיט די גוטע נייעס. ער האָט איר אָבער קיין וואָרט ניט געלאָזט אויס־ריידן. מיט זיין גאַנצן אימפּעט האָט ער זי אַוועקגעשטויסן פון זיך.
— גיי צו אַלדי שוואַרצע יאָר ! — האָט ער אויסגעשריען.
— וואָס איז געשען ?
— וואָס איז געשען ! פאַרוואָס שטופּסטו דיין נאָז וואו מ׳דאַרף ניט ?
— וואָס האָב איך געטאָן ?
— נאָכוואָס ביסטו געקראָכן אַהין ? — האָט ער אָנגעוויזן צו דער טיר, וואָס האָט געפירט צו די צימערן אין שלאָס.
— איך בין געגאַנגען בעטן מ׳זאָל אונדז ניט אַוועקשיקן.
— פּאַק זיך איין און גיי !
— וואוהין ?
— וואוהין דו ווילסט.
— און דו ?
— כ׳האָב מיט דיר מער ניט וואָס צו טאָן.
— פּיטער ! כ׳וועל גיין מיט דיר !

זי איז אים געפאַלן אויפן האַלדז. ער האָט זי מיט אימפּעט אָוועקגע־שטופּט. זי איז געפאַלן צו זיינע פיס. ער האָט איר געבריקעט מיטן פוס און זיך נאָך אַלץ ניט געקענט באַרואיקן.

— דיין פּלאַץ איז דאָ אין קיך!

— איך האָב דאָך ניט געמיינט קיין שלעכטס, — האָט זי זיך געבעטן אַ וויינענדיקע.

— דו האָסט אַלץ קאַליע געמאַכט!

— זי האָט דאָך מיר צוגעזאָגט.

— האָסט איר געזאָגט אַז מיר גייען חתונה האָבן?

— אוודאי האָב איך איר געזאָגט!

אים איז מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן פאַרוואָס ער האָט געהאַט אַזאַ גרויסן דורכפאַל. זיין כעס האָט זיך נאָך מער צעשפּילט.

— מאַרזשי, איך וועל מיט דיר ניט חתונה האָבן!

— האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט!

— ווערסטו ווייטער וויסן ניט שטופּן דיין נאָז וואו מ'דאַרף ניט.

ביים טיר האָט זיך באַוויזן די מרס. הילטאָן. מאַרזשי איז נאָך אַלץ גע־זעסן אַ וויינענדיקע ביי פּיטערס פיס. ווען פּיטער האָט זי דערזען ביי דער טיר, האָט ער זיך פאַרלאָרן.

— שטיי אויף! — האָט ער באַפוילן מאַרזשין.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט די מרס. הילטאָן געפרעגט.

— דאָס איז דערפאַר וואָס איך האָב גערעדט מיט איך, — האָט מאַר־זשי זיך צעוויינט. — איצט וויל ער מיט מיר ניט חתונה האָבן.

— ער וועט חתונה האָבן מיט דיר צי ער וויל אָדער ניט.

זי איז צוגעגאַנגען צו מאַרזשין, איר אויסגעשטרעקט די האַנט. מאַרזשי איז אויפגעשטאַנען. אויסדרייענדיק זיך צו פּיטערן, האָט די מרס. הילטאָן אַ זאָג געטאָן:

— אויב דו וועסט מיט איר ניט חתונה האָבן וועל איך דיך לאָזן אַרעס־טירן!

פּיטער און מאַרזשי האָבן יאָ חתונה געהאַט. דאָס איז געווען דער איינ־ציקער וועג ווי אַזוי מרס. הילטאָן האָט געקענט שטילן איר כעס, וואָס זי האָט

געטראָגן אויף אים. זי האָט בדאַי אים נאָכגעגעבן זיין פאָדערונג צו ריידן מיט מעלווינען ער זאָל אים אַריינגעמען אין דער וועבעריי אַרבעטן.

דער שלום פון דער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן פילן מער און מער. די יובל-געשרייען און טענער פון נצחון האָבן זיך איינגעשטילט און מ׳האָט זיך ביסלעכוויַז אָנגעהויבן אומקערן צום נאָרמאַלן לעבן, אָבער דאָ האָבן זיך אָנ־געהויבן אַ ריי שוועריקייטן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט די יוניאָנס. ווי איר געדענקט, האָבן זיי, אין אָנהויב פון דער מלחמה, איינגעשטימט צו אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט דער רעגירונג, אָבער איצט אַז עס איז שוין שלום, האָבן זיי גענומען ווידער פאַרקניפּן די פריערדיקע פעדים, אָנגעהויבן דאָרט וואו זיי האָבן איבערגע־לאָזן. איז פרעגט שוין ניט וואָס פאַר אַ טומל עס איז געוואָרן איבערן לאַנד! די קאָמענטאַטאָרס אויף דער ראַדיאָ האָבן געהאַלטן אין איין שרייען און ליאַ־רעמען:

— די אַרבעטער שטערן דעם אויפבוי פון דער חרובער וועלט!

— איירא͏ָפּע הונגערט און זיי ווילן קירצערע שטונדן!

— מיר האָבן גאָרניט געוואונען מיטן זיג איבער היטלערן!

און אַזוי ווייטער און ווייטער.

די צייטונגען, ווידער, האָבן אויך ניט געשאָנעוועט די יוניאָנס. האַלבע פראָנט־זייטן זיינען געווען פאַרנומען מיט דריי גאָרנדיקע קעפּ:

„די יוניאָנס זיינען שונאים פון דעם לאַנד!"

„דער איבערלעכער שונא איז געפערלעכער ווי דער דרויסנדיקער!"

די יוניאָנס, פון זייער זייט, האָבן אויך נישט געשוויגן. מ׳האָט פאַר־רופן מיטינגען.

— מיר האָבן געדולדיק געטראָגן די מלחמה אויף אונדזערע פּלייצעס, — האָבן די רעדנער געטענהט, — מיר האָבן פאַרדעקט די הימלען מיט עראָפּלאַנען, די ימים מיט שיפן. מיר האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט. אונד־זערע זין האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אין אַלע טיילן פון דער וועלט. די גרונטן פון אַלע זיבן ימים זיינען פול מיט אונדזערע קינדער. אונדזערע זין זיינען געווען די שפּייז פון די שאַרקס און קראָקאָדילן אין די ימים און טייכן, פון די רויב־פויגלען אין די מדבריות און די ווילדע וועלדער אין די געגנטן פון

פּאַסיפיק. מיר האָבן באַפרייט די וועלט, ניט איר! איצט ווילן מיר אויך זיין פריי!

וואָס מער די ווערטער־ און פּאַפּיר־מלחמה איז אָנגעגאַנגען, אַלץ מער האָט זיך פאַרשפּרייט די אומרואיקייט צווישן פאָלק. מער און מער שיכטן פון פאָלק זיינען צוגעשטאַנען צו די געקריוודעטע אַרבעטער, און דער קאַמף האָט זיך פאַרשאַרפט און ער איז אַרויס פון די נאַציאָנאַלע ברעגן.

— מיר האָבן געוואונען די מלחמה און מיר ווילן איינשטעלן דעם פרידן! — האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן שטימען איבערן לאַנד.

— מיר האָבן זיך פאַרלאָזט אויף אייך נאָך דער ערשטער מלחמה. מיר האָבן אייך איבערגעגעבן אַ באַזיגטע אייראָפּע, און וואָס האָט איר פון איר געמאַכט? אין איינע צוואַנציק יאָר האָט איר ווידער געבראַכט אַ מלחמה און ווידער האָבן מיר געמוזט אַוועקגעבן אונדזערע לעבנס און צאָלן די חובות. און טאָמער איז דאָס ניט גענוג, האָבן מיר פאַרמשכונט אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער.

מ׳האָט לאַנג ניט באַדאַרפט זוכן קיין חטאים וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן פאָלק אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָט איז אַ טייל געשרייען וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן לאַנד:

— מיר האָבן אייך געוואָרנט גלייך אין אָנהויב, אַז היטלער איז אַ געפאַר, האָט איר זיך איינגעהערט?

— מיר האָבן זיך געבעטן ביי אייך: העלפט שפּאַניע! האָט איר מורא געהאַט פאַר קאָמוניזם און געשטעלט אונדזערע לעבנס אין קאָן.

— אין מאַנילאַ, באַטאַן און קאָרעגידאָר האָבן די יאַפּאַנעזער אונדז געמאָרדעט מיט די וואָפן וואָס איר האָט זיי פאַרקויפט!

האָבן זיך די באַלעבאַטים דערשראָקן פאַר די אמתן וואָס האָבן אַרויסגעבראָכן פון די מאַסן און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן חנפענען צו זיי.

— די אַמעריקאַנער אַרבעטער און מאַסן, — האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען אַ לידל, — זיינען גוט און וואויל, נאָר די קאָמוניסטן וואָס האַלטן אין איין אָנקומען פון רוסלאַנד, זיי זיינען שולדיק! רוסלאַנד איז בכיוון אַריין אין דער מלחמה, כדי זיך אונטערחנפענען צו אַמעריקע און ענגלאַנד, און נאָך דער מלחמה זאָל זי קענען פאַרשפּרייטן קאָמוניזם איבער דער גאַרער וועלט.

אָבער — איך וויל זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט זאַכן וואָס האָבן צו טאָן מיט פּאָליטיק. קערן מיר זיך איצט אום צוריק צו אונדזערע העלדן.

מידלוויל גרייט זיך צו דער חתונה פון וועלין גרעי און פרענק מארי. אפשר איז זייער חתונה האָבן ניט אַזאַ גרויסע געשעעניש, אָבער חוץ חתן־

כּלה זײַנען דאָ פֿאַרמישט אַנדערע פּערזענלעכקייטן. און דער עיקר, לואיס בראַון, דער יוניאָן־פּירער, װעלכער האָט פריער שיר ניט דערפֿירט דערצו, אַז פרענק האָט אים געוואָלט דערהרגענען, ווייל ער איז געוואָרן צו גוט־ברודער מיט עוועליגען.

אגב, וועל איך אייך שוין טאַקע דערציילן וואוהין ער איז אַהינגעקומען:

אין דעם ניו־יאָרקער אָפיס האָבן זיי זיך די אויערן ניט געגלויבט, הערנדיק, אַז אים איז געלונגען צו שליכטן דעם סטרייק אין מידלוויל. האָט מען פאַר זיין כבוד וועגן אַראַנזשירט אַ גרויסן באַנקעט, וואו ער האָט איבערגעגעבן די סטראַטעגיקע, וואָס ער האָט אָנגעפירט און אַלץ וואָס ער האָט דורכגעמאַכט ביז אים איז געלונגען צו געווינען דעם סטרייק.

אַזוי ווי די אמתע אורזאַך פאַרוואָס דער סטרייק איז געסעטלט געוואָרן האָט קיינער אין ניו־יאָרק ניט געוואוסט, און אַ גוטער רעדנער איז לואיס בראַון געווען, און ס'איז אַ סברה, אַז ביים באַנקעט זײַנען געווען אַ פּאָר פון זיינע פאַרערערינס, האָט ער אַוועקגענומען אַלע צאַמען פון זיין פאַנטאַזיע און ער האָט געמאָלן אַ בילד, וואָס האָט אים דערהויבן צו דער העכסטער שטופע. דערציילט האָט ער, אַז ער און דזשאָהני האָבן מאַרשירט פאָראויס צו דער דעמאָנסטראַציע. די קויל וואָס האָט געטראָפן דזשאָהנין איז געווען געצילט אין אים (ווייל וואָס האָבן זיי געהאַט צו דזשאָהנין ?), אָבער פונקט דאַן האָט ער זיך אַ דריי געטאָן אָן אַ זייט און די קויל האָט געטראָפן דזשאָהנין. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פאַרבלוטיקטן דזשאָהנין אין זיינע אָרעמס און זיך געלאָזט לויפן מיט אים. ער איז געלאָפן ביז דזשאָהני האָט אים געבעטן ער זאָל זיך אָפּשטעלן, ווייל ער וויל אים עפּעס זאָגן. און דאָס וואָס ער האָט אים געזאָגט:

— ברודער בראַון, שווער מיר, אַז דו וועסט נקמה נעמען פאַר מיין פאַרגאָסן בלוט ! ווען ער האָט אים געגעבן די שבועה, איז דזשאָהני אויסגעגאַנגען.

די פאַרזאַמלטע האָבן געפּאַטשט און געשריען בראַוואָ. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך נאָך מער צעשפּילט און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין איינצלהייטן, ווי אַזוי ער האָט געגנויט מר. הילטאָנען צו סעטלען דעם סטרייק.

— הילטאָן האָט אים אָפּגערופן ער זאָל קומען צו אים אין שלאָס. ער האָט אָבער געפילט, אַז אין שלאָס וועט ער מיט אים גאָרניט קענען אויפטאָן, האָט ער געענטפערט הילטאָנען, אַז צו אים אין שלאָס וועט ער ניט קומען. אויב הילטאָן וויל אים דווקא זען, זאָל ער קומען צו אים אין האָטעל. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ ריזיקע, אָבער ער האָט געמוזט שפּילן זיין

לעצטן טרומף, כדי צו ברענגען הילטאָנען צו זיינע פיס. אַזוי איז אַוועק אַ שעה, צוויי, דריי, פיר און פינף. די פינף שעה זיינען געווען די ערגסטע אין זיין לעבן. דאָס זיינען געווען פאַר אים פינף שעה פול מיט פאַרצווייפ־לונג, ערגערניש ביזן בייזן און חרטה. אפשר האָט ער ניט געדאַרפט האַנד־לען אַזוי שטרענג מיט הילטאָנען? אפשר האָט הילטאָן חרטה געקראָגן? און וואָס וועט זיין, אַז דער סטרייק וועט זיך ווידער פאַרציען און מ׳וועט דאַרפן ברענגען נאָך קרבנות? ער איז שוין געווען גרייט אָפּרופן הילטאָנען און זיך אַנטשולדיקן פאַר אים, ערשט אַ קלאַפּ אין טיר, און ווער קומט אַריין? היל־טאָן!

בראַון האָט זיך ווידער אַריינגעלאָזט אין אַ ריי אויסגעטראַכטע איינצל־הייטן, ווי קלוג ער האָט אַלץ דורכגעפירט. (מאָדנע, אין אַלע שיכטן געפינט זיך אַ פּיטער!). דער זאַל, וואו דער באַנקעט איז פאַרגעקומען האָט געהילכט מיט אַפּלאָדיסמענטן און ער האָט דערציילט איין גוזמא נאָך דער צווייטער.

ווילט איר דאָך וויסן ווי אַזוי אַט־דער בראַון האָט געהאָלפן שלום מאַכן צווישן פרענקן און עוועליגען?

טאַקע ביי דעם באַנקעט האָט ער אַזוי באַגייסטערט די פאַרזאַמלטע, אַז גלייך אויפן פלאַץ האָט מען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע:

„היות, אַזוי ווי ער, לואיס בראַון, האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אָפּערוווי־ליקייט, אַזוי פיל קענטשאַפט און אינטעליגענץ צו סעטלען דעם סטרייק אין מידלוויל, לכן זאָל מען אים, פון היינט און ווייטער, איבערגעבן אַלע סטרייקס וואָס קומען פאָר אין די קלענערע שטעטלעך."

אַזוי ווי סטרייקס זיינען געווען לרוב, איז ער גלייך מגולגל געוואָרן אין אַן אַנדער שטעטל. דאָרט האָט ער אָנגעטראָפן אַ מיידל ענלעך צו עווע־לין, איז ער גלייך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם קאַמף . . . האָט ער עוועלינען ניט געענטפערט אויף אירע בריוו, האָט זיך איר ליבע אָפּגעקילט. בראַון, ווידער, איז דאָרטן געווען אין זייער אַן אומאַנגענעמער לאַגע: יענע מיידל האָט טאַקע ניט געהאַט קיין חתן, אָבער חתונה האָבן מיט איר האָט ער ניט געקענט, ווייל ער האָט דאָך אַ ווייב און אויסזיכטן אויף צו סעטלען שנעל דעם סטרייק און אַוועקפאָרן זיינען ניט געווען . . . איז אים זייער ניט גוט...

וואָס נעענטער איך קום צום סוף פון דער „מלחמה אין מידלוויל", אַלץ מער פיל איך אייער אומצופרידנקייט. איך דערצייל אייך זאַכן וואָס איך וויל

און ניט וואָס איר ווילט וויסן. איר האָט די גאַנצע צייט, זאָגט איר, געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דעם ראָמאַן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַנטוויקלען צווישן מעלווינען און רוטן, אָבער קיינמאָל בין איך ניט געגאַנגען אַזוי ווייט ווי איר האָט געוואָלט. אָט בין איך שוין באַלד ביים סוף, טענהט איר, און ווייטער ווי אַ קוש בין איך ניט געגאַנגען. און ווי איז דאָס אין אַלגעמיין מעגלעך, אַז אַ ליבע זאָל אָפּגיין אַזוי גלאַטיק? אַז איינער אויפן צווייטן זאָל קיין שטויבעלע ניט געפינען? אַז ס'זאָל זיך ניט אָפּזוכן אַ קרוב צי אַ פעטער, וואָס זאָל שטערן דעם שידוך? און, אויב איך האָב זיך שוין יאָ אָנגעשטרענגט און אַרויפגעבראַכט אויף דער אַרענע דזשים טיילאָרן מיט פּאַטרישיאַן, פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי וואָסערדיק און כאַראַקטערלאָז, אַז זיי טוען גאָרניט צו שטערן דעם שידוך?

איבערהויפּט האָבן צו מיר טענות די צוויי דאַמען. די ערשטע, מיט די צוויי דיפּלאָמעס פון דער אַקאַדעמיע „ווי אַזוי מ'דאַרף דערציילן", איז איצט שוין גאָר מלא רציחה אויף מיר. זי האַלט, אַז איך האָב פאַרשוועכט די גאַנצע „קונסט פון דערציילן". ס'איז מיין גליק, זאָגט זי, וואָס איך האָב ניט קיין דיפּלאָמע, אַניט וואָלט זי שוין געזען אַז די אַקאַדעמיע זאָל ביי מיר צונעמען די דיפּלאָמע פאַר דעם שרעקלעכן פאַרברעכן, וואָס איך בין באַגאַנגען, פאַרלעצנדיק אַלע דינים און כללים פון דער אַקאַדעמיע.

די צווייטע דאַמע, וועלכע איז אָן אַ שיר מער ליבנסווירדיק ווי די ערשטע, וואָס האָט ליב יעדע מעשה, אַבי ס'האָט אַ ראָמאַן, עס גייט איר ניט אָן ווי אַזוי מ'דערציילט, אַבי די צוויי העלדן געפינען זיך אַליין אין דער פינצטער . . . זי האָט צו מיר טענות אויף איר שטייגער.

— גוט, — זאָגט זי, — זי האָט מיך אויסגעהערט פון אָנהייב אָן. אמת, די זייטיקע זאַכן וואָס איך האָב איר דערציילט, האָבן איר ניט אינטערעסירט. ווייסט זי אָבער, אַז אַלע מעשיות ליידן אויף דער חולאת, אַנשטאָט וואָס מ'זאָל זיך אָפּגעבן מיט די העלדן, רעדט מען פון אַזעלכע זייטיקע זאַכן, ווי פון דער זון, פון די פאַרנאַכטן, פון קילע ווינטלעך, צי פון וואָס ניט! פונדעסטוועגן האָט זיך איר אַלע מאָל געלוינט דאָס וואַרטן. סוף־כל־סוף האָט דער דערציילער שוין געזען, אַז די העלדן זאָלן בלייבן אַליין. אַפילו ווען זיי זיינען אַליין וואָסערע נישטיקע צען־פופצן מינוט, לוינט זיך אַלע מאָל דאָס וואַרטן. דאָס קושן זיך, די אָפּגעהאַקטע פראַזן, אַפילו ווען זיי ריידן ניט, איז אויך גוט, ווייל זי האָט, זאָגט זי, פאַנטאַזיע, פאַרשטעלונגס־קראַפט. דאָ, ביי מיר, אָבער, איז דאָך פשוט שרעקלעך! מער ווי וועגן צוויי נישטיקע קושן האָב איך ניט דערציילט.

איבערהויפּט קען זי מיר ניט מוחל זיין, וואָס ווען איך האָב שוין יאָ געהאַט ביידן אין אויטאָמאָביל, וואָס דאָס איז, לויט איר מיינונג, איינער פון די מאָדערנסטע וועגן פאַר אַ ביסעלע האַנדלונג, האָט זיך דער הויפּט־העלד אַוועקגעזעצט פילאָזאָפירן און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. זי לייקנט ניט, אַז פילאָזאָפיע איז דער אונטערשלאַק פון אַ מענטשן, אָבער דער מענטש קען דאָך ניט זיין אינגאַנצן פון אונטערשלאַק! אַ מענטש איז דאָך בלוט און פלייש! אַ מענטש האָט פאַרלאַנגען! אַ מענטש איז עמאָציאָנעל!

— זי איז זיכער, — זאָגט זי, — אַז אַרום מידלוויל זיינען דאָ גענוג פלעצער, וואו מ׳פרעגט אייך ניט ווער איר זייט און וואָס איר ווילט טאָן. מ׳קאָן דאָרטן פאַרברענגען אַ נאַכט אַז לייענענדיק וועגן דעם, זאָל אויפרודערן אייער בלוט און איר זאָלט אַרומגיין פאַרחלומט וואָכן נאָכאַנאַנד. זי גייט אַזוי ווייט און גיט מיר נאָך, אַז אויב איך וויל דווקא דעם אויטאָמאָביל, איז אויך רעכט. זי ווייסט אויך, אַז אַפריער דאַרף מעןריידן, איז אַן אַנדערער רעדט און מיין העלד פילאָזאָפירט, אָבער אַלץ דאַרף דאָך האָבן אַ מאָס! ער האָט אָפּגעפילאָזאָפירט, וואָס לויפט ער? ווער יאָגט אים? היינט וואו איז רוטס פאַרלאָר? זי דענקט, אַז מיר זיינען נאָך ניט אַזוי שטאַרק ציוויליזירט, אַז מיר זאָלן אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם פאַרלאָר.

איר זייט גערעכט. אייערע טענות זיינען וויכטיקע, אָבער די זאַכן וואָס איר ווילט איך זאָל אייך דערציילן, האָט מען דאָך אייך שוין דערציילט אַזוי פיל מאָל. איך וועל אייך אויך צוגעבן, אַז די פריערדיקע דערציילער האָבן עס אייך דערציילט מיט אַזוי פיל טאַלאַנט, מיט אַזוי פיל געשפּאַנטקייט, מיט אַזוי פיל דעטאַלן, פיל מער ווי איך פאַרמאָג, האָב איך געטראַכט: אָט־די מאָמענטן, וועלכע איר זוכט דאָ און קענט ניט געפינען, וועט איר אָן שוועריקייטן געפינען אויף וועלכן עס איז בלעטל פון וועלכן ראָמאַן איר וועט עפענען; טאָ צו וואָס אַוועקגעבן צייט אומזיסט?

פרעגט איר ווידער: צו וואָס דערצייל איך אייך די מעשה אינגאַנצן? וועל איך אייך דערויף ענטפערן:

כ׳ווייס, אייך געפעלן מעלווין מיט רוטן, און פּיטערן קענט איר נישט פאַרטראָגן. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל פּיטער איז אַ טייל פון אונדז. לאָמיר זיך ניט נאַרן: וואָס פּיטער טוט, טוען דאָך אַ סך. אויב זיי טוען עס ניט, ווילן זיי עס טאָן. דורך אים זעט מען ווי לעכערלעך מיר זיינען, דערפאַר האָבן מיר אים פיינט. ווייל מיר האָבן פיינט דעם אמת, שאַפן מיר זיך אילוזיעס, מיר איינריידן זיך איין, אַז מיר זיינען ניט ווי די איבעריקע. מעלווין און רוט זיינען די, וואָס מיר ווילן זיין, דאָך אַז עס קומט צו אינטימע מאָ־

מענטן, ווילט איר זיי זאָלן האַנדלען ווי פּיטער. וואו איז אייער לאָגיק? דענקט איר ניט, אַז ס'איז בעסער זיי זאָלן ווי זיי זיינען און מיט דעם זיך טרייסטן, אַז די גאַנצע וועלט זיינען ניט קיין פּיטערס?

ווען איר קומט קיין מידלוויל מיט אַ חודש צוריק און זאָגט זיי:

— מאָרגן איז דער ערשטער מאַי!

וואָלטן זיי אייך אַ העלפט פון זייער לעבן אַוועקגעגעבן. איר ווייסט גאָרניט ווי לאַנג דער חודש האָט זיך געצויגן. אַ וואָך — אַן אייביקייט; אַ טאָג — אַ לעבן אַ גאַנצער; אַ שעה — אַ יאָר! זיי זיינען אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום, אין אַ היִנערפּלעט. די דערוואַרטונג האָט אַזוי אָנגעפילט זייערע הערצער, אַז זיי האָבן עס מער ניט געקענט טראָגן אין זיך. האָט מען גערעדט און געטראַכט, געטראַכט און גערעדט. אינמיטן נאַכט פלעגן די מענער אויפוועקן זייערע ווייבער, זיך אויפזעצן אין די בעטן און ריידן, רעדן ווענן דעם וואָס וועט זיין נאָכן ערשטן מאַי. די נעכט האָבן שוין מער נישט געבראַכט קיין רו אין מידלוויל. ווי מיט שפּיזן האָבן די ליכט פון די שטיבלעך געשטאָכן אין די קילע פרילינג־נעכט.

איך וועל ניט זאָגן, אַז היינט, ערב דעם ערשטן מאַי, איז די נערוועזיטעט און דער אומגעדולד אַוועק. אדרבה, היינט האָט זייער נערוועזיטעט דערגרייכט די העכסטע שטופּע, דעם קלימאַקס! אָבער ניט ווייל מאָרגן ווערן זיי די אייגנטימער פון דער וועבעריי. זיי האָבן שוין אַזוי פיל גערעדט און געטראַכט וועגן דעם, אַז איצט דוכט זיך זיי שוין, אַז פון דורות איז די וועבעריי זייערע. פאַרוואָס־זשע זיינען זיי היינט מער אומגעדולדיק און נערוועז? היינט האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ מעטעראָלאָגישער פראַגע, ס'הייסט, וועגן דעם וועטער. און כאָטש דער הימל איז געווען אייגעטונקט אין די אַלע פאַנטאַסטישע קאָלירן, אַז ס'האָט פשוט פאַרכאַפּט דעם אָטעם און דאָס אויג, האָבן זיי די שיינע פאַרבן פון דעם זון־אונטערגאַנג ניט געזען, נאָר אַ ברעקל וואָלקן אויפן ברעג הימל האָבן זיי יאָ דערזען, און דאָס איז געווען גענוג אַריינצעוואַרפן אַ צווייפל אין אַלעמענס הערצער, אַז דער ערשטער מאַי וועט זיין אַ וואָלקנדיקער, אפשר וועט גאָר רעגענען. אויב אַזוי, ווי וועלן זיי אָנגיין מיט דער פייערונג?

איך האָב אייך פאַרגעסן זאָגן, אַז די צערעמאָניע פון איבערגעבן די וועבעריי צו די אַרבעטער איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן מיט אַ גרויסן

מאַלצייט. אַזוי ווי דער טאָג איז אויסגעפאַלן דעם ערשטן מאַי, ווען מ׳אַר־בעט סיי ווי ניט, זאָל די פייערונג פאַרקומען אויפן הויף פון דער פאַבריק, גלייך אויף יענער זייט אייזערנעם טויער. פאַרשטייט איר דאָך שוין, אַז אין פאַל פון אַ רעגן קען מען ניט זיצן אינדרויסן און עסן.

צווישן די געביידעס פון דער וועבעריי איז געווען איין גרויסע געביידע, וואו מ׳האָט געהאַלטן די רויוואַרג און די פאַרטיקע סחורה, אָבער דער אויפ־זעער פון דער געביידע האָט געטענהט, אַז ס׳איז ניט גוט פאַר די סחורות דאָרטן אַרומצוגיין מיט עסנוואַרג. מיט אים וואָלט מען שוין ווי ס׳איז דורכ־געקומען, איז אָבער געווען אַן אַנדער צרה: די געביידע, ווי גרויס זי איז געווען, איז זי ניט געווען גרויס גענוג אַריינצונעמען אַלע מענטשן מיט די טישן און די בענק אויף איין מאָל. אַ טייל וואָלט באַדאַרפט עסן פריער און אַ טייל שפּעטער. ווער־זשע זאָל עסן פריער און ווער שפּעטער? מיט אַ פּאָר חדשים צוריק וואָלט דאָס אפשר ניט געווען אַזאַ ברענענדיקע פראַגע, אָבער איצט זיינען זיי דאָך אַלע גלייך!

די פרישע, קלאָרע זון האָט זיי אַלעמען גלייך אין דער פרי באַרויִקט. נאָך איידער זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט איז זי שוין געהאַנגען אַ גאַנצע, אַ קיילעכדיקע און אַ קלאָרע אויפן בּרעג הימל און געקוקט, דוכט זיך, נאָר אויף מידלוויל. זי האָט געשאָטן מיט גאָלדענע שטראַלן, וועלכע די מילדע ווינט־לעך האָבן צעטראָגן איבער גאַנץ מידלוויל, געגלעט די פּנימער פון די איינ־וואוינער און אַפילו אַריינגעדרונגען אין האַרצן, און ווי עס ווייזט אויס, איז די זון ניט געווען אינגאַנצן צופרידן צו וואַרימען מידלוויל בלויז פון דער זייט, ווייל זי האָט זיך געדראַפּעט אַלץ העכער און העכער. זי האָט געוואָלט וואַרימען פון אויבן, אומעטום, ווי אַ הון וואַרימט אירע הינדעלעך, אַריינגע־מען גאַנץ מידלוויל אונטער זיך.

ס׳איז נאָך פרי. גאַנץ מידלוויל האָט זיך געוואַשן, געצוואָגן און זיך געפּוצט, בּישט קוקנדיק אויף דעם וואָס די אַראַנזשיר־קאָמיטע איז באַשטאַ־נען פון געציילטע מענטשן און אַלע באַשלוסן האָבן באַדאַרפט דורכגעפירט ווערן אין דער גרעסטער געהיימעניש, דאָך האָט יעדער איינער געוואוסט אַלץ וואָס דאָרטן וועט סערווירט ווערן. דערפאַר טאַקע האָבן אַ סך זיך אָפּ־געזאָגט עסן פרישטיק אין דערהיים, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס עס איז נאָך געווען היפּשע עטלעכע שטונדן ביז מ׳וועט עסן דאָרטן.

דאָס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מידלוויל האָט געפייערט דעם ערשטן מאַי. זינט די יוניאָן־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן דאָ, איז יעדן ערשטן מאַי עפּעס פאַרגעקומען, אָבער קיינמאָל האָט מען זיך אַזוי ניט

געגרייט צום ערשטן מאַי ווי דאָס מאָל. פריער, וויפיל מ'האָט ניט אַגיטירט און גערעדט, האָט מען קיינמאָל ניט באַוויזן צוזאַמענקלייבן אַלע מענטשן צו מאַרשירן. ס'רוב זיינען געלעגן ביז נאָך האַלבן טאָג אין די בעטן. דערנאָך זיך אַרויסגעלאָזט אויף מעין סטריט, געציילט די פאַרבייפאָרנדיקע אויטאָ־מאָבילן און געשפּיגן אינמיטן גאָס. דאָס מאָל האָט מען ניט באַדאַרפט אַגי־טירן און ריידן. אַזוי שנעל ווי ס'איז באַקאַנט געוואָרן די נייעס, אַז די פאַב־ריק גייט איבער צו די אַרבעטער, האָבן אַלע ווי איינער באַשלאָסן „מ'דאַרף מאַרשירן!" און ניט נאָר זיי אַליין, נאָר די ווייבער מיט די קינדער האָבן אויך געדאַרפט מאַרשירן.

האָבן זיך אַלע געגרייט צום מאַרש. די געשפּאַנטקייט און נערוועזי־טעט איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. יעדער איינער איז געווען אַזוי אומ־געדולדיק, אַז מ'האָט שוין ניט גערעדט, נאָר געשריען, זיך געקריגט. די מענער האָבן זיך געקריגט מיט די ווייבער, די ווייבער מיט די מענער און אויף די קינדער איז גאָר געווען אַ רחמנות. זיי זיינען געוואָרן אינגאַנצן איבעריק. קיינער האָט זיי ניט געקענט פאַרטראָגן.

בלויז די מענטשן וואָס האָבן אויסגעלייגט די פּלענער פאַר דער ערש־טער מאַי־פייערונג האָבן בעסער פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם יום־טוב דעם יאָר, ווייל זייערע באַפעלן זיינען געווען קאַלט און פּינקטלעך.

— פּונקט עלף אזייגער הייבט מען זיך אָן צוזאַמענקלייבן אויף מעין סטריט, לעבן פאַסט אָפיס, און פּונקט צוועלף אזייגער וועט זיך אָנהויבן דער פּאַראַד צו דער וועבעריי. מאַרשירן וועט מען זאַלבעפערט אין אַ ריי. איין ריי הינטער דער צווייטער. די סאַמע ערשטע וועלן מאַרשירן מעלווין און רוט, נאָך זיי די אָפיס־אָנגעשטעלטע, דערנאָך די אַרבעטער מיט זייערע פאַ־מיליעס. דער מאַרשרוט וועט זיך אָנהויבן פון פאַסט אָפיס אויף מעין סטריט ביז מיל סטריט, פון מיל סטריט צו די טויערן פון דער „מידלוויל ניטינג מיל". ביי דער וועבעריי וועלן זיי באַגעגנט ווערן פון דער אָרגאַנזשירונג־קאָמיטעט, וועלכע וועט זיי אָנווייזן די פּלעצער וואָס זיי דאַרפן פאַרנעמען.

מ'בעט אַלעמען זיך האַלטן אין אָרדענונג.

מיט אַכטונג,

די קאָמיטע.

ווער קען מיט קאַלטע ווערטער מאָלן די ליכטיקייט און וואַרימקייט פון אַן ערשטן מאַי? ווער קען איבערגעבן דעם פּלאַטער פון אַ גרעזל און דעם ריח פון אַ שטיקל בעז? פול איז די לופט מיט דעם פּלאַטער פון דער וועלט און מיטן ריח פון בעז דעם ערשטן מאַי! עס פּלאַטערן אויך די הערצער פון

יונג און אַלט. דאָס ליד פון לעבן רייסט זיך מיט גאָלדענע קלאַנגען אַרויף צו דער זון און די זון שיקט גאָלדענע שטראַלן צוריק.

געבענטשט זאָלסטו זיין, ערשטער מאַי!

ווער איז געווען דער ערשטער קלוגער מענטש, וואָס האָט זיך דער־טראַכט אַז דער ערשטער מאַי זאָל זיין אַן אַרבעטער יום־טוב? פאַרוואָס האָט קיין רעליגיע ניט פאַרכאַפּט דעם ערשטן מאַי אַלס דעם געבורטס־טאָג פון זייער גאָט? דער ערשטער מאַי אָטעמט דאָך מיט אַזוי פיל יום־טוב'דיי־קייט, מיט געבורט, אַפילו מיטן ציטער פון גלויבן.

עס איז נאָך פאַר אונדז צו פרי צו גיין צו דער וועבעריי. דאָרטן גע־פינען זיך דערווייל נאָר די מענטשן פון דער אַראַנזשיר־קאָמיטעט. אויב איר האָט אַמאָל געהאַט צו טאָן מיט זיי, ווייסט איר מסתמא, אַז זיי וועלן טאָן כל עבודת פרך אַבי זיי זאָלן קענען טראָגן דעם „בעדזש" אויפן אַרבל. זיי זייי־נען קיינמאָל ניט דאָרטן וואו זיי דאַרפן זיין, נאָר דאָרטן וואו מ'וועט זיי באַ־מערקן. אמת, אַ חוץ דער אַראַנזשיר־קאָמיטעט געפינט זיך דאָרטן אויך מר. מילער, דער אייגנטימער פון דעם רעסטאָראַן, וואו מיר האָבן זיך אָפּגע־שטעלט דעם ערשטן קאַלטן פרימאָרגן, ווען מיר זיינען געקומען קיין מידל־וויל. ער איז דאָ צוליב אַ פּערזענלעכער אַמביציע. ער האָט שוין לאַנג גע־וואָלט איבערצייגן די בירגער פון מידלוויל, אַז זיין קאַווע איז בעסער ווי האַרדיס, דעם דראַגיסטס. ער איז אַפילו אַרומגעגאַנגען מיט פּלענער צו געבן דעם גאַנצן שטעטל פרייע קאַווע. איצט, אַז ס'האָט זיך אונטערגערוקט די ערשטע מאַי פייערונג, האָט ער אין דעם דערזען אַ פאַרווירקלעכונג פון זיין גרויסן חלום.

ביז דער עולם וועט זיך דאָ צוזאַמענקלייבן, וואָלט כדאַי געווען זיך צו־כאַפּן צו אונדזערע העלדן און זען ווי זיי גרייטן זיך צו דער היינטיקער פייע־רונג. מיר האָבן אַ גאַנצן צעטל. אַ סך פון זיי וועלן מיר שוין מער נישט זען, ווייל מאָרגן הייבט מידלוויל אָן אַ ניי לעבן.

אין שלאָס האָט זיך די מרה־שחורה פאַרשטאַרקט. פּיטער מיט מאַר־זשין זיינען שוין דאָרט ניטאָ. פּיטער האָט באַדאַרפט אָנקומען אין דער ווע־

בעריי עטלעכע טעג פֿאַר דעם ערשטן מאַי. כּדי ער זאָל זיין באַרעכטיקט צו געניסן גלייך מיט די איבעריקע, האָט ער זיך אַרויסגעקליבן פֿון שלאָס עט־לעכע טעג פֿריער. איז מרס. הילטאָן איינע אַליין אין דער גרויסער שטוב. אויף פּיטערס און מאַרזשיס אָרט זיינען דאָ אַנדערע מענטשן, אָבער זיי מאַכן ניט פֿריילעכער איר געמיט.

אין די לעצטע עטלעכע טעג האָט זי געהאַט גרויסע פּראָבלעמען. כּדי זיך צו טרייסטן פֿאַר פּיטערס אַוועקגיין, האָט זי באַשלאָסן אַריינצונעמען צוויי מענטשן, וועלכע זאָלן ניט האָבן קיין שייכות איינער מיטן צווייטן, אַ שאופֿער און אַ קעכין. ווי אַזוי די קעכין זאָל אויסזען איז איר שטאַרק ניט אָנגעגאַנ־גען, אָבער וועגן שאופֿער האָט זי געהאַט באַשטימטע פֿאַרלאַנגען. דערנאָך האָט זי זיך באַרעכנט, אַז זי קען האָבן דעמזעלבן דורכפֿאַל ווי מיט פּיטערן, ער זאָל זיך פֿאַרליבן אין דער קעכין, האָט זי פֿאַר דעם אויך געפֿונען אַן עצה: די קעכין זאָל זיין אַן עלטערע. האָבן זיך אָבער אָפּגערופֿן בלויז יונגע, שיינע קעכינס, האָט זי באַשלאָסן אַריינצונעמען אַ פֿאַר פֿאָלק און שלום מאַכן מיטן געדאַנק . . . איז איר איצט אין דעם גרויסן שלאָס אַזוי ענג, אַז זי קען פּשוט ניט אָטעמען.

רוט איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין שלאָס. רוט געפֿעלט איר זייער און, ווען ניט רוטס הינטערגרונט, און דאָס וואָס מעלווין גייט אַוועק די ווע־בעריי, און איר דורכפֿאַל מיט פּיטערן, וואָלט זי איצט געווען צופֿרידן. נאָר איז דען געבוירן געוואָרן דער מענטש, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן צופֿרידן?

מעלווין האָט איר די גאַנצע צייט געוואָלט איינריידן, אַז זי זאָל זיך אויך באַטייליקן אין פּאַראַד. נאָך אַלעמען איז זי דאָך ניט קיין פֿרעמדע! אָבער אירע אַרגומענטן זיינען געווען, אַז גיין איז איר שווער און פֿאָרן אַליין וויל זי ניט. האָט שוין מעלווין אַפֿילו איינגעשטימט צו פֿאָרן מיט איר אין אויטאָמאָביל, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט זי חרטה געהאַט. שולדיק אין דעם איז אפֿשר פּיטער. זי האָט געוואוסט אַז ער וועט דאָרטן זיין. וועט זי זיצן היינט ווי אַלע טאָג אויף דער ווייכער, ברייטער קאַנאַפּע און זיפֿצן מיט מער האַרץ.

פֿאַר איינעם ווי פֿיליפּ דייוויס, וואָס איז געווען טעטיק אין דער יוניאָן דעם גאַנצן לעבן, איז דער ערשטער מאַי אַ טאָג פֿון מאַרשירן און גיין נאָכן טאַקט פֿון דער מוזיק. אויב זיין האַרץ האָט אים האַסטיקער געקלאַפּט און

דאָס בלוט איז אים האַסטיקער געלאָפן אין די אָדערן, איז ער ביי זיך געווען זיכער, אַז דאָס איז פון די פּרייהייטס־לידער, וואָס די מוזיקער האָבן געשפּילט און די מאַרשירנדיקע האָבן געזונגען. ער האָט קיינמאָל ניט געקוקט צום הימל, אויב יאָ, איז דאָס געווען אויס נייגעריקייט צו זען אויב די זון איז דאָ, וועט דער ערשטער מאַי זיין אַ דערפאָלג. אָבער אין דער ווייטקייט פון פּאַרנט און פון היינטן האָט ער יאָ געקוקט און, וואָס לענגער די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן, אַלץ האַסטיקער האָט אים זיין האַרץ געשלאָגן און גיכער איז אים דאָס בלוט געפלאָסן אין זיינע אָדערן.

איצט שטעלט זיך פאַר ווי ער האָט געפילט, ווען דער ערשטער מאַי איז אָט מיטן האַנט צו דערלאַנגען. ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט פּאַרקומען אַ פּאַראַד און אַז ער האָט מיטן פּאַראַד גאָרניט צו טאָן. איר געדענקט דאָך מסתּם זיין רעכענונג: קוים ווערן די אַרבעטער שותּפים צו דער וועבעריי, וועט ווערן אויס יוניאָן, האָט ער זיך מיט דער גאַנצער שטאָט צעקריגט.

פאַר אייך מיינט אפשר גאָרניט צו זיצן אין שטוב דעם ערשטן מאַי, אָבער פאַר דייוויסן האָט עס געמיינט מער ווי דאָס לעבן, האָט ער זיך געערגערט ביזן ביין און געוואָרט אויף אַ נס.

דער נס איז געקומען. ער האָט זיך ענדלעך צוגעהערט צו די טענות פון זיין ווייב, ער זאָל שרייבן וועגן דעם קיין ניו־יאָרק און, מערקווירדיק, אַזוי שנעל ווי ס'איז אָנגעקומען איינער פון ניו־יאָרק, איז אַלץ געוואָרן אַזוי איינפאַך. דאָס סאַמע ערשטע וואָס דער פון ניו־יאָרק האָט געטאָן — ער איז אַוועק און גערעדט מיט מעלווינען. איר פאַרשטייט דאָך, אַז מעלווין האָט גאָרניט געהאַט קעגן דער יוניאָן. ער האָט פאַררופן אַלע אַרבעטער און פאַר זיי אַליין געהאַלטן אַ רעדע וועגן דער וויכטיקייט פון דער יוניאָן.

פאַר זיין ווייב האָט דייוויס געלייקנט, אַז דער מאַן פון ניו־יאָרק האָט אַלץ צורעכט געמאַכט. ער האָט זי איינגערעדט, אַז ער אַליין איז עס פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן שלום צווישן אים און מידלוויל, אָבער דאָס איז דאָס ערשטע מאָל זינט ער קען איר, אַז ער לאָדט זי איין צום פּאַראַד. כדי זי זאָל ניט חושד זיין אַז ער טוט עס אויס דאַנקבאַרקייט, פאַרזיכערט ער איר, אַז דאָס איז צוליב דעם וואָס איר געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט.

זאָגן אַז דייוויס איז היינט גליקלעך און צופרידן איז דערפאַר ניט גענוג. ער איז מער ווי גליקלעך און צופרידן. אַפילו דער באַנקעט וואָס ער האָט געפּלאַנעוועט וועט דאָך אויך פאָרקומען, מער ניט, אַנשטאָט וואָס עס האָט געזאָלט פאָרקומען מיט אַ חודש צוריק, וועט עס זיין היינט. ער פאַרקוקט אַפילו וואָס דער באַנקעט וועט פאָרקומען אויפן הויף פון דער וועבעריי

און ניט דאָרטן וואו ער האָט געוואָלט. וואָס איז דער אונטערשייד? טענהט ער איין מיט זיך, אַ באַנקעט איז אַ באַנקעט!

ער איז אויך היינט אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלע מאָל און, ווי זיין שטייגער איז, אויסגעצויגן זיין האַלדז צו זען אויב עס וועט זיין אַ שיינער טאָג און זיך פאַרפּוצט. איצט זיצט ער אַ פאַרפּוצטער, אַ שטייפער אויפן ברעג שטול, ווייל ער וויל ניט אַז זיינע הויזן זאָלן זיך צעקנייטשן און ער איז שטאַרק פאַרטאָן מיט דער רעדע וועלכע ער דאַרף האַלטן. די אָריגינעלע רעדע, וועלכע ער האָט אויסגעשטעלט מיט אַ חודש צוריק, איז אים זייער נאָענט צום האַרצן. אמת, איצט זיינען פאַרגעקומען עטלעכע ענדערונגען ווי, ס'איז דער ערשטער מאַי, ער איז שלום מיט מעלוויגען, נאָר דאָס, טראַכט ער, וועט ער ריידנדיק אויסבעסערן.

די געשעפטס־לייט אויף מעין סטריט איז גאָרניט געווען וואָס מקנא צו זיין. זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זיך באַטייליקן אין ערשטן מאַי יום־טוב? זיינען זיי דאָך ניט קיין אַרבעטער. זיצן אין די געשעפטן? קענען זיי אויך ניט. אויף גאַנץ מעין סטריט זעט מען ניט אַפילו קיין לעבעדיקן נפש, שוין ניט ריידנדיק פון אַ קונה, שטייען זיי ביי די אָפענע טירן, גענעצן און קוקן מיטן ווינקל אויג וואָס דער צווייטער טוט, ביז דער, פון דער „פּיפּלס סטאָר", האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און פאַרמאַכט זיין געשעפט. אַלע ווי איינער האָבן מיט אַמאָל נאָכגעטאָן, אָבער אַהיים גייען זיי ניט. יעדערער האָט מורא טאָמער וועט זיך עמיצן פאַרוועלן מאַרשירן, מוז ער דאָך אויך. געפּי־נען זיי זיך אַרבעט פון אונטער דער ערד, אַבי האַלטן אַן אויג אויפן צווייטן.

וועגן דזשים טיילאָר וויל איך אַפילו ניט ריידן. עס איז אַ רחמנות אויף אים. דאָס גאַנצע שטעטל איז יום־טובדיק געשטימט און ער קען צו קיינעם ניט אויסריידן אַ וואָרט. זיין בעסטער פריינט, פיליפּ דייוויס, קוקט זיך שוין אויך ניט אום אויף אים. ער חלשט אויך מאַרשירן, איז אין סאַמע אָנהייב וועלן גיין רוט מיט מעלוויגען און הינטן, אָדער אינמיטן, וועט ער אויך קיינעם ניט געפינען, ווער עס זאָל אים זאָגן אַ גוט וואָרט. אָבער דאָס חיות גייט אים אויס צו זען דעם פּאַראַד, וועט ער מסתמא זיך פאַררוקן ער־געץ אין אַ ווינקל, מ'זאָל אים ניט זען און אַריינכאַפּן וויפיל ער וועט קענען פון פּאַראַד.

אַרום פּאָסט אָפיס האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט מענטשן. אַפריער זיינען געקומען די וואָס האָבן מורא אַז זיי וועלן פאַרשפּעטיקן, קומען זיי שטונדן פריער, דערנאָך זיינען געקומען די וואָס ווילן זיין די ערשטע אין

פאַראַד, כאַטש זיי וויסן אַז מ׳וועט זיי הייסן גיין פון הינטן, און דערנאָך איז געקומען די מאַסע.

איר ווילט דאָך אוודאי וויסן ווי דער פאַראַד איז צוגעגאַנגען? די אַראַנזשיר־קאָמיטע איז טאַקע געווען אַזוי פּינקטלעך, אַז זי האָט אַלץ אין זי־בען געהאַט. זי האָט געגוי אויסגערעכנט ווער עס זאָל מאַרשירן אין דער ערשטער ריי, ווער אין דער צווייטער, אין דער דריטער. דאָס זעלבע איז געווען מיט די רעדעס, ווער זאָל ריידן נאָך וועמען און ווי לאַנג יעדער זאָל ריידן. פון דעם עסגוואָרג איז אָפּגערעדט, דאָרטן האָט זיך די פּינקטלעכ־קייט פשוט געגרעניצט מיט גענישאַליטעט, נאָר איין זאַך האָבן זיי פאַרגעסן — אַ פּאָר מוזיקער וואָס זאָלן פירן דעם פאַראַד!

אַ פּאָר מינוט פאַר צוועלף האָבן אַלע אַרויסגענומען די זייגערלעך און געוואָרט ביז ס׳וועט ווערן פונקט צוועלף, און דאָ האָט מען זיך געכאַפּט אַז עס זיינען ניטאָ קיין מוזיקער אָנצוהויבן דעם פאַראַד. האָט מען זיך טאַקע גלייך לעבן פּאָסט אָפּיס צעווערטלט און, ווי דער שטייגער איז, איינער האָט געוואָרפן די שולד אויפן צווייטן, ביז מ׳האָט זיך געכאַפּט אַז רוט מיט מעל־ווינען זיינען שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג אַליין, האָבן זיך אַלע געלאָזט גיין. דער ריטם האָט ניט אָנגעהאַלטן ווי געהעריק, אָבער צוקומענדיק צום טויער, דערזעענדיק די לאַנגע געדעקטע טישן, האָט מען זיך שנעל פאַר־געסן וועגן דער מוזיק. יעדערער האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ און דער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבן.

לאַנג האָט מען זיי אָבער ניט געלאָזט הנאה האָבן פון עסן. ווי נאָר זיי האָבן צערייצט זייער אַפּעטיט מיטן ערשטן געריכט, האָט מען געמאַכט אַ דערקלערונג:

— די געשמאַקע אָנגעגרייטע זאַכן וועט מען סערווירן שפּעטער. איצט וויל מען זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

אין דעם איז פיליפּ דיווויס געווען שולדיק. פון דערפאַרונג האָט ער געוואוסט, אַז זאַטע מענטשן איז שווער צו האַלטן ביי די טישן.

דער ערשטער האָט גערעדט מעלווין. ער האָט גערעדט ניט לאַנג. ער האָט זיי בלויז געווונטשן, אַז אין די קומענדיקע צען יאָר, אונטער זייער איי־גענער פירערשאַפט, זאָלן זיי האָבן ניט קיין קלענערן דערפאָלג ווי אין די לעצטע צען יאָר.

די פאַרזאַמלטע האָבן געמיינט, אַז מיט מעלווינס רעדע איז שוין אַלץ

געענדיקט, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ טעות. עס האָט זיך אָנגעהויבן ווי וואָגנערס אַ קאָמפּאָזיציע, אַפּריער שטיל, אָבער וואָס ווייטער אַלץ העכער און שטאַרקער.

ענדלעך איז געקומען צום וואָרט מר. דייוויס. ער האָט גערעדט אפשר אַריבער אַ שטונדע. ער האָט ניט געדענקט ווען ער זאָל האָבן געהאַט אַזוי פיל מענטשן פאַר אַ מאָל צו וועמען צו ריידן, האָט ער אויסגענוצט אַלע שפּיצלעך וואָס רעדנער ווענדן אָן, פון ריידן שטיל, קוים־קוים וואָס מ׳הערט אים, ביז אויסשרייען מיט אַמאָל, מאַכן מיט די הענט אין אַלע ריכטונגען און דערנאָך, פּלוצלונג, מיט זיי אַ קלאַפּ טאָן אין די היפטן, זיי זידלען, שרייען אויף זיי און פּלוצלונג זיך אָנהויבן בעטן ביי זיי.

די רעדע האָט ער געקענט גוט. פון זינט ער האָט באַשלאָסן צו האָבן דעם באַנקעט איז ער דורכגעגאַנגען די רעדע צענדליקער מאָל. איצט איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ פּאַטאָס, אַז ער האָט זיך פאַרגעסן מאַכן די ענדערונגען וועלכע ער האָט אין זינען געהאַט. דעמאָלט איז ער, ווי איר געדענקט, נאָך אַלץ ניט געווען שוה בשוה מיט מעלווינען. דעמאָלט האָט זיך דער פונדאַמענט פון דער יוניאָן געשאָקלט. האָט ער גערעדט פון זיך, מ׳זאָל זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון די באַלעבאַטים, און די יוניאָן, די פירער זאָלן זיין טייער און הייליק. — אַ יוניאָן אָן אַ פירער, — האָט ער אויסגעשריען, — איז פונקט ווי אַ פירער אָן אַ יוניאָן! ביידע זיינען פונקט אַזוי וויכטיק! אַ דאַנק די יוניאָנס און די פירער האָט זיך געפונען איין און איינציקער מענטש אין אַמעריקע, וואָס טראַכט פון די אַרבעטער ווי מעלווין הילטאָן! — דערנאָך האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו ריידן וועגן זיך, ווייל ער האָט פאַרגעסן די פראַזע מיט וועלכער ער האָט געדאַרפט ענדיקן די רעדע, ביז, ענדלעך, האָט ער זיך דערמאָנט.

— מיינע פריינט! ניט אונדז קומט קרעדיט פאַר פאַרווירקלעכן אונדזער חלום, נאָר דעם טויט פון די הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, וועלכע זיינען געפאַלן אין שלאַכט!

פּיטערס רעדע איז געווען די, וועלכע פיליפּ דייוויס האָט געדאַרפט האַלטן. נאָך איידער ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט קריגן אַ וואָרט, האָט ער שוין געטראַכט וואָס ער זאָל זאָגן. פּיטער האָט זיך ניט גענאַרט אין זיך. ער האָט געוואוסט אַז ער האָט אַ סך שונאים, וועלכע וואָלטן אים, אונטער אַנדערע אומשטענדן, ניט אויסגעהערט און היינט וועלן זיי אים יאָ הערן. ער האָט געוואוסט די מיינונג וואָס מעלווין האָט געהאַט וועגן אים. ווען ניט זיין מוטער, מרס. הילטאָן, וואָלט ער קיינמאָל ניט איינגעשטימט אים נעמען אין

דער וועבעריי. ער האָט געוואוסט אַז אַ סך קלייבן זיך נאָך צו האָבן מיט אים אַ רעכענונג פון פאַר צען יאָרן. היינט איז דער איינציקער טאָג ווען ער קען זיך ריין וואַשן.

אין דער צייט ווען אַלע אַרבעטער האָבן געחלומט און געטרוימט פון קליינע זאַכן, ווי פאַרדינען אַ פאָר דאָלער מער, ניט אַרבעטן אַזוי שווער, זיין צופרידן מיט אַ שטיקל פון דער וועבעריי, האָט ער, פּיטער, פאַר זיך געזען גרויסע זאַכן, ניט קיין צעברעקלטע, צעפּיצלטע וועבעריי, נאָר איין גרויסע, ריזיקע זאַך, ווי דזשאָהן דזשיי הילטאָן האָט אַלע מאָל געזען. ער האָט אַפילו אויך געוואָרפן אַן אויג אויף דער יוניאָן. אוודאי דאַרף מען האָבן אַ יוניאָן, אָבער ער קען דאָך זיין דער הויפּט אין דער יוניאָן אויך. איצט וועלן קיין סטרייקס ניט זיין. ער וועט אַלע מאָל האָבן אַ בייטש קעגן זיי. זיי סטרייקן דאָך קעגן זיך אַליין! ער האָט זיך אַליין גענומען פאַר אַ מוסטער, ווי צו ריידן, אַז ס'זאָל אַפּעלירן צו אים. ער האָט געוואוסט אַז די שיינע פראַזן וואָס אַנדערע רעדנער ברעכן זיך דעם קאָפּ אַרויסצוברענגען, האָבן אויף אים קיינמאָל קיין ווירקונג ניט געהאַט, און ער איז דאָך פּונקט ווי אַלע פאַרזאַמלטע דאָ.

ווען מ'האָט אים געגעבן דאָס וואָרט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָטעסט. מ'האָט געקלאַפּט, געשריען און געבוקעט, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגע־רעדט אַביסל זיינען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן.

— איך וועל ניט אָנהייבן מיין רעדע מיט די ווערטער „מיינע פריינט". איך ווייס, איך האָב דאָ ניט קיין פריינט. איך ווייס פּונקט ווי איר וואָס פאַר אַ פאַסקודניאַק איך בין געווען. אָבער איך דענק, אַז איר וואָלט געוואָרן פּונקט אַזעלכע פאַסקודניאַקעס ווי איך, ווען איר זאָלט געווען זיין אויף מיין אָרט, דעריבער זיינען מיר דאָ אַלע גלייכע מיוחסים און הערט מיך אויס וואָס איך וויל אייך זאָגן.

ער האָט גערעדט וועגן דער גרויסקייט פון מעלווינען און רוטן. (קיינער האָט ביז איצט רוטן ניט דערמאָנט). — ווער קען נאָך אַזוי גוט מעלווינען ווי ער? ער האָט דאָך כמעט ווי אויסגעהאָדעוועט מעלווינען. ניט איין מאָל האָט ער גערעדט מיט אים וועגן די אַרבעטער. מעלווין האָט זיך שוין מסתמא וועגן דעם פאַרגעסן, ווייל דאָס איז געווען נאָך איידער ער איז אַוועק אין קריג. און ווען מעלווין איז געווען אויפן פראָנט, האָט ער פאַר אים טאָג און נאַכט גאָט געבעטן, ער זאָל קומען צוריק אַ גאַנצער, אַ געזונטער. ער ווייסט, זיי טראַכטן אַלע, אַז ער איז אַ פאַרקויפטע נשמה, אָבער זיין געוויסן איז ריין. ער האָט געבעטן גאָט, אַז מעלווין זאָל קומען אַ גאַנצער צוליב

זיי, צוליב די אַלע וועלכע זיינען דאָ פאַרזאַמלט. ער האָט שוין לאַנג גע־וואוסט, אַז דזשאָהן דזשיי איז געווען קראַנק און אַז מעלווין דאַרף ווערן דער באַלעבאָס פון דער וועבעריי, און ער האָט אַלע מאָל געוואוסט, אַז קיין בע־סערן באַלעבאָס ווי מעלווין דאַרף מען ניט. איצט זעען זיי דאָס אַליין, אָבער ער האָט עס געזען נאָך מיט צען יאָר צוריק, און דערפאַר טאַקע איז ער גע־ווען אין שלאָס די גאַנצע צייט. איצט, אַז מעלווין איז דער באַלעבאָס, איז זיין אַרבעט אין שלאָס געענדיקט און ער קומט אָן צוריק אין דער וועבעריי און, אויב זיי דענקען אַז ער האָט ניט פאַרדינט אַנצוקומען צוריק אין דער וועבעריי, פאַרלאָזט ער מאָרגן גאַנץ פרי מידלוויל.

אַ פאָר האָבן אויסגעשריען, אַז ער קאָן דאָ בלייבן. פּיטער האָט זיי באַ־דאַנקט. — ער האָט אַלע מאָל געוואוסט, — האָט ער געזאָגט, — אַז אַמאָל וועט פאַר זיי קלאָר ווערן פאַרוואָס ער איז אין שלאָס. — דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן דער יוניאָן. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס מר. פיליפּ דײ־וויס האָט גערעדט צו זיי וועגן דער יוניאָן ווי זיי וואָלטן געווען קינדער. ער איז זיכער, אַז יעדער פון די פאַרזאַמלטע וויים, אַז איצט דאַרף מען אַ יוניאָן מער ווי ווען עס איז. איצט וועט דאָך די יוניאָן דאַרפן פאַרוואַלטן די ווע־בעריי! אַלע טאָג וועט עפּעס פאַרקומען, וואו ניט יעדער איינער וועט זיין איינשטימיק, איז וואוהין זאָל מען גיין מיט די קריוודעס? צו אַ קאַפּיטאַליס־טישן ריכטער? און דאָס וואָס מר. דייוויס האָט געזאָגט, אַז אַ פירער דאַרף אַ יוניאָן און אַ יוניאָן דאַרף אַ פירער, איז ער זייער גערעכט. עס איז קיין צופאַל ניט וואָס איצט זיינען דאָביידע זאַכן, אָבער ער קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס מר. דייוויס האָט גאָרניט דערמאָנט וועגן די מיטגלידער. אָן מיט־גלידער האָבן דאָך ביידע גאָרנישט די ווערט. (דאָס האָט ער געזאָגט מיט אַ ביוון צו ווייזן אַז ער איז קליגער פון דייוויסן, אָבער כדי אים ניט צו פאַר־שעמען, האָט ער צוגעגעבן): ער איז זיכער, אַז פיליפּ דייוויס האָט עס אין זינען געהאַט, נאָר ער איז אַזוי באַגייסטערט פאַרן יום־טוב, ווי אַן אמתער יוניאָן־פירער, אַז ער האָט זיך פאַרגעסן.

געענדיקט האָט פּיטער מיט די ווערטער:

— לאָמיר ווייזן דער וועלט אַז ניט נאָר קענען מיר בויען, נאָר אויך פאַרוואַלטן!

ווען ער האָט געענדיקט האָט דער עולם געפּאַטשט בראַוואָ. אַלע האָבן אים פאַרשטאַנען, און אַפילו זיינע שונאים האָבן צווישן זיך געמורמלט: אָט דער פּיטער איז גאָר אַן אַנדער מענטש ווי מיר האָבן געדענקט.

נאָך אים האָבן אַנדערע גערעדט. די פאַרלייט האָבן גערעדט אין טער־

מינען פון אַרבעט. דער הויפּט בוכהאַלטער און נאָך עטלעכע פון די הויפּט־אָפּטיילונגען האָבן געזאָגט עטלעכע ווערטער, אָבער דער טומל איז שוין גע־ווען אַזוי גרויס, אַז ניט נאָר האָט דער עולם ניט געהערט, נאָר די רעדנער אַליין האָבן ניט געהערט וואָס זיי ריידן.

די זון איז אַ גאַנצן טאָג אויף איין מינוט ניט אָפּגעטראָטן פון מידלוויל. זי האָט זיך געשפּיגלט אין די מענטשנס פריילעכע אויגן, געוואַרימט זייערע גלידער און אָנגעפילט זייערע הערצער מיט אַזוי פיל פריידן און האָפענונ־גען. דער עולם האָט געעסן, געטרונקען, און נאָכאַמאָל געעסן און געטרונ־קען ביז די זון האָט אָנגעהויבן אַראָפּנידערן צום ברעג הימל. וואָס נעענ־טער זי איז געקומען צום ברעג פון איר טעגלעכער נסיעה, אַלץ מער האָבן זיך די קאַלטע ווינטעלעך געלאָזט דערפילן, און דער עולם האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון גיין אַהיים.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער גרעסטער ערשטער מאַי אין דער גע־שיכטע פון מידלוויל.

הלוואַי וואָלט איך אַלעמען געקענט נעמען קיין מידלוויל יענעם אינ־דערפרי, אויף מאָרגן נאָך דער ערשטער מאַי־פייערונג, וואָלט איר געזען ווי די אַרבעטער זיינען דאַן געגאַנגען צו דער אַרבעט און ווי זיי זיינען געגאַנגען מיט עטלעכע וואָכן צוריק.

דאַן, אויב איר געדענקט, זיינען זייערע פּנימער געווען אומעטיק, מוט־לאָז און פאַרוואָלקנט. די אויגן שטאַר און פאַרגלעזערט, די טריט וואַקלענ־דיק, קוים וואָס זיי האָבן זיך באַוועגט. אַלע ווי איינער זיינען געגאַנגען צום טויער פון דער וועבעריי ווי צו דער שחיטה און, פאַרגעסט ניט, אַז דאַן ווען איר האָט זיי געזען, האָבן זיי געוואונען דעם סטרייק. ווער רעדט נאָך, ווען איר וואָלט זיי געזען ווען זיי האָבן געאַרבעט פאַר דזשאָהן דזשיי הילטאָן, דאַן וואָלט איר אין זיי ניט באַמערקט קיין שום לעבן. ווי מתים זיינען זיי גע־גאַנגען.

און וואָלט איר זיי געזען דעם צווייטן מאַי אינדערפרי! איר וואָלט זיי ניט דערקענט. ווי ביי געבוירענע, פריילעכע, בראַווע און מוטיקע. די גאַסן האָבן צום ערשטן מאָל פאַר יאָרן אינדערפרי געהערט געלעכטער און פריי־לעכע אויסגעשרייען. צום ערשטן מאָל פאַר דורות זינט די בערג האָבן גע־ענטפערט מיט אַ פריילעכן עכאָ.

אַלע מאָל האָט מידלוויל שיינע טעג אין מאַי, נאָר ד ע ר צווייטער מאַי איז געווען דער שענסטער וואָס זיי האָבן געדענקט. די שטראַלן פון דער זון זיינען ניט איינגעזאַפּט געוואָרן אין זייערע איינגעהויקערטע קער־פּערס, נאָר זיך אָפּגעשפּיגלט אין זייערע לאַכנדיקע, בלישטשענדיקע אויגן, אין זייערע ווייסע ציין, וועלכע האָבן לאַכנדיק זיך געשטשירעט צו דער זון. יאָ, און איבער זיי איז געהאַנגען דער עכאָ פון דעם ריטם פון זייערע שטאָלצע טריט. אַ זיגרייכע אַרמיי האָט מאַרשירט.

וואו איז איצט דזשאָהן דזשיי הילטאָן און די אַנדערע וואָס טענהן אַז די אַרבעטער זיינען פויל? אַז זיי גייען ניט צו דער אַרבעט מיט ליבע; אַז זיי וואַרטן ביז דער זייגער שלאָגט אַכט; אַז די אַרבעט איז ביי זיי אַן אָפּ־קומעניש? . . .

אפשר איז דאָס ניט געווען אַזוי דאָס געלט, ווי דאָס ביסעלע מער פריי־הייט, וואָס זיי וועלן האָבן, פאַרטרייבן דעם געפיל פון פרעמדקייט, וואָס מ'האָט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען, די ניט־זיכערקייט אַז צו יעדער מינוט קען מען זיי אָוועקשיקן, די מורא פאַרן באַלעבאָס און בכלל זייער אומוויכ־טיקייט, זייער אָפּשאַצונג איז ניט לויט זייער מענטשלעכער ווערט, נאָר לויט די שעהן וואָס זיי אַרבעטן.

זיי האָבן אַלע מאָל געפילט, אַז די ליבע וואָס דער באַלעבאָס האָט צו דער מאַשין איז פיל גרעסער ווי ער האָט צו זיי. האָט זיך די מאַשין צע־בראָכן, אָדער אויסגענוצט, האָט מען גלייך גערופן מעכאַניקער, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג, פאַרוואָס און ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט. מ'האָט ניט געקאַרגט קיין געלט און מיטלען צו ברענגען די מאַשין צוריק אין אָר־דענונג. האָט אָבער עפּעס פּאַסירט מיט אַן אַרבעטער איז גלייך געווען אַן אַנדערער אויף זיין אָרט און יענער איז פאַרגעסן געוואָרן.

אָבער לאָמיר מער ניט טראַכטן וועגן דעם וואָס ס'איז געווען. די אַר־בעטער פון מידלוויל הייבן היינט אָן אַ נייעם טאָג! אַ ניי לעבן! צום ערשטן מאָל וואָס זיי גייען צו דער אַרבעט ווי מענטשן, נישט ווי אויטאָמאַטן! צום ערשטן מאָל וואָס זיי וועלן האָבן די זעלבע ווערט וואָס די מאַשין.

פאַר דעם געפאַנגענעם איז דער טויער מיט די גראַטעס דער סימבאָל פון זיין געפאַנגענשאַפט. פאַר דעם אַרבעטער איז דאָס דער גרויסער זיי־גער.

גלייך ביים אַריינגאַנג אין דער ערשטער געביידע איז געווען אַ שמאָ־לער קאָרידאָר, וואו די אַרבעטער האָבן געמוזט דורכגיין איינציקווייז. איב־מיטן קאָרידאָר איז געשטאַנען אַ גרויסער זייגער, וואָס האָט זיי מעכאַניש־

פּינקטלעך דערמאָנט אַז זיי טוען דאָס וואָס דער אָדער יענער וויל. אַפילו זייערע נעמען פאַרלייקנט אָט דער זייגער. ער גיט זיי אַ קאַלטן, פאַרפרוי־רענעם נומער און ווישט־אָפּ אַלע גרעניצן וואָס האָבן אַ שייכות מיט מענטש־לעכקייט, געפילן און זעלבסטווירדע.

היינט האָבן זיי אַלע ווי איינער באַשלאָסן ניט צו קלינגען דעם זייגער. זיי זיינען מער ניט קיין נומערן, זיי זיינען מענטשן!

קוים האָבן זיי אויסגעמיטן דעם שמאָלן דורכגאַנג, האָבן זיי זיך דער־פילט פריי. פאַרשוואונדן איז יענע מיסטעריעזע אויג וואָס האָט זיי געהיט!

די גרויסע קוימענס, וועלכע האָבן אויף זיי, ביז איצט, אַנגעוואָרפן אַ שרעק, האָבן היינט אויף זיי געקוקט פריינטלעך, אַפילו שמייכלענדיק, פונקט ווי זיי האָבן אַלע יאָרן געקוקט אויף דזשאָהן דזשיי הילטאָן. זיי האָבן גע־וואוסט, פונקט ווי הילטאָן, אַז וואָס שטאַרקער דער רויך וועט שלאָגן פון זייערע העלדזער, אַלץ שנעלער וועלן זיך דרייען די רעדער פון די מאַשינען, און וואָס שנעלער די רעדער וועלן זיך דרייען, אַלץ גיכער וועלן פאַרטיק ווערן די שטיקער סחורה, און די סחורה איז זייערס.

די שטיקנדיקע לופט, וואָס האָט צוויי טעג נאָכאַנאַנד איינגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פון אייזן און אויל, איז זיי מיט אַמאָל ליב געוואָרן; די שוואַר־צע מאַשינען האָבן צו זיי געשמייכלט און די דינע קאָלירטע פעדים, וועלכע האָבן זיך פון אומעטום געצויגן, זיינען צו זיי געווען ווי די שטראַלן פון דער ליכטיקער זון. זיי האָבן זשעדנע געאָטעמט די שטיקנדיקע לופט, מיט לי־בע געקוקט אויף די מאַשינען און געצערטלט די פעדים.

נאָך איידער דער פייף האָט זיך צעטראָגן איבער מידלוויל האָט שוין דער ריטם פון די מאַשינען געטריבן דאָס קלאַפּן פון זייערע הערצער.

זיי האָבן מער ניט געציילט די מינוטן און ניט געוואַרט אויף צוועלף אַזייגער. זייער ציל איז געווען — ענדיקן דאָס וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין דער אַרבעט און אָנהויבן אַ צווייטע שטיק אַרבעט.

ווי פרינצן זיינען זיי באַגעגנט געוואָרן פון זייערע ווייבער, ווען זיי זיי־נען אַהיים געקומען. מיט גרויס דרך־ארץ האָבן די ווייבער געוואַרט ביז די מענער וועלן אָנהייבן ריידן און דערציילן וואָס איז פאָרגעקומען דורכן טאָג. זיי האָבן געזעדט און דערציילט:

— ער האָט היינט אויפגעטאָן מער ווי פריער אין צוויי טעג.

— ער איז גאָרניט פאַרמאַטערט.

— ווען דער פייף האָט זיך דערהערט און ער האָט באַדאַרפט אויפהערן

אַרבעטן, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן אַרבעטן.

— אַלע מאָל, ווען ער האָט געהאַלטן אינמיטן דער אַרבעט, האָט זיך דערהערט דער פייף. אַזוי איז געווען בײַטאָג, און אַזוי איז געווען אין אָוונט. ער וועט טאַקע זען זיך דורכרעדן מיט נאָך אַ פּאָר, אַז דאָס פייפן זאָל אויפהערן, ווייל דאָס מאַכט אים נערוועז.

אַזוי האָט יעדערער גערעדט מיט באַגייסטערונג פון דער היינטיקער אַרבעט און פון דער מאָרגנדיקער און, ווען מ'האָט אָפּגעעסן, זיינען די הייזער געוואָרן צו ענג, די גאַניקעס צו ווייט איינער פונעם צווייטן. זיי האָבן געוואָלט זיין אַלע צוזאַמען, אינאיינעם. זייערע הערצער זיינען געווען איבערפילט מיט פרייד. ס'איז זיי געווען שווער צו טראָגן די שמחה אין זיך, איז מען אַרויס אין די גאַסן און ווידער אַמאָל גערעדט די זעלבע רייד פון אינדערפרי און בייטאָג. פּלוצלונג האָבן זיי זיך געכאַפּט:

— ווער גיט אַכטונג אויף דער וועבעריי בײַנאַכט?

עס זיינען דאָ גנבים. עס קען זיך ערגעץ פאַרוואַלגערן אַ פונק. אפשר האָט איינער ניט גוט פאַרדרייט די וואַסער . . .

זיי קוקן אַלע צו דער וועבעריי. פון הינטער די בערג גייט אויף די לבנה. עס דוכט זיך זיי, אַז די לבנה איז היינט גרעסער און רויטער ווי זיי האָבן זי ווען עס איז געזען און זיי הייבן אָן מורא האָבן, אפשר איז דאָס אַ שלעכטער אָנזאָג אויף עפּעס.

אַז די לבנה בלייכט זיך אויס און זי באַקומט דעמזעלבן אויסזען ווי זיי, האָבן זי אַלע מאָל געזען. הייבן זיי אָן איבעראַנייעס ריידן, פּלאַנעווען און חלומען, ביז זיי ווערן מיד. ווען זיי ליגן שוין אין די בעטן, טראַכטן זיי פון דער אַרבעט, וואָס זיי האָבן ניט דערענדיקט און פון דער אַרבעט וואָס זיי וועלן אָנהויבן.

אַזוי זיינען אַריבער אַ פּאָר טעג. די אַרבעטער פון מידלוויל גייען שטאָלץ! דער חלום פון דורות איז פאַרווירקלעכט געוואָרן!

נאָך מער ווי איר, וויל איך אַזוי אָנהאַלטן דאָס דערציילן ווי אַזוי די אַרבעטער פון מידלוויל האָבן געלעבט גליקלעך און צופרידן, ווייל ווער נאָך ווי זיי איז אַזוי באַרעכטיקט צו אַ ביסל פרייד? זיי האָבן זיך באמת פאַרנומען צו אַרבעטן מיט זייער גאַנצער איבערגעבנהייט. וואָס אַ טאָג איז די אַר־

בעט געוואָרן נעענטער און די וועבעריי ליבער. יעדן טאָג האָבן זיי געוואָלט זיך אַליין איבערשטייגן און זיי האָבן פּשוט אָנגעהויבן באַוויזן וואונדער. דאָס רוישן און קלאַפּן פון די מאַשינען האָט ניט געקענט פאַרטויבן דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך געריסן פון יעדער ווינקעלע פון דער וועבעריי. אַמאָל ווי אַ שטיל טייכל, דין און פאַרחלומט, און אַמאָל ווי דער ברויזנדיקער ים און, ווען זיי האָבן אויפגעהערט זינגען, האָט זיך זיי געדוכט, אַז די מאַשינען האַלטן אָן די טענער.

אַ שאָד וואָס עס איז ניט געווען דער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס זאָל פאַרצייכע־נען די טענער, וועלכע האָבן ווייברירט אויף דעם שפּינוועב פון סופיט. אָט־די טענער וואָלטן מיט דער צייט געזונגען געוואָרן ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס, אָדער פון אַ זיגרייכער אַרמיי.

אָבער אין דער צייט ווען אַלע זיינען געווען אין עקסטאַז פון גליק און צופרידנקייט, זיך ניט קענענדיק דערוואַרטן ס׳זאָל אָנהויבן טאָגן, כדי זיי זאָלן קענען גיין אַרבעטן, האָט פּיטער שוין געטראַכט ווי אַזוי צו ווערן דער פירער פון די באַגייסטערטע מענטשן.

ווי דער פאַלשער נביא, וועלכער לעבט זיך אַזוי אַריין אין זיין פאַלש־קייט, ביז ער ווערט איבערצייגט, אַז ער איז דער אמתער נביא. אַזוי איז פּי־טער פלוצלונג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער איז דער אמתער פירער פון דער מאַסע אין מידלוויל.

אים איז געווען פרעמד די געשיכטע פון די פאַלשע נביאים און די גע־בורטן פון געטער, אָבער אונטערציענדיק דעם סך־הכל פון זיין לעבן, האָט ער איינגעזען אַז אַ פאַרבאָרגענע האַנט האָט אים מיט זיכערקייט געפירט טראָט־באַך־טראָט צו דער פירערשאַפט! זיין אָנקומען אַרבעטן אין דער וועבעריי איז געווען כדי ער זאָל וויסן דעם אָנגאַנג פון דער אַרבעט; זיין אָנקומען אין שלאָס איז געווען, כדי ער זאָל האָבן אַזאַ גרויסן לערער ווי דזשאָהן דזשיי הילטאָן; דער פאַל, וואָס מעלווין האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט אָפּגעבן מיט געשעפט, איז געווען אַ רמז, אַז די צייט וועט קומען ווען ער, פּיטער, וועט איבערנעמען די פירערשאַפט; אַפילו דאָס וואָס ער האָט זיך געטראָפן מיט מאַרדזשין האָט אויך אַ שייכות מיט דעם. זי זעטיקט זיינע פיזישע תאוות, קען ער אומגעשטערט מאַכן פּלענער און טראַכטן.

פּיטער האָט ניט פאַרלאָרן קיין מינוט. מאַרדזשי איז געווען גוט צו אים. ענדלעך האָט זי געהאַט אַ מאַן, אַ וואַנט אָן וועלכער זי האָט זיך געקענט אָנ־שפּאַרן. זי האָט אים נאָכגעגעבן אַלע זיינע פאַרלאַנגען און פּיטער האָט ניט

אויסגערעדט אַ וואָרט. ער האָט געטראַכט, ער האָט געמאַכט פּלענער.

ער האָט געפילט, אַז די באַגייסטערונג מוז ער פאַר זיי אָנהאַלטן און דער איינציקער וועג — האַלטן אין איין ברענגען אויסבעסערונגען. לאַנג טראַכטן וועגן דעם האָט ער ניט געדאַרפט. אין די צען יאָר וואָס ער איז געווען אין שלאָס, האָט ער אָנגעקליבן אַ לאַנגן צעטל מיט פּלענער און אויס־בעסערונגען. דעמאָלט האָט ער עס געטאָן פאַר דזשאָהן דזשיי הילטאָן, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין מוט דאָס אים צו זאָגן, אָבער איצט קען ער דאָך גיין דירעקט צו דער מאַסע! וועלן זיי אים אויסהערן?

ער האָט ניט דורכגעלאָזט די מינדסטע געלעגנהייט צו וואָרפן זיך אין די אויגן און זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערן. ער האָט אָנגעהויבן גלייך דעם ערשטן פרימאָרגן.

ווען אַלע אַרבעטער האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום טויער פון דער וועבע־ריי איז נאָך געווען זייער פרי, אַ גאַנצע שטונדע פריער איידער מ׳האָט גע־דאַרפט אָנהויבן אַרבעטן. אַלע האָבן אין איין קול געשריען:

— זאָל מען אָנהויבן אַרבעטן!

פּיטער איז דאַן אַרויפגעקראָכן אויפן פּאַרקן און אויסגערופן:

— מיינע פריינט! מיר וועלן רואיגירן אונדזער איניקייט אויב מיר וועלן איצטער אָנהויבן אַרבעטן. טאָמער געפינען זיך אַ פּאָר, וואָס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט, וועלן זיי זיך פילן שולדיק קעגן אייך און איר וועט פילן, אַז איר האָט געאַרבעט אויף זיי. לאָמיר וואַרטן ביז אַכט אזייגער.

מיט דער באַמערקונג איז פּיטער אַרויף אויפן ערשטן שטאַפּל אויפן לייטער פון פּאָפּולאַריטעט.

קוקנדיק מיט ניכטערע אויגן אַרום, האָט ער געמאַכט נאָך „לאָגישע״ באַמערקונגען, וועלכע האָבן זיך געטראָגן בליץ שנעל פון מויל־צו־מויל און, אין גאָר אַ קורצער שטיקל צייט, איז פּיטער געלעגן אויף אַלעמענס ליפּן.

עס איז ניט געווען די שולד פון די אַרבעטער וואָס זיי האָבן זיך אָנגע־כאַפּט אָן פּיטערן. זיי האָבן געזוכט אַן אויסדרוק צו זייער איבערפילטע פרייד און ענטוזיאַזם. זיי האָבן נאָך גאַנץ גוט געדענקט הילטאָנס אייזערנע האַנט וואָס האָט זיי געדריקט. זיי האָבן זיך ניט געגלויבט, אַז אַלץ וואָס זיי לעבן איצט דורך איז די ווירקלעכקייט, נאָר אַ חלום, אַ זיסער חלום, און זיי האָבן מורא געהאַט עס זאָל ניט צעשטערט ווערן. ווען פּיטער האָט ביי יעדער גע־לעגנהייט דערמאָנט, אַז יעדע קלייניקייט קען ברענגען דערצו, אַז אַלץ זאָל צעפאַלן ווערן, האָבן זיי אין אים דערפילט דעם היטער פון זייער גליק, דעם

שומר פון זייער פרייד. האָבן זיי זיך ביסלעכווייז גענומען איינהערן צו פּי־טערן.

— וואָס דענקט פּיטער ?

— ווי זאָל מען האַנדלען, פּיטער ?

— וואָס דענקט פּיטער זאָל מען טאָן ?

אַזוי איז דער נאָמען פּיטער געגאַנגען פון מויל־צו־מויל. אַ סך האָבן זיך שוין אָנגעהויבן חנפענען צו אים און צו די וואָס זיינען געווען נאָענט צו אים. און פּיטער האָט אָנגעהויבן רעדן געלאַסן, אָפּגעהאַקט און פאַרשטעלט, מ'זאָל עס קענען אויסטייטשן ווי מ'וויל און ער זאָל אַלע מאָל האָבן אַ וועג ווי זיך אַרויסצודרייען.

אַלע מאָל זיינען אויפגעשוואומען פראַגן און פּראָבלעמען און פּיטער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל, פאַרזשמורעט די אויגן, געטראַכט און געבעטן צייט זיך צו באַדענקען, נישט דערפאַר ווייל ער האָט גלייך ניט גע־וואוסט דעם ענטפער, נאָר זיי צו ווייזן, ווי האַרב און ערנסט די פראַגן זיינען און ווי שווער ס'איז זיי צו באַהאַנדלען. ער האָט געהאַט נאָך אַ רעכענונג — אין דער צייט וואָס זיי וואַרטן אויף זיינע ענטפערס, טראַכטן זיי פון אים. האָט ער פאַרשלעפּט די ענטפערס אויף נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג און, ווען מ'האָט אים געפרעגט :

— נו, פּיטער !

האָט ער געקנייטשט דעם שטערן און געענטפערט :

— מ'טאָר זיך ניט איילן. יעדע קלייניקייט קען אונטערגראָבן אונדזער פונדאַמענט.

אָדער :

— קוים וועט זיין איין און איינציקער געקריוודעט וועט אַלץ צעפאַלן ווערן.

ער האָט גערעדט וועגן איינזיקייט, כדי צו קריגן ביי זיי דעם גאַנצן צו־טרויען. אָט־די פראַזן האָבן פאַרדעקט אַ סך פראַגן, וועלכע ער האָט נישט געקענט ענטפערן.

אַזוי איז דער נאָמען פּיטער געגאַנגען פון מויל־צו־מויל, ביז ער האָט זיך דערפילט שטאַרק גענוג זיך צו נעמען צו זיין לאַנגן צעטל אויסבעסערונ־גען.

צו באַזייטיקן ריטשאַרד וואַהיטן איז געווען דער ערשטער פונקט אויף פּיטערס צעטל. די שנאה צו וואַהיטן איז געווען אויסגעמישט מיט אַ מורא, וואָס וועט ער טאָן, אַז ריטשאַרדן וועט איינפאַלן אים צו באַשרייבן? ריטשאַרדן איז דאָס אַפילו אין זינען ניט געלעגן. מער ניט, ווען ער האָט דערזען וואָס פאַר אַ גרויסע ראָליע פּיטער האָט גענומען שפּילן, האָט ער באַשלאָסן אים אָפּשוואַכן. ריטשאַרד האָט געוואוסט פון אַלע שיינע מעשים, וואָס פּיטער איז באַגאַנגען. דעמאָלט ווען פּיטער האָט געראַטעוועט הילטאַנען, איז ריטשאַרד געשטאַנען לעבן אים. ער האָט געדענקט ווי ווילד פּיטער איז געוואָרן, ווען דער אַרבעטער האָט מיטן שטיק אייזן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף הילטאָנען.

פּיטער האָט דאַן אַלעמען געשלאָגן, רעכטס און לינקס. ער, ריטשאַרד, האָט דאַן אויך אַריינגעכאַפּט עטלעכע בוכצעס פון פּיטערן. ער האָט אויך געדענקט די ראָליע וואָס פּיטער האָט געשפּילט אין יעדן סטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אין די לעצטע צען יאָר, ווי ער האָט געהאַלטן אין איין צורעדן די אַרבעטער זיי זאָלן גיין צוריק צו דער אַרבעט. ער האָט דערפילט דעם אומגליק, וואָס פּיטער קען ברענגען מיט זיין ווערן פּאָפּולער, האָט ער אָנגעהויבן פירן אַ באַוועגונג קעגן אים.

ריטשאַרד איז אָבער ניט געווען דער ריכטיקער מענטש, וועלכער האָט געקענט אָפּשוואַכן די באַגייסטערונג פאַר פּיטערן. ער איז געווען אַן אינטעליגענט, וואָס האָט לעצטנס צו טאָן מיט שרייבער.

ווען פיליפּ דייוויס וואָלט ניט געוואָלט זיך אַזוי חנפענען צו פּיטערן, וואָלט ער אַליין געקענט אַנגעמען מיטלען קעגן אים און, פאַר אַ נויט, וואָלט ער געקענט מעלדן וועגן דעם אין ניו־יאָרקער אָפיס, אָבער דייוויס האָט אין פּיטערן דערזען איינעם וואָס קאָן אים העלפן אין זיינע אַמביציעס, האָט ער זיך אויך געשטעלט אויף פּיטערס זייט.

עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מ'איז שוין אין אָפיס פון דער יוניאָן ניט געגאַנגען. אַלע סיכסוכים האָט שוין פּיטער אויסגעגלייכט, און דייוויס איז געווען צופרידן מיט דעם. אי ער איז זיך געזעסן אויף זיין ווייכן שטול אין אָפיס, אי ער האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. אַנשטאָט קומען צו די אַרבעטער, האָט ער זיך געשמייכלט צו פּיטערן און ער איז פּטור געוואָרן פון אַ טאָג אַרבעט.

די אַרגומענטן וואָס ריטשאַרד האָט געבראַכט קעגן פּיטערן זיינען געווען שטאַרקע. די באַשולדיקונגען — לאָגיש. פּיטער האָט געוואוסט, אַז

אַפּלייקענען זיי האָט ער ניט געקענט, איז ער געפֿאַלן אויף אַן המצאה — מיט דער זעלבער שרעק און מורא וואָס ער האָט געפּילט צו ריטשאַרדן, האָט ער אָנגעהויבן שרעקן די אַלע וועמען ריטשאַרד האָט אָנגעהויבן באַאיינפלוסן.

— ער וועט אייך באַשרייבן!

— גאָט ווייסט וואָס אים קאָן איינפאַלן צו שרייבן וועגן אייך.

— ער וועט ברענגען דערצו, אַז מ׳וועט פֿון אייך אָנהייבן נעמען ביל־דער.

פּיטער האָט געוואוסט פֿון דערפֿאַרונג, אַז דאָס וואָס אַפּעלירט צו אים, וועט לאָזן אַ טיפֿן איינדרוק אויף זיי, האָט ער זיי געשראָקן מיט דעם פּאַר וואָס ער האָט מורא געהאָט.

און דאָס האָט געווירקט.

פּיטער האָט זיך ניט באַנוגנט דערמיט. ער האָט זיך פֿאַרנומען ריט־שאַרדן אינגאַנצן פֿאַרטרייבן פֿון מידלוויל. דאָס איז אים אויך ניט שווער אָנגעקומען. ריטשאַרד האָט ניט געקענט צוזען ווי פּיטער פֿירט די פֿאַבריק צום אונטערגאַנג, איז ער אָוועק.

דער זיג איבער ריטשאַרדן האָט אים געגעבן אַן אַ שיעור פּרעסטיזש. ערשט איצט האָט ער דערפֿילט, אַז ער איז אַ מאַכט, און ער האָט זיך גענו־מען צו דעם ערשטן פּונקט אויף זיין לאַנגן צעטל — פֿאַרלייט.

פֿאַרלייט האָט ער אַלע זיינע יאָרן פֿיינט געהאַט. ניט ווייל זיי האָבן פֿאַרטראָטן דעם באַלעבאָס, נאָר ווייל ער איז קיינמאָל קיין גוטער אַרבעטער ניט געווען, דערפֿאַר האָט ער מיט זיי קיינמאָל ניט געלעבט בשלום. נישט איין מאָל האָט ער געשוואָרן זיך אָפּצורעכענען מיט זיי. איצט איז זיין צייט געקומען. אָבער ווי אַזוי?

פּיטער האָט אויסגעאַרבעט דעם קלוגן ענטפֿער.

— היות ווי אַ פֿאַרמאַן איז דער וואָס האַלט אין איין טרייבן די אַר־בעטער, איז דאָך פּשוט לעכערלעך אַז איצט, ווען זיי אַרבעטן פֿאַר זיך, זאָל מען זיי דאַרפֿן טרייבן.

עס האָט ניט געהאָלפֿן וואָס פֿיליפּ דייוויס איז געווען קעגן דעם. דייוויס טענות, אַז דער פֿאַרמאַן איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער גאַנצער אַרבעט, בעת יעדער אַרבעטער טראָגט נאָר אַ טייל פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. פּיטערס אַרגומענטן זיינען געווען שטאַרקער:

— אויב מ׳וועט זיי טרייבן ווי פֿריער, וואָס־זשע האָבן זיי געוואונען? פֿריער האָט מען טאַקע באַדאַרפֿט פֿאַרלייט, ווייל ס׳איז געווען איין באַלע־

באָס, אָבער איצט אַרבעט דאָך יעדערער פאַר זיך! אויב, ווידער, עס גע־פינט זיך עמיצער וועמען מ׳דאַרף נאָך דערמאָנען אַז ער דאַרף אַרבעטן, איז פאַר אים בכלל דאָ קיין פּלאַץ ניטאָ.

דער סיכסוך האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס מ׳האָט די פּאַרלייט אָפּגעזאָגט, און מ׳האָט זיי באַצאָלט מער ווי זיי האָבן אין אָנהייב געפאָדערט. פאַר אַ שטיקל צייט האָט זיך איינגעשטילט, ביז פּיטער האָט זיך גענומען צו זיין נעקסטן פּונקט — בוכהאַלטערס.

ער זעט ניט איין נאָך וואָס מ׳דאַרף האָבן אַ גאַנצן צענדליק בוכהאַל־טערס מיט אַרויסהעלפער. זינט ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, האָט ער זיך געבראָכן דעם קאָפּ צו וואָס מ׳דאַרף זיי. ניט איין מאָל איז אים אויסגעקו־מען אַריינקוקן דורכן פּענצטערל אין צימער, וואו זיי האָבן געאַרבעט, און אַלע מאָל האָט ער זיי געטראָפן אין דערזעלבער פּאָזיציע: מ׳שרייבט און מ׳מעקט! צו וואָס דאַרף מען אַזוי פיל שרייבן און אַזוי פיל מעקן?

דזשאָהן דזשיי הילטאָן האָט טאַקע באַדאַרפט האָבן בוכהאַלטערס, מ׳זאָל רעכענען אויב די אַרבעטער קומען אין צייט, אָבער איצט, אַז קיינער קלינגט ניט דעם זייגער, דאַרף מען זיי ניט. זאָל מען בעסער נעמען זייערע שכירות און צעוואַרפן אויף די אַרבעטער, וועט יעדערער האָבן מער.

צו גרינג איז אים דאָס שטיקל אַרבעט ניט אָנגעקומען. איין שטאַרקן קעגנער — חוץ די בוכהאַלטערס — האָט ער געקראָגן, און דער איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי מעלווין הילטאָן.

אָבער אַזוי ווי פּטור צו ווערן פון מעלווינען איז אויך געווען אַ פּונקט אויף זיין צעטל, האָט ער זיך גענומען מיט מער חשק צו דער אַרבעט.

ווען ניט פּיטער, וואָלטן מיר געקענט פאַרברענגען אונדזערע לעצטע טעג אין מידלוויל אויף זייער אַ פיינעם אופן, ווייל מידלוויל גרייט זיך צו זייער אַ געהויבענעם יום־טוב, — צו דער חתונה פון מעלווינען און רוטן, נו, האָט דער שוואַרץ־יאָר אָנגעטראָגן פּיטערן.

קוקט אַריין אין דער געשיכטע פון דער וועלט, וועט איר זען, אַז אַלע מאָל, ווען מ׳איז געשטאַנען אויפן שוועל פון אַ דערלייזונג, איז פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַ פּיטער אָדער פּיטערס און אַלץ געשטערט. פאַר־וואָס זאָל מידלוויל זיין אַן אויסנאַם?

אַן אַנדערע שטאָט וואָלט אפשר אינגאַנצן פאַרוואָרפן די חתונה און זיך מער אָפּגעגעבן מיט די פּראָבלעמען אין דער וועבעריי, אָבער ניט מידלוויל! די פיבערהאַפטע הכנות צו דער חתונה פון מעלווינען און רוטן זיינען אָנ־געגאַנגען אין פולן שוואונג. אפשר דערפאַר טאַקע איז פיטערן געלונגען דורכצופירן זיינע פּלענער אין דער וועבעריי. די קעגנער האָבן געוואָלט עס זאָל זיין שלום אין שטעטל, האָבן זיי נאָכגעגעבן פונקט נאָך פונקט. ווי האָבן זיי געקענט זיך אָפּגעבן מיט אַנדערע ענינים, ווען זיי זיינען געווען אויפן שוועל פון אַזאַ גרויסער געשעעניש, ערב אַזאַ גרויסן יום־טוב? אַ קלייניקייט: אַ חתונה וואָס אַ גאַנץ שטעטל פּראַוועט! מידלוויל מאַכט חתונה איר מוזינקע!

פאַר אונדז, זייטיקע, איז דאָס אַ חתונה ווי אַלע חתונות. מיר האָבן זיך גלייך פאַרגעשטעלט, אַז סוף־כל־סוף וועט קומען דערצו, אָבער צו זיי איז דאָס געקומען פּלוצלונג.

אַזוי שנעל ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן דער טאָג פון דער חתונה, האָט מען גלייך פאַררופן אַ מיטינג. אַלע זיינען געקומען צו יענעם מיטינג. איין זאַך איז קלאָר געוואָרן — מידלוויל וועט די חתונה ניט אָפּפּטרן, עס וועט זיין אַזוינס, וואָס מידלוויל האָט נאָך ביז איצט ניט געהאַט.

איצט איז געבליבן אַ קאַרגע וואָך ביז צו דער חתונה, און יעדער איי־נער האָט אַרבעט אַריבערן קאָפּ. מיטינגען ווערן אָפּגעהאַלטן אַ דריי־פיר יעדן אָוונט, און צו יעדן מיטינג ברענגט מען נייע פּלענער, כאָטש דורכצו־פירן די פּלענער, וואָס זיי האָבן שוין ביז איצט אָנגענומען, דאַרף זיי בעמען עטלעכע חדשים. ניט ווייל זיי אַרבעטן אָן אַ טאַלק, נאָר זיי ווילן עס זאָל זיין שענער ווי שיין, בעסער ווי גוט.

וואָלט רוט חתונה געהאַט פאַר אַן אָרימען בחור, וואָלט דאָס שטעטל, מסתמא, איר באַזאָרגט מיט אַן אויסשטייער, איר געגעבן אַ שיינע מתנה, און מיט דעם וואָלט זיך עס געענדיקט, אָבער דאָ, אַז דער חתן איז מעלווין, קיין קליידער און קיין צירונג פעלט איר ניט, און זייערע מתנות דאַרף זי אויך ניט. האָבן זיי באַשלאָסן, זיי וועלן פּראַוועןן די חתונה.

גרינג איז דאָס זיי ניט אָנגעקומען. מרס. הילטאָן האָט נאָר געוואָלט די חתונה זאָל זיין אין שלאָס, אָבער זיי האָבן געהאַלטן אין איין טענהן:

— די חתונה וועט זיין אין טאָל!

עס האָט ניט געהאָלפן וואָס אַלע זיינען געווען געלאַדן אין שלאָס. אַלע האָבן געטענהט:

— דער מינהג איז אַז די חתונה מאַכט דער כלהס צד.

אַ גאַנצע וואָך איז אָנגעגאַנגען דאָס דינגעניש, ביז ס'האָט זיך געענדיקט מיט אַן אולטימאַטום:

— ווען די חתונה פאַרקומען אין שלאָס, וועט קיין איינציקער נישט קומען אַהין.

האָט מען די פאָדערונג זיי נאָכגעגעבן, ווילן זיי איצט וויזן, אַז רוט האָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט אירע מענטשן. אי דאָס, וואָס ביי רוטן אין הויז וועט זיין אַביסל ענגלעך, איז דאָך די גאַס גרויס גענוג! רוטס הויז דאַרף אָבער זיין דער צענטער, ווייל דאָרטן וועט פאַרקומען די חתונה־צע־רעמאָניע, דאָרטן וועלן זיצן חתן־כלה!

האָבן זיי אָנגעהויבן די אַרבעט נאָך מיט אַ וואָך פריער און, לויט ווי נוגג. די פּלענער זיינען: פאַרבן דאָס הויז פון אינעווייניק און פאַרדעקן מיט פּאַפּירענע קוויטן די שוואַרצע ווענט און דעם צעלעכערטן דאַך.

אַ צווייטע קאָמיטע אַרבעט אויף אַ גרעסערן פּראָיעקט: אַזוי ווי די שמחה וועט אויך פאַרקומען אין גאַס, און די ערד איז נאָך פייכט און בלאָ־טיק, האָט מען באַשלאָסן צו פאַרדעקן אַ טייל פון דעם געסל מיט ברעטער, פּשוט מאַכן אַ גרויסע פּלאַטפאָרמע. איז דאָס ניט קיין געוואַלדיקע אַרבעט, מ'קויפט ברעטער, מ'דינגט אַ פּאָר געניטע מענטשן, נעמט אַ טאָג, צוויי, און ס'ווערט פאַרטיק, אָבער זיי האָבן אַליין געוואָלט טאָן די אַרבעט, אַליין טראָגן די ברעטער, און אַליין קלאַפּן די טשוועקעס.

האַלב מידלוויל איז אין דער קאָמיטע צו ברענגען דאָס הויז אין אָרדע־עקספּערטן האָבן אויסגערעכנט, וועלן זיי פאַרטיק ווערן פּונקט אויף מאָרגן נאָך דער חתונה. גייט אָן די אַרבעט זייער פיבעריש. בייטאָג, ווען מ'אַרבעט אין דער וועבעריי, איז שטיל, נאָר ווי זיי קומען אהיים, הייבט זיך אָן אַ קלאַ־פּעניש ביז שפּעט אין דער נאַכט. צוליבן טומל קענען די קינדער נישט שלאָפן, זיינען זיי אויך אויף דער גאַס, איז ווי זיי זאָלן זיך ניט היטן, איז אַלע מאָל אַ קינדס הענטל אָדער פיסל אונטערן האַמער, אָדער אַ קעפּל אונטער א ברעט וואָס פאַלט אום, איז פרעגט שוין ניט וואָס ס'טוט זיך. אַ דריי קינ־דער ליגן מיט צעשפּאָלטענע קעפּלעך און אַ צענדליק גייען אַרום מיט פאַר־בונדענע הענטלעך און פיסלעך.

איז דאָס אויך פון די קליינע זאַכן. די קינדערשע קעפּלעך, הענטלעך און פיסלעך וועלן זיך פאַרהיילן. אויב די פּאַפּירענע קוויטן וועלן נישט פאַרדעקן די אַלטקייט פון הויז אָדער די לעכער פון דאַך, וועט דאָך די

חתונה פֿאַרקומען בײַנאַכט, װער װעט עס זען? אויב אַפֿילו די ברעטער אויפֿן גאַס װעלן ניט זײַן גלײַך געלייגט, װער װעט קוקן אונטן? די הויפּט זאַך, האָבן אַלע אײַנגעשטימט, איז דער חתונה־מאַלצײַט!

ניט קוקנדיק אויף דעם, װאָס די בעסטע קעפּינס פֿון מידלוויל זײַנען געװען אין דער קאָמיטע, זײַנען זיי אַלע געװען נערװעז. ניט װײַל זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַרן קאָכן, נאָר זיי האָבן ניט געװאוסט װאָס צו קאָכן. איז געבליבן מ'זאָל פֿרעגן פּיטערן. ער דאַרף דאָך װיסן.

צי ער האָט יאָ געװאוסט, צי ניט, האָט ער גלײַך געלאָזט װיסן די װיכטיקייט פֿונעם ענין און, װי זײַן שטייגער, פֿאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל, פֿאַרזשמורעט די אויגן און, נאָך עטלעכע מינוט טראַכטן, געזאָגט:

— ער מוז האָבן מער צײַט.

װען ער איז ענדלעך געקומען מיט זײַן ענטפֿער, האָט ער אָנגעלייגט אַן אַ שיעור שװעריקייטן. די מאכלים װאָס ער האָט פֿאָרגעשלאָגן צו מאַכן, האָט מען אין שלאָס קיינמאָל ניט אָנגעזען. צוזאַמען מיט מאַרדשין האָט ער אויסגעטראַכט אַזעלכע פּאַטראַװעס, אַז אין מידלוויל האָט מען עס זיכער ניט געקענט קריגן. האָט מען באַדאַרפֿט פֿאָרן אין די דערבײַיאיקע שטעט און װעגן אַנדערע זאַכן האָט מען אַזש באַדאַרפֿט פֿאָרן קיין ניו־יאָרק.

זיי האָבן זיך אָבער פֿאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט. זייערע הערצער זײַנען געװען פֿול מיט פֿרייד און באַגײַסטערונג און זיי האָבן דאָס געװאָלט אַרויסװײַזן דער װעלט, דעם הימל, דער לבנה און די שטערן.

אונדז איז שוין עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו זען װי נערװעז פּיטער פֿלעגט װערן װען מעלווין האָט אים גערופֿן װעגן עפּעס. ער פֿלעגט גלײַך לויפֿן צו אים מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, גרייט אָנצונעמען די שװערסטע שטראָף, װאָס מעלווין װעט אויף אים אַרויפֿװאַרפֿן.

אמת, די זאַך װעגן װעלכער מעלווין האָט אים געװאָלט זען איז געװען װײַל אים זען און ער האָט זיך געמאַכט ניט װיסנדיק. ער האָט ניט געהאַט בדעה איגנאָרירן מעלווינען, נאָר ער האָט אים געװאָלט באַװײַזן, אַז איצט איז ער אויך אַ װיכטיקער מענטש און ער קען ניט גלײַך לויפֿן אַזוי שנעל װי עמיצער טוט אים אַ רוף. אויב מעלווין מוז אים זען, זאָל ער קומען צו אים.

אמת, די זאַך װעגן װעלכע מעלווין האָט אים געװאָלט זען איז געװען

זייער וויכטיק, אָבער אים איז אויף איין מינוט ניט איינגעפאַלן אַז ער זאָל גיין צו פיטערן. ער האָט אים געלאָזט וויסן מיטן האַרבן וואָרט, אַז ער מוז גלייך קומען אין אָפיס, ער וואַרט אויף אים. האָט פיטער פאַרבויגן זיין שטאָלץ און ער האָט זיך געלאָזט גיין צו מעלווינען אין אָפיס.

פיטער האָט זיך ניט געאײַלט. ער איז געגאַנגען געלאַסן. אַלע ווײַלע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, גערעדט מיט דעם, מיט יענעם וועגן זייטיקע זאַכען, ניט וועגן דעם וואָס מעלווין האָט אים גערופן. דאָס האָט ער געוואָלט פטרן צייט, כדי צו קומען עטלעכע מינוט שפּעטער.

פיטער האָט יאָ אַ שטיקל באַגריף וועגן וואָס מעלווין האָט אים געוואָלט זען. זיכער איז ער אָבער ניט געווען, האָט ער ניט געוואָלט טראַכטן דער־פון. ער וועט זיך שוין ווי עס איז אַרויסדרייען. אגב, וועט ער אים געבן אַן אָנצוהערעניש, אַז מ'קען אויסקומען אָן אים אויך.

ווען ער איז געקומען עטלעכע טריט פאַר מעלווינס אָפיס, האָט ער אָנגעהויבן גיין שנעלער און, ווען ער איז שוין געווען נאָענט צו דער טיר, איז ער שוין כמעט ווי געלאָפן. ער האָט האַסטיק אויפגעפּראַלט די טיר און, אָטעמענדיק שווער, איז ער אַרייַנגעפאַלן אין אַ שטול אַנטקעגן מעלווינען. גלייך האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ פאַרוואורף:

— ווייסט ער דען ניט, אַז ער איז אַ פאַרנומענער מענטש? פאַרוואָס רופט ער אים אינמיטן טאָג?

מעלווין האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר דער שטאָלצקייט וואָס פיטער האָט געפּרוּווט אַרויסווייזן און ער האָט געענטפערט:

— אויב ער איז יאָ אַזאַ געטרייער אַרבעטער, האָט ער געקענט קומען פאַרנאַכט צי בייטאָג, ווען ער האָט צייט.

— ער האָט קיינמאָל קיין צייט ניט. נאָך מער, ער איז ניט געקומען אַהער ריידן סתם אין דער וועלט אַריין, זאָל מעלווין ריידן צום פּונקט!

מעלווין איז ניט אויסן געווען אים צו מוסרן פאַר די העצעס, וואָס ער האָט אָנגעפירט, נאָר אים בעטן ער זאָל דאָס מער ניט טאָן. ער האָט אים געוואָלט דערקלערן די וויכטיקייט פון שלום און אחדות, אים איבערצייגן, אַז געשעפט באַשטייט פון צוויי טיילן — אַרבעט און פאַרוואַלטונג. אויב ער באַלאַנגט אין דער ערשטער טייל, דאַרף ער זיך ניט מישן אין דער פאַר־וואַלטונג. און אויב אים פעלט איין אַן אויסבעסערונג, זאָל ער קומען צו דער פאַרוואַלטונג און זיך פריער דורכריידן, נישט גלייך באַשטימען. ער האָט אים אויך געוואָלט אויפווייזן די וויכטיקייט פון אַ בוכהאַלטער אין אַ גע־

שעפט. וואָס גרעסער דאָס געשעפט, אַלץ מער בוכהאַלטערס דאַרף מען. די וועבעריי האָט אָפּטיילונגען. מיט יעדער אָפּטיילונג מוז מען פירן חשבונות. מ׳מוז האַלטן רעכענונג פון יעדן פאָדים, וויפיל עס קאָסט און פאַר וויפיל מ׳דאַרף עס פאַרקויפן. יעדע זאַך דאַרף געפירט ווערן פּינקטלעך. יעדער טעות איז אַ פאַרלוסט, דערפאַר מוז מען האָבן אַ געוויסע צאָל בוכהאַלטערס. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. עס גייט אָן אַ שטענדיקע מלחמה פון קאָנקו־רענץ. צו דעם מוז מען האָבן מענטשן וואָס קענען רעכענען. די פאַרוואַל־טונג טוט עס ניט אַליין, נאָר מיט דער הילף פון די בוכהאַלטערס, וועלכע פּיטער דענקט, אַז זיי זיינען איבעריק.

אַלץ וואָס ער האָט געלערנט אין היי־סקול, אין קאַלעדזש און געלייענט אין די ביכער, האָט ער אים געוואָלט איבערגעבן אין דעם שמועס, אָבער פּי־טער האָט מיט זיין אַריינקומען אַלץ צונישט געמאַכט.

— גוט, איך וועל ריידן צום פּונקט, — האָט מעלווין קוים דורכגעלאָזט די עטלעכע ווערטער דורך זיינע פאַרשלאָסענע ציין.

— רעדט! — האָט זיך פּיטער געהאַלטן ביי דער זעלבער שטאָלצקייט מיט וועלכער ער איז אַריין.

— דו ווייסט אַז דו ביסט דאָ אין וועבעריי אַ פרעמדער?

די עטלעכע ווערטער האָבן פּיטערן צעמישט.

— וואָס מיינט איר?

— ווען איך האָב באַשלאָסן איבערגעבן די וועבעריי ביסטו דאָ ניט געווען.

— איך בין דאָ געווען אין דער וועבעריי נאָך איידער אייער פאָטער איז דאָ געווען.

— אָבער אין די לעצטע צען יאָר האָסטו מיט דער וועבעריי קיין שייכות ניט געהאַט. עס זיינען געווען הונדערטער אַנדערע, וועלכע האָבן פאַר דער צייט דאָ געאַרבעט, אָבער זיי גייען ניט אַריין אין דער שותפות.

מעלווינס טענה האָט אים אַביסל צעמישט. ער האָט איינגעזען, אַז אין דעם איז דאָ אַ שטיקל אמת, אָבער ער האָט אים ניט געוואָלט ווייזן, אַז ער האָט זיך איבערגעשראָקן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— איז דאָס אַלץ וואָס איר האָט מיר געוואָלט זאָגן?

— דאָס און נאָך עפּעס.

— וואָס?

— אַז דו ביסט אַ נידערטרעכטיקער מענטש! אַז דו ווילסט אַלץ חרוב מאַכן!

אויף דעם האָט זיך שוין פּיטער ניט געריכט. ער האָט אויסגערעכנט, אַז דער גאַנג פון שמועס וועט זיין אומגעפּער אַזוי: מעלווין וועט זיך בעטן ביי אים ער זאָל אים זאָגן ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ וואָס קומט פאָר און אים בעטן ער זאָל זען עס זאָל זיין שלום. דאַן וואָלט ער אים צו־געזאָגט, אַז ער וועט אים העלפן, אָבער אַז מעלווין האָט גערעדט צו אים אַזוי שטרענג, האָט ער זיך איינגאַנצן פאַרלאָרן און, ווי אַלע מאָל ביי אַזאַ געלעגנ־הייט, ביז וואַנען ער האָט באַהערשט די סיטואַציע, איז ער געוואָרן דער אַל־טער, הכנעהדיקער פּיטער.

— איר רעדט פאַרשטעלט. איך פאַרשטיי אייך ניט אַ וואָרט, — האָט ער געקוועטשט מיט די אַקסלען און זיך אָנגעשטרענגט צו שמייכלען.

— דו מאַכסט זיך תמעוואַטע! דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך מיין! דו פירסט אָן די העצעס!

— וואָס פאַר העצעס? קעגן וועמען?

— פריער קעגן די פאַרלייט, איצט קעגן די בוכהאַלטערס.

אין דער צייט וואָס דער סיכסוך וועגן די פאַרלייט איז אָנגעגאַנגען, איז פּשוט געווען אַ ים מיט אַרגומענטן קעגן זיי. פּיטער האָט גאַנץ גוט געדענקט די סאַמע בעסטע, האָט ער זיך איצט געפילט גאַנץ תקיף קעגן מעלווינען.

— איז דאָס, הייסט עס, וואָס איר מיינט מיט די העצעס? קעגן די פאַרלייט, הע? אויב אייער פאָטער האָט אָנגעשטעלט שפּיאָנען מ׳זאָל אונדז היטן אויף יעדן טראָט, איז דאָס געווען אייער פאָטערס עסק, מיר דאַרפן זיי ניט!

— אַ פאָרמאַן איז ניט קיין שפּיאָן.

— וואָס ווייסט איר וואָס אַ פאָרמאַן איז?

— אָבער וואָס אַ בוכהאַלטער איז ווייסטו דאָך אוודאי ניט.

— דער ענין וועגן די פאַרלייט איז געשלאָסן און איך וויל וועגן דעם מער ניט ריידן.

ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך זיך אויפצוהויבן. מעלווין האָט אים אָנגעוויזן מיטן פינגער ער זאָל זיצן.

— הערט מיך אויס, מעלווין, — האָט פּיטער אַרויסגעוויזן זיין אומ־געדולד, — אויב איר ציט מיך שוין יאָ פאַרן צונג, מזו איך אייך דאָס שוין זאָגן. ווי איך פאַרשטיי, האָט איר חרטה אויפן מסחר, איר ווילט צוריק די וועבעריי, פאַרוואָס־זשע קומט איר ניט אַרויס און זאָגט עס אָפן?

— איך האָב ניט קיין חרטה.

— אויב די וועבעריי איז אונדזערע, דאַרף דאָך איך ניט אַרן וואָס מיר טוען?

— מיך אַרט ניט וואָס זיי טוען, נאָר וואָס דו טוסטו!

— איך בין איינער פון זיי.

— כ׳האָב דיר פריער געזאָגט, ביסט ניט איינער פון זיי. ווען זיי האָבן געהונגערט, געסטרייקט, ווען מ׳האָט אויף זיי געשאָסן, האָסטו געלעבט גאַנץ באַקוועם אין שלאָס. איצט, אַז איך האָב זיי געגעבן די וועבעריי, ביסטו געקומען און געוואָרן אַ שותף. דו ביסט ניט באַרעכטיקט דערצו!

— וואָס־זשע ווילט איר, זאָל איך טאָן?

— פאַרלאָז די וועבעריי! פאַרלאָז מידלוויל!

— איצט איז מיר קלאָר וואָס איר ווילט.

— אויב דו ווילסט געלט וועל איך דיר געבן.

— וויפיל?

— וויפיל דו ווילסט.

— איר ווילט מיך אָפּקויפן?

— איך וויל דיך דאָ ניט האָבן.

— מר. הילטאָן, איך האָב געוואוסט פון דער ערשטער מינוט, אַז אַזוי וועט זיין. הייַנט ווילט איר מיך ניט, מאָרגן וועט אייך אַן אַנדערער נישט געפעלן, ביז עס וועלן דאָ בלייבן בלויז אייערע מענטשן, דעדנאָך וועט אייך ניט געפעלן וואָס זיי טוען, וועט איר צוריק איבערנעמען די וועבעריי. אי איר וועט זיין דער פיינער מאַן, אי איר וועט האָבן צוריק די וועבעריי. אָבער איך וועל דאָס ניט דערלאָזן!

— פיטער! גיי שוין אַרויס פון דאַנען!

— איך וועל גיין ווען איך וועל וועלן! ס׳איז מיינס פונקט ווי אייערס! און נאָך מער, איך האָב דאָ אַ גרעסערע דעה פון אייך! איך אַרבעט! וואָס טוט איר? מ׳קען גאַנץ גוט אויסקומען אָן אייך.

אַנפאַנגס האָט מעלווין געקוקט אויף אים און געשמייכלט, אפשר דערפאַר וואָס זיין שכל האָט ניט באַנומען וואָס זיינע אויערן האָבן געהערט, אָדער דערפאַר ווייל ער האָט געקענט פיטערן. מיט אַן אַנדערן וואָלט ער אפשר גערעדט, אים געפּרואווט באַווייזן ווי לעכערלעך זיינע ווערטער זיינען. אָבער פלוצלונג האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח פיטערס פאַלשקייטן און אינטריגעס וואָס ער האָט אָנגעפירט זינט ער קען אים, איז ער אויפגעשפּרונגען פון שטול, אַן עפן געטאָן די טיר און אויסגעשריען מיט זיינע גאַנצע כוחות:

יהושע אלקאן

— ארויס צו אלדי טייוול!

פיטער האט זיך ניט גערירט פון ארט. דאס בלוט האט צו האסטיק גע־קלאפט מעלווינען אין מוח, האט ער ניט געקענט טראכטן. ער האט מער ניט געזען פיטערן, נאר זיין שונא, ערגעץ פארוקט הינטער א בוים, מיט א ביקס אין האנט און צילט אויף אים. די וועגן ווי אזוי בייצוקומען אזא שונא זיינען שוין געווען ביי אים מעכאניש. די גאנצע רוטין איז אים גע־לעגן אין די הענט, אין די שפיץ פינגער. ווי א קאץ איז ער ארויפגעשפרונ־גען אויף אים, אים אנגעכאפט פארביידע הענט, און מיט זיין גאנצן כוח זיי א דריי געטאן אויף הינטן. (א וואונדער וואס ער האט זיי פון די שלעסער ניט ארויסגעריסן). ער האט אים דערלאנגט א הייב אין דער לופטן און אים ארויסגעווארפן דורך דער אפענער טיר.

מיט דעם וואס מעלווין האט ארויסגעווארפן פיטערן פון אפיס האט זיך, אייגנטלעך, געענדיקט די מעשה פון דער „מלחמה פון מידלוויל", אבער איך האב שטארק מורא, אז איר קענט נאך צוטראכטן א גוטן סוף, און וויל מיט די חכמים פון מידלוויל קען זיך גוט ניט אויסלאזן, וועל איך אייך אין קורצן איבערגעבן וואס ס'איז פארגעקומען פון דעמאלט ביז איצט.

איך הייב אן פון דעם מאמענט, ווען פיטערס וויכצע אברים האבן זיך אנגעשלאגן אן הארטן דיל (ווען מעלווין האט אים ארויסגעווארפן). ער האט זיך תחילת אויף א מינוט פארלארן, אבער ער איז שנעל געקומען צו זיך און געמאכט אזעלכע געוואלדן, אז כמעט אלע פון דער וועבעריי האבן זיך ארום אים צוזאמענגעקליבן. דערזען אז ער האט א גרויסן עולם, האט ער זיי דערציילט אין זיין נוסח וואס עס איז פארגעקומען.

— מעלווין האט אים פאררופן צו זיך אין אפיס און אים געוואלט אונ־טערקויפן, נאר ער, פיטער, האט ניט געוואלט פארקויפן זיינע ברידער און שוועסטער, האט ער זיך קאטעגאריש אפגעזאגט דערפון, האט אים מעלווין געסטראשעט מיטן טויט, האט ער זיך קוים־קוים ארויסגעריסן פון אפיס און, לויפנדיק, איז ער געפאלן און אט ליגט ער אויף דער ערד.

ניט אלץ וואס פיטער האט זיי דערציילט האט זיך געלייגט אויפן שכל, אבער דיווויס און פיטער האבן די גאנצע צייט געווארימט א חשד אין זייערע הערצער אויף מעלווינען און איצט, זעענדיק פיטערן אויף דער ערד, האט דער חשד אנגענומען די פארמע פון א זיכערקייט.

ווען מעלווין האָט זיי גערואָלט דערקלערן וואָס אין אמתן איז פאָרגע־קומען, האָבן זיי אים ניט געוואָלט הערן. זיי האָבן געשריען און געהויבן זייערע פויסטן אין דער לופטן. האָט ער דערזען, אַז ער האָט פאַר זיך איין ברירה: פאַרמאַכן די טיר. ערשט דעמאָלט איז זייער אומצופרידנקייט, וואָס האָט זיך געקליבן פון דורות, אַרויס פון די ברעגן. אַלץ וואָס איז זיי געקומען אונטערן האַנט האָבן זיי געוואָרפן אויף דער טיר און די פענצטער פון זיין אָפיס. האָט זיך מעלווין אַרויסגערוקט דורך אַ הינטער טיר און איז אַוועק.

מער האָט שוין מידלוויל מעלווינען ניט געזען. און רוטן? זיי זיינען זיך משער, אַז רוטן האָט ער מיטגענומען מיט זיך. אַזוי שנעל ווי די אַרבע־טער האָבן אויסגעפונען אַז ער איז ניטאָ אין אָפיס, האָבן זיי זיך גלייך געלאָזט לויפן צו רוטן אַהיים, אָבער זי איז שוין דאָרטן ניט געווען. שכנים האָבן גע־זען ווי זי איז אַוועק מיט מעלווינען, דערפאַר האָבן זיי זיך אָפּגערעכנט מיט איר הויז, מיט די בענקלעך אויף וועלכע זי איז געזעסן, מיט דער בעט אויף וועלכער זי איז געשלאָפן, מיט דעם בעטגעוואַנט, מיט וועלכן זי האָט זיך צו־געדעקט. זיי האָבן פון אַלץ געמאַכט אַ באַרג אַש.

יענעם אָוונט האָט מען שוין מער ניט געבויט דעם בריק איבער דער בלאָטיקער גאַס. מ׳איז געגאַנגען מיט העק און האַמער און אַלץ חרוב גע־מאַכט.

און די אַלע וואָס האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן איז ניט געווען וואָס מקנא צו זיין.

אויף מאָרגן האָבן די קוימענס פון דער פאַבריק געבלאָזן מיט שוואַרצן רויך, געשריגן מיט פייערדיקע פונקען, אָבער קיין איין רעדל האָט זיך ניט געדרייט.

פיטער איז געזעסן בהרחבהדיק אויף דעם שטול, וואָס האָט זיך געפו־נען אין פאַבריק. ס׳האָט אים געוואָלדיק הנאה געטאָן וואָס ער איז דאָ איצט דער גאַנצער דעה־זאָגער.

לאָמיר אים דאָרטן איבערלאָזן, אפשר וועלן די חכמים פון מידלוויל זיך כאַפּן אין וואָס פאַר אַן אומגליק ער האָט זיי פאַרפירט. אויב יאָ, בין איך אים גאָר ניט מקנא. סיי־ווי וועט שוין פון די חלומות וואָס די מידלווילער איינוואוינער האָבן געחלומט דורך די לעצטע טעג גאָר ניט ווערן.

אַיי די פיטערס! שוין ניט איין וועלט האָבן זיי חרוב געמאַכט.

קומט, לאָמיר גיין!

ציכענונגען פון י. ליכטענשטיין